STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07802

TEHIES HAMEYSIM

Leo Tolstoy

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

תחית המתים

ראָמאַן אין 3 טהיילען

—פון—

ל. טאָלסטאָי

איבערזעצט פון מ. קאטץ

ערשטער טהייל

ליטעראַרישער פערלאג
YIDDISH LITERARY PUBLISHING COMPANY
256 East Broadway, New York
1914

Y

COPYRIGHT, 1911
BY
INTERNATIONAL LIBRARY PUBLISHING COMPANY

1.

וויפיעל מיה די מענשען האבען זיך ניט געגעבען צו פערדארבען די ערד, אויף וועלכער זיי האבען זיך צוזאמענגעפרעסט צו עטליכע הונדערט טויזענד אויף איין קליינעם שטח; וויפיעל שטיינער זיי האבען ניט אנגעשאטען אויף דער ערד, כדי עס זאל אויף איהר חס וחלילה קיין זאך ניט וואקסען; ווי זיי מאטערען זיך ניט אויסצורייסען יעדער גרעזעלע אפילו; ווי זיי האבען ניט פערפאסקודיעט די ערד מיט רויך, דאמפף און אויל; די בוימער האבען זיי ארומגעשניטען און אויסגעהאקט, און טהירען און פויגלען פערטריעבען, — דער פריהלינג איז דאך געווען פריהלינג, אפילו אין שטאדט.

די זונן האט געווארעמט, די גראז איז געוואקסען און האט געגרינט אומעטום, וואו נור מען האט זי ניט אויסגעריסען; די בעראזעס און די ווילדע קארשען־בוימער האבען אנגעהויבען ארויסצולאזען זייערע זאפטיגע און דופטיגע בלעטער; די ליפאווע קנאפסען האבען זיך בליהענד פאנאנדערגעפענט; די שוואלבען, טויבען און וואראבייטשיקעס, פול מיט פריהלינגס־פרייד, האבען שוין פארטיג זייערע נעסטען; די פליגען הושען און זשוזשען אויף די ווענד, דערווארעמט פון די זונען־שטראהלען. אלעס פרעהט זיך: פפלאנצען, פויגלען, אינזעקטען און קינדערלעך טהיילען דיעזע פרייד פון דער צועפענטער נאטור. נור מענשען, ערוואקסענע מענער און פרויען, זיי האלטען נאר אין איין נארען, פלאגען און קוועלען זיך אליין און איינער דעם אנדערן. זייערע מוחות זיינען ניט געווען פערנוגען מיט דיעזען פריהלינגסמארגען, ניט מיט דער שעהנהייט פון גאט'ס וועלט, וועלכע איז

5112

געגעבען געוואָרען פאַר גליק און פרייד פון אַלע ברואים. ניט דיזע שעהנהייט, וועלכע דאַרף ערוועקען אין די מענשליכע הערצער פריעדען און ליעבע, ניין, ניט דאָס איז געווען ביי זיי הייליג און טהייער, זאָנדערן זייערע אייגענע פּלענער, ווי צו הערשען איינער איבער דעם אַנדערן.

אין דער קאַנצעלאַריע פון טורמע איז איצט געווען ניט הייליג און טהייער דער פאַקט, אַז מענשען און טהיערען דאַרפען איצט געניסען דעם חן און די שמחה פון פריהלינג. ניין, עס איז דאָרט געווען אַ גרעסערע הייליגקייט, אַ וויכטיגערע אַנגעלעגענהייט, — אַ פּאַפּיר איז דאָרט נעכטען אַנגעקומען, אַ גענומערירטע פּאַפּיר מיט אַ חתימה און מיט אַן אויפשריפט. אין פּאַפּיר ווערט געאָרדערט, אַז היינטיגען טאָג, דעם 28טען אַפּריל, 9 אזייגער אין דער פריה, זאָל מען צושטעלען פאַר'ן געריכט דריי אַרעסטאַנטען, וועלכע געפינען זיך אין אונטערזוכונגס־האַפט, אַ מאַן און צוויי פרויען. און דאָרום זיינען היינט, דעם 28טען אַפּריל, 8 אזייגער אין דער פריה, אַריין דער נאַדזיראַטעל מיט צוויי סאָלדאַטען, קלינגענדיג מיט די וואָפען אין דעם הילכעדיגען קאָרידאָר פון טורמע, אין דער פרויען־אַבטיילונג, און האָבען זיך געשטעלט לעבען טהיר פון איינער פון די קעמערלעך. גלייך נאָך זיי איז געקומען די אויפזעהערין, אַ קרייגקליכע פרוי, אַנגעטאָהן אין אַ גרויען יאַקעל און אַ שוואַרצע קלייד.

— וועמען איז דאָס, מאַסלאָוואַ? — האָט זי אַ פרעג געטאָהן, דערלאַנגענדיג דעם נאַדזיראַטעל דעם שליסעל.

דער נאַדזיראַטעל האָט אַבגעשלאָסען, אויפגעעפענט די קאַמער, פון וועלכער עס האָט אַ קלאַפּ געטאָהן אין נאָז אַ טוכלע לופט, נאָך ערגער ווי אין קאָרידאָר, און האָט אַ געשריי געטאָהן: „מאַסלאָוואַ, צום געריכט!“ ער האָט באַלד צוריק פערריגעלט די טיהר.

די פרישע, קלאָהרע לופט פון די פעלדער האָט זיך אַריינגעריסען אפילו אינ'ם הויף פון אַסטראָג. אָבער דאָ אינעווייניג איז די לופט געווען דורכגענומען פונ'ם עיפּוש, דזעגעכץ, דומפּפיג

און שטיקענד. דאס האָט געפיהלט ארײנקומענדיג פון הויף אפילו די נאַדזיראַטעלניצע, וועלכע איז שוין געוואוינט צו דער שלעכטער לופט. זי האָט גלייך ביים ארײנגעהן דערפיהלט זיך אזוי שווער, מיעד, געדריקט, אז עס האָט זי גענייגט צום שלאָפען.

די צוויי סאלדאטען, איינער מיט א רויטער, געשטופּעלטער צורה פון פּאָקען, א טשואוואש, פון קאזאן, דער אנדערער, א ברייט־פּלייציגער, פון ניזשני נאָווגאָראָד, וועלכע זיינען ארײנ־געגאנגען לוסטיג און אויפגעלעבט, האָבען עפּעס אויך דערפיהלט ווי עס שטיקט זיי.

פון קעמערל האָט זיך געלאָזט הערן א שאַרען מיט פיס, ווי מען קלייבט זיך צו געהן, און פרויען־שטימען. דער שאַרען איז געווען פון באָרפוסע פיס אויף דער ערד.

— עי, שנעלער! — האָט א געשריי געטאָהן דער נאַדזיראַ־טעל. א קליין־געוואַקסענע פול־בריסטיגע און זעהר שעהנע פרוי־ענצימער איז מיט פעסטע טריט שטאלץ ארויס צום טיהר פון קעמערל און איז געבליעבען שטעהן לעבען נאַדזיראַטעל. זי האָט געטראָגען א גרויען כאַלאַט, אנגעטאָהן אויף א ווייסען יאַקעל און אונטערקליידעל. אויף די פיס זיינען געווען לייווענדענע זאָ־קען און אַרעסטאַנטסקע שיך, אויפ'ן קאָפּ א ווייסע טיכעל, פער־בונדען אונטער'ן מאָרדע, און פון אונטער דער ווייסער טיכעל האָבען זיך געזעהן עטוואס איהרע שווארצע האָר, זאָרגפעלטיג פערקאַמט פון שטערן ארויף. איהר פּנים איז געווען ווייס, דאס איז געווען יענע ווייסקייט, מיט וועלכע עס צייכענען זיך אויס די פּנים'ער פון מענשען, וואס זיינען לאנג געזעסען פערשפּאַרט, און וועלכע עראינערט דעם צושויער אויף די וואָרצלען, וואס שפּראָצען ארויס פון קאַרטאָפּעל ווען זיי ליגען לאנג אין א קע־לער. איהרע קליינע הענד און די פולע האַלז, וועלכע האָט זיך ארויסגעזעהן פון אונטער'ן גראָבען קאָלנער, האָבען געהאט דעמזעל־בען אבשלאג, איהרע שווארצע, בליציגע אויגען, — איינע אביסעל קאָסע, — זיינען געווען א שאַרפער קאָנטראַסט צו דער מאַ־

טער בלאסקייט פון איהר געזיכט, אויף וועלכען עס האט זיך געזעהן דאך אן איידעלקייט.

זי האט זיך געהאלטען גלייך און שטאלץ, אויסשטעלענדיג איהר פולע ברוסט, בשעת אין איהרע גלענצענדע אויגען און אויף איהרע פערשלאסענע ליפען האט געשפיעלט א שמייכעל.

אריינטרעטענדיג אין קארידאר, מיט דעם קאפ אין דער הויך, פארטיג צו פאלגען אלעם וואס מען וועט איהר הייסען, האט זי געקוקט שטאלץ דעם נאדזיראטעל אין די אויגען און דערנאך אויף די סאלדאטען. דער געשטופעלטער טשוואוואש און דער נאוואגאראדער סאלדאט זיינען עטוואס פרעהליכער געווארען און האבען אנגעהויבען קוקען אויף איהר מיט הנאה. דער אונטעראפיציער האט שוין געהאלטען ביי פארמאכען די טיהר, ווען אן אלטע פרוי האט ארויסגערוקט איהר גרויען קאפ אום עפעס צו זאגען מאסלאווא, אבער דער נאדזיראטעל האט האסטיג פערמאכט די טיהר און האט געגעבען מיט איהר דער אלטער א קלאפ אין קאפ. ניט קוקענדיג דערויף האט די אלטעס געזיכט געוויזען זיך באלד אין גראטע ביי דער אנדער זייט פון טיהר, און האט מיט א הויזעריגע שטימע אויסגעשריען:

— די הויפטזאכע איז, ניט גערעדט צו פיעל און ווען זיי וועלען דיך נעהמען אויפ'ן דאפראס, האלט זיך ביי דאס דייניגע, נור ניט געזאגט צו פיעל.

— וואס דארטען וועט שוין זיין, ערגער קען דאך ניט זיין, — האט געענטפערט מאסלאווא.

— געוויס וועט זיין וואס עס וועט זיין — האט זיך אבגערופען דער נאדזיראטעל, הנאה האבענדיג פון זיין חכמה, — נו, מארש נאך מיר!

די אלטע'ס פנים איז פערשוואונדען פון די אייזערנע גראטעס, און מאסלאווא איז צוגעטראטען צום מיטען פון קארידאר. דער קאנוואי (וואך) הינטער איהר, דער נאדזיראטעל אין פראנט און זי אליין אין מיטען. אזוי זיינען זיי געגאנגען אראפ פון די שטיינערנע טרעפ, זיינען פערבייגעגאנגען נאך עטליכע קעמערלעך

פון ארעסטאנטקעס און זיינען אריין אין דער קאנצעלאריע פון אס־טראָג. דאָרט האָט דער קאנצעליארסקער שרייבער אויסגעמאכט עפּעס א פּאפּיער, פון וועלכער עס האָט געשטונקען טאבאק־רויך, און ער האָט זי דערלאנגט צו איינעם פון די קאנוואָינע סאלדאַ־טען; דיעזער האָט אריינגערוקט דעם פּאפּיער אין דעם פּאלד פון זיין פערבויגענעם ארבעל און די ביידע סאלדאטען פון פאָרענט און פון הינטען מיט דער ארעסטאנטקע אין מיטען האָבען ארויס־געמאַרשירט דורך דער פּאָדערסטע טיהר אין הויף פון אסטראָג. דאָרט האָט זיך געעפענט א טהירעל אין דעם גרויסען טויער, דער נאדזיראטעל איז געבליעבען פון דער זייט און די סאלדאטען מיט דער ארעסטאנטקע זיינען ארויס אויפ'ן גלאטען שאָסע, וועלכער האָט געפיהרט פון טורמע צו דער שטאָדט.

אריינגעהענדיג אין שטאָדט, זיינען זיי געגאנגען אין מיטען פון דער שלעכט־ברוקירטער גאס. קינדער האָבען זיך אפּגעשטעלט און האָבען מיט דערשראָקענע אויגלעך געקוקט אויף דער „מער־דערין"; זיי זיינען אבער באלד דרייסטער געוואָרען, זי איז דאָך בעוואכט פון ביידע זייטען פון סאלדאטען מיט אנגעלאדענע ביק־סען. דערוואקסענע מענשען — איזוואָזטשיקעס, קרעמער, קעכינס, ארבייטער, טשינאָווניקעס, בעלי מלאכות, דיענסטען — האָבען זיך אבגעשטעלט און האָבען א קוק געטאָהן אויס נייגעריגקייט; מאנכע האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ, ריידענדיג צו זיך אליין: „אָט דאָס איז דער סוף, ווען מען פיהרט זיך ניט אויף עהרליך, אָט אזוי ווי מיר". א דאָרפישער פויער, וועלכער איז געפאָהרען צוריק אהיים מיט די געלייזטע עטליכע גראשען, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אנגעטרונקען אין טראקטיר מיט טהעע, האָט זיך אי־בערגע'צלם'ט און האָט דערלאנגט דער ארעסטאנטקע א קאָפּיקע. זי איז רויט געוואָרען, האָט אראבגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט עפּעס א מורמעל געטאָהן.

זי האָט געפיהלט אויף זיך אלעמעס בליקען און האָט גאנץ אונבעמערקט, ניט א קעהר טוהענדיג מיט'ן קאָפּ, געקוקט קרומ־לעך אויף די אלע, וואס האָבען געוואָרפען אויף איהר זייערע בלי־

קען; זי האָט הנאה געהאַט, ווי עס שיינט, וואס זי ציהט אויף זיך זייער אויפמערקזאַמקייט. זי האָט אויך הנאה געהאַט פון דער פריהלינגס-לופט, וועלכע איז דאָ ריינער ווי אין אסטראג, אבער איהר איז געווען שווער צו געהן איבער די הארטע, קרומע שטיי־נער, זייענדיג אבגעוועהנט פון געהן און נאָך אין דיעזע שווע־רע, גראָבע ארעסטאנטסקע שיך; זי האָט געקוקט אויף די פיס און האָט זיך בעמיהט צו געהן אויף ווי פיעל מעגליך לייכטער. פערבייגעהענדיג א מעהל-קראָם לעבען וועלכע עס האָבען זיך אנ־געקליבען טייבעלעך, פון קיינעם ניט געטריבען, ניט בעליידיגט, האָט די ארעסטאנטקע שיער ניט ארויפגעטראָטען אונגערן אויף איינער פון זיי. די טויב האָט א שוועב געטאָהן אין דער הויך, פאָכענדיג מיט איהרע פליגלען דער ארעסטאנטקע אין סאמע גע־זיכט אריין. זי האָט א שמייכעל געטאָהן ליעבליך, האָט אבער גלייך שווער אבגעזיפצט: זי האָט זיך דערמאָנט אן איהר לאַגע.

2.

די געשיכטע פון דער ארעסטאנטקע מאסלאווא איז א גאנץ געוויינליכע. איהר מוטער איז געווען א מוזשיצקע, וועלכע האָט געדיענט אין הויז פון צוויי שוועסטער פאמעשציצעס — א פאָר אלטע מוידען. ניט קוקענדיג דערויף וואס איהר מוטער איז געווען אונפערהייראַט, פלעגט זי פון דעסטוועגען יעדען יאהר מזכה זיין די וועלט מיט א קינד, ווי עס פיהרט זיך געוועהנליך אין דאָרפי־שען לעבען. נו, א קינד איז א קינד, מען פלעגט דאס קינד טויפען, ווי עס געהער צו זיין, און דערנאָך פלעגט עס בלייבען אויף גאָט'ס בעראָט. די מוטער פלעגט דאס קינד ניט ערנעהרען, עס איז פאר איהר געווען אן איבעריגע צוצפּעניס; און אזא קינד פלעגט לעבען, צאפּלען זיך אזוי לאנג, ביז עס פלעגט אויסגעהן פון הונגער.

אזוי זיינען אוועקגעשטארבען ביי איהר פינף קינדער. דאס

זעקסטע קינד, וועלכעס איז געקומען פון דער מוטער'ס בעקאנט־שאפט מיט א טרעמפּישען ציגיינער, איז געווען א מיידעלע, און איהר גורל וואלט געווען דערזעלבער ווי פון די פריהעריגע קינ־דער, עס האט אבער פּאסירט צופעליג אנדערש. איינע פון די מוידען־פריצ'טעס איז גראדע אריינגעגאנגען אין קוה־שטאהל אנ־בייזערן זיך אויף די מעלקערקעס פאר וואס די מילך האט א שלעכ־טען ריח. אין שטאהל איז געלעגען א געוויינערין מיט א שעהניג־קען, נור וואס געבארענעם קינד. די אלטע מויד האט זיך שטארק צובייזערט, אי פאר די מילך און אויך דערפאר וואס מען מאכט גאר די שטאהל פאר א קינד־בעט, און האט שוין געוואלט אוועקגעהן. אבער עס האט איהר עפּעס א צופּ געטאהן ביים האר־צען, זי האט רחמנות געקראגען: אזא שעהנינקע עופ'לע! זי האט זיך בעשלאסען צו ווערען די טויף־מוטער פונ'ם קינד.

וויבאלד די מיידעלע איז שוין געווארען איהר טויף־קינד, האט זי רחמנות געהאט אויף איהר און געשיקט דער מוטער מילך פאר דאס קינד און אפּט אויך א פּאאר גראשען.

די אלטע מוידען האבען דערפאר א נאמען געגעבען דעם קינד „די געראטעוועטע".

עס זיינען אריבערגעגאנגען דריי יאהר, דעם קינד'ס מוטער איז קראנק געווארען און איז געשטארבען. פאר דער אלטע באבע איז דאס קינד געווען א'ן איבריגע לאסט. די מוידען־פריצטעס הא־בען דערפאר גענומען דעם קינד צו זיך. די שווארץ־אויגעלדיגע מיידעלע האט זיך אויסגעהאדעוועט א לעבעדיגע, צאפּעלדיגע. ליעבינקע בעשעפענעס און די אלטע מוידען האבען פון איהר אמת הנאה געהאט.

די צוויי פריצטעס, אבוואהל שוועסטער, זיינען געווען פון פערשיעדענע נאטורען: די איגגערע, סאפיא איוואנאוונא, איז געווען א גוט־הערציגע פּערזאן, זי האט עס געטויפט דאס קינד; די עלטערע, מאריא איוואנאוונא, האט געהאט א הארטערען כא־ראקטער. סאפיא איוואנאוונא פלעגט אויספוצען די מיידעלע אין קליידעלעך, שירצעלעך, בענדעלעך און האט זי געלערנט לעזען

און שרייבען און האָט הויפּטזעכליך פון איהר געוואָלט מאַכען א גוט־ערצויגענע „בארישניע“. מאַריא איוואַנאָוונא האָט אָבער גע־טענה׳ט, אז מען דאַרף די מיידעלע הויפּטזעכליך געוואוינען צו דער אַרבייט און לערנען זי א בעשטימטע מלאכה, עס זאָל כאָטש פון איהר אַרויסקומען א גוטע קאַמער־מעדכען. זי איז געווען דערפאַר זעהר שטריינג צו דער מיידעלע און האָט אַפּט ניט געזשאַלעוועט צו געבען איהר אויך א קלאַפּ.

זעלבסטפערשטענדליך, אז צווישען דיעזע צוויי געגענגעזעצ־טע ווירקונגען איז די מיידעל אויסגעוואַקסען האַלב א דיענסט, האַלב א בארישניע. און דאָס האָט זיך אויסגעדריקט שוין אין דעם נאָמען, וועלכען זי האָט געטראָגען. מען האָט זי ניט גערופען קאַטקאַ — פערעכטליך, און ניט קאַטינקאַ — ליעבליך, זאָנדערן קאַטיושאַ — עטוואָס א פערמיטלונג צווישען פעראַכטונג און ליעבע. אזוי איז אויך געווען אין איהר אַרבייט: זי האָט גע־וואַשען, געקאָכט, דערלאַנגט צום טיש, ווי א דיענסט, אָבער זי איז צייטענווייז אויך געזעסען מיט די פּריצטעס צוזאַמען און האָט זיי עטוואָס פאָרגעלעזען פון א בוך.

פיעלע האָבען זיך צו איהר גע׳שדכנ׳ט, אָבער זי האָט מיט קיינעם פון זיי ניט געקענט חתונה האָבען. זי האָט עס ניט גע־קענט דערפאַר, ווייל דאָס זיינען אַלץ געווען נור בעל־מלאכות, אַרבייטס־מענשען, און זי איז שוין געוואוינט געוואָרען צו א בעסערען לעבען — זי איז דאָך א האַלבע בארישניע.

ווען זי איז אַלט געוואָרען 16 יאָהר, האָט עס פּאַסירט אז צו איהרע מוידען־פּריצטעס איז געקומען צו גאַסט זייערער א פּלי־מעניק, א רייכער סטודענט, און קאַטיושאַ האָט זיך אין איהם פערליעבט, ניט וואַגענדיג צו ערקלערען דאָס איהם און ניט וואַ־גענדיג צו ערקלערען עס אפילו זיך אַליין. דערנאָך, אין א צוויי יאָהר אַרום נאָך זיין ערשטען וויזיט, איז ער ווידער אַמאָל געקומען צו גאַסט. ער איז דאָס דאַן געפאָהרען אויף דער מלחמה און האָט זיך אויפ׳ן וועג אָבגעשטעלט ביי די טאַנטעס אויף עטליכע טעג. גאַנצע פיער טעג האָט ער ביי זיי פערבראַכט, האָט פאַר־

פיהרט קאטיושען און איז דערנאך אוועקגעפאהרען. א הונדערט־רובעלדיגע האט ער איהר אריינגערוקט אין האנד פאר זיין אברייזען.

פון דאן אן איז איהר לעבען אין גאנצען פעראומערט געוואָרען און זי האט נור געטראכט וועגען איין זאך: ווי זי זאל קענען פטור ווערען פון דער שאנדע, וועלכע עס ערוואַרטעט זי. זי איז געווען אזוי ערביטערט, אז זי האט ניט געקענט צופריעדען שטעלען מעהר די אלטע מוידען. נאך ערגער, ניט וויסענדיג אליין ווי אזוי עס איז געקומען דערצו, האט זי איין מאל אנגעזידעלט און בעליידיגט די פריצטעס און געפאָדערט מען זאל זיך מיט איהר אברעכענען און זי וועט אוועקגעהן.

זי איז אוועק פון זיי און איז אנגעקומען אלס דיענסט צום סטאנאוואָי פּריסטאוו. אבער דארט האט זי אויך געקענט האלטען זיך ניט מעהר ווי דריי מאנאטען, דען דער סטאנאוואָי, א 50 יעהריגער כל־בו'ניק האט זיך אנגעהויבען צו איהר צוצושארען. זי האט אזוי לאנג געליטען ביז איין מאל, ווען ער איז צו איהר צו שטארק צוגעשטאנען, האט זי איהם אנגעזידעלט גוט און געגעבען א שטויס אין הארצען, אז ער האט געקליבען אלע ציינער. זעלבסטפערשטענדליך, אז מען האט זי באלד ארויסגעטריבען פאר איהר גראָבקייט.

וואס איז איהר געבליעבען צו טאָהן? אנקומען איצט אויף א פלאץ איז אונמעגליך, באלד דארף זי געלעגען ווערען, און זי האט זיך אריינגעקליבען צו א דארפישער הייבאם, וועלכע האט דערצו אויך געהאלטען שנאפּס צו פערקויפען. זי האט גרינג געהאט דאס קינד. אבער די באבע האט אין דער זעלבער צייט אויך צוגענומען א קינד ביי א קראנקע קינפּעטארין און האט דורך דעם אנגעשטעקט מאסלאווען מיט קינפעט־פיבער; דאס קינד — א אינגעלע, האט מען געמוזט אוועקשיקען אין אן ערציהונגס־אנשטאלט און דארט איז ער באלד געשטארבען.

אין גאנצען איז ביי מאסלאווען געווען א 127 רובעל, ווען זי האט זיך אריינגעקליבען צו דער דארפישער באבען; 27 איה־

רע אייגענע פערדינטע, און 100 רובעל וועלכע איהר פערפיהרער האט איהר געגעבען. ווען זי האט געדארפט פערלאזען דאס הויז פון דער הייב־אם זיינען ביי איהר פונ׳ם גאנצען געלד געבליבען נור 6 רובעל. די צרה איז געווען מיט מאסלאווע וואס זי האט ניט געקענט האלטען קיין געלד; זי האט ניט געקענט אבזאגען, ווען אימיצער האט ביי איהר א בעט געטאהן עטליכע רובעל. די באבע האט ביי איהר גענומען פאר קווארטיר און עסען פאר צוויי חדשים 40 רובעל, 25 רובעל האט געקאסט דאס אוועקשיקען פונ׳ם קינד, 40 רובעל האט ביי איהר די באבע סתם געליהען — א בהמה האט זי געדארפט קויפען, און 20 רובעל זיינען ביי איהר אליין אוועקגעגאנגען אויף פערשיעדענע זאכען.

קורץ, ווען זי איז געזונד געווארען איז זי געבליעבען אהן געלד, און זי האט געמוזט זוכען א פלאץ. זי האט טאקע באלד אויך געפונען אזא פלאץ ביי א וואלד־וועכטער. דער וואלד־וועכטער איז געווען אפילו א בעווייבטער, פון דעסטוועגען האט ער געקראגען חשק צו דער דיענסט פון דעם ערשטען טאג אן וואס זי איז אנגעקומען, גאר אזוי ווי דער סטאנאוואי. דאס ווייב האט זיך דערוואוסט אז דער מאן שארט זיך צו קאטיושא׳ן און זי איז צו־געלאפען צו איהר מיט א פאר קולאקעס; קאטיושא האט זיך ניט געלאזען און עס איז ארויסגעקומען א געשלעג צווישעןביידען. דער סוף איז געווען, אז מען האט זי ארויסגעטריעבען און אפילו ניט בעצאהלט וואס איהר האט געקומט. דאן איז קאטיושא אוועק אין שטאדט און האט זיך בעזעצט ביי איהרע א מוהמען. די מוה־מעס מאן איז געווען אן איינבינדער, וועלכער האט אמאל גוט גע־ארבייט און פערדיענט געלד. ער האט אבער אנגעהויבען שיכור׳ן, האט פערלארען זיינע קונדען און האט איצט נור געהאלטען אין איין טרינקען, פערזעצענדיג אלעס וואס עס האט זיך נור געמאכט צום האנד.

די מוהמע האט געהאלטען א וועשעריי און האט דערפון געמאכט קוים א לעבען פאר זיך, פאר די קינדער און פאר דעם שיכור׳ן מאן. זי האט איינגערעדט קאטיושען, אז זי זאל ביי איהר

ארבייטען אלס וואש־פרוי. מאסלאוואַ האָט אבער געזעהען וואס פאַר א לעבען עס פיהרען די וועשערקעס, וועלכע ארבייטען ביי איהר מוהמע, און זי האָט זיך ניט געקענט בעשליסען צו פיהרען אזא לעבען. זי האָט בעסער געזוכט א פּלאַץ דורך די מעקלער־קאנטארען, וואוהין דינסטען און דינער ווענדען זיך, ווען זיי דאַרפען א פּלאַץ.

עס האָט זיך ענדליך געפונען פאר איהר א פּלאַץ ביי א דאַמע, א'ן אלמנה מיט צוויי זיהן גימנאזיסטען. איין וואָך האָט זי געארבייט, מעהר ניט, דען דער עלטערער גימנאזיסט, א שילער פון זעקסטען קלאס, האָט אין גאנצען אוועקגעווארפען זיינע ביכער און האָט זיך נור געשארט צו דער דינסט גאנצענע טעג; ער האָט איהר קיין מינוט רוהע ניט געגעבען. די מוטער האָט דאס דערזעהן און זי האָט אנגעהויבען בעשולדיגען קאטיושען, אז זי פיהרט איהרע קינדער אראָפּ פון וועג. זי האָט געמוזט אלזא זוכען א'ן אנדער פּלאַץ. אומזיסט; קיין פאסענדער פּלאַץ האָט זיך אזוי גיך ניט געמאכט.

נון, דארף פאסירען אזא מין געשיכטע: ווען מאסלאָוואַ איז געקומען אין קאנטאָר, וואו מען רעקאמענדירט פּלעצער, האָט זי דאָרט בעגעגענט א'ן עלעגאנטע דאמע, אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג, מיט בראסלעטען, מיט דימענטענע רינגעלעך אויף די ווייכע, דיקע פינגער און אויף די נאקעטע, ווייסע ארעמס. ווען די דאמע האָט זיך דערוואוסט פון קאטיושא'ס לאגע, האָט זי איהר געגעבען איהר אדרעס און האָט זי איינגעלאדען צו זיך. מאסלאוואַ איז צו איהר אריבערגעגאנגען. די דאמע האָט זי זעהר פריינדליך צוגענומען, האָט זי טראקטירט מיט פּוטער־פּלעצלעך און מיט זיסען וויין און האָט דערנאָך אוועקגעשיקט איהר דיענסט־מיידעל מיט א צעטעלע ערגעץ אין א פּלאַץ. פארנאכט איז געקומען אהין א הויכער מאן מיט גראָהליכע האָר און א גאנץ גראָהע באָרד; דיזער אלטער האָט זיך גלייך צוגעזעצט נאָהענט לעבען קאטיושען און האָט זיך מיט איהר אנגעהויבען צו שפּיעלען.

די ווירטין האָט דערנאָך ארויסגערופען דעם מאן אין צוויי־

מען צימער, און קאטיושא האָט געהערט ווי זי האָט צו איהם גע־זאגט: א פרישינקע, פון דאָרף, א געשמאקינקע. דערנאָך האָט די ווירטהין זי א רוף געטאָהן און האָט איהר פארגעשטעלט, אז דער מאן איז דאס א פערפאסער, ביי וועלכען עס איז דא א׳ן אוצר מיט געלד און ער זשאלעוועט ניט, ווען נור מען געפעהלט איהם.

קאטיושא איז איהם געפעלען געווארען און דער פערפאסער האָט איהר געשיינקט א פינף־און־צוואנציגער, פערשפרעכענדיג אז ער וועט זיך נאָך מיט איהר זעהן. דאס געלד איז זעהר גיך צו־קראָכען; זי האָט געדארפט בעצאהלען דער מוהמע פאר קוואר־טיר און עסען. היינט ווי קויפט מען דאָס ניט א היטעלע, בענדע־לעך און קליינינקייטען?

אין עטליכע טעג ארום האָט דער שריפטשטעלער געשיקט ווידער נאָך איהר. זי איז געגאנגען. ער האָט איהר געגעבען נאָך א פינף־און־צוואנציגער און האָט איהר פארגעשלאגען, זיי זאלען זיך גאר ארייננקלייבען אין א בעזונדער קווארטיר, פאר זיך. וואה־נענדיג אויף אזא קווארטיר מיט דעם פערפאסער, האָט זיך מאס־לאווא דערוויייל פערליעבט אין א פריקאשטשיק, וועלכער האָט געוואהנט אויך אינ׳ם זעלבען הויז. זי האָט אפענהערציג דאס אליין דערצעהלט דעם פערפאסער און האָט זיך איבערגעקליבען אין אן אנדער קווארטיר, א קלענערע, צוזאמען מיט דעם פרי־קאשטשיק, וועלכער האָט איהר צוגעזאגט, אז ער וועט מיט איהר חתונה האָבען. ער האָט אבער ניט געהאלטען וואָרט, ער האָט זי באלד אוועקגעווארפען און איז מעהר ניט געקומען. מאסלאווא איז נעביך געבליעבען אליין. זי האָט געוואלט דאן אליין אנהאל־טען די קווארטיר; מען האָט איהר אבער ניט ערלויבט. זי האָט געמוזט גיין צוריק צו איהר מוהמען.

די מוהמע האָט זי צוגענומען גאר מיט אן אנדער כבוד, זע־הענדיג ווי שיין זי איז געקליידעט, א גאנצע דאמע, אין א פּאַ־לערינע, מיט האנדשוה. די מוהמע האָט שוין איצט גאָר קיין העזה ניט געהאט פארצושלאגען איהר, א שטייגער, זי זאָל ביי איהר

ווערען א וועשערקע; זי האָט דאָך געזעהן, אז איהר פּלימעניצע שטעהט עפּעס אויף אַ העכערע שטופע פון לעבען.

איהר איז גאר קיין מאָל אין קאָפּ ניט געקומען אזא פראגע צו זאָל זי ווערען א וועשערקע ביי איהר מוהמען; זי האָט מיט הארצווייטאג געקוקט אויף די ארעמע האָרעפּאַסנע מיידלעך, וועל־כע פּלאָגען זיך דעם גאנצינקען טאג און רייבען די קויטיגע וועש, — בלאַסע, אויסגעמוטשעטע, אנדערע זיינען שוין שווינדזיכטיג פון דער שווערער ארבייט אין היץ, אין שטיקענעם פון פּארע דורכ־גענומען מיט שמוץ און זייף. איהר האָט געשווינדערט דער געדאנק, אז זי האָט אויך געקענט אזוי פערוועלקט ווערען, ווען זי וואָלט איינגעוויליגט דאן צו שטעלען זיך ארבייטען ביי איהר מוהמען אין דער וועשעריי.

גערויכערט האָט מאַסלאָווא שוין פון לאַנג, און אין דער לעצטער צייט האָט זי אפילו זיך צוגעוועהנט היבש צו טרינקען. ווייַן האָט זי ליעב געהאַט, ניט אזוי דערפאַר ווייל עס איז גע־שמאַק, זאָנדערן דערפאַר, ווייל דאָס האָט זי פערטויבט און האָט איהר געגעבען אַ מעגליכקייט צו פערגעסען אלע יסורים, וואָס זי האָט אריבערגעטראַגען, איהר שווערען שיקזאַל; דער ווייַן האָט זי געמאַכט לעבעדיגער, פרישער און האָט איהר צוגעגעבען מוטה און זעלבסט־ווירדע, זאַנסט איז זי ביי זיך אין די אויגען געווען זעהר געפאַלען. אהן ווייַן איז איהר געווען אזוי פּאַסקודנע אויפ׳ן הארצען און שענדליך — אך, ווי מיאוס!

זי האָט נעבאָך געהאַט צו וועהלען ענטוועדער די ערנידערונג פון א דיענסט, צו וועלכער די „הערשאַפטען“ וועלען זיך געוויס אפּט זעהן צו־צושאַרען און וועלען איהר קיין רוה ניט געבען, אדער זיין פאַרזאָרגט, זיין רוהיג און האָבען א׳ן „אָרדענטליכען“ פּלאַץ.

אויסער דעם האָט זיך איהר געדוכט אז טרינקענדיג רעכענט זי זיך אָפּ מיט זיי אַלעמען, מיט די אלע, וואָס האָבען איהר בייזעס געטאָהן, מיט איהר ערשטען פערפיהרער, מיט דעם פּריקאַש־ציק און מיט אַלעמען, מיט אלע די, וואָס האָבען איהר פערביטערט דעם לעבען. דאַצו האָט אויף איהר בעשלוס אויך געהאַט

א גאנץ שטארקע ווירקונג דאס וואס אזא לעבען וועט איהר געבען די מעגליכקייט צו קליידען זיך שעהן; זי וועט בעשטעלען קליי־דער וועלכע נור איהר הארץ געלוסט: סאמעטענע, זיידענע, באַ־טיסטענע, סאטינענע, פאר בעלער און פאר שפאציר; אויסגע־בלייזט דאס האלז ווייט, מיט אפענע שולטערן, נאקעטע ברוסט און בלויזע ארעמס. און ווי מאסלאוועו האט זיך נור אין דער פאנטאזיע פארגעשטעלט ווי זי וועט אויסזעהן אין א געלב־זיי־דענעם קלייד מיט שווארץ־סאמעטענע בעפוצונגען, אזוי האט זי זיך שוין מעהר ניט געהאט וואס מישב צו זיין.

פון דאן אן האט זיך פאר מאסלאווא אנגעהויבען יענער לע־בען, וועלכען עס פיהרען הונדערטע און טויזענדע אזעלכע פרויען און וועלכער ענדיגט זיך ביי ניינציג פון הונדערט מיט שרעקליכע קראנקהייטען, פריהצייטיגעם אלט ווערען און טויט.

אין דער פריה און בייטאג שווערער שלאף נאך דער נעכט־ליכער אויסגעלאסענהייט; אזייגער פיער פארנאכט אויפשטעהן מיעד, פויל פון דער שמוציגער בעט; די גליעדער שווער און אין מויל פאסקודנע פון צופיעל טרינקען, — לעשען זיך פון שכרות מיט זעלצער, קאפע; פוילערהייט שלעפען זיך אין שליורעס, אין א לאנגען ווייסען יאקעל, אין א ראפער, אדער אין א מאנטעל אויפ'ן האלב נאקעטען קערפער, קוקען אין פענסטער מיט פערגא־כענע אויגען, צו־זידלען זיך מיט די חבר'טעס; דערנאך פודרען דעם פנים, פערפיומירען דעם קערפער, שמירען די האאר און אנ־פאסען דאס נייע קלייד, צוקריגען זיך מיט דער ווירטהין איבער דעם, ארומקוקען זיך גוט אין שפיגעל, אונטערפארבען די אויגען; עסען עפעס זיסעס, פעטעס און נאכהער אנציהען זיך אין זיידע־נע קליידער און ארויסגעהן אן אויסגעפוצטע, אן אויסגעגלאנצטע אין דעם גרויסען, בעלויכטענעם זאאל; געסט, מוזיק, טענץ, צוקערקעס, וויין, רויכערען, שמייכלען, אנציהען.

אזוי האט מאסלאווא אבגעלעבט זיעבען גאנצינקע יאהר. אויף דעם אכטען יאהר, דאס איז שוין געווען דער 26טער יאהר פון איהר לעבען, האט מיט איהר פאסירט דאס, פאר וואס מען

האָט זי ארייננעזעצט אין אסטראָג און פאר וואס מען פיהרט זי איצט צום געריכט, נאכדעם ווי זי איז אפּגעזעסען זעקס מאנאטען אין טורמע, צוזאמען מיט מערדער און גנבים.

3.

אין דער צייט ווען מאסלאווא, אויסגעמאטערט פון לאנגען געהן, איז צוגעקומען מיט דעם קאנוואָי צום אקרוזשנאָי סוד, איז איהר פערפיהרער, דער פלימעניק פון איהרע מוידען־פריצטעס, פירסט דמיטרי איוואנאָוויטש נעכליודאָוו, געלעגען בכבודיג אין זיין שעהנער בעטעל, אויף די ווייכע, ווייסע, פוכאָווע קישעלעך, אין א שנעע־ווייסער, האָלענדער נאכט־העמד, מיט קנייטשעלעך, אויסגעשטעפּט אין פראנט, און האָט גערויכערט א פּאפּיראס. ער איז געלעגען און האָט געקוקט מיט פאנאנדערגעעפענטע אויגען אין לעהרען רוים, טראכטענדיג וועגען דעם נעכטיגען טאָג און וואס איהם שטעהט פאר צו טאָהן היינט.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם נעכטיגען אבענד, ווי ער האָט פערבראכט ביי די רייכע קארטשאגין׳ס — א בעריהמטע פאַמיליע, וואו ער פלעגט אָפט פערברייננגען. ער וויים אז אלע מיינען, דאס ער וועט מסתמא חתונה האָבען מיט פריילין קארטשאגין. ער האָט זיך אבגעזיפצט, האָט אוועקגעווארפען דעם שטיקעל פּאַפּיראָס און האָט שוין אויסגעצויגען די האנד נאָך דעם זילבערנעם פּאָרט־סיגאר אום צו נעהמען אנ׳אנדער פּאפּיראס. אבער ער האָט חרטה געקראגען. ער האָט זיך אויפגעהויבען, האָט ארייננעשטעקט די פיס אין די ווייכע, לייכטע שטעק־שיך, האָט ארויפגעווארפען אויף זיינע ברייטע פּלייצעס דעם זיידענעם כאלאט און איז אריין אין זיין גארדעראבנע, וועלכע איז געווען לעבען שלאָף־צימער. אין גארדעראבנע איז די לופט געווען דורכגענומען מיט געשמאקע ריחות פון פּערפיום, פּאמאדע, פיקסטואר און אלערליי בשמים־טראָפּענס.

דארט האָט ער אויסגעפּוצט מיט אן עלעגאנטער בערשטעלע

און מיט אן עקסטרא־פולווער די פערפלאמבירטע ציינער, האט אויסגעשווייגקט דעם מויל מיט א שמעקעדיגען וועסערל, און האט זיך דערנאך גענומען וואשען דעם פנים מיט אלערליי מיטלען, אדעקאלאן, טהייערע זייף, האט זיך געוואשען און ווידער גע־וואשען, געווישט און ווידער געווישט מיט האנד־טיכלעך אלערליי. ווען ער האט געענדיגט דיזע ארבייט, האט ער זיך גענומען פוצען די נעגעל פון די הענד, און איז דערנאך ווידער אריין אין דריטען צימער, האט גענומען א טרוקענע וואנע, האט זיך מיט א פייכטען, קאלטען האנד־טוך אויסגעריבען דעם דיקען פולען קערפער, וועלכער איז געווען ווי באדעקט מיט א ווייסע, קלאהרע פעטס, האט זיך איינגעוויקעלט אין א ווייכען פוכיגען ליילעך, ביז די גאנצע פייכקייט פון קערפער איז ארויס־געצויגען געווארען און ער האט זיך גענומען אנציהען. ער האט שוין אויף זיך אנגעטאהן די שנעע־ווייסע אויסגעפרעסטע אויבער־העמד, שטיוועלעך, גלאנציג ווי א שפיעגעל, און ער זעצט זיך ערשט לעבען טואלעט־שפיגעל, פערקאמען די קרויזע, שווארצע בערדעל און די געגרייזעלטע האאר, וועלכע זיינען שוין געווארען שיטערלעך אויפ׳ן קאפ.

אלע זיינע קליידער, וועש, קנעפלעך, האלזטיכער, שפילקע־לעך א. ז. וו. זיינען געווען פון דעם בעסטען זארט, אלעס איידעל, שיין, שטארק, גוט און טהייער. פון א צעהן האלזטיכלעך האט ער ארויסגענומען דעם ערשטען בעסטען, וואס איז געקומען צום האנד — אמאל פלעגט ער לאנג קלייבען אזא זאך, איצט איז איהם גאנץ גלייך. נעכלודאוו האט געענדיגט זיין טואלעטע און איז א ריינינקער, א שיינינקער, אבוואהל ניט גאר פריש, ארויס פון גארדעראבנע אין גרויסען עסס־צימער, וואו עס האט בען געגלאנצט די געוועקסטע דילען, דורך דער ארבייט פון די פויערים, וועלכע האבען דערויף שטארק געשוויצט נעכטען. אינ׳ם עסס־צימער איז געווען א רייכער, דובאווער בופעט און א גרוי־סער, שווערער טיש מיט געשניצטע, דיקע פיס אין דער פארם פון לייבען־לאפעס.

דער טיש איז געווען געדעקט מיט א קלאָר־ווייסען טיש־טוך, אויף וועלכען עס זיינען געווען גרויסע הערבען פון דער פירסטליכער פאמיליע. פון אויבען זיינען געשטאנען זילבערנע געשיער, א קאַ־פע־קאַן, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגען איבערן צימער א גע־שמאקער ריח פון'ם בעסטען קאפפע, א זילבערנע צוקער־פושקע, אינעווייניג געגילט, אויך אזא קריגעלע מיט שמאנט און קערבעלעך מיט פערשיעדענע ביסקוויטען, מאנדעל־בייגעלעך, סוכאריקלעך און א פרישינקער, געפילטער קוילעטש. אויף איין ווינקעל פון טיש זיינען געלעגען, אנגעקומענע מיט דער מאָרגען־פּאָסט, בריעף, צייטונגען און א פראנצויזישער זשורנאל פאר דעם מאנאט.

נעכלודאָוו האָט זיך שוין געוואלט נעהמען לעזען די בריעף, אבער אין טיהר, וועלכע פיהרט צום קארידאָר, האָט זיך געוויעזען, ווי ארייענשווימענדיג, אן עלטערע, פעטע פרוי, אנגעטאָהן אין טרויער־קליידער. דאָס איז געווען די גארניטשנע פון דער אלטער פירסטין, נעכליודאָוו'ס מוטער, וועלכע איז דאָ אינ'ם זעלבען הויז ניט לאנג געשטארבען. דיעזע פרוי איז פערבליבען איצט דינען ביי'ם זוהן אלס עקאנאמקע.

אגראפענא פעטראוונא — אזוי האָט מען די פרוי גערופען — האָט געהאט א פנים אזוי ווי זי וואלט אליין געווען א פריצ־טע; זי איז אזוי פיעל געווען צוזאמען מיט דער אלטער פירס־טין, פלעגט מיט איהר זאַגאר ארומפאהרען אין אויסלאנד און זי האָט איבערגענומען אלע דרכים פון א פריצטע. ביי די נעכליו־דאָווס איז זי פון קינדהייט אָן און זי האָט נאך דמיטרי איוואנאָ־וויטשען געקענט, ווען ער איז געווען א קליינינקער, ווען זי האָט איהם נאך גערופען מיטענקא.

— א גוטער מאָרגען אייך, דמיטרי איוואנאָוויטש.

— גוט מארגען, אגראפענא פעטראוונא. עפעס נייעס? — האָט שפאסענד א פרעג געטאן ניעכליודאָוו.

— א בריעף פון דער פירסטין־מוטער אדער פון דער פיר־סטינ'ס טאכטער; די קאמערמעדכען זייערע האָט עס געבראכט שוין לאנג און זי ווארט דאָרט ביי מיר, — האָט געענטפערט מיט

א צוקערדיגע מינע אגראפענא פעטראָווגא און האָט א פינטעל געטאָהן מיט די אויגען.

— זעהר גוט, באלד, — האָט נעכליודאוו געענטפערט, נעה־מענדיג פון איהר דעם בריעף און האָט זיך אנגעבלאָזען, בעמער־קענדיג דעם פיעלדייטיגען שמייכעלע אויף אגראפענא׳ס געזיכט.

אגראפענא׳ס צוקערדיגער שמייכעל האָט בעדייט, אז זי פער־שטעהט, אז דער בריעף איז פון פריילין קארטשאגין, צו וועלכער, נאָך איהר מיינונג נאָך, ניעכליודאוו שדכנט זיך. אט דיעזע בעדיי־טונג פון אגראפענא׳ס שמייכעל, האָט אונאנגענעהם געשמעקט נעכליודאוו׳ן.

— זאל איך איהר הייסען ווארטען? — האָט די עקאנאמ־קע א פרעג געטאָהן, א כאפ טאָהענדיג מיט בעזונדערע טרייהייט די טיש־בארשט, ווי אבצושטויבען עפעס, און אוועקלייגענדיג זי באלד אויף אן אנדער פלאַץ. און ניט דערוואַרטענדיג זיך קיין ענטפער, איז זי ארויסגעשוואוּמען פון עסס־צימער.

נעכליודאוו האָט געעפענט דעם שיינעם, פערפיומירטען בריעף און האָט גענומען לעזען. געשריעבען האָט מען איהם פאל־גענדעס:

„אזוי ווי איך האָב זיך גענומען פאר א פפליכט אייך צו עראינערן, איהר זאלט ניט פערגעסען וואס איהר האָט צו טאָהן, דערמאן איך אייך, אז היינט, דעם 28טען אפריל, דארפט איהר ערשיינען אין אקרוזשני סוד אלס געשווארענער, און דארום קענט איהר ניט אויספאהרען היינט מיט אונז און מיט הערדן קאלא־סאָוו צו בעקוקען די בילדער, אזוי ווי איהר האָט נעכטען פער־שפראכען, צו פערדאנקען אייער געוועהנליכער לייכטזיניגקייט.

יעדענפאלס וועט איהר דאָך ניט וועלען בעצאהלען 300 רו־בעל שטראָף פאר ניט ערשיינען. איך האָב זיך דערמאנט דערויף, באלד נאָך דעם ווי איהר זייט אוועק. פערגעסט דאָס נים.

„פירסטין מ. קארטשאגין".

אויף דער אנדער זייט פון בריעף איז געוועזען אין פראנצוי־זיש געשריעבען:

„מאמא לאזט אייך וויסען, אז אייער פלאץ ביים טיש וועט ניט זיין פון קיינעם פערנומען, ווי שפעט איהר זאלט ניט קומען. אלזא קומט אונבעדינגט.

„מ. ק.".

נעכליודאוו האט געמאכט א זויערע מינע. דיעזער בריעף איז געווען א טהייל פון דער קונציגער ארבייט פון פריילין קארטשאגין, וועלכע געברויכט אלערליי מיטלען, אום צובינדען איהם צו זיך. שוין צוויי מאנאט ווי זי ארבייט אזוי און פלעכט איהם צו צו זיך מיט אונבעמערקבארע קונציג־געוועבטע פעדים.

נעכליודאוו האט געהאט אן אורזאכע ניט צו איילען זיך אזוי צו בעטען די האנד פון פריילין קארטשאגין שוין אויסער דעם וואס א מענש אין זיינע יאהרען און ניט קיין לײדענשאפטליך פערליבטער איז זיך גוט מישב בעפאר ער בעשליסט זיך א שידוך צו טאהן. דיעזע אורזאכע איז אבער ניט געווען חס וחלילה דאס, וואס מיט א יאהר 10 צוריק האט ער פערפיהרט קאטיושען און האט זי דערנאך אוועקגעווארפען; ניין, אזא קלייניגקייט וואלט ער ניט גערעכענט פאר א מניעה אין א שידוך טאהן. אן אנדער אורזאכע איז דא געווען.

נעכליודאוו האט אקוראט אין דיעזער צייט געהאט פערבינדונגען מיט א פערהייראטהע פרוי; אמת, ער האט שוין זיך אביסעל דערווייטערט פון איהר, אבער זי איז נאך געווען נאהענט צו איהם. פון דער נאטור איז נעכליודאוו געווען אביסעל א שעהמעדיגער מיט פרויענצימער, אבער גראדע דיעזע אונענטשלאסענהייט, דיעזע שעהמענדיגקייט האט ערוועקט אין דיעזער אשת־איש א פערלאנג צו עראבערן איהם.

דיעזע דאמע איז געווען די פרוי פון דעם פרעדוואדיטעל דוואריאנסטווא פונ׳ם אויעזד, וואוהין נעכליודאוו איז געפאהרען צו די גאלקעס. זי האט איהם אריינגענומען אין איהרע הענד, אז ער איז צו איהר געווארען אלץ מעהר צוגעבונדען, פיהלענדיג אלץ מעהר אבשטויס. גלייך פון אנהויב האט זי טאקע נעכליודאוון געוואלט א נאש טאהן, דערנאך האט ער זיך שוין געפיהלט שולדיג

געגען איהר און האָט ניט געקענט אין גאנצען שיידען זיך מיט איהר, וואו זי זאָל אליין ניט איינוויליגען. איבער דעם האָט ער ניט געקענט בעטען די האנד פון פריילין קארטשאגין.

אויפ'ן טיש ביי איהם איז גראדע געלעגען א בריעף פונ'ם מאן פון יענער דאמע. דערזעהענדיג די האנדשריפט און פון וואַנען עס איז, איז נעכליודאָוו רויט געוואָרען און האָט דערפיהלט אין זיך אן ענטשלאָסענהייט ווי אין דער ערוואַרטונג פון א סכנה. אבער זיין מורא איז געווען אומזיסט: דער פרעדוואדיטעל האָט איהם בלויז בענאכריכטעט, דאס ענדע מאי וועט זיין אן עקסטרא זיצונג פון דער זעמסקער פערוואלטונג און עס וואלט געווען נויטיג ער זאָל אנוועזענד זיין; עס האנדעלט זיך אום דארפישע שוהלען איינצוריכטען און נאָך אזעלכע זאכען; דען אויב ער קומט ניט וועלען די רעאקציאָנערע מיטגליעדער פון זעמסטוואָ האָבען די אויבערהאנד אין די אלע פראגען.

דער פרעדוואדיטעל איז נעהמליך געווען א ליבעראל און ער איז אזוי געווען פערשלונגען אינ'ם קאמפף געגען דער רעאקציאָנערער פארטי, אז ער האָט גאָר ניט געקענט בעמערקען זיין אונגליק, די ענדערונג, וועלכע עס איז פארגעקומען אין זיין פאמיליען-לעבען.

נעכליודאָוו האָט זיך איצט עראינערט וועגען די אלע מינוטען פון קוואל, וועלכע ער האָט דורכגעלעבט, פיהלענדיג ווי אונגערעכט ער האנדעלט געגען דיעזען מענשען. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט אפילו אמאָל געפאנטאזירט, אז אָט רופט איהם דער פרעדוואדיטעל ארויס אויף א דועל און ער האָט ניט אנדערש גערעכענט, אז ער וועט אין פרעדוואדיטעל ניט שיסען; ער וועט בעסער אויסשיסען אין די לופט. איהם האָט זיך דאן אויך געדוכט, אז זי איז פערצווייפעלט, לויפט אין גארטען, פון דאָרט צום טייכעל מיט דעם אבזיכט צו טרינקען זיך און ער לויפט זי זוכען.

ער האָט זיך דערפאר בעשלאָסען צו מאכען אן ענדע. ניט צו פאָהרען, קיין זאך ניט צו טאָהן, ביז וואנען זי וועט איהם ניט

געבען אן ענטשיעדענעם ענטפער. ער האט איהר ערשט מיט א וואך צוריק געשריבען, דאס ער איז געווען איהר א שולדיגער, אבער ער רעכענט, אז יעדער פערבינדליכקייט צווישען זיי איז יעצט צו ענדע. אויף דיעזען בריעף ווארט ער דאס אן ענטפער. עס איז אפילו געווען א גוטער צייכען וואס דער ענטפער קומט ניט אזוי גיך; ווען זי וואלט בשום אופן ניט וועלען איינגעהן אויף א שיידונג צווישען זיי וואלט זי גלייך געענטפערט. נעבליו דאוו האט אויך געהערט, אז ביי דעם פרעדוואדיטעל געהט איצט איין עפעם אן אפיציער, וועלכער שארט זיך ארום איהר. דאס האט איהם פון איין זייט געפלאגט מיט אייפערזוכט און פון דער אנ־דער זייט האט עס איהם גראד געפרעהט, דען דאס וועט איהם געבען א מעגליכקייט פטור צו ווערען פון איהר.

דער צווייטער בריעף איז געווען פון דעם פערוואלטער פון זיינע גיטער. ער האט געשריעבען ניעבליודאוו'ן דאס ער מוז אליין זיין אויפ'ן פלאץ אום צו פערפעסטיגען זיין רעכט אלס יורש און אז זיין אנוועזענהייט איז אויך זעהר נויטהיג אום אויסצוארביי־טען א פלאן ווי די גיטער זאלען פערוואלטעט ווערען. עס וואלט א סך בעסער געלוינט — שרייבט דער פערוואלטער — אז די ערד, וועלכע עס בעארבייטען די פויערים, און קריגען דערפון א העלפט, זאל בעסער דורך געדונגענע בעארבייט ווערען. עס וואלט מעהר איינבריינגען. פאר איינע הוצאות האט דער פערוואלטער אויך געבעטען דעם פירסט אום ענטשולדיגונג וואס ער האט אבי־סעל פערשפעטיגט מיט דעם ארויסשיקען פון דריי טויזענד רובעל צום ערשטען מאי.

די אורזאכע פון דיעזער פערשפעטיגונג פון די געלד איז, וואס עס איז שווער איצט פון די פויערים אויפצומאנען די רענט פאר דער ערד; זיי זיינען געווארען אזוי ווילד אין זייער עקשנות ניט צו צאהלען, אז ער האט זיך געמוזט ווענדען צו רעגיערונגס־מיטלען. נעבליודאוו'ן האט דער בריעף געבראכט ליידען און פער־גניגען אין איין צייט. ער האט הנאה געהאט צו פיהלען זיך דער ווירטה פון אזוי פיעל גיטער, אבער עס איז איהם אויך

געוועזן אונאנגענעהם, דען אין זיין ערשטער יוגענד איז ער געוועזן א נאכפאלגער פון ספענסער, וועלכער בעהויפטעט אין זיין „סאשיעל סטעטיקס“ אז נאך דעם בעגריעף פון רעכט דארף קיין אייגענטהום אויף לאנד ניט עקזיסטירען.

דאן, אין יענע יונגע יאהרען, האט ער ניט נור געגלויבט אין דער טעאריע, אז אויף לאנד טאר ניט זיין קיין פריוואט־אייגענטהום, זאנדערן ער האט טאקע מיט אן אמת אוועקגעשיינקט דעם קליינעם טהייל ערד, וועלכער איז פערזענליך איהם געבליבען בירושה פון פאטער, צו די פויערים. ער האט ניט געוואלט פערמעגען לאנד; דאס איז געוועזן געגען זיינע איבערצייגונגען. איצט, ווען ער איז געווארען דער גרויסער בעזיצער פון דאס גאנצע לאנד, וואס איז איהם געבליבען בירושה נאך דער מוטער'ס טויט, בלייבט איהם איינענטליך צו טאהן איינס פון דיביידע, ענטוועדער ענטזאגען זיך פון זיין אייגענטהום, אדער איינשטימען שווייגענדיג, אז ער איז דער ווירטה און דערמיט פערלייקענען זיינע אמאליגע איבערצייגונגען.

דאס ערשטע האט ער ניט געקענט טאהן, דען אויסער דער ירושה האט ער קיין אנדערע מיטלען ניט געהאט צום לעבען. בעטרעטען א רעגיערונגס־שטעלע האט ער ניט געוואלט; און דא איז ער געוואהנט געווארען צו לעבען ברייט, אהן זארג, אין לוקסוס און אלעם פארטיגע. אפזאגען זיך פון דיעזען פערגעניגען האט ער ניט געקענט און עס וואלט טאקע געוועזן איבעריג, דען זיינע אמאליגע איבערצייגונגען זיינען שוין לאנג אבגעשוואכט געווארען; עס איז שוין ניט געוועזן יענער גלויבען, יענע קראפט פון ענטשלאסענהייט, יענער פערלאנג צו איבערראשען די וועלט, ווי עס איז געוועזן דער פאל אין דער יוגענד.

דאס צווייטע — לייקענען אין יענע בעווייזע געגען דאס רעכט פון אייגענטהום אויף לאנד, וועלכע ער האט אמאל אויסגעלערנט ביי ספענסער און דערנאך אין „פראגרעס ענד פאווערטי“ פון הענרי דזשארדזש, האט ער בשום אופן ניט געקענט.

און דער בריעף האט איהם געבראכט אונאנגענעהמליכקייט.

4.

ווען ער האָט אבגעטרונקען זיין קאפע, איז נעכליודאוו גע־גאנגען אין קאבינעט, כדי צו ערקונדיגען זיך וועגען דער פאַ־וועסטקע פון אקרוזשנאַי סוד, אין וועלכע שטונדע ער מוז שוין דאָרט זיין און אויך צו ענטפערען דער פירסטין קארטשאגין אויף איהר בריעף. גייענדיג צום קאבינעט איז נעכליודאוו'ן אויסגעקו־מען פארבייצוגעהן זיין ארבייטס־צימער. אין דיעזען צימער איז געשטאנען א מאלער־געשטעל מיט אן איבערגעקעהרטע אנגעפאנ־גענע בילד. דאס אנזעהן פון דיעזען בילד האָט איהם דערמאנט אויף דער אבגעלאָזענהייט, וועלכע ער האָט דערפיהלט אין דער לעצטער צייט, און ווי דאס האָט ביי איהם אבגענומען יעדע ענער־גיע צו צייכנען, צו מאָלען.

מיט זיעבען יאהר צוריק האָט ער אוועקגעווארפען זיין אמט מיט דעם בעשלוס, אז ער איז בערופען פון דער נאטור א צייכ־נער צו זיין, און ער האָט זיך בעטראכט אלס קינסטלער, וועלכער דארף מיט פעראכטונג קוקען אויף אלע אנדערע טהעטיגקייטען. איצט האָט זיך איהם געדוכט אז ער האָט קיין רעכט ניט צו בע־טראכטען זיך אלס קינסטלער. מיט פערדרוס האָט ער בעטראכט די אלע איינריכטונגען פון דיעזען ארבייטס־צימער און איז מיט שנעלע טריט אריין אין קאבינעט. דאס איז געווען א גרויסער, ליכטיגער צימער מיט אלערליי בעקוועמליכקייטען און בעפוצונ־גען.

אין טישקעסטעל פון גרויסען שרייב־טיש האָט ער געפונען די פאָוועסטקע, אין וועלכע עס איז געשריבען געווען, אז א זיי־גער 11 דארף ער זיין אין געריכט. ער האָט זיך געזעצט ענטפערן דער פירסטין קאָרטשאגין. האָט אנגעשריעבען אן ענטפער — צו־ריסען; אנגעשריעבען א צווייטען — צו קאלט, כמעט בעליי־דיגענד. ער האָט וויעדער צוריסען און האָט א דריק געטאָהן א קנעפעל אין וואנד. אין טיהר האָט זיך געוויזען דער לאקיי — אן אלטער מיט א טרויעריגען פנים.

— שיקט נאָך אַן איזוואָזטשיק, געפעליגסט.

— גלייך.

— וואַרט מען נאָך אויף אַן ענטפער פון די קאַרטשאַגינס? זאָג זיי, אַז איך וועל זעהן היינט זיין צו מיטאָג ביי זיי.

— גלייך.

עס איז אַפילו זעהר אונהעפליך, אבער איך קען ניט העלפען, איך קען איהר ניט שרייבען — האָט זיך נעכליודאָוו געטראַכט און ער איז געגאַנגען אָנטאָהן זיך צום אויסגעהן.

ווען ער איז אַרויס אויפ'ן גאַניק האָט שוין אויף איהם גע־וואַרט די בעקאַנטע דראָשקע מיט רעזינענע רעדער. דער איז־וואָזטשיק האָט זיך צו איהם אַ קעהר געטוהן מיט זיין געזונטען, פערברענטען נאַקען און האָט געזאָגט.

— און נעכטען האָב איך זיך ליידער פערשפעטיגט. איך בין געקומען צו פירסט קאַרטשאַגינ'ס הויז און דער שווייצער זאָגט מיר: „ערשט אַוועקגעפאָהרען".

„די איזוואָזטשיקעס ווייסען שוין אויך מיינע פערהעלטניסע צו די קאַרטשאַגינס" — האָט נעכליודאָוו אַ טראַכט געטאָהן, און אין זיין קאָפּ האָט זיך ערוועקט ווידער די פראַגע, מיט וועלכע ער איז געווען בעשעפטיגט אָפּט אין דער לעצטער צייט: זאָל ער הייראַטהען מיט פריילין קאַרטשאַגין אָדער ניט? איהם איז געווען שווער צו לייזען די פראַגע ווי אַלע אַנדערע פראַגען, וועלכע זיינען אין דער לעצטער צייט געשטאַנען ביי איהם צום ענט־שיידען.

הייראַטהען וואָלט לוינען ערשטענס שוין דערפאַר, ווייל די הייראַטה גיט די מעגליכקייט צו פיהרען אַ מאָראַלישען לעבען, — אַזוי האָט ער גערופען פאַמיליען־לעבען; צווייטענס, און הויפּט־זעכליך, גיבען פאַמיליע, קינדער אַריין אַ געוויסען זינען אין לע־בען, אַנשטאַט וואָס זיין איצטיגער לעבען איז אַזוי פּוסט. דאָס אַלעס איז געווען פאַר הייראַטה. דערפאַר אבער זיינען אויך גע־ווען אַרגומענטען געגען הייראַטהען: ערשטענס, די געוועהנלי־כע פורכט פון אַלע שוין ניט גאַר יונגע בחורים, זיי זאָלען ניט

פערליערען זייער פרייהייט. און צוווייטענס, די בלינדע פורכט פאר'ן געהיימען וועזען פון א פרוי. דאס איז געגען הייראטה בכלל.

די הייראטה פון מאריע קארטשאגין איז בעזאנדערס איז גע־וועזען פארטהיילהאפט, דערפאר ווייל זי האט זיך אין אלעס, פון איהר קליידונג ביז איהרע מאנערען אין ריידען, געהן, לאכען, אויסגעצייכענט פון איינפאכע מענשען; זי האט זיך אויסגעציי־כענט ניט מיט עטוואס בעזונדערעס, נאר מיט איהר „אנשטענ־דיגקייט" — ער האט קיין אנדער אויסדרוק ניט געהאט פאר דיזער אייגענשאפט, וועלכע זי בעזיצט און וועלכע ער האט זעהר הויך געשעצט. צווייטענס, האט זי איהם געשעצט העכער פון אלע אנדערע מענשען, און דאס הייסט דאך — איז ביי איהם אויס־געקומען — אז זי פערשטעהט איהם. און וויבאלד אז זי פער־שטעהט איהם, דאס הייסט, שעצט איהם מעהר פון אלע אנדערע, דאן צייגט עס דאך אז זי איז פערנינפטיג און קען אורטיילען גלייך.

אבער געגען הייראטהען מיט איהר איז געווען, ערסטענס, דאס, וואס איז אפשר מעגליך צו קריגען א פריילין, וועלכע האט נאך פיעל העכערע אייגענשאפטען אלס מאריע, און אזא וועט דאך זיכער מעהר ווערטה זיין צו זיין זיינע א פרוי; צווייטענס איז מאריע קארטשאגין שוין אלט געווען 27 יאהר און ווי קען דאס זיין זי זאל שוין ניט האבען געליעבט וועמען עס איז פריהער, — דיזער געדאנק האט בעזאנדערס געפלאגט נעכליודאוו'ן. זיין שטאלץ האט געליטען ביי דעם איין געדאנק, דאס זי האט אין דער פערגאנגענהייט דאך געקענט ליעבען אימיצען; דאס האט איהם בעליידיגט.

הכלל, עס זיינען געווען גענוג טעמים דאפיר און דאגעגען און ביידע זיינען געוועזן גלייך שטארק גענוג, אזוי דאס ביידע וואגשאלען האבען געהאט א גלייכגעוויכט און נעכלודאוו האט ניט געוואוסט ווי צו בעשליסען זיך.

„דערווייל, ווי לאנג איך האב נאך ניט בעקומען קיין אנט־ווארט פון דער פרעדוואדיטעלשע מאריע וואסיליעוונא, האב איך בליודאוו.

דאָך זיכער ניט וואס צו בעשליסען" — האָט זיך געטראַכט נע־
און איהם איז געווען אנגענעהם, וואס ער דאַרף און מוז
ווארטען ביז ער זאָל ענטשיידען אהין אדער אהער.

„עס איז נאָך דאַ צייט, איך וועל עס שוין דערנאָך גוט בע־
קלעהרען", — האָט ער צו זיך אליין געזאָגט, ווען די דראשקע
איז שוין צוגעפאהרען צום אקרוזשנאַי סוד, — „און דערווייל
דאַרף איך היינט עהרליך און געוויסענהאפט, ווי מיין שטיינער
איז ערפילען מיין געזעלשאפטליכע פפליכט, דאצו איז דאָך דאַ־
אמאָל אויך גאַנץ אינטערעסאַנט". און אזוי ריידענדיג צו זיך איז
ער אראָפּ פון דראשקע, איז אריין אין פאָדערצימער פון געריכט
פערביי דעם שטעהענדען שווייצאַר.

5.

די קאָרידאָרען פון אָקרוזשנאַי סוד זיינען געווען פול מיט
רעגונג און בעוועגונג, ווען נעכליודאָוו איז אריין. די געריכטס־
דינער זיינען ארומגעגאַנגען איילענדיג דאס אהין, דאָס אהער מיט
פאפיערען אין די הענד; אמאָהל זיינען זיי אויך אונטערגעלאָפען
פון גרויס איילענעס, אבער אזוי גלאטיג, לייכט, אזוי ווי זייערע
פיס וואלטען זיך ניט אנגעריהרען אן די דילען. ריכטער, אדוואקאַ־
טען, שרייבער, געשווארענע זיינען ארומגעגאַנגען דאַ און דאָר־
טען, געקומען און אוועק, אוועק און געקומען; מענשען מיט
פּראָשעניעס אין די הענד, אנגעקלאגטע אין בעוואכונג פון סאָל־
דאטען זיינען טרויעריג געזעסען לעבען די וואנט אדער זיינען גע־
שטאנען אנגעשפארט, ווארטענדיג.

— וואו איז דער אקרוזשנאַי סוד? האָט נעכליודאָוו א
פרעג געטאָהן איינעם פון די סטאָראָזשען.

— וועלכען ווילט איהר? עס איז דאַ די ציוויל־אבטיילונג
און קרימינעלע אבטהיילונג.

— איך בין א געשוואָרענער.

— איז דאס די קרימינעלע אבטהיילונג; האָט איהר דאך דאס גלייך טאקע געקענט זאגען. אהער רעכטס און דערנאך וועט איהר זיך א קעהר טאָהן לינקס און דארט וועט איהר אריין אין דער צווייטער טיהר.

נעבליודאוו איז געגאנגען ווי מען האָט איהם געזאגט.

לעבען דער אנגעוויזענער טיהר זיינען געשטאנען צוויי פערזאנען: איינער א הויכער, דיקער קופּעץ, א גוט־הארציגער מענשעל, וועלכער האָט, ווי עס האָט געשיינט, גוט אריינגענאסען און געזונד פּערביסען און פיהלט דערפאר גאנץ פרעהליך; דער אנדערער איז געווען א פּריקאשציק, קענטיג א איד. זיי זיינען געשטאנען און האָבען גערעדט וועגען די מקחים פון וואָל, ווען נעבליודאוו איז צוי זיי אונטערגעגאנגען און א פרעג געטוהן, אויב דאָ איז דאס דער צימער פאר די געשוואָרענע.

— דאָ, מיין הערר, דאָ. אויך הפנים אונזערער, א געשוואָרענער? — האָט לוסטיג און גוטהארציג א פרעג געטאָהן דער צופּריעדענער קופּעץ. און הערענדיג, אז יא, האָט ער אליין פארטגעזעצט.

— נו גוט, וועלען מיר טאקע אין איינעם א׳ן ארבייט טאָהן. איך האָב די עהרע, קופּעץ פון צווייטער גילדע באקלאשאָוו, — האָט ער אויסציהענדיג זיין ווייכע, ברייטע האנד, זיך פארגעשטעלט. — און מיט וועמען האָב איך דעם גליק?

נעבליודאוו האָט איהם געזאגט זיין נאמען און איז אריין אין צימער פאר די געשוואָרענע.

דאָס איז געווען א קליינער צימער; אין איהם האָבען זיך איצט איינגעפונען ביי א צעהן פּערזאָן, פערשיעדענע מינים מענשען. זיי זיינען אלע, ווי עס האָט אויסגעוויזען, נאר וואס געקומען; מאנכע האָבען זיך געזעצט, מאנכע האָבען געקוקט איינע אויף די אנדערע און געשלאָסען בעקאנטשאפט. איינער איז נאר דארט געווען א׳ן „עקס“ אין א מונדיר, די איבריגע זיינען אלע

געוועז ציווילנע געקליידעט, אין פידזשאקעז, אין סורטוקעז, איי־נער זאגאר אין א פאדיאָוועקע.

אויף יעדענס געזיכט איז געלעגען עפּעס א מין צופריע־דענהייט, ניט קוקענדיג דערויף וואס זיי האָבען דאך געמוזט אוועקוואַרפען זייערע געשעפטען און קומען אהער; די צופריע־דענהייט האָט געמוזט קומען פונ׳ם בעוואוסטזיין, אז זיי האָבען צו ערפילען א וויכטיגע געזעלשאפטליכע פפליכט.

די געשווארענע, נאך שליסען בעקאנטשאפט, האָבען גע־רעדט צווישען זיך וועגען דעם וועטער, וועגען דעם פריהען פריה־לינג, וועגען די בעפארשטעהענדע פראצעסען. מאנכע, וועלכע זיינען נאך ניט בעקאנט געוועזן מיט נעכליודאוו׳ן, האָבען געאיילט צו בעקאנען זיך מיט איהם, רעכענענדיג דאס פאר א בעזונדערע עהרע. נעכליודאוו האָט דערויף געקוקט ווי אויף עטוואס זעלבסט־פערשטענדליכעס. ווען אימיצער וואלט איהם א שטייגער א פרעג טאָהן פארוואס רעכענט ער זיך עפּעס פאר העכער פון דאס רוב מענשען, וואלט ער דערויף ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען, דען זיין גאנצעס לעבען האָט ניט געהאט אויפצוואוייזען וועלכע עס איז בעזונדערע פערדינסטען. עס האָט דאך ניט געקענט בע־שטעהן זיין גרויסקייט דערינען בלויז, וואס ער האָט גערעדט שעהן ענגליש, דייטש, פראנצויזיש און האָט געטראגען אזעלכע קלאהר־ווייסע וועש מיט רייכע קליידער. ער האָט אליין פערשטא־נען אז דערמיט אליין איז ניטאָ וואָס איבערצונעהמען זיך. פון דעסטוועגען האָט ער זיך דאך מחמת דעם געהאלטען העכער און האָט גערעכענט, אז איהם קומט א בעזונדער כבוד; ער האָט זיך אפילו געפונען בעליידיגט, ווען מען האט איהם אזא כבוד ניט אבגעגעבען.

דאָ, אין דעם צימער פון די געשווארענע, איז איהם טאקע אויסגעקומען צו ליידען אויך פון אזא און־כבוד. צווישען די גע־שווארענע האָט זיך נעמליך איינפונען איינער זיינער א בעקאנטער. דאס איז געוועזן פעטער גראסימאוויטש. זיין פאמיליע האָט נע־כליודאוו קיין מאָל ניט געדיינקט און האָט זיך אפילו געריהמט

דערמיט. דיזער פּעטער גערַאסימאָוויטש איז געווען אַ לעהרער אינ'ם הויז פון נעכליודאָוו'ס שוועסטער. איצט איז ער אַ לעה־רער אין גימנאַזיום.

נעכליודאָוו האָט איהם קיינמאָל ניט האַלט געהאַט פאַר זיין ניט זשענירען זיך און האַלטען זיך צו פאַמיליאַר מיט איהם. היינט לאַכט ער עפּעס אַזוי זעלבסטצופרידען און איז צופיעל פאַניבראַט מיט ניט אַ גלייכען.

— אהא, איהר זייט אויך דאָ אריינגעפאַלען — האָט ער אויסגעשריען מיט אַ געלעכטער צו נעכליודאָוו'ן — איהר האָט זיך הפנים ניט געקענט ארויסדרעהען?

— איך האָב גאַר אין זינען ניט געהאַט ארויסצודרעהען זיך — האָט אנגעבלאָזען און שטרענג געענטפערט נעכליודאָוו.

— נו, געווים, דאָס איז דאָך אַ בירגערליכע עהרע, אָבער וואַרט אָקאַרשט, איהר וועט זיך אַביסעל אויסהונגערן, און אפשר וועט מען נאָך ניט לאָזען שלאָפען אויך, וועט איהר שוין זינגען גאַר אַן אַנדער ניגון! — האָט נאָך שטאַרקער זיך צולאַכט פּעטער גערַאסימאָוויטש.

נעכליודאָוו'ן האָט אַזאַ האַלטונג ניט געשמעקט. דיזע אונ־געהובעלקייט! ער וועט איהם נאָך באַלד זאָגען אפשר „דו“, אַ קשיא אויף אַ לעהרער'ל, וועלכער איז נאָך דאַצו אודאי אַ גלח'ס אַ זוהן! און ביי נעכליודאָוו'ן האָט זיך אַזוי זויער־טרויעריג פערקרימט דער פּנים, אַקוראַט ווי מען וואָלט איהם נאָר וואָס אנזאָגען, אַז אַלע זיינע קרובים זיינען אויסגעשטאָרבען. ער איז אוועק פונ'ם אונערטרעגליכען לעהרער און איז צוגעגאַנגען צו אַ רעדעל מענשען, וואָס האָט זיך ארומגעשטעלט ארום אַ גלאַט־ראַזירטען, הויכען, רעספּעקטאַבלען העררן, וועלכער האָט געהאַל־טען אין דערצעהלען עפּעס מיט אַ בעזונדער לעבעדיגקייט. ער האָט דאָס נעמליך דערצעהלט וועגען אַ פּראָצעס, וועלכער ווערט געפיהרט איצט אין דער ציוויל־אָבטהיילונג פון אָקרוזשנאָי סוד; דעם פּראָצעס איז ער קלאָהר אויסווייניג און ער רופט אָן אַלעמען ביי די נעמען, די ריכטער און אַדוואָקאַטען, וועלכע נעהמען אין

איהם אנטהייל. ער דערצעהלט ווי דער בעריהמטער אדוואקאט האָט מיט אזא געניאַלע פעהיגקייט געגעבען א דרעה די גאנצע זאַך גאַר קאפּויר אזוי, אז די אלטע פּריצטע האָט נאָך געדארפט צוצאהלען דעם אנדער צד א גרויסע סומע כאָטש עס איז קלאהר ווי טאג, אז דאס וואס זי האָט געמאנט פון יענעם צד קומט איהר טאקע.

— אט דאס קען א געניאַלער אדוואקאט!

מען האָט די ערצעהלונג געהערט מיט א בעזונדערן רעס־פּעקט, און מאנכע האָבען זיך געגעבען מיה צו מאכען אויף זייערע בעמערקונגען דאבּיי, אבער דער גלאַט־געראזירטער פּנים האָט קיינעם ניט געלאָזט ריידען, ווייל נור ער אליין וויים א פּנים געגוי ווי די מעשה איז.

ניט קוקענדיג דערויף וואס נעבּליודאוו איז גענוג שפּעט גע־קומען, איז איהם נאָך אויסגעקומען צו ווארטען גאנץ לאנג. מען האָט געווארט אויף א צווייטען ריכטער, וועלכער איז נאָך ניט געקומען.

דער פּרעדסעדאטעל אליין איז געקומען פריה אין געריכט. ער איז געוועזען א הויכער, דיקער מאן, מיט גרויסע גראָהליכע באַ־קענבאַרדען. ער איז געוועזען א פערהייראטהער נאר האָט געפיהרט זעהר אַן אויסגעלאַסענעם לעבען, גאר אזוי ווי זיין פרוי. זיי האָ־בען איינער דעם אנדערן ניט געשטערט. היינט גראדע אין דער פריה האָט ער ערהאלטען א צעטעלע פון דער גאָווערנאַנטקע, וועלכע האָט ביי זיי אין הויז געוואהנט לעצטען זומער, אז זי פאהרט נאָך פּעטערבורג און האָט זיך אבגעשטעלט אויף א ווײלע דאָ אין שטאָדט; זי ערוואַרטעט איהם בכן צווישען 3 און 6 אוהר נאָכמיטאג אין האָטעל „איטאליען". דערפאר איז ער דאס געקו־מען בעצייטענס אין סוד אום פריהער אפּצופערטיגען די היינטי־גע זיצונג און ער זאל ביז 6 נאָך קענען בעזוכען די רויט־קאָפּי־גע, שעהנע קלארא וואסיליעוונא, מיט וועלכע עס האָט זיך ביי איהם ענטוויקעלט לעצטען זומער אויפ'ן דאטשע א גאנצער ראָמאַן.

6.

אריינגעהענדיג אין זיין קאבינעט, האָט ער פערמאַכט די טיהר און האָט ארויסגענומען פון שאפע צוויי גירעס, מיט וועל־כע מען מאכט גימנאַסטיק, און האָט אנגעהויבען מיט זיי צו מאַ־כען פערשיעדענע איבונגען; האָט אמאָל צוואנציג אויפגעהויבען די הענד מיט די שווערע אייזענס אין דער הויך, האָט זיי דער־נאָך מיט דערזועלבער לייכטקייט פאנאנדערגעפיהרט צוביידע זייטען, ארויף און אראב, און האָט זיך ענדליך צוגעזעצט האל־טענדיג אויסגעשטרעקט הויך איבערן קאָפּ די הענד מיט די שווע־רע געוויכט.

„קיין זאך האלט אזוי ניט אויף דאס געזונד, ווי ערפרישען דעם קערפּער מיט קאלטע בעדער און מאכען גימנאַסטיקע" — האָט זיך דער פּרעדסעדאַטעל געטראַכט. איהם איז נאר געבלי־בען צו מאַכען נאָך אַ פּאָר נויטיגע בעוועגונגען מיט די גירעס, ווי ער מאַכט יעדען אין דערפריה, ווען ער קומט אין געריכט; ער האָט אבער נאָך ניט צייט געהאט דיעזעס אויסצופיהרען, ווי אי־מיצער האָט אַ דריק געטאָהן די טיהר. הפנים אימיצער וויל אריין. ער האָט באלד אוועקגעלעגט צוריק אין שאַפע די גירעס און האָט געעפענט די טיהר, זאגענדיג.

— ענטשולדיגען זיי, ביטטע.

אין צימער איז אריינגעגאַנגען איינער פון די ריכטער אין גאָלדענע ברילען, ניט קיין הויכער, מיט אויפגעשטעלטע פּליי־צעס און פערוואָלקענטען פּנים.

— מאַטוויי ניקיטיטש איז דאָך ווידער ניטאָ — האָט דיע־זער ארויסגערעדט מיט אונצופריעדענהייט.

— נאָך ניטאָ? — האָט איבערגעפרעגט דער פּרעדסעדאַ־טעל, אָנטאָהנדיג דעם מונדיר — שטענדיג פערשפּעטיגט ער זיך.

— איך פערשטעה ניט, ווי ער שעהמט זיך דאס ניט — האָט דער צווייטער ריכטער מיט כעס ווייטער בעמערקט און ער האָט פערוויכערט אַ פּאַפּיראָס.

דיעזער צווייטער ריכטער איז פון דער נאַטור זעהר אַ פּינקט־

ליכער מענש. היינט אין דער פריה האָט ער זיך צוואווערטעלט מיט זיין צווייטע העלפט דערפאַר וואס זי האָט אויסגעבראַכט שוין דאס גאנצע געהאלט פאַר'ן מאָנאַט, בעפאָר נאָך דער מאָנאַט האָט זיך געענדיגט. זי האָט געפאָדערט, אז ער זאָל איהר שוין געבען פאַר דעם קומענדען מאָנאַט פאָראויס; ער איז אבער געבליבען פעסט ביי דאס זייניגע. ער וועט איהר נאָר געבען, ווען דער מאָנאַט קומט, ווי אבגעמאַכט. נון א סצענע. די ווייב האָט איהם פשוט געגעבען אנצוהערענעס, אז אויב אזוי, האָט ער ניט וואס צו קומען אהיים צו מיטאָג, ער וועט ניט געפינען וואס צו עסען. ער איז אוועקגעפאָהרען אין געריכט, אבער דאס האַרץ ציטערט איהם, זי זאָל טאקע ניט האַלטען וואָרט; פון אזא אשת־חיל קען מען אַלעם ערוואַרטען.

„היינט פיהר אויף אזא'ן אופן א מאָראַלישען לעבען" — האָט ער זיך געטראַכט, קוקענדיג אויף דעם געזונדען, אבגעפרעסענעם, גלאַנציגען און פריילּיכען פּרעדסעדאַטעל, וועלכער האָט מיט זיינע שיינע ווייסע פינגער פאַנאַנדערגעגלעט די ווייסע באַקענבאַרדען צוביידע זייטען פונ'ם אויסגענעהטען קראַגען פון זיין מונדיר. „ער איז אימער פריילּעך און צופריעדען און איך קוועל זיך נאָר".

דאַ איז אריין דער סעקרעטער און האָט געבראַכט עפּעס א פּאַפּיער.

— דאַנקע בעסטענס — האָט איהם העפליך געזאָגט דער פּרעדסעדאַטעל און האָט אויף פּעררויכערט א פּאַפּיראָס, — נו, ווי מיינט איהר, וועלּכען פּראָצעס פטר'ט מען פריהער?

— איך מיין, אז צום ערשטען זאָל געהן די פּערגיפטונג — האָט מיט א געשעפטליכע קאַלטקייט געענטפערט דער סעקרעטער.

— נו, פּערגיפטונג זאָל זיין פּערגיפטונג — האָט געענטפערט דער פּרעדסעדאַטעל, אויסרעכענענדיג, אז דאס איז אזא פּראָצעס, וועלּכען מען קען אב'פּטר'ען אין א וועלּכע עס איז 4 שטונדען, און ער וועט קענען באַצייטענס אוועקפאָהרען, — און מאַטוויי ניקיטיטש איז נאָך אַלץ ניטאָ?

— ניין נאך.

— און ברעווע איז שוין דא?

— דא, — האט געענטפערט דער סעקרעטער.

— טא זאגט איהם דאך, אז מיר ווילען אנהייבען פון דער פערגיפטונג.

ברעווע איז געווען דער נאמען פונ'ם געהילפס־פראקוראר, וועלכער איז געווען דער אנקלעגער אין דיעזער זיצונג פון אקרוזש־נאי סוד.

ארויסגעהענדיג פון פרעדסעדאטעל'ס צימער האט דער סעק־רעטער בעגעגענט ברעווע'ן. דיעזער לעצטער האט איצט געהאל־טען אין איין ארומשפאצירען איבער'ן קארידאר, מיט א צושפי־לעטען מונדיר, מיט דעם פארטפעל אונטער'ן פאכווע און וויגענדיג הין און צוריק זיין אראבגעהאנגענע האנד.

— מיכאאיל פעטראוויטש האט געפרעגט אויב איהר זייט פערטיג, — האט זיך צו איהם געווענדעט דער סעקרעטער.

— געוויס, ביי מיר איז עס אימער פערטיג, — האט גע־ענטפערט דער געהילפס־פראקוראר. — און וואס געהט צום ער־שטען?

— די פערגיפטיגונג.

— זעהר גוט, — האט געזאגט ברעווע; אין אמת'ן אבער האט עס איהם גאר ניט זעהר גוט געשמעקט, א גאנצע נאכט האט ער ניט געשלאפען. זיי האבען לעצטע נאכט בעגלייט א קאמע־ראד און מען האט אביסעל א לעב געטאן ביז א זייגער צוויי; ער האט נאך אפילו די פאפיערען פון דיעזען פראצעס גאר ניט גע־האט די מעגליכקייט איבערצוקוקען. מען דארף טאקע אט איצט גלייך כאטש א בליק טאהן אין זיי, און דא עפענט זיך שוין באלד דאס געריכט.

דער סעקרעטער האט איהם דאס אבגעטאהן מיט א כיון. ער האט געוואוסט, אז דער אסיסטענט־פראקוראר ברעווע האט נאך די פאפיערען וועגען דער פערגיפטונג ניט איבערגעזעהען און ער האט דערפאר געראטהען דעם פרעדסעדאטעל, מען זאל

דעם פּראָצעס אויפנעהמען צוערשט. דער סעקרעטער איז געווען א ליבעראל, בעסער א ראדיקאל; ברעווע איז דוקא געווען א קאָנסערוואטאר; דער סעקרעטער האָט איהם דערפאר ניט גע־קענט ליידען. אגב האָט ער טאקע אביסעל מקנא געווען איהם זיין גוטע שטעלע.

— און וואס וועט זיין מיט די סקאָפּצעס*)? — האָט א פרעג געטאָהן דער סעקרעטער.

— אה, איך האָב איך שוין געזאגט, אז איך קען איצט ניט לאָזען פערהאנדלען דיעזען פּראָצעס; איך קען ניט, די עדות זיינען דאָ ניטאָ. איך וועל אזוי ערקלערען פאר'ן געריכט.

— נו, דאס בלייבט זיך עגאל, צו עס זיינען דאָ די עדות, אדער...

— אבער איך קען ניט, זאג איך דאָך — האָט געענטפערט ווייטער דער אסיסטענט־פּראָקוראר און אלץ וויגענדיג די אראָבגע־האנגענע האנד הין און צוריק איז ער אריינגעלאָפען צו זיך אין קאבינעט.

דעם פּראָצעס פון די סקאָפּצעס האָט ברעווע אבגעלייגט ניט דערפאר ווייל עס האָט געפעהלט אן עדות, וועלכער איז געווען גאנץ ניט וויכטיג פאר דער בעשולדיגונג, נאר דערפאר, ווייל די געשווארענע אין דיעזער זיטצונג פון געריכט זיינען צו אינטעלי־גענט, און אינטעליגענטנע געשווארענע וועלען זיכער ערקלעהרען די אנגעקלאגטע פאר אונשולדיג. דערפאר האָט ברעווע מורא גע־האָט. ער האָט גע'פועל'ט ביי דעם פּרעזידענטעל, אז דיעזער פּראָצעס זאל אריבערגעטראגען ווערען אין דער זיצונג פון אויעזד־נעם אקרוזשנאָי סוד, וואו די געשווארענע וועלען זיין פּראָסטע פּויערים און ער האָט מעהר געקענט האָפען, אז די אנגעקלאגטע וועלען ארויס שולדיג.

אין קארידאר איז וואס ווייטער געווארען אלץ געדיכטער

*) סקאָפּצעס זיינען א רעליגיעזע סעקטע אין רוסלאנד, וועלכע די רעגיערונג פערפאָלגט.

און בעוועגליכער. די מענשען האבען זיך געשטויסען לעבען דעם זאאל פון ציוויל־אבטהיילונג, וואו עס האט זיך פערהאנדעלט דער אינטערעסאנטער פראצעס, וועגען וועלכען דער גלאט־געראזירטער געשווארענער האט עס פריהער אזוי לעבעדיג דערצעהלט מיט אלע איינצעלהייטען. מען האט דארטען איצט געהאלטען ביי עטליכע מינוטען אפרוה, און די אלטינקע, ביי וועלכע דער געניאלער אדוואקאט האט דורך א געזעצליכען איינפאל געוואונען, ניט נאר דאס וואס זי האט פונ׳ם אנדער צד געמאנט, נאר אויך נאך איהר גאנצען ביסעל פערמעגען, איז איצט ארויסגעגאנגען אויף א ווייל אין קאררידאר. אלע האבען געוואוסט, אז זי האט נעביך רעכט, אז זי פערלירט אומזיסט; די ריכטער האבען דאס אויך געוואוסט, און ווער רעדט דער צווייטער צד און דער אדוואקאט; ווער האט דאס נאך געוואוסט אזוי ווי זיי! אבער דאס האט מיט דער זאך ניט צו טאהן. דער געניאלער אדוואקאט האט אזוי א קעהר געטאהן דעם עסק פון דעם שאכער־מאכער, וועלכער האט איהם געדונגען צו פיהרען דעם פראצעס, אז די ריכטער האבען נישט געקענט העלפען און האבען לויט׳ן געזעטץ געמוזט צו׳פסק׳ענען, אז אלעס קומט דעם שאכער־מאכער.

די אלטינקע איז געווען א דיקע פרוי אין א יו״ט׳דיגע קלייד מיט אפולע בלומען אויפ׳ן היטעל. ארויסגעהענדיג אין קאררידאר האט זי גע׳טענה׳ט צו איהר אדוואקאט, צופיהרענדיג אין פערצווייפלונג איהרע קורצע, דיקע הענד: „טא ווי זשע איז דאס, הא? זאגט מיר, איך בעט אייך, ווי אזוי זשע איז דאס עפעס?“ דער אדוואקאט האט געקוקט אויף דער היטעלע, אויף די גרויסע בלומען און האט געשוויגען. ער האט גאר נישט געהערט; ער איז געווען צוטראגען.

גלייך נאך דער אלטינקער האט זיך געוויזען אין טיהר, ארויסגעהענדיג שנעל, דער בעריהמטער אדוואקאט פון צווייטען צד, א צופריעדענער, א גלענצענדער; ער האט דאס געוויזען די קונץ, אז דער שאכער־מאכער, וועלכער האט איהם געגעבען 10 פראצענט פון דעם עסק, האט געוואונען פאר גאר נישט איהרע

הונדערט טויזענד רובעל. אלעמענס בליקען זיינען געווען געווענ־
דעט אויף דעם אדוואקאט, און ער האָט דאס געפיהלט; זיין
גאנצער אויסזעהן און זיין בליק האָבען עפּעס אזוי ווי געזאגט:
„עס זיינען ניט נויטיג קיינע בעווייזע פון אנערקענונג און איבער־
געבענהייט, דאָס איז פערשטענדליך פון זעלבסט“.

7.

ענדליך איז מאַטוויי ניקיטיטש געקומען, און דער סודעבני
פּריסטאַוו, א דארער מענש מיט א לאנגער האלז, וואס געהט נור
מיט א זייט, איז אריין אין צימער פון די געשוואָרענע.

דיעזער סודעבני פּריסטאַוו איז געווען אן עהרליכער מאַן,
האָט געענדיגט אן אוניווערזיטעט; ער האָט אבער בשום אופן
ניט געקענט האלטען זיך לאנג אויף א פּלאַץ, ווייל ער איז געווען
א געפעהרליכער שיכור. דעם פּלאַץ פון א סודעבני פּריסטאַוו האָט
איהם מיט דריי מאָנאטען צוריק צוגעשאַפט א געוויסע גרעפין,
וועלכע האָט אימער מיטלייד געהאט אויף זיין פרוי און האָט
איהר געטאָהן טובות. ער איז זעהר גערן געווען פון אזא פּלאַץ
און האָט זיך אויף איהם געהאלטען דערוויל.

— נו, מיינע הערען, שוין אלע דאָ? האָט ער געפרעגט,
אנטאָהנדיג זיין פּענסנע און קוקענדיג ניט דורך די גלעזער, נאר
אריבער.

— דוכט זיך, אז אלע — האָט פרעהליך געענטפערט דער
קופּעץ.

— לאָמיר אקאָרשט זעהן — האָט געזאגט דער סודעבני־
פּריסטאַוו און האָט אנגעהויבען אויסצורופען די נעמען נאך דער
ליסטע און האָט א קוק געטאָן אויף יעדען איינעם, וואס האָט זיך
אבגערופען, אמאָל אריבער די ברילען און א מאָל דורך די גלעזער.

— שטאאטס־ראטה י. א. ניקיפאָראָוו.

— איך — האָט זיך אבגערופען דער רעספּעקטאבלער הערר,

וועלכער האָט פריהער געוויעזען, אז ער וויים די געשעפטען פון געריכט.

— אויסגעדינטער פּאָלקאָווניק איוואן סעמיאָנאָוויטש איוואנאָוו.

— היער, — האָט געענטפערט א מאָגערער מענשיל אין א מונדיר פון אן אויסגעדינטען.

— קופּעץ פון צווייטער גילדע פּיאָטר באקלאשאָוו.

— אויפ'ן פּלאַץ, פּארטיג, — האָט זיך מיט א פרעהליכען שמייכעל אפּגערופען דער גוטמוטהיגער קופּעץ.

— פירסט דמיטרי ניעכליודאָוו, פּארוטשיק פון גווארדיע.

— איך, — האָט רוהיג געענטפערט נעכליודאוו.

דער סודעבני פּריסטאוו האָט מיט א בעזונדער העפליכקייט א קוק געטאָהן אויף נעכליודאוו'ן פון איבער די ברילען און האָט זיך א נייג געטאָהן, א מין צייכען, אז ער איז עפּעס גאר אנדערס, ניט אזוי ווי אלע.

— קאפּיטאן יורי דמיטראוויטש דאנטשענקא; קופּיעץ גריגאָרי יעפימאוויטש קולישאוו, א. ז. וו., א. ז. וו.

אלע זיינען געווען אנוועזענד, אויסער צוויי האָבען געפעהלט.

— איצט, מיינע העררן, זייט אזוי גוט און קומט אין זאאל — האָט מיט אן אנגענעהמער מינע, צייגענדיג צו דער טיהר געזאגט דער פּריסטאוו.

אלע האָבען זיך א רוק געטאָהן און זיינען דורכגעגאנגען איינציגווייז דורך דער טיהר, זיינען דורך דעם קאָרידאר און זיינען אריין אין געריכטס-זאאל.

דער געריכטס-זאאל איז געווען א גרויסער, לאנגער צימער. איין טהייל פון דעם צימער איז געווען העכער. מען האָט אהין געדארפט ארויפגעהן אויף דריי טרעפּלעך. אין מיטען פון דיעזען העכערען טהייל איז געשטאנען א טיש בעדעקט מיט א גרינעם געוואנד, פון וועלכען עס זיינען ארָאבגעהאנגען פון די זייטען טיש דונקעל-גרינע פרענז.

הינטער'ן טיש זיינען געשטאנען דריי פוטעלען מיט הויכע

דובאָווע, געשניצטע הינטער־ווענטלעך, צו אנשפּארען זיך. אין ווינקעל, צו דער רעכטער האנד, איז געשטאנען אן אויל־לאָמפּ און א בילד פון קריסטוס אין א דארן־קראנץ. צו דער לינקער האנד איז געשטאנען דער טישעל פון דעם סעקרעטער, און נידריגער, נעהנטער צום פּובליקום — איבערגעצאמט מיט דובאָווע סטאָ־כעטלעך — איז געווען די באנק פאר די אנגעקלאגטע.

נעבען דער רעכטער וואנד זיינען געשטאנען צוויי ציילען מיט שטוהלען, אויך מיט הויכע ווענדלעך, דאס זיינען געווען די פּלעצער פאר די געשווארענע. נידריגער אביסעל — צוויי טישלעך פאר די פערטהיידיגער.

דאס אלעס איז געווען אין דעם פאדערסטען העכערען טהייל פון זאאל, וועלכער איז אויך געווען אפּגעצאמט. דער ניעדריגער טהייל איז געווען אין גאנצען אויסגעשטעלט מיט ביינק, וועלכע זיינען געגאנגען אין ציילען, וואס צום טיהר אלץ העכער ביז צו דער הינטערשטער וואנד.

אויף דער פאָדערשטער פון דיעזע ביינק זיינען געזעסען פיער פרויענצימער; פאבריק־ארבייטערינס אדער הויז־דינסטען זיינען דאָס הפּנים געווען, און צוויי מאנסלייטע, אויך הפּנים ארבייטער: זיי האָבען זיך געפּיהלט אראָבגעפאלען פון דיעזען הערליכען גלאנץ פונ׳ם גרויסען זאאל און זיי האָבען קוים הערבאר זיך אי־בערגעשעפּטשעט איינער מיט דעם אנדערן וועגען עפּעס.

גלייך נאָך די געשווארענע האָט זיך דער פּריסטאוו אריינ־געכוקט אין געריכט־זאאל, אלץ נעהענטער מיט א זייט, האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען זאאל און האָט מיט א הויכער שטי־מע, ווי צו דערשרעקען אלעמען, אויסגעשריען:

— דאס געריכט קומט!

אלע האָבען זיך א שטעל געטאהן; פון דער זייטען־טיהר, נאָהענט פון פאדערסטע וואנט, זיינען ארויסגעקומען די ריכטער: פאראויס דער פּרעדסעדאטעל מיט זיינע געזונטע גליעדער און שעהנע באקען־בארדען; נאָך איהם דער טרויעריגער ריכטער מיט די גאָלדענע ברילען; ער איז איצט געווען נאָך טרויערי־

גער פון פריהער, דען מיט א ווײלע צוריק איז אין גערינכט געווע זײן שוואגער, א קאנדידאט אויף ריכטער־שטעלע, און האט איהם דערצעהלט, אז די שוועסטער האלט זיך נאך פעסט ביי איהר סטראשונעק און זי האט אנגעזאגט, אז ער האט ניט וואס צו קו־מען אהיים צו מיטאג. זי וועט קיין זאך ניט הייסען קאכען.

— דאס הייסט, מיר וועלען מוזען אריין אין א שײנקעל, הא? — האט מיט א געלעכטער דאביי בעמערקט זײן שוואגער.

— וואס איז דאס אזוינס צום לאכען? — האט איהם גע־ענטפערט דער טרויעריגער ריכטער און איז נאך טרויעריגער גע־ווארען.

צום לעצטען איז ארוים דער דריטער ריכטער, דער זעלבי־גער מאטוויי ניקיטיטש, וועלכער פלעגט זיך אימער פערשפעטיגען.

דיעזער ריכטער האט געהאט נעביך א מאגען־קאטער און האט געליטען פון שטענדיגע עצירות; הײנט אין דערפריה האט ער אויף דער פעראָרדנונג פון דאקטאר, אנגעהויבען א נײעם קורס פון פראוװען נקיות, און דיעזער נײער קורס האט איהם אויפגעהאלטען אין דערהיים נאך לײנגער איידער אלע מאל.

איצט, ווען ער איז אריין אין גערינכט זאאל, איז ער געווען שטארק פערטראכט וועגען עפעס. ער האט נעמליך געהאט א גע־וואהנהייט צו וועלען לייזען פראגען דורך ווארפען גורל, דורך סימנים. איצט האט ער דאס געהענדיג געווארפען גורל: אויב די צאהל פון טריט, וועלכע ער וועט מאכען פון טיהר ביז זײן ריכטער־שטוהל, וועט זיך טהײלען אקוראט אויף דרײ, אין א סימן, אז דער נײער קורס וועט איהם זיכער אויסהײלען פון זײן קראנק־הייט, און אויב ניט, איז א סימן אז ניט. צום אונגליק זײנען אויסגעקומען אקוראט 26 טריט, ער האט אבער אויסגעמארקירט לפחות א פיצינקען טריטעלע ביים שטוהל און עס זײנען געווארען 27 טריט. ער האט זיך רוהיגער געזעצט.

די פערזענליכע ערשײנונג פונ׳ם פרעדסעדאטעל און די ריכ־טער אין זײערע מונדירען מיט גאלדענע קראגענס און קנעפ האט געמאכט א טיעפען אײנדרוק אויף אלעמען. זיי האבען דאס אליין

געפיהלט און זיי האָבען זיך געזעצט בכבוד'יג אין זייערע שטוה־לען מיט די אויגען אראבגעלאָזען. אויף דעם גרינעם טיש איז גע־לעגען ריינע שרייב־פּאַפּיער און בלייפעדערס גרויסע און קליינע, אלע נור וואס פערשפּיצט.

דער געהילפס־פּראָקוראָר איז אויך אריין צוזאמען מיט די ריכטער. ער איז געגאנגען שנעל, די האנד האָט זיך געוויעגט ווי פריהער, מיט דעם פּאָרטפעל אונטער'ן פּאַכווע, איז צוגעגאנגען צו זיין פּלאַץ לעבען פענסטער און האָט גלייך זיך גענומען דורכ־קוקען די פּאַפּיערען, ביז וואנען עס וועט קומען צו וואָס, כדי בעסער צו בעקאנען זיך מיט דעם פּראָצעס.

דער פּראָקוראָר האָט דאס ערשט געהאט אין זיין גאַנצער פּראַקטיקע דעם פיערטען פּראָצעס, אין וועלכען ער איז געווען דער אנקלעגער. ער איז געווען זעהר זעלבסטליעבענד און האָט זיך פעסט בעשלאָסען צו מאכען א קאריערע; דערפאר האָט זיך איהם געוואלט ניט אנדערש, דאס אין יעדער פּראָצעס, וואו ער איז דער אנקלעגער, זאל דער אנגעקלאגטער פעראורטיילט ווערען.

בכלל האָט ער געוואוסט די געשיכטע פון דער פערגיפטונג און אין קאָפּ האָט זיך שוין ביי איהם אויסגעארבייט א פּלאן פון זיין רעדע; ער האָט נור איצט געוואלט וויסען לפחות א ביסעל פּרטים פון דעם פערברעכען און ער איז שנעל געלאָפען מיט די אויגען איבער די פּאַפּיערען און האָט אלץ פערצייכענט און פער־צייכענט.

דער סעקרעטער איז געזעסען נעבען דער אנטקעגענדיגער וואנד; ער האָט שוין אלע פּאַפּיערען געהאלטען אנגעגרייט ביים האנד, און האָט דערוייל, ביז וואנען וואס, גענומען זיך דערלעזען א'ן ארטיקעל, וועלכען איהם האָט זיך געוואלט וויסען ביז'ן סוף, דען ער האָט גערעכענט א שמועס צו טאן וועגען דיעזען ארטיקעל מיט דעם ריכטער מיט'ן גרויסען באָרד, וועלכער האָט עהנליכע אנזיכטען צו זיינע.

8.

דער פּרעדסעדאַטעל האָט איבערגעקוקט די פּאַפּיערען, האָט װעגען עפּעס א פרעג געטאָהן דעם סודעבני פּריסטאַװ און דעם סעקרעטער און האָט דערנאָך געהייסען אריינפיהרען די ארעס־טאַנטען. די טיהר מיט אייזערנע גראַטעס האָט זיך באַלד אָן עפען געטאָהן און צװיי זשאַנדאַרמען מיט בלױזע שװערדען זיינען אריין און נאָך זיי די אַנגעקלאַגטע: איין מאַנספּערזאָן, א רױטער מיט פּרישצעס אויפ׳ן צורה, און צװיי פרויען.

דער רױטער איז געגאַנגען אנגעטאָהן אין אן ארעסטאַנט־סקען כאַלאַט, א צו לאַנגער און צו ברייטער פאַר איהם. אריינ־געהענדיג האָט ער געהאַלטען די פינגער פון האַנד צושפּרייט, כדי דער לאַנגער ארבעל זאָל זיך ניט אראָבלאָזען איבער׳ן האַנד. ער האָט אין קיין זייט ניט געקוקט, נאָר אויף דער באַנק, לעבען װעלכע ער איז געגאַנגען, האָט ער געקוקט אויפמערקזאַם.

צוקומענדיג צום ברעג פון באַנק, האָט ער זיך געזעצט, לאַ־זענדיג פּלאַץ פאַר די איבעריגע, און האָט באַלד איינגעטרונקען זיך מיט די אויגען אין דעם פּרעדסעדאַטעל און זיינע באַקען האָ־בען זיך געשאָקעלט נערװעז, אזוי װי ער װאָלט עפּעס שעפּטשען.

נאָך איהם איז אריינגעגאַנגען אן עלטערע פרוי, אויך אין אן ארעסטאַנטסקען כאַלאַט. איהר געזיכט איז געװען װייסלעך־גרוי, און א פּאָר רױטע אויגען אָהן ברעמען. זי האָט געשיינט צו זיין זעהר רוהיג. װען זי האָט געדאַרפט צוגעהן צו איהר פּלאַץ האָט זיך איהר כאַלאַט עפּעס פארצעפּעט; זי האָט זיך אבגע־שטעלט, האָט איהם רוהיג אבגעצעפּעט און האָט זיך געזעצט אויף איהר פּלאַץ.

די דריטע איז געװען מאַסלאָװא.

װי זי איז נאָר אריין, האָבען אלע מאַנסלייט, װאָס זיינען גע־װען אין זאַאַל, אויסגעשטעלט אויף איהר זייערע אויגען און א לאַנגע צייט האָבען זיי זיך ניט געקענט אברייסען פון איהר װייַ־סען געזיכט מיט די שװאַרצע, גלאַנציגע אויגען און דער הויכער ברוסט, אויסגעפּילט אונטער כאַלאַט.

אפילו דער זשאנדארם, לעבען וועלכען זי איז פארבייגעגאנגען, האָט פון איהר ניט געקענט אראבנעהמען זיינע אויגען און האָט אויף איהר געקוקט ביז זי האָט זיך אוועקגעזעצט; דאן האָט ער זיך אזוי ווי געכאפּט, אז ער טהוט אן עולה, האָט זיך אבגעקעהרט, אבגעטרייסעלט זיך און האָט גענומען קוקען אויף דעם פענסטער אנטקעגען איהם.

דער פרעדסעדאטעל האָט געווארט ביז די ארעסטאנטען האָבען פערנומען זייערע פלעצער, און ווי נאר מאסלאווא האָט זיך געזעצט, האָט ער א וואונק געטאָהן צום סעקרעטער.

עס האָט זיך אנגעהויבען די געוועהנליכע סדרה: איבערצעהלען די געשווארענע, אויסרעכענען די וואס זיינען ניט ערשיענען און שטראפירען זיי, אבלאָזען די, וועלכע האָבען זיך אבגעבעטען און אויספילען די צאָהל, וועלכע איז נויטיג.

דערנאָך האָט דער פרעדסעדאטעל צונויפגעלעגט די קליינע צעטלעך, האָט זיי אריינגעווארפען אין א גלעזערנער וואזע און פערקאשערענדיג עטוואס דעם ארבעל פון מונדיר, האָט ער אנגעהויבען ארויסציהען אייניציגווייז די צעטלען, האָט אויפגעוויקעלט יעדען און איבערגעלעזען. האָבענדיג פערטיג אלע געשווארענע, האָט ער געהייסען, אז דער גלח זאל זיי געבען די שבועה.

דער אלטער גלח, מיט א געשוואלענעם בלייך־געלבען פנים, אין א ברוינער ריזע מיט א גאלדענעם צלם אויפ'ן ברוסט און נאָך עפּעס א קליינעם מעדאל צוגעצעפּעט נעבען ברוסט, איז לאנגזאם צוגעגאנגען מיט זיינע געשוואָלענע פיס צום הייליגען בילד מיט'ן אויל־לאמפּ. די געשווארענע זיינען איהם נאכגעגאנגען. ער האָט אנגעטאָהן זיין נויטיגע לענטע, האָט פערריכט די שיטערע האָר אויפ'ן קאָפּ און האָט זיך דאן געווענדעט צו די געשווארענע.

— הויבט אויף די רעכטע האנד און די פינגער שטעלט אויס אָט אזוי אָ, — האָט ער זיי געזאגט, ווייזענדיג ווי זיי דארפען צונויפלייגען די פינגער אין איין הייפעל, — איצט זאגט: איך פערשפּרעך און איך שווער ביי דעם אלמעכטיגען, ביי דעם היילי־

גען עוואנגעליום און געטליכען קרייץ, אז אין דעם משפט, אין וועלכען... — האָט דער אלטער ארויסגערעדט ווארט ביי ווארט.

דער רעספעקטאבלער הערר מיט די באקען־בארדען, דער פּאָלקאָווניק, דער קופּעץ און אנדערע האָבען געהאלטען די הענד און די פינגער אזוי ווי דער אלטער גלח האָט געהייסען, און האָבען עפּעס מיט א בעזונדערן חשק נאכגעזאגט אין דער הויך ווארט ביי וואָרט; מאנכע האָבען עס געטאָהן מיט א האלבען מויל, אָהן חשק. איינינע האָבען געזאגט עפּעס ווי אימיצען אויף צו להכעים הויך, די צווייטע האָבען געשעפּטשעט שעמעדיג, זיינען געבליבען הינטערשטעליג, האָבען געמוזט אניאָגען און האָבען זיך פערשפּעטיגט; די ערשטע האָבען מיט כח צונויפגעקוועטשט די פינגער, שטארק, גאנץ שטארק, און ביי די אנדערע פלעגען זיי זיך אין מיטען צושפּרייטען, ווי פאנאנדערגעשאטען, און זיי פלע־גען זיי אלע ווײלע קוים אויפקלייבען.

איבערגעקומען די שבועה, און דער פּרעדסעדאטעל האָט גע־הייסען די געשווארענע, זיי זאלען אויסקלייבען צווישען זיך אן עלטסטען. די געשווארענע האָבען זיך, כמעט שטויסענדיג, אריינ־גערוקט אין זייער בעזונדער בעראטהונגס־צימער, וואו זיי האָ־בען זיך גלייך א נעהם געטאָהן רויכערן.

אימיצער האָט פארגעשלאגען, אז פאר אן עלטסטען זאל מען אויסקלייבען דעם רעספּעקטאבלען הערר, דעם זעלבען, וואס ווייס די אלע מעשות פון געריכט און אלע זיינען טאקע תוך כדי דבור געווען איינפערשטאנדען, האָבען אוועקגעווארפען די שטיקלעך פּאפּיראסען און זיינען אריין צוריק אין זאאל. דער אויסערוועהל־טער עלטסטער האָט ערקלעהרט דעם פּרעדסעדאטעל, אז ער איז ערוועהלט געווארען און זיי האָבען זיך א לאָז געטאָהן צו זייערע פּלעצער, אבטרעטענדיג איינער דעם אנדערן די פיס, זיי האָבען זיך צוזעצט אויף זייערע שטוהלען מיט די הויכע ווענטלעך.

אלעס איז געגאנגען אזוי ווי געשמירט, גיך, און דאָך מיט צערעמאָניע; אלע אנטהיילנעהמער האָבען הנאה געהאט, זיי האָ־

בען בעגריפען אז זיי ערפילען דאך דאָ עפּעס א וויכטיגע געזעל־שאפטליכע פפליכט; דאס האָט אויך געפיהלט נעבליודאוו.

ווי נאר די געשווארענע האָבען זיך געזעצט אויף זייערע פּלעצער, האָט דער פּרעדסעדאטעל פאר זיי געהאלטען א רעדע וועגען זייערע רעכטע, וועגען זייערע פּפליכטען און זייער פער־אנטווארטליכקייט. האלטענדיג זיין רעדע, האָט דער פּרעדסעדא־טעל יעדע ווײַלע געביטען זיין פּאָזע: דאס האָט ער זיך אנגע־לעהנט מיט דעם עלענבויגען פון דער רעכטער האנד אויפ׳ן טיש, דאס האָט ער זיך אנגעשפּארט מיט׳ן פּלייצע צום ווינקעל פון זיין שטוהל, א ווײַלע האָט ער זיך אנגעלעהנט אויף איין זייט שטוהל, א ווײַלע אויף דער אנדער זייט, האָט אין מיטען אבגעקנייטשט די ברעגען פון די פּאפּירען אויפ׳ן טיש, האָט אנגעטאפּט די בליי־פעדער א פּאָר מאָל, א. ז. וו.

די רעכטע פון די געשווארענע, ווי ער האָט ערקלערט, זיי־נען בעשטאנען דעריין, וואס זיי מעגען דורך איהם שטעלען פרא־גען צו די אנגעקלאגטע, מעגען האלטען א בלייפעדער און פּאפּיר און מעגען זיך צוקוקען צו זאכליכע בעווייזע. זייערע פּפליכטען בעשטעהען אין דעם, וואס זיי טאָרען ניט אורטיילען פאלש, זאנ־דערען וואהרהייטליך. זייער פּעראנטווארטליכקייט בעשטעהט דעריין, וואס אויב זיי גיבען איבער די סודות פון געריכט צו אי־מיצען, וועלען זיי געמשפּט ווערען אלס פערברעכער.

אלע האָבען זיך צוגעהערט מיט רעספּעקטפולער אויפמערק־זאמקייט. פון דעם לעבעדיגען קופּעץ האָט זיך געלאזט הערען דער שטארקער ריח פון משקה; ער האָט געשלונגען אין זיך זיי־נע גרעבצען, זיי זאלען זיך ניט צו הויך ארויסרייסען און האָט אויף יעדער ווארט פון פּרעדסעדאטעל צוגעשאָקעלט איינשטימיג מיט׳ן קאָפּ.

9.

ווען זיין רעדע איז געווען געענדיגט האָט זיך דער פּרעדסע־דאַטעל געווענדעט צו די אנגעקלאַגטע.

— סעמיאָן קאַרטינקין, שטעלט זיך, — האָט ער געהייסען.

סעמיאָן האָט נערוועז אַ שפּרונג געטאָהן, די מוסקולען פון זיינע באַקען האָבען נאָך שטאַרקער אנגעהויבען ציטערן.

— אייער נאָמען ?

— סעמיאָן פּעטראָוו קאַרטינקין, — האָט דער אַרעסטאַנט שנעל געענטפערט מיט אַ רייסענדיגער שטימע. ער האָט זיך וואהרשיינליך צוגעגרייט שוין צו דעם ענטפער.

— פון וועלכען שטאַנד ?

— אַ פּויער.

— פון וועלכער גובערניע, פון וועלכען אויעזד ?

— טולער גובערניע, קראַפּיווענסקען אויעזד, קופּיאַנסקי וואָ־לאָסט, פון דאָרף באָרקי.

— ווי אַלט זייט איהר ?

— פיער און דרייסיג, איך בין געבאָרען אין טויזענד אכט־הונ...

— פון וועלכען גלויבען ?

— אונזער גלויבען איז דער רוסישער, דער פּראַוואָסלאַוו־נער גלויבען.

— פערהייראַטה ?

— ניין.

— וואָס איז אייער בעשעפטיגונג ?

— מיר זיינען געווען בעשעפטיגט אין קאָררידאָר פון האָ־טעל „מאַווריטאַניא".

— האָט איהר שוין געהאַט אויף זיך אַמאָל משפּטים ?

— קיין מאָל זיינען מיר ניט געווען פערמשפּט, ווארום מיט האָבען געלעבט...

— קיינע משפּטים ניט געהאַט ?

— זאל גאט אויסהיטען, קיין מאָל ניט.

— האָט איהר בעקומען א קאָפּיע פון אנקלאגע־אקט?

— בעקומען.

— זעצט זיך. יעפימיא איוואנאוונא באַטשקאָווא, — האָט זיך דער פּרעדסעדאטעל געווענדעט צו דער צווייטע ארעס־טאנטקע.

אבער סעמיאָן איז נאך אלץ געשטאנען און האָט פערשטעלט באַטשקאָווא.

— קארטינקין, זעצט זיך!

קארטינקין איז נאך אלץ געשטאנען.

— קארטינקין, זעצט זיך!

אבער קארטינקין איז געשטאנען. ער האָט זיך דאן געזעצט, ווען צו איהם איז אונטערגעלאָפען דער פּריסטאוו, האלטענדיג דעם קאָפּ אויף א זייט און פאנאנדערגעעפענט די אויגען, און האָט איהם א שעפּטשע געטאָהן: אוועקזעצען זיך, זיצען!

קארטינקין האָט זיך שנעל א זעץ געטאָהן, אזוי ווי ער האָט זיך פריהער שנעל א שטעל געטאָהן. ער האָט זיך איינגעקנייטשט אין כאלאט, און זיינע באקען האָבען אלץ געשאקעלט זיך.

— אייער נאָמען? — האָט מיט א זיפץ אוים מידקייט זיך געווענדעט דער פּרעדסעדאטעל צו באַטשקאָווא, ניט קוקענדיג אויף איהר און ברייננענדיג די פּאַפּיערען אין ארדנונג. ער איז שוין געווען אזוי געוועהנט מיט דיזער ארבייט, אז ער האָט גע־קענט טאָהן אין איהר צוויי זאכען אין איין צייט.

באטשקאווא האָט געענטפערט, אז זי איז 43 יאהר אלט, איז א מעשצאנקע פון קאָלאָמנע, אז זי איז אויך געווען א דינסט אין קאָרידאר פון האָטעל „מאוריטאניא"; האָט אויף זיך קיין מאָל קיין משפּטים ניט געהאט; א קאָפּיע פון דער אנקלאגע האָט זי בעקומען.

באטשקאָווא האָט געענטפערט אויף אלעם דרייסט און מיט אזא טאָן, אזוי ווי זי וואלט עפּעס צו יעדער ענטפער זאגען: „טאקע נו, אמת, אזוי רופט מען מיך, יא, יעפימיא, און באטש־

קאווא, און א קאפּיע האָב איך בעקומען, און איך בין שטאָלץ דע־רויף, און לאָבען פון זיך לאָז איך ניט".

זי האָט ניט געוואַרט ביז דער פּרעדסעדאַטעל וועט איהר הייסען זעצען זיך און האָט זיך אַליין אוועקגעזעצט, ווי די פראַגען האָבען זיך געענדיגט.

— אייער נאָמען? — האָט דער פּרעדסעדאַטעל זיך געווענ־דעט צו דער דריטער אַרעסטאַנטקע, — איהר דאַרפט זיך שטעלען, — האָט ער אַביסעל זאַנפטער געזאָגט, זעהענדיג אַז מאַסלאָווא זיצט.

מאַסלאָווא האָט זיך מיט א לייכטער בעוועגונג אויפגע־שטעלט און האָט אויסגעשטעלט איהר הויכע ברוסט, זייענדיג פערטיג צו פאָלגען. זי האָט געשוויגען, קוקענדיג מיט איהרע גרויסע, שוואַרצע אויגען, אין וועלכע עס האָט געשפּיעלט א שמיי־כעל גלייך דעם פּרעדסעדאַטעל אין פּנים.

— ווי רופט מען אייך?

— אמאָל האָט מען מיך גערופען ליובאָוו, — האָט זי גיך א זאָג געטאָהן.

נעכליודאָוו האָט אונטערדעסען אַנגעטאָהן זיין פּאַנסנע און האָט געקוקט אויף די אַנגעקלאַגטע, ווען דער פּרעדסעדאַטעל האָט זיי אויסגעפרעגט.

„אָבער עס קען דאָך ניט זיין", — האָט ער זיך געטראַכט, איינקוקענדיג זיך גוט אין דער אַרעסטאַנטקע — און ליובאָוו גאָר, וואָס הייסט עפּעס ליובאָוו? האָט זיך איהם געטומעלט אין קאָפּ, הערענדיג איהר ענטפער.

דער פּרעדסעדאַטעל האָט געוואָלט ווייטער אויספרעגען, אָבער דער טרויעריגער ריכטער אין די ברילען האָט זיך צו איהם צוגעבויגען און האָט עפּעס בייז א שעפּטשע געטאָהן. דער פּרעד־סעדאַטעל האָט א שאָקעל געטאָהן איינשטימיג מיט'ן קאָפּ און האָט איבערגעפרעגט די אַרעסטאַנטקע:

— ווי אַזוי רופט מען אייך ליובאָוו? איהר זייט דאָך פער־שריעבען אַנדערש.

די ארעסטאנטקע האָט געשוויגען.

— איך פרעג אייך, ווי איז אייער ריכטיגער נאָמען?

— אייער טויף־נאָמען ווי איז? — האָט א פרעג געטאָן דער בייזער ריכטער אין די ברילען.

— מען האָט מיך אמאָהל גערופען קאטערינא.

„זאל דאס מעגליך זיין", — האָט צו זיך אליין געשעפטשעט נעכליודאוו, און עס איז אין דער אמת'ן ביי איהם שוין גאר מעהר קיין צווייפעל ניט געוועזן אז דאס איז זי, און קיינע אנדערע, זי דיעזעלביגע מיידעל, אין וועלכע ער איז א מאָל געוועזן פערליעבט, טאקע פערליעבט מיט אן אמת, און דערנאך האָט ער עפּעס אזוי וואהנזיניג־ליידענשאפטליך איהר פערפיהרט און אוועקגעווארפען; דערנאָך האָט ער פון איהר מעהר קיין מאָל ניט געהערט, דערפאר ווייל ער פלעגט ליידען, ווי ער פלעגט זיך דערמאנען וועגען איהר. דיעזע עראינערונג איז פאר איהם געוועזן אליין זיך א פּאטש אין פּנים צו געבען; ער, אזא שטאָלצער מיט זיין „אנשטענדיג־קייט", האָט געקענט האנדלען אזוי ניעדריג, אזוי אונאנשטענדיג געגען דיעזער פרוי!..

יא, דאס איז געוועזן זי. ער האָט איצט דערקענט אין איהר יענע אונבעשטימטע אבזונדערונג וועלכע אונטערשיידעט איין מענשען פון דעם אנדערן און מאכט איהם צו דאס, וואס ע ר איז און ניט קיין צווייטער. ניט קוקענדיג דערויף, וואס איהר געזיכט איז אזוי אונגאטירליך וויים און פול, איז אין איהר גע־בליבען די אמאָליגע ליבליכקייט, א געשמאקע ליבליכקייט מיכן וועלכע דאס געזיכט האָט זיך אויסגעצייכענט; היינט דיעזע גלאנציגע, עטוואס קרימליכע אויגען, און הויפּטזעכליך דיעזער אונשולדיגער, שמייכלענדער בליק און דער אויסדרוק פון פערטיג־קייט, בערייטקייט אין געזיכט און אין דער גאנצער פיגור.

— אזוי האָט איהר געדארפט גלייך זאגען, — האָט מיט א בעזונדער ווייכקייט געזאגט צו איהר דער פּרעדסעדאטעל, — און אייער פאטער'ס נאמען?

— איך בין אן אונגעזעצליך־געבארענע, — האט ארויסגע־רעדט מאסלאווא.

— דאך ווי רופט איהר זיך נאך אייער טויף־פאטער?

— מיכאילאָוונא.

„וואס האט זי אזוינס געקענט טאָהן?" — האט זיך אלץ געדרעהט ביי נעכליודאוו'ען אין מוח. ער האט שווער געאטהעמט.

— אייער פאמיליע? — האט דער פּרעדסעדאטעל ווייטער געפרעגט.

— מאסלאָווא.

— פון וועלכען שטאנד?

— א מעשצאנקע.

— פון פּראוואסלאוונעם גלויבען?

— יא, פון פּראוואסלאוונעם.

— אייער בעשעפטיגונג? מיט וואס האט איהר זיך בעשעפטיגט?

מאסלאווא האט געשוויגען.

— מיט וואס האט איהר זיך בעשעפטיגט?

דער פּרעדסעדאטעל האט איבערגעפרעגט נאך א מאָל.

— איהר ווייסט דאך אליין, — האט געזאגט מאסלאווא, האט עטוואס א שמייכעל געטאָהן, האט געווארפען א בליק אויף אלעמען און האט דערנאך ווייטער גענומען קוקען און געזאגט דעם פּרעדסעדאטעל.

עטוואס משונה'דיגעס איז געווען אין דעם אויסדרוק פון איהר געזיכט, און אימה און רחמנות זיינען געווען אין איהרע ווערטער, אין דיעזען שמייכעל, אין דעם שנעלען בליק, מיט וועלכען זי האט א קוק געטאָהן ארום זיך, דאס דער פּרעדסעדאטעל האט געמוזט אראָפּלאָזען די אויגען און אין זאאל איז געווארען שטיל ווי אויף א בית עולם.

אימיצער פון פּובליקום האט א לאך געטאָהן און האט אי־בערגעריסען די שטילקייט, נאך אימיצער האט א שעפּטשע גע־

טאַהן: ששש... דער פּרעדסעדאַטעל האָט אויפגעהויבען די אויגען און האָט אנגעהויבען פּאַרטזעצען.

— האָט איהר געהאַט ווען אויף זיך משפּטים?

— ניין, — האָט זי מיט אַ לייכטען זיפץ געענטפערט.

— אַ קאַפּיע פון דער בעשולדיגונג ערהאַלטען?

— ערהאַלטען.

— זעצט זיך — האָט געזאָגט דער פּרעדסעדאַטעל.

די ארעסטאַנטקע האָט זיך געזעצט, אויפהויבענדיג עטוואָס פון איין זייט איהר קלייד, ווי עס איז דער שטייגער פון עלעגאַנט געקליידעטע דאַמען, און זי האָט אלץ די אויגען ניט אראָבגענו־מען פון פּרעדסעדאַטעל.

עס האָט זיך אנגעהויבען די אויסרופונג פון עדות און אַ דע־באַטע איבער דעם מעדיצינישען עקספּערט. נאָך דעם האָט דער סעקרעטער אנגעהויבען לייענען דעם בעשולדיגונגס־אַקט, ער האָט געלעזען הויך און קלאָהר, אבער אזוי שנעל אז עס האָט געקלונ־גען ווי אַ הויכער רויש.

די ריכטער האָבען זיך אנגעשפּארט דאָס אויף דער רעכטער דאָס אויף דער לינקער האַנד, האָבען פערמאַכט די אויגען און ווייטער געעפענט, האָבען זיך אַ פּאָר מאָל איבערגעשעפּטשעט איינער מיט דעם צווייטען. איין זשאַנדאַרם האָט עטליכע מאָל געוואָלט אבגענעצען זיך, אבער האָט זיך איינגעהאַלטען.

ביי קאַרטינקין האָבען זיך ניט אויפגעהערט צו שאָקלען די באַקען. באָטשקאָווא איז געזעסען רוהיג און גלייך און האָט נאָר עטליכע מאָל זיך אַ קראַץ געטאָהן די פּאָטילניצע מיט איין פינגער.

מאַסלאָווא איז געזעסען אונבעוועגליך, האָט געהערט וואָס מען לעזט און האָט פון מאָל צו מאָל אַ ציטער געטאָהן, אזוי ווי זי וואָלט וועלען אבלייקענען דאָס געלעזענע; דערנאָך האָט זי זיך אבגעזיפצט, רויט ווערענדיג, האָט זיך ארומגעקוקט און האָט ווייטער אויסגעשטעלט איהרע אויגען אויף דעם לעזער.

נעבליודאוו איז געזעסען אין דער ערשטער רייהע פון די געשוואָרענע, און האָט נאכאנאנד געקוקט דורך זיין פענסנע אויף מאסלאווע'ס פנים. אין איהם איז פארגעקומען א פיעלפאכער, מאטערנדער קאמפף.

10.

דער בעשולדיגונגס־אקט האָט אזוי געלויטעט: דעם 17טען יאנואר ...18 יאהר איז פלוצלונג געשטארבען אין דעם האָטעל „מאווריטאניא" דער קופעץ פון צווייטער גילדיע פעראפאָנט יע־מעליאנאוויטש סמעלקאָוו.

דער פאליציי־ארצט פון פערטען קווארטאל האָט געפונען, אז זיין טויט איז פעראורזאכט געווארען דורך א הארץ־שלאג, וועל־כער איז געווען א פאָלגע פון צופיעל געברויכען שטארקע גע־טראנקען.

סמעלקאָוו'ס קערפער איז בעערדיגט געווארען.

אין עטליכע טעג ארום נאָך דעם האָט זיך פון פעטערסבורג צוריקגעקעהרט דעם פערשטארבענעם'ס פריינד, דער קופעץ טי־מאָכין. ווען ער האָט זיך דערוואוסט אונטער וועלכע אומשטענדען זיין פריינד און לאנדסמאן איז געשטארבען, איז איהם די זאך פאָרגעקומען זעהר פערדעכטיג. ער האָט ערקלערט דער פאליציי זיין פערדאכט, אז סמעלקאָוו האָט געמוזט פערגיפטעט ווערען מיט דעם צוועק צו רויבען זיין געלד.

דיעזער פערדאכט איז אונטערשטיצט געווארען דורך אומ־שטענדען, וועלכע האָבען זיך ארויסגעוויזען ביי דער אונטערזו־כונג. די אונטערזוכונג האָט אויסגעפונען, דאָס: 1) סמעלקאָוו האָט א קורצע צייט פאר זיין טויט געצויגען פון באנק די סומע פון 3.800 רובעל, וועהרענד אין דעם אייגענטהום פון דעם טויטען האָט מען געפונען ניט מעהר ווי 312 רובעל מיט 16 קאָפּיקעס. 2) דעם גאנצען טאָג און די נאכט פאר זיין טויט האָט סמעלקאָוו פערבראכט מיט דער מיידעל ליובקע (יעקאטערינא מאסלאווא)

אין איהר וואהנונג און אין דער גאסטיניצע „מאווריטאניא“, וואו־הין זי איז געקומען אויף זיין אויפפאָדערונג. 3) ווען סמעלקאוו מיט ליובקא'ן זיינען געקומען אין האָטעל „מאווריטאניא“, האָט די לעצטע אויף דעם פאָרשלאג פונ'ם דינער קארטינקין געגעבען סמעלקאָוו'ן צו טרינקען א גלעזעל קאָניאק, אין וועלכען זי האָט אריינגעשאָטען א ווייסען פּראָשיק, וואָס קארטינקין האָט איהר געגעבען.

4) אויף מארגען נאָך דעם האָט די מיידעל ליובקא (יעקאַ־טערינא מאסלאָווא), פערקויפט צו איהר ווירטהין, ראזאנאווא, א בריליאנטענעם פינגערל, וועלכער האָט בעלאנגט צו סמעלקאוו'ן, זאגענדיג אז סמעלקאוו האָט איהר דעם פינגערל געשיינקט פאר א מתנה.

5) די האָטעל־דינערין, יעפימיא באָטשקאָווא, האָט אריינ־געטראגען אין קאמערץ־באנק און איינגעלייגט אויף איהר אייגע־נעם נאמען א סומע פון 1.800 רובעל.

די גערעצליך־מעדיצינישע אונטערזוכונג פון דעם פערשטאָר־בענעם'ס קערפּער האָט אויסגעפונען פאלגען פון פערגיפטונג אין די איינגעווייט פונ'ם טויטען, וואס דאס ווייזט, אז סמעלקאוו איז טאקע געשטארבען פון פערגיפטונג.

די אנגעקלאגטע אין דעם פערברעכען: מאסלאווא, באטש־קאווא און קארטינקין האָבען זיך ניט אנערקענט פאר שולדיג, ער־קלערענדיג: 1) מאסלאווא, — אז זי איז טאקע אמת געווען אינ'ם צימער פון סמעלקאוו'ן אין האָטעל „מאווריטאניא“, אבער דאס האָט זי אהין געשיקט נאָך געלד דער קופּעץ סמעלקאוו אליין און ער האָט דאס איהר געגעבען דעם שליסעל; אז זי האָט מעהר ווי 40 רובעל פון טשעמאָדאן ניט גענומען אזוי ווי סמעלקאוו האָט איהר געהייסען, דאָס קענען עדות זאגען קארטינקין און באָטשקאָווא, וועלכע זיינען געווען דערביי, ווען זי האָט דאָס געלד גענומען.

וויטער האָט דיזע אנגעקלאגטע, מאסלאווא, בעוויעזען, דאס זי האָט טאקע איינגעגעבען, סמעלקאוו'ן ווען זי איז דעם

צוויטען מאָל געווען אין נומער, א גלעזעל קאניאק מיט'ן ווייסען פּראָשיק, אבער זי האָט געמיינט, אז דאס איז נאר א שלאָף־טרונק; אזוי האָט איהר געזאגט קארטינקין, ווען ער האָט גע־הייסען דאס איינגעבען סמעלקאָוו'ן. זי האָט נאר געוואונשען, ער זאל איינשלאָפען און זאל זי מעהר ניט מאטערן. דעם רינגעלע האָט איהר געשיינקט סמעלקאָוו אליין נאך דעם ווי ער האָט איהר געגעבען עטליכע קלעפּ און זי האָט זיך פונאנדערגעוויינט און געוואלט פון איהם אוועקגעהן. ער האָט איהר דאס געשיינקט כדי זי זאל מיט איהם בלייבען ווייטער.

יעפימיא באטשקאָווא האָט בעוויזען, אז זי ווייס פון קיין זיך ניט, ווייס ניט פון קיינע פערפאלענע געלדער, איז אין נומער פון סמעלקאָוו'ן ניט אריין, דאָרט האָט נאר געמאכט פאראָנד־קעס ליובקא אליין, און אויב עס זיינען ביים קופּעץ געגנב'עט גע־ווארען געלדער, איז דאס די ארבייט פון ליובקא'ן אליין, וועלכע האָט געמוזט נעהמען דאס געלד, ווען זי האָט געעפענט מיט'ן שליסעל דעם טשעמאדאן.

ווען עס איז געקומען צו דיעזע ווערטער אין בעשולדיגונגס־אקט, האָט מאסלאָווא א ציטער געטאָהן, האָט געעפענט דאס מויל און האָט א שטארקען קוק געטאָהן אויף באטשקאָווא.

דער סעקרעטער האָט געלעזען ווייטער:

— ווען מען האָט געוויעזען דער אנגעקלאגטער, יעפימיא באטשקאָווא, איהר רעכנונג אין באנק אויף 1800 רובעל און מען האָט זי געפרעגט: פון וואנען האָט זיך גענומען צו איהר אזוי פיעל געלד? האָט די אנגעקלאגטע געענטפערט, אז דאס געלד איז איהרע אייגענע פערדינטע צוזאמען מיט קארטינקין אין צייט פון 12 יאהר ארבייט אין האָטעל; דאס האָבען זיי צוזאמען אבגע־שפּארט מיט דעם צוועק צו הייראטהען.

סעמיאן קארטינקין האָט צום ערשטען בעוויזען, פון זיין צד, אז ער האָט צוזאמען מיט באטשקאָווא גערויבט דאס געלד פון סמעלקאָוו'ן און זיי האָבען זיך צוזאמען מיט מאסלאָווא צו־טהיילט, דען זי האָט דאס זיי אנגערעדט דערצו.

דאָ האָט ווידער מאסלאווא א ציטער געטאָהן, איז אפילו אויפגעשפרונגען פון פּלאץ, איז רויט געווארען שרעקליך און האָט עפּעס אנגעהויבען ריידען אויפגערעגטערהייט. דער סודעבני פּרי־סטאוו איז אבער צו איהר צוגעלאפען און האָט זי ניט געלאזט ריידען.

דער סעקרעטער האָט ווייטער געלעזען.

— קארטינקין האָט זיך אויך מודה געווען פון אנפאנג, אז ער האָט דאס געגעבען צו מאסלאווא די ווייסע פּראָשקעס, איינצו־שלעפערען דעם קופּעץ.

דעם צווייטען מאָל אבער האָט קארטינקין חרטה געהאט אויף זיינע ערשטע בעווייזע — האָט אבגעלייקענט, אז ער האָט גענו־מען וועלכען ניט איז אנטייל אין גנב'ענען דאס געלד און אין גע־בען די פּראָשקעס צו סמעלקאוו'ן און האָט די גאנצע שולד ארויפ־געווארפען נאר אויף מאסלאווא אליין.

וועגען דאס געלד, וועלכע באטשקאָווא האָט איינגעלייגט אין באנק האָט קארטינקין בעוויזען, אויך אזוי ווי באטשקאווא, אז דאס האָבען זיי צוזאמען אנגעזאמעלט אין דער צייט פון 12 יאהר, וואס זיי דינען אין האָטעל.

דער שלום פונ'ם בעשולדיגונגס־אקט איז געווען פאלגענדער:

„אין אנבעטראכט פון אלעם דעם, וואס איז אויבען געשריע־בען געווארען, ווערען די אנגעקלאגטע, סעמיאן קארטינקין 33 יאהר אלט, יעפימיא באָטשקאָווא, 43 יאהר אלט, און יעקאטע־רינא מאסלאווא, 27 יאהר אלט, געשטעלט פאר'ן געריכט און בע־שולדיגט דעריין, דאס זיי דריי האָבען דעם 17טען יאנואר...188 יאהר, דורך א פאראויס־אבגעמאכטען פּלאן, בערויבט דעם קופּעץ סמעלקאוו אין 2,500 רובעל און האָבען מיט א כיון איהם אנגע־טרונקען מיט סם, פון וואס עס האָט געפאלגט סמעלקאוו'ס טויט.

„דיעזער פערברעכען איז אנגעוויעזען געווארען אין 4 און 5 פונקטען פון 1453 ארטיקעל פון שטראף־קאדעקס. לויט דיעזע פונקטען און אויפ'ן גרונד פון ארטיקעל 201 פון דעם קאָדעקס פאר קרימינאל געריכט ווערען אונטערווארפען די אנגעקלאגטע,

סעמיאן קארטינקין, יעפימיא באטשקאווא און יעקאטערינא מאסלאווא דעם אורטייל פון אקרוזשנאַי סוד מיט דעם אנטהייל פון געשווארענע".

דערמיט האָט דער סעקרעטער געענדיגט לעזען דעם לאנגען בעשולדיגונגס־אקט, האָט צונויפגעלייגט די גרויסע בויגענס פאַפיער און האָט זיך געזעצט אויף זיין פּלאַטץ, פערריכטענדיג מיט ביידע הענד זיינע האָאר. אלע האָבען לייכטער אויפגעאטהעמט מיט דעם אנגענעהמען בעוואוסט זיין, אז די אונטערזוכונג הויבט זיך גלייך אן און דער אמת וועט ארויפשווימען, ווי אויל אויפ'ן וואסער, און די גערעכטיגקייט וועט בעפרידיגט ווערען.

נאר איין נעכליודאוו האָט דאס ניט געפיהלט: דער שרעקליכער געדאנק, צו וואס עס איז געקומען אט דיזעלביגע מאסלאַווא, וועלכע ער האָט געקענט פאר א ליעבליכעס, אונשולדיגעס מעדכען מיט א יאהר צעהן צוריק, האָט איהם אין גאנצען פערשלונגען.

11.

ווען עס האָט זיך געענדיגט דאס לעזען פון בעשולדיגונגס־אקט, האָט זיך דער פּרעדסעדאטעל בעראטהען מיט די אנדערע צוויי ריכטער און האָט זיך געווענדעט צו קארטינקינען מיט אזא מינע, אזוי ווי ער וואלט פּשוט געזאגט: נו איצט וועלען מיר אלעס גלייך זעהען אזוי קלאָר ווי טאָג.

— סעמיאן קארטינקין, — האָט דער פּרעדסעדאטעל אנגעהויבען, צובייגענדיג זיך צו דער לינקער זייט.

סעמיאן קארטינקין האָט זיך אויפגעהויבען, האָט אויסגעצויגען ביידע הענד גלייך מיט דעם נאָט פון די הויזען, ווי א סאָלדאט, און האָט מיט'ן גאנצען קערפּער א בויג געטאָהן צו פאָרענט, ניט אויפהערענדיג צו שאָקלען מיט די באקען.

— איהר ווערט בעשולדיגט דעריין, דאס אם 17טען יאנואר

...188 יאהר, האָט איהר צוזאמען מיט יעפימיא באָטשקאָווא און יעקאטערינא מאסלאָווא ארויסגע׳גנב׳עט פון קופּעץ סמעלקאָוו׳ס טשעמאָדאן געלד, וועלכע האָבען איהם געהערט און האָט דערנאך געבראכט סם און דערלאנגט מאסלאווא׳ן, זי זאל דאס איהם געבען אין שנאפּס טרינקען, פון וואס ער איז געשטארבען. זייט איהר זיך מודה, אז איהר האָט דאָס געטאָן? — האָט דער פּרעדסעדאטעל אבגעזאגט און האָט זיך צוריק א בייג געטאָהן אויף דער רעכטע זייט.

— וואו זאלען מיר דאס טאָהן אזעלכע זאכען, מיר האָבען דאך אונזער ארבייט צו בעדיענען געסט...

— דאס וועט איהר דערנאך דערציילען. זייט איהר זיך מודה אדער ניט?

— ניין, ווי אזוי זאלען מיר...

— דערנאך, דערנאך. זייט איהר זיך מודה? — האָט רוהיג, אבער מיט א פעסטע שטימע איבערגעפרעגט דער פּרעדסעדאטעל.

— ווי קען איך גאר טאָהן אזא זאך, ווארום אז...

דער סודעבני פּריסטאוו איז דא ווידער אונטערגעשפּרונגען צום ארעסטאנט און האָט מיט א טראגישען שעפּטשען איהם אב געהאלטען אין מיטען די ווערטער.

דער פּרעדסעדאטעל האָט זיך איצט אנגעלעהנט מיט׳ן עלענבויגען אויפ׳ן טיש, מיט א מינע, וועלכע האָט אויסגעדריקט, אז, מיט קארטינקינען האָט ער שוין דעם עסק פערטיג און האָט זיך געווענדעט צו באטשקאווא.

— יעפימיא באָטשקאָווא, איהר ווערט בעשולדיגט, דאָס איהר האָט דעם 17טען יאנואר ...188 צוזאמען מיט סעמיאן קארטינקין און יעקאטערינא מאסלאָווא גע׳גנב׳עט געלד און א רינגעלע פון קופּעץ סמעלקאוו׳ס א טשעמאָדאן און האָט איהם דערנאך פער׳סם׳ט מיט דעם צוועק צו פערדעקען אייער פערברעכען. זייט איהר זיך מודה, אז איהר זייט שולדיג אין דיזען פערברעכען?

— איך בין ניט שולדיג אין קיין זאך — האָט פעסט און

דרייסט א זאג געטאָהן באטשקאווא, — איך בין אין נומער ניט אריין... נור דיעזע פאסקודסטווע איז אריין אהין און זי האָט דאס אליין אלץ געטאָהן...

— דאס וועט איהר דערנאך דערצעהלען, — האָט ווייך בע־מערקט וויעדער דער פּרעדסעדאטעל, — דאס הייסט, אז איהר ערקלעהרט זיך פאר אונשולדיג?

— ניט איך האָב גענומען דאס געלד און ניט איך האָב איהם אנגעזויפען מיט סם און איך בין גאר אין נומער ניט געווען. ווען איך וואלט דארטען זיין, וואלט איך זי ארויסגעווארפען.

— איהר ערקלערט זיך אלזאָ פאר ניט שולדיג?

— ניין, קיין מאָל ניט.

— זעהר גוט.

— יעקאטערינא מאסלאווא, — האָט זיך געווענדעט דער פּרעדסעדאטעל צו דער דריטער אנגעקלאגטע — איהר ווערט בע־שולדיגט דעריין, דאס איהר זייט געקומען אין האָטעל „מאווריטא־ניא" און האָט מיט דעם שליסעל פון קופיעץ סמעלקאוו ארויסגע־נומען פון זיין טשעמאדאן זיין געלד און א רינג, — דא האָט זיך דער פּרעדסעדאטעל ניט איבעררייסענדיג די אייגענע ווערטער צו־געבויגען מיט'ן אייער צו איינעם פון די ריכטער און צוגעהערט זיך, ריידענדיג ווייטער ווי אן אויסגעלערנטע לעקציאן אויף אויס־ווייניג.

דער סוד, וואס דער ריכטער אין די ברילען האָט איינגערוימט איצט דעם פּרעדסעדאטעל, איז געווען, דאס עס פעהלט צווישען די זאכליכע בעווייזע די גלעזעל, אין וועלכער עס איז סמעלקאוו'ן איינגעגעבען געווארען די גיפט.

— ארויסגענומען פון טשעמאדאן דאס געלד און א רינג — האָט איבערגעזאגט וויעדער דער פּרעדסעדאטעל — און איהר האָט זיך צוטיילט מיט די אנדערע צוויי אנגעקלאגטע מיט דער גניבה, דערנאך זייט איהר וויעדער געקומען אין נומער און האָט געגעבען סמעלקאָוו'ן א גלעזעל קאָניאק מיט גיפט, פון וואס עס האָט גע־פאלגט זיין טויט, זייט איהר זיך מודה אין דיעזען פערברעכען?

— איך בין אין קיין זאך ניט שולדיג, — האט שנעל אנגעהויבען זאגען מאסלאווא — ווי איך האב פון אנפאנג שוין געזאגט, אזוי זאג איך אויך איצט: איך האב נישט גענומען, נישט גענומען און נישט גענומען; איך האב קיין זאך ניט גענומען, דעם פינגערל האט ער מיר אליין געשייקנט.

— אלזא איהר רעכענט זיך פאר שולדיג אין גנב'ענען די 2,500 רובעל? האט איבערגעפרעגט דער פרעדסעדאטעל.

— איך זאג דאך, איך האב קיין זאך ניט גענומען, אויסער 40 רובעל.

— נון און אין דעריין, וואס איהר האט געגעבען סמעלקאוו'ן סם אין קאניאק, זייט איהר זיך מודה?

— דעריין בין איך זיך מודה, אבער איך האב געמיינט, אז דאס זיינען אונשעדליכע פראשקעס; אזוי האט מען מיר געזאגט, אז זיי זיינען נור צום איינשלאפען, איך האב קיין אבזיכט ניט געהאט און האב ניט געוואלט קיין זאך. איך זאג אייך ווי פאר גאט אליין, איך האב איהם קיין זאך ניט געוואלט טאהן, — האט זי געזאגט.

— אלזא אין גנב'ענען דאס געלד און דעם פינגערל ערקלערט איהר זיך פאר ניט שולדיג, נאר אין איינגעבען איהם די פראשקעס זייט איהר זיך יא מודה?

— אזוי איז דאס, וואהרשיינליך, אז איהר רופט דאס מודה זיין זיך אבער איך האב דאך געמיינט, אז דאס זיינען נור צום שלאפען. איך האב זיי איהם נור געגעבען צום איינשלאפען, — ווייטער האב איך דאך קיין אבזיכט ניט געהאט און ניט געוועלט האבען.

— זעהר גוט, — האט געענטפערט דער פרעדסעדאטעל מיט צופריעדענהייט פון דעם ערשטען רעזולטאט, — נון, דערצעהלט אונז דאך, ווי די געשיכטע איז צוגעגאנגען; דערציילט אלעם אפענהערציג. איהר וועט דורך דעם לייכטער מאכען אייער שטראף — האט ער צו איהר געזאגט גאנץ ווייך און האט זיך ווייטער אנגעשפארט מיט'ן עלען-בויגען אויפ'ן טיש.

מאסלאווא האט איהם אלץ געקוקט גלייך אין די אויגען און האט געשוויגען.

— דערצעהלט, ווי אזוי איז עס געווען?

— ווי אזוי געווען? — האט פלוצלונג און שנעל אנגעהויבען מאסלאווא — איך בין געקומען אין האטעל, האט מען מיך אריינגעפיהרט אין נומער, דארטען איז ער געווען, און ער איז געווען זעהר בעזויפען. (זי האט מיט א מין שרעק אין איהר שטימע ארויסגערעדט דאסווארט „ער"). איך האב געוואלט אוועק, אבער ער האט ניט געלאזען.

זי איז מיט איין מאל ענטשוויגען געווארען, אזוי ווי זי וואלט פערלירען דאס געשילדער פון איהרע געדאנקען, אדער ווי זי וואלט זיך אין מיטען דערמאנט וועגען עפעס.

— נון, און דערנאך?

— דערנאך? דערנאך בין איך דארט מיט איהם געווען און בין אוועק אהיים.

דער פראקוראר האט זיך איצט האלב אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און האט זיך אוננאטירליך אנגעשפארט אויף איין האנד.

— איך האב געוואלט א פרעג טאהן, האט די אנגעקלאגטע געהאט זיך וועלכע בעקאנטשאפט מיט סעמיאן קארטינקין בעפאר דעם פערברעכען? — האט דער פראקוראר א פרעג געטאהן, ניט קוקענדיג אויף מאסלאווא.

— איהר ווילט א פראגע שטעלען דער אנגעקלאגטער? — האט איהם געפרעגט דער פרעדסעדאטעל און האט איהם מיט א צייכען געוויזען, אז ער קען פרעגען.

ווען ער האט געענדיגט זיין פראגע, האט ער צונויפגעדריקט די ליפען און האט זיך עפעס אנגעבלאזען.

דער פרעדסעדאטעל האט וויעדערהאלט די פראגע. מאסלאווא האט אויסגעשטעלט איהרע דערשראקענע אויגען אויף דעם פראקוראר.

— מיט סימאנען? יא, געווען בעקאנט.

— איך וואלט וועלען וויסען, אין וואס איז בעשטאנען דיע־זע בעקאנטשאפט פון דער אנגעקלאגטער מיט קארטינקינען?

— אין וואס די בעקאנטשאפט? ער האט מיך איינגעלאדען צו די געסט, און ניט קיין בעקאנטשאפט — האט געענטפערט מאסלאָווא, און איהר בליק האט געבלאָנדזשעט פון דעם פרעדסע־דאטעל אויף דעם געהילפס־פּראָקוראָר און צוריק.

— איך וואלט וועלען וויסען, ווארום קארטינקין האט דוקא אויסשליסליך איינגעלאדען אימער די אנגעקלאגטע צו די געסט און ניט קיין אנדערע מיידלעך? — האט מיט א מעפיסטאפעלי־שען שמייכעל א פרעג געטאָהן דער אסיסטענט־פּראקוראר.

— איך ווייס ניט. פון וואנען זאל איך וויסען, — האט גע־ענטפערט מאסלאווא, קוקענדיג מיט שרעק ארום זיך און אויף א סעקונדע איז איהר בליק געבליעבען שטעהן אויף נעכליודאוו'ן — וועמען ער האט געוואלט, יענע האט ער איינגעלאדען.

„האט זי מיך דען דערקענט?" — האט ערשראקען א טראכט געטאָהן נעכליודאוו, פיהלענדיג אז דאס בלוט האט איהם א שפאר געטאָהן אין פנים.

מאסלאווא האט אבער ניט אונטערשיידעט נעכליודאוו'ען פון די אנדערע געשווארענע. זי האט גלייך אבגעקעהרט פון איהם איהר בליק און האט מיט ערשראקענע אויגען גענומען קוקען אויף דעם געהילפס־פּראקוראר.

— די אנגעקלאגטע לייקענט אלזא, אז צווישען איהר און קארטינקין איז געוועזן א וועלכע בעזונדערע בעקאנטשאפט? זעהר גוט. איך האב מעהר קיין זאך ניט צו פרעגען.

און דער פּראקוראר האט גלייך אראבגענומען זיין עלענבויגען פון טישעל און האט געכאפט אין דער גיך עפּעס פערצייכענען מיט זיין בליישטיפט. אין אמת'ן אבער האט ער גאר ניט פערשריעבען, ער האט מעהר ניט געמאכט א רונדען שטריך ארום די ווערטער פון זיין פערשריעבענער פאפיערעל. ער האט געזעהן, אז דער פּראָ־קוראר אליין טהוט אזוי צייטענווייז און אדוואקאטען טהוען אזוי: נאך א געלונגענער פראגע רינגלען זיי ארום מיט א שטריך זייער

פערצייכנונג — א סימן אז דא ליעגט דער הונד בעגראבען, און דערמיט אליין קען מען שוין דעם געגנער צורייבען אויף אש.

דער פּרעדסעדאטעל איז איצט געווען פערנומען פרעגענדיג דעם ריכטער אין די ברילען, אויב ער שטימט איין מיט דער ארט, ווי די פראגען זיינען געשטעלט געווארען. די פראגען זיינען שוין געווען פון פאראוים פערפערטיגט און אויסגעשריעבען. זייענדיג פערנומען דערמיט, האָט עס געדויערט א ווייל ביז ער האָט זיך ווידער געווענדעט צו מאסלאווא.

— נו, וואס זשע איז געווען ווייטער?

— איך בין געקומען אהיים — האָט אנגעהויבען מאסלאווא עטוואס דרייסטער און קוקענדיג אלץ אויף דעם פּרעדסעדאטעל — און האָב זיך געלייגט שלאָפען, ערשט אונזער מיידעל, בערטהא, וועקט מיך: „געה, דיין קופּעץ איז ווידער געקומען". און דאָ איז „ער" אליין — זי האָט ווידער מיט שרעק ארויסגערעדט דעם „ער" — און „ער" האָט געוואלט שיקען נאָך ווין, אָבער ביי איהם איז אויסגעגאנגען דאס געלד, האָט ער מיך צוגעשיקט צו זיך אין נומער און האָט מיר געזאגט, וואו זיינע געלד איז און וויפיעל איך זאל נעהמען. נו, בין איך געפאהרען.

דער פּרעדסעדאטעל האָט זיך געהאלטען איצט אין איבער־שושקען מיט דעם ריכטער פון לינקער זייט און האָט גאר ניט גע הערט, וואס מאסלאווא האָט דאָ דערצעהלט; אום אבער צו ווייזען, אז ער הערט, אפילו ווען ער רעדט גאר בשעת מעשה, האָט ער ווידערהאָלט איהרע לעצטע ווערטער.

— זייט איהר געפאהרען, נו, און וואס ווייטער?

— איך בין געפאהרען אין האָטעל און האָב דארט געטאָהן אלעס ווי ער האָט מיר געהייסען; בין איך אריין אין נומער. איך בין אליין ניט אריין אין נומער, איך האָב גערופען סעמיאָן מיכאי־לאָוויטשען און זי — האָט מאסלאווא געוויזען אויף באטשקאווא.

— זי ליעגט, מיין פוס איז אהין ניט אריין און... — האָט אנ־געהויבען זי איבערצושלאָגען באטשקאווא.

— פאר זיי אין די אויגען האָב איך גענומען די 4 צעהנדרו־

בעלדיגע — האָט בייזלעך און ניט קוקענדיג אויף באטשקאווא ווייטער געזאגט מאסלאווא.

— נון, און די אנגעקלאגטע האָט דאן בעמערקט, וויפיעל געלד אין טשעמאָדאן איז געווען? — האָט א פרעג געטאָהן ווייטער דער פּראָקוראָר.

מאסלאווא האָט א ציטער געטאָהן, ווי נאר דער פּראָקוראָר האָט זיך צו איהר געווענדעט. זי האָט ניט געוואוסט ווארום און ווי אזוי, אבער דאס הארץ האָט איהר געזאגט, אז ער וויל איהר שלעכטס טאָהן.

איך האָב ניט געצעהלט, האָב געזעהען בלויז, אז דארט ליגען הונדערט־רובעלדיגע בילעטען.

— אלזא, די אנגעקלאגטע האָט געזעהען 100 רובעלדיגע? גוט, מעהר האָב איך ניט צו פרעגען.

— נו, דאן האָט איהר געבראכט דאס געלד? — האָט פארטגעזעצט זיינע פראגען דער פּרעדסעדאטעל, קוקענדיג אויפ'ן זייגער.

— געבראכט.

— נו, און דערנאך?

— און דערנאך האָט „ער" מיך מיטגענומען, האָט געזאגט מאסלאווא.

— און ווי האָט איהר איהם געגעבען אין שנאפּס דעם פּראָשיק?

— ווי געגעבען? ארייגעשאטען אין שנאפּס און געגעבען איהם.

זי האָט ניט געענטפערט גלייך, זי האָט זיך שווער און טיעף אבגעזיפצט.

— ער האָט מיך אלץ ניט אבגעלאזען... איך בין פון איהם פערמאטערט געווארען, בין איך ארויס אין קאָרידאָר און זאָג צו סעמיאָן מיכאילאָוויטש: „ווען ער זאל מיך כאטש אויף א ווײלע אבלאזען. איך בין מיעד". זאגט סעמיאן מיכאילאָוויטש צו מיר: אונז האָט ער שוין אויך דערעסען. מיר ווילען איהם געבען שלאָף־פּראָשקעס; ער וועט איינשלאָפען, וועסטו קענען אוועקגעהן. זאָג

איך: „גוט“. איך האָב געמיינט, אז דאָס זיינען ניט שעדליכע פּראָשקעס. ער האָט זיי מיר געגעבען. איך בין אריין, ערשט „ער“ ליגט און שרייט, מען זאָל איהם געבען קאָניאַק, האָב איך גענומען פון טיש די פלאַש מיט פין־שאַמפּאַן, האָב אנגעגאָסען צוויי גלעזער — זיך און איהם, און אין זיינע האָב איך דאָס אריינגעשאָטען און איהם געגעבען. וואָלט איך איהם דען געגעבען, ווען איך וואָלט וויסען וואָס דאָס איז?

— נו, ווייטער. ווי אזוי קומט צו איך דער פינגערל? — האָט געפרעגט דער פּרעדסעדאַטעל.

— דעם פינגערל האָט ער מיר אליין געשיינקט.

— ווען זשע האָט ער איך דאָס געשיינקט?

— ווען מיר זיינען געקומען אין נומער, איך האָב געוואָלט אוועק, האָט ער מיר געגעבען אַ קלאַפּ איבער׳ן קאָפּ און האָט צו־בראָכען מיין קעמעלע. איך בין אין כעס געוואָרען און האָב גע־וואָלט פאָהרען צוריק, האָט ער אראָבגענומען פון האַנד דעם רינגע־לע און האָט מיר געשיינקט, איך זאָל ניט אוועקפאָהרען, — האָט מאַסלאָווא ווייטער געזאָגט.

דאָ האָט זיך דער פּראָקוראָר ווידער אויפגעהויבען, און אַלץ מיט דער זעלבער כלומר׳שט נאַאיווער מינע האָט ער אַ בעט גע־טאָהן ערלויבנים צו שטעלען נאָך אַ פראַגע, אנבויגענדיג שטאַרק דעם קאָפּ איבער דעם אויסגענייטען גאָלדענעם קראַגען פון מונדיר.

— איך וואָלט געוואָלט וויסען, ווי לאַנג איז די אנגעקלאַגטע געוועזען אין נומער פון קופּעץ סמעלקאָוו?

אויף מאַסלאָווא איז ווידער אנגעפאַלען אַ שרעק, און איה־רע אויגען האָבען ווידער געבלאַנדזשעט פון פּרעדסעדאַטעל אויף דעם געהילפס־פּראָקוראָר און צוריק.

— איך געדיינק ניט ווי לאַנג, — האָט זי שנעל ארויסגע־רעדט.

— געדיינקט אפשר די אנגעקלאַגטע, אויב זי איז אין האָטעל וואו עס איז אריין נאָך דעם ווי זי איז ארויס פון קופּיעץ סמעל־קאָוו׳ס נומער?

מאסלאווא האט א טראכט געטאהן.

— אין א צווייטען נומער, אין א פוסטען, גלייך לעבען דעם קופעצ'ס נומער, בין איך אריין, — האט זי געענטפערט.

— נאך וואס זשע זייט איהר אריין? — האט דער פראקוראר זיך געווענדעט שוין גלייך צו איהר.

— איך האב דארט געווארט אויף אן איזוואזטשיק.

— און קארטינקין איז געוועזען אין יענעם נומער מיט דער אנגעקלאגטער?

— ער איז אויך אריין.

— און נאך וואס איז ער אריין?

— פונ'ם קופעץ איז איבערגעבליעבען פינ־שאמפאן האבען מיר דאס ביידע אויסגעטרונקען.

— א, צוזאמען געטרונקען. זעהר גוט.

— און די אנגעקלאגטע האט עפעס גערעדט מיט קארטינקען'ען וועגען וואס?

מאסלאווא איז בייז געווארען פלוצלונג, איז רויט געווארען ווי צונטער און האט שנעל א זאג געטאהן:

— וואס גערעדט? איך וויים מעהר קיין זאך ניט. איהר קענט מיט מיר טאהן וואס איהר ווילט. איך בין ניט שולדיג, אט איז אלעס. וואס האב איך גערעדט? איך האב גארנישט גערעדט. איך האב אויסגעזאגט אלעס וואס עס איז דא צו זאגען.

— איך האב מעהר קיין פראגען, — האט דער פראקוראר געזאגט צום פרעדסעדאטעל, און אויפהויבענדיג איין אקסעל עפעס אוננאטירליך האט ער אנגעהויבען גיך, גיך צו פערשרייבען אין דעם פלאן פון זיין רעדע, דאס מודה זיין זיך פון דער אנגעקלאגטער אליין, אז זי איז אריין מיט סעמיאן אין א ליידיגען נומער.

אלע האבען א ווײלע געשוויעגען.

— האט איהר נאך וואס צו זאגען?

— איך האב אלעס געזאגט, — האט מיט א זיפץ געענטפערט מאסלאווא און האט זיך אליין אוועקגעזעצט.

דער פרעדסעדאטעל האט גענומען פערשרייבען וואס אויפ'ן

פאפיער און, אויסהערענדיג עפּעס פון דעם ריכטער פון דער לינ־קער זייט, האָט ער ערקלערט, אז די זיצונג ווערט איבערגעריסען אויף 10 מינוט, האָט זיך גלייך טאקע אויפגעהויבען און איז שנעל ארויס פון זאל.

נאָך די ריכטער האָבען זיך אויפגעהויבען די געשוואָרענע, די אדוואקאטען, די עדות און, מיט א געפיהל פון צופריעדענהייט, אז זיי זיינען די טהיילנעהמער אין אזא וויכטיגען פראצעס, האָבען זיי זיך אנגעהויבען צו בעוועגען איבער'ן זאל.

נעכלודאָוו איז ארויס אינ'ם צימער פאר די געשוואָרענע און האָט זיך אוועקגעזעצט לעבען פענסטער.

12.

יא, דאס איז געווען קאטיושא.

די פערהעלטניסע צווישען נעכליודאוו און קאטיושען זיינען געווען אָט וועלכע:

צום ערשטען מאָל האָט נעכליודאוו דערזעהן קאטיושא'ן דאַן, ווען ער איז געווען אויף'ן דריטען קורס פון אוניווערזיטעט און ער איז געקומען אויף זומער צו זיינע טאנטעס, אום דארט צו פערפערטיגען זיין אבהאנדלונג איבער לאנד־אייגענטהום.

געוועהנליך פלעגט נעכליודאוו וואהנען מיט זיין מוטער און שוועסטער אין זייער גרויסען לאנד הויף, וואס האָט זיך געפונען הינטער מאסקווע. אבער דעם יאהר האָט זיין שוועסטער חתונה געהאט און די מוטער איז אוועק קיין אויסלאנד אין די בעדער.

נעכליודאוו האָט אבער דאָך געמוזט האָבען זעהר א בעקוועמען און רוהיגען פלאץ דיעזען יאהר, וואו ער זאָל קענען רוהיג פערפאסען זיין ווערק, און ער האָט דערפאר בעשלאסען צו אי־בערוואהנען דעם זומער ביי זיינע טאנטעס. דארט זיינען פאר איהם אלע בעקוועמליכקייטען. עס איז א פערוואָרפענער ווינקעל,

שטיל, קיינע געזעלשאפטען, קיינע אבענדען, און ער וועט קענען רוהיג ארבייטען.

די טאנטעס האבען זעהר געליעבט זייער פלימעניק, וועלכער איז אויך זייער יורש, און ער האט זיי אויך געליעבט, ער האט גע־ליעבט זייער איינפאכען לעבען אויף דעם אלטען שטייגער.

אין יענעם זומער, זייענדיג ביי זיינע טאנטעס, האט נעכליו־דאוו איבערגעלעבט יענעם בעגייסטערטען און הארציגען צושטאנד, וועלכען עס לעבט איבער א יונגער מענש, ווען ער הויבט אן צו ווערען אליין בעוואוסט, זעלבסטשטענדיג, ניט ווי עמיצער ווייזט איהם אן, און ער הויבט אן צו בעגרייפען די גאנצע וויכטיגקייט פון לעבען און וועלכע בעדייטונג דעם מענשענ׳ס שאפען האט אין דיזען לעבען. ער זעהט דאן די מעגליכקייט פון זיין אייגענער פערפאלקאמונג און פון דער פערפאלקאמונג פון דער גאנצער וועלט און ער גיט זיך איבער מיט גוף און נשמה צו ערדייכען יענעם אידעאל פון פאלקאמענהייט, וועלכען ער שטעלט זיך אליין פאר.

נאך זייענדיג אין אוניווערזיטעט האט ער אין דיזען יאהר איבערגעלעזען ספענסער׳ס „סאציאל סטאטיקס״ און ספענסער׳ס געדאנקען וועגען לאנד־אייגענטהום האבען אויף איהם געמאכט א טיעפען איינדרוק, נאך בעזונדער דערפאר, וואס ער אליין איז געווען א זוהן פון א רייכער גוטבעזיצערין.

דער פאטער זיינער איז געווען ניט רייך, נאר די מוטער האט בעקומען אלס נדן 10 טויזענד אקער לאנד. ער האט דאן צום ער־שטען מאל בעגריפען, וואס פאר אן אונרעכט עס איז פון א מענ־שען צו פערמעגען אלס אייגענטהום אזוי פיעל לאנד, און אזוי ווי ער איז געווען איינער פון די נאטורען, וועלכע עס האבען א העכע־רען גייסטיגען פערגעניגען צו אויפאפפערן זיך אינ׳ם נאמען פון מאראלע פפליכטען, האט ער בעשלאסען ניט צו בענוצען זיך מיט זיין געזעצליכעם רעכט אויף זיין לאנד און האט דאן אוועקגע־שיינקט צו די פויערים דאס שטיקעל לאנד, וואס איז איהם גע־בליעבען בירושה פון זיין פאטער.

אויף דיעזע טהעמא האָט ער אויך געשריעבען זיין דיסערטאַ־ציע פאר׳ן אוניווערזיטעט.

זיינע טעג האָט ער אזוי פערבראכט ביי די טאנטעס צו לאנד: ער פלעגט אויפשטעהן זעהר פריה, אמאָל זאָגאר אזייגער 3 אין דער פריה, און בעפאר זונען־אויפגאנג איז ער געגאנגען באדען זיך אין טייך הינטערן בארג; אמאָל פלעגט ער זיך באדען נאָך ווען די טייך איז געווען איינגעהילט אין א טומאן און ער פלעגט זיך אומקעהרען צוריק, ווען דער טהוי איז נאָך געלעגען אויף די גראז און בלומען.

אמאָל פלעגט ער פריהמארגענס אנטרינקען זיך מיט קאפע און נעהמען זיך נאכהער גלייך צו זיין ווערק, אבער זעהר אָפט, אנ־שטאט צו לעזען אדער צו שרייבען, פלעגט ער בעסער אוועקבלאָנ־זשען איבער די פעלדער און אין די וועלדער.

פאר מיטאג פלעגט ער ערגעץ איינשלאפען אין גארטען, און ביים טיש צו מיטאג איז ער געווען הארציג־פריילעך און פלעגט מיט זיין הייטערקייט מאכען פריילעך אויך די טאנטעס. דערנאָך פלעגט ער זיך דורכרייטען אדער דורכפאהרען אויף א שיפעל און פארנאכט האָט ער ווידער געלעזען אדער געזעסען צוזאמען מיט די טאנטעס.

אפט פלעגט ער ביי־נאכט ניט קענען שלאפען, בעזאנדערס אין די לבנה נעכט; ער האָט ניט געקענט שלאפען, ווייל ער איז געווען איבערפילט אין גאנצען מיט לעבענס־פרייד און אנשטאט צו שלאפען, פלעגט ער ארומשפאצירען אין גארטען, דיינקען און טראכטען, ביז עס פלעגט אנהייבען צו טאגען.

אזוי האָט ער גליקליך און רוהיג פערבראכט דעם ערשטען מאָ־נאט ביי זיינע טאנטעס, און האָט געשענקט וויניג אויפמערקזאמ־קייט דער שווארץ־אויגעלדיגער, האלב־בארישניע האלב־דינסט, דער שנעל־בעוועגליכער קאטיושען.

נעכליודאָוו, וועלכער האָט זיך אויסגעהאָדעוועט לעבען דער מאמע׳ס פארטוך, איז נאָך צו 19 יאהר געווען אן אונשולדיגער בחורל. ער האָט געפאנטאזירט וועגען א פרויענצימער, ווי נאר ווע־

גען א פרוי. אלע פרויענצימער אלזא, וועלכע נאך זיין פערשטאנד פאסען ניט צו זיין זיינע א פרוי, זיינען פאר איהם געוועזן ניט פרויענצימער, נאר מענשען.

דארף זיך אבער טרעפען אין דיעזען זומער אין צייט פון די פייער־טעג, דאס צו די טאנטעס איז געקומען צו גאסט א שכנה, א פאמעשטשיצע, מיט איהרע קינדער: צוויי פריילינס, איין זוהן, א גימנאזיסט און אויך זייערער א פריינד, א יונגער קינסטלער.

נאך דעם טהעע־טרינקען איז מען ארוים אויף דער אבגעשני־טענער לאנקע און מען האט אנגעהויבען שפיעלען אין „כאפענעס“. מען האט אין דער חברה אריינגענומען אויך קאטיושען. נעבלוי־דאוו'ן איז אויסגעקומען אייניגע מאל צו יאגען זיך מיט קאטיושען. ער האט אייגענטליך תמיד געפיהלט אנגענעהם צו זעהן זי, איהם איז אבער קיין מאל אויף די געדאנקען ניט ארויף, אז צווישען איהם און איהר קען עפעס זיין א בעזונדערע שייכות.

— נו, איצט וועסטו זי שוין פאר קיין געלד ניט כאפען, — האט געשריען ערמידעט און פרעהליך דער קינסטלער, וועלכען עס איז איצט אויסגעקומען צו זיין דער כאפער, און ער האט זיך גע־יאגט שנעל נאך די אנטלאפענע.

— זיי וועלען זיך סיידען פערצעפען.

— אבער איהר וועט ניט כאפען.

— איינס, צוויי, דריי!

אלע האבען דריי מאל א פאטש געטאהן מיט די הענד. קא־טיושא האט קוים איינהאלטענדיג זיך פון לאכען, שנעל זיך איבער־געביטען מיט נעבליודאוו'ן אין די פלעצער, האט מיט איהר שאר־סטקער, שטארקער קליינער הענטעל א כאפ געטאהן זיין גרויסע האנד און האט זיך געלאזט מיט איהם לויפען, וועהרענד עס האט זיך געהערט דער רויש פון איהר אנגעקראכמעלטע קלייד.

נעבליודאוו איז געלאפען שנעל, איהם האט זיך ניט געוואלט דער קינסטלער זאל איהם פאקען, און ער איז געלאפען מיט אלע כוחות. ווען ער האט זיך ארומגעקוקט, האט ער דערזעהן, ווי דער קינסטלער יאגט זיך נאך קאטיושא'ן, אבער זי איז שנעל אונטער־

געשפרונגען מיט איהרע לייכטע, יונגע פיס און האט זיך ניט געלאזט כאפען. זי האט פלוצלונג זיך פלינק א קעהר געטאהן לינקס. אבי־סעל ווייטער איז געווען א גאנצע צייל קוסטעס פון מאיאווע בלו־מען. ווייטער פון די קוסטעס איז קיינער ניט געלאפען, אבער קאטיו־שא האט א ווארף געטאהן א בליק אויף נעכליודאוו׳ן און האט איהם געגעבען א וואונק, זיי זאלען זיך בעהאלטעןביידע אין דיע־זען פלאץ.

ער האט זי פערשטאנען און איז געלאפען גלייך נאך איהר. הינטער די קוסטעס איז געווען א גראבען, פערוואקסען מיט קראפי־ווע, פון וועלכען ער האט ניט געוואוסט. ער האט זיך פערצעפעט, האט אבגעשטאכען די הענד אן די קראפיווע און איז שיער ניט געפאלען, האט זיך אבער פלינק אויסגעקעהרט און איז באלד גע־ווען נאהענט פון איהר.

קאטיושא איז געלאפען איהם ענטגעגען, שיינענדיג מיט איהרע שווארצע אויגען און מיט איהר שמייכעל. זיי זיינען צוגעלאפען איינער צום אנדערן און האבען זיך אנגעכאפט פאר די הענד.

— איהר האט זיך צושטאכען די הענד — האט זי געזאגט! פעררירכטענדיג מיט דער פרייער האנד איהר צופאלענעם צאפ פון קאפ; זי האט שווער געאטהעמט און האט געשמייכעלט, קוקענ־דיג פון אונטען ארויף גלייך אויף איהם.

— איך האב גאר ניט געוואוסט, אז דא איז א גראבען, — האט ער געענטפערט אויך שמייכלענדיג און האט ניט ארויסגע־לאזען איהר האנד.

זי האט צוגעטראטען נאך נעהענטער צו איהם, און ער האט, עפעס אליין ניט וויסענדיג ווי אזוי, אויסגעצויגען צו איהר זיין גע־זיכט; זי האט זיך ניט אבגעקעהרט. ער האט שטארקער א דריק געטאהן איהר האנד און האט זי א קוש געטאהן אין די ליפען.

— אט האסטו דיר! — האט זי א זאג געטאהן, האט שנעל ארויסגעריסען איהר האנד פון זיינער און איז אוועקגעלאפען.

צולויפענדיג צום קוסט מיט מאיאווע בלומען, האט זי פון זיי אראפגעריסען צוויי צווייגעלעך מיט ווייסע בלומען, וועלכע זיינען

שוין געווען א ביסעל אראבגעשאטען, און האָט מיט זיי גענומען פּאָכען זיך איבער'ן ערהיצטען געזיכט. זי האָט ווידער א קוק גע־טאָהן אויף איהם און האָט זיך געקליבען געהן צו די שפּיעלענדע.

פון דעם מאָל אָן האָט זיך די האלטונג פון ניעכליודאוו'ן צו קאטיושא'ן געביטען, און עס האָבען זיך אנגעהויבען צווישען זיי יענע פערהעלטניסע, ווי זיי פּאסירען צווישען אן אונשולדיגען יונ־גען מענשען און אן אונשולדיגע יונגע מיידעל, ווען עס הערצער ציהען איינס צום אנדערען...

ווי נאָר קאטיושא פלעגט אריינגעהן אין צימער וואו ער איז געווען, אדער ווען ער פלעגט אפילו דערזעהן פון ווייטען איהר ווייס־סינקען שירצעל, איז אלעס פאר איהם געווארען גאר ליכטיגער, ווי א בעזונדער ליכטיגקייט פאר איהם וואלט איהר ערשיינען פערשפּריי־טען אויף אלעם; אלעס איז געווארען דאן אינטערעסאנטער, פרעהליכער, בעדייטענדער; דאס לעבען איז גאר הייטערער גע־ווארען.

דאסזעלבע האָט אויך זי געפיהלט. פאר איהם איז ניט נאר געווען א גליק צו זעהן זי נאָהענט פון זיך, נאר דאס בעוואוסטזיין אליין, אז עס איז דאָ קאטיושא אויף דער וועלט, אפילו ניט זע־הענדיג זי, האָט איהם שוין גליקליך געמאכט, און דאסזעלבע האָט זי זיך געפיהלט גליקליך ביי דעם געדאנק אליין, אז עס עקזיסטירט נעכליודאוו.

האָט ער בעקומען א שלעכטען בריעף פון דער מוטער אדער ווען זיין ווערק איז עפּעס ניט געגאנגען, עס האָט זיך ניט געשריע־בען, אדער עפּעס סתם אזוי דאס הארץ איז פול, פול מיט דעם טיע־פען בייטקען פון דער יוגענד, דאן האָט ער זיך נאר געדארפט ער־אינערן, אז עס לעבט קאטיושא און ער וועט זי זעהן, — דאן איז אלעס אנדערע אוועק און די וואלקענס זיינען פערטריבען געווארען.

קאטיושא האָט געהאט גענוג ארבייט אין הויז, זי האָט אבער אימער בעוויזען אלעס אבצוטאָהן און אין די פרייע ביסעל צייט האָט זי געלעזען. נעכלודאוו האָט איהר געגעבען פון דאסטאָיעווו־סקי'ס און טורגעניעוו'ס ווערקע, וועלכע ער האָט נאר וואס אליין

איבערגעלעזען. מעהר פון אלעס איז איהר געפעלען געווארען טור־געניעוו'ס „זאטישיע".

די געשפּרעכען צווישען זיי זיינען נאר געווען צופעליגע; זיי פלעגען זיך אומטוישען מיט עטליכע געדאנקען ביים בעגע־גענען זיך אין קארידאר, אויפ'ן באלקאן, אין הויף און אמאל אויך אינ'ם צימער פון דער אלטער גארניטשנע, מאטרענא פּאוולאָוונא, מיט וועלכע צוזאמען קאטיושא האט געוואהנט. אהער פלעגט א מאהל נעכליודאוו אריינקומען טרינקען טהעע.

דיעזע געשפּרעכען אין דער אנוועזענהייט פון דער אלטער מאטרענא פּאוולאָוונא, זיינען געווען די אנגענעהמסטע. זיינען זיי געווען אליין, איז געווען שלעכט צו ריידען; די אויגען האבען גלייך אנגעהויבען צו ריידען עפּעס אנדערס ביי אזעלכע געלעגענ־הייטען, און די אויגען האבען גערעדט עפּעס פיעל וויכטיגערעס אלס דאס, וואס די ווערטער האבען אויסגעדריקט; די ליפּען האָ־בען זיך פערקרימט, עס האט זיך געפיהלט עפּעס אונבעקוועם און זיי זיינען זיך שנעל צוגאנגען.

דאס זיינען געווען די פערהעלטניסע צווישען נעכליודאוו'ן און קאטיושא'ן אין דער גאנצער צייט פון זיין ערשטען מאל פער־בריינגען ביי די טאנטעס. די טאנטעס, פון זייער זייט, האבען בע־מערקט דיעזע פערהעלטניסע, האבען זיך ערשראקען און האבען אפילו געפונען פאר נויטיג אנצושרייבען וועגען דעם א לאנגען בריעף קיין אויסלאנד, צו דער פירסטין יעלענא איוואנאָוונא, נע־כליודאוו'ס מוטער.

די טאנטע, מאריא איוואנאוונא, האט מורא געהאט, איהם פלימעניק זאל זיך חו"ש ניט פערבינדען ווי עס איז מיט קאטיושא'ן. אבער איהר שרעק איז געווען אומזיסט: נעכליודאוו, אליין ניט וויסענדיג, האט ליעב געהאט קאטיושא'ן, אזוי ווי עס ליעבען אונ־שולדיגע נאטורען, און זיין ליעבע איז געווען די הויפּט־שיצונג פאר זיי ביידען, זיי זאלען ניט זינקען נידעריג.

ביי איהם איז ניט נאר אין געדאנקען ניט געווען קיין פער־לאנג פיזיש צו בעוועלטיגען זי, זאנדערן איהם האט זאגאר אבגע־

שראקען אזא געדאנק, ווען ער איז איהם ארויף אויפ'ן זינען. דער־פאר האט שוין מעהר גרונד געהאט די פורכט פון זיין צווייטע טאנטע, סאפיא איוואנאוונא.

די פאעטישע סאפיא איוואנאוונא האט מורא געהאט, דאס ווען נעכליודאוו וועט פאלען אין ליעבע מיט קאטיושא'ן וועט אזא עהרליכע נאטור ווי זיינע אנדערש ניט טאהן ווי דוקא מיט איהר חתונה האבען, ניט קוקענדיג אויף איהר נידריגע אבשטאמונג און אויף איהר שטאנד אין דער געזעלשאפט.

ווען נעכליודאוו וואלטווירקליך דאן פערשטאנען זיין ליע־בע צו קאטיושא, און בעזאנדערס נאך, ווען עמיצער וואלט זיך בע־מיהען דאן איהם צו איבערצייגען, אז ער טאר חו"ש ניט טאהן אזא געפעהרליכען שריט צו פעראייניגען זיין שיקזאל מיט אזא מיידעל, וואלט זעהר מעגליך פאסירט, אז ער וואלט מיט איהר דוקא היי־ראטהען. אזא גלייכע נאטור ווי זיינע וואלט זיכער איינגעזעהן, אז עס איז ניטא קיין אורזאכע, פאר וואס ער זאל ניט טארען היי־ראטהען א מיידעל, ווער זי זאל זיך ניט זיין, ווי באלד נאר ער ליעבט זי.

אבער די טאנטעס האבען איהם קיינע מעשיות ניט דער־צעהלט וועגען זייערע בעפירכטונגען, און ער איז אזוי אוועקגעפאה־רען, ניט האבענדיג די געלעגענהייט אין זיך אליין צו דערקענען, אז ער ליעבט קאטיושען.

ער איז געווען זיכער, אז זיינע געפיהלען צו דיעזער מיידע[illegible] איז נאר איין ערשיינונג פון די געפיהלען און עמפפינדונגען פון לעבענס־פרייד, וועלכע האבען דאן איבערפילט זיין גאנצעס ווע־זען, און דיעזע געפיהלען טהיילט ער... מיט איהר, מיט דיעזען ליעבי־ליכען, פרעהליכען נפש.

דערפאר אבער, ווען ער איז אוועקגעפאהרען, און קאטיושא איז געשטאנען צוזאמען מיט די טאנטעס אויפ'ן גאניק און האט איהם בעגלייט מיט איהרע גרויסע, שווארצע אויגען, אנגעפילטע מיט טרערען, האט ער דערפיהלט, אז ער רייסט זיך אפ פון עטוואס

שעהנעס, טהייערעס, וואס ער וועט נאך אמאל ניט טרעפען. און ער האט דאן אנגעהויבען טיעף צו ביינקען.

— בלייבט געזונד, קאטיושא, איך דאנק פיר אלעס, — האט ער איהר געזאגט, ווען ער האט זיך געזעצט אין קאליאסקע.

— פארט געזונד, דמיטרי איוואנאוויטש, — האט זי גע־ענטפערט מיט איהר אנגענעהמע, צערטליכע שטימע, און איינ־האלטענדיג די טרערען, מיט וועלכע איהרע אויגען זיינען פול גע־ווארען, איז זי גלייך אריינגעלאפען אין פאר־הויז, וואו זי האט גע־קענט פריי אויסוויינען זיך.

13.

גאנצע דריי יאהר נאך דעם האט זיך נעכלודאוו ניט געזעהן מיט קאטיושא. זיי האבען זיך ווידער געטראפען יעמאלט, ווען נעכלודאוו איז געווען שוין אפיציער און איז, פאהרענדיג צו זיין דינסט אין דער ארמעע, אריינגעפאהרען אויף עטליע טעג צו זיינע טאנטעס.

ער איז שוין דאמאלט אין גאנצען געווען ניט דער, וועלכער האט מיט עטליכע יאהר צוריק פערבראכט א גאנצען זומער ביי די טאנטעס.

דאן, דעם ערשטען מאל, איז ער געווען אן עהרליכער יונגלינג, פערטיג אויף זעלבסט־אויפאפפערונג, פעהיג איבערצוגעבען זיך מיט לייב און זעעלע פאר יעדער גוטער טהאט; איצט איז ער גע־ווען א זעלבסטזיכטיגער, צולאזענער יונגער מאן, וועלכער ליעבט נאר גוט א לעב צו טאהן.

דאן, אין יענער ערשטער צייט, האט פאר איהם גאט'ס וועלט זיך פארגעשטעלט אלס א געהיימניס, וועלכע ער האט מיט פרייד און בעגייסטערונג געוואלט זיך אליין ערקלערען; איצט האט פאר איהם אלעס אין לעבען געשיינט אזוי איינפאך און קלאהר און אלעס

האָט זיך אזוי דייטליך געלאזט ערקלעהרען דורך די פערהעלטניסע, אין וועלכע ער געפינט זיך.

פריהער איז פאר איהם געוועזן וויכטיג און נויטווענדיג דער שטרעבען צו לעבען אין איינינקייט מיט דער נאטור און מיט די פילאזאפען און פאעטען, וועלכע האָבען שוין פאר איהם גע־דיינקט, געפיהלט און דורגעמאכט אלעס; איצט האָט ער געפונען גאָר פאר וויכטיג און נויטיג די געזעלשאפטליכע איינריכטונגען און האָט געזוכט געמיינשאפטליכקייט נור מיט גוטע ברידער.

פריהער האָט זיך איהם א פרויענצימער פארגעשטעלט אלס עטוואס געהיימעס און מילדעס, — א מילדעס וועזען נעמליך דורך דיעזער געהיימליכקייט; איצט האָט פאר איהם יעדע פרוי, אויסער פון זיין פאמיליע און פרויען פון זיינע פריינד, געוועזן א בעשטימטע זאך: זי איז פאר איהם געוועזן איינע פון די בעסטע לוסט־מיט־לען, וועלכע ער האָט שוין היבש פערזוכט.

דאן האָט ער קיין געלד ניט בעדארפט און האָט געקענט אויסקומען אפילו מיט א דריטעל פון דעם געלד, וואס די מוטער האָט איהם געגעבען, און דערפאר האָט ער אויך געקענט אָבזאָגען זיך פון דעם פאטער'ס ירושה און אוועקגעבען זי צו די פויערים; אבער איצט זיינען פאר איהם געוועזן ווייניג די 1500 רובעל א מאָ־נאט, וואס ער בעקומט פון דער מוטער, און עס זיינען אפילו דורך דעם שוין ארויסגעקומען אונאנגענעהמע סצענעס צווישען איהם און איהר.

דאן האָט ער גערעכענט פאר זיין איך זיין גייסטיגעס וועזען, זיין נשמה, איצט אבער איז זיין איך קיין אנדערעס, ווי דער געזונדער, טהירישער, מגושם'דיגער איך.

און דיעזע שרעקליכע ענדערונג איז אין איהם פערגעקומען בלויז דערפאר, ווייל ער האָט אויפגעהערט גלויבען זיך, און האָט אנגעהויבען גלויבען אין דאָס, וואס אנדערע הייסען. און אויפ־געהערט אין זיך גלויבען און אנגעהויבען גלויבען אין אנדערע האָט ער דערפאר, ווייל עס איז געוועזן זעהר שווער צו לעבען, גלויבע־דיג זיך אליין.

גלויבענדיג זיך, האָט ער געמוזט יעדע פראגע לייזען אָפּט נעגען זיין טהירישעס א י ך, וועלכעס זוכט נאר לייכטע תענוגים ; גלויבענדיג אבער אנדערע, איז גאר ניט געווען וואס צו לייזען, דער־פאר וויל אלע פראגען זיינען שוין לאנג געלייזט, און געלייזט גע־גען דעם גייסטיגען און פאר דעם טהירישען איך. דאצו נאָך, גלוי־בענדיג זיך, איז ער שטענדיג געווען אין לייטישע מיילער, זיי האָ־בען איהם שלעכט בערעדט ; גלויבענדיג אנדערע, האָבען איהם אלע זיינע ארומיגע געלויבט.

אזוי, ווען נעכליודאוו האָט גערדיינקט, געלעזען, גערעדט ווע־גען וואהרהייט, גאָט, רייכטהום, ארמוטה, — פלעגען אלע ארומיגע איהם אנקוקען ווי עפּעס אויסען וועג, ער איז ביי זיי אויסגעקומען לעכערליך, אפילו זיין מוטער און די טאנטעס פלעגען איהם ליעב־ליך א שטאָך טאָהן „אונזער ליעבער פילאזאף“ ; איצט אבער, ווען ער האָט געלעזען ראמאנען, האָט דערציילט פּיקאנטע מעשה׳לעך, האָט בעזוכט דעם פראנצויזישען טהעאטער מיט זיינע לעכערליכע וואָדעווילען און האָט איבערדערציילט, וואס דארט איז פארגעקומען, האָבען אלע איהם געלויבט און צוגעגעבען נאָך מעהר חשק.

דאן, ווען ער האָט גערעכענט פאר נויטיג בעגרענצען זיינע אויסגאבען, בעמעסיגען זיינע פאדערונגען, האָט געטראגען אן אל־טען מאנטעל, האָט ניט געטרונקען קיין וויינען, האָבען איהם אלע גערעכענט פאר א זאנדערבארען מענשען, עפּעס פאר איינעם וואס וויל זיך אויספּיינען מיט זיין ווילדקייט, — און איצט, ווען עה האָט אויסגעגעבען מאסען געלדער אויף יאגד, אויף איינצוריכטען זיך אן אויסערגעוועהנליך־רייכען קאבינעט א. ז. וו., האָבען איהם אלע געלויבט אין הימעל און האָבען איהם געשיינקט די טהייער־סטע מתנות.

דאן, ווען ער איז נאָך געווען אונשולדיג, ריין, אונבעריהרט און האָט געוואלט אזוי בלייבען ביז דער חתונה, האָבען זיינע פערוואנדטע מורא געהאט, עס זאל איהם חס־וחלילה ניט שאַדען צום געזונד, און אפילו די מוטער איז דערנאָך זעהר־גערן געווען,

ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אז ער איז ווירקליך געווארען א מאנס־פערזאָן, וואס א מאנספערזאָן הייסט, און האָט עפּעס ביי א חבר זיינעם פון אונטערן נאָז ארויסגענארט זיינע א פראנצויזישע דאמע.

וועגען דער געשיכטע מיט קאטיושען, וועגען דעם, אז איהם קען אפשר ארויפקומען אויפ'ן זינען חתונה צו האָבען מיט דיעזער מיידעל, וועגען דעם האָט די גרעפין ניט געקענט א טראכט טאָהן און זי זאָל ניט ציטערן מיט'ן גאנצען קערפּער פאר איהם.

דאס גלייכען איז אויך געווען אין דעם פאל פון שיינקען די ירושה צו די פּויערים, ווען ער איז ארוים אין זיין אייגענעם רשות און האָט געזעכענט, אז ער האָט קיין רעכט ניט צו בעזיצען איי־גענטהום און לאנד. דיעזער שריט זיינער האָט דערשראָקען די מו־טער און אלע זיינע קרובים און מען האָט וועגען דעם ניט אויפגע־הערט צו ריידען און צו רייצען איהם אימער מיט פארווירפע און שטעכווערטלעך.

אלע זיינע פערוואנדטע האָבען פון איהם געמאכט חוזק דאן; זיי פלעגען איהם ניט אויפהערען צו דערצעהלען, אז די פּויערים, וועלכע האָבען בעקומען פון איהם צו שטיקער לאנד, זיינען דערפון ניט נאר ניט רייכער געווארען, זאנדערן נאָך ארעמער, וואָ־רום זיי האָבען גלייך געמאכט דריי שיינקען אין דאָרף און האָ־בען נאר געשיכורט און אין גאנצען אוועקגעוואָרפען ארבייטען.

דערפאר אבער, ווען ער איז אריינגעטראטען אין גווארדיע אלס אפיציער און האָט אנגעהויבען א לעב צו טאָהן מיט גוטע־ברי־דער אזוי, אז די גרעפין האָט שוין געמוזט אנריהרען איהר גרונד־קאפּיטאל איבער זיינע פערשווענדונגען און קארטען־שפּיעלעריי האָט זי גאר זיך ניט געוואונדערט און האָט זיך צופיעל פון דער דאס לעבען ניט גענומען, דען זי האָט דאָך געוואוסט, אז אן אנ־שטענדיגער יונגער מענש דאַרף זיך אזוי פיהרען און אזעלכע שוואכ־קייטען זיינען א מעלה אין דער הויכער געזעלשאפט.

לכתחילה האָט נעכליודאוו זיך שטארק געראנגעלט געגען אזא לעבען, אבער עס איז געווען א צו שווערער קאמפּף; דען דאס וואס ער האָט גערעכענט פאר גוט, גלויבענדיג זיך, האָבען אנדערע

גערעכענט פאר שלעכט, און פערקעהרט, דאס וואס ער האט גע־רעכענט פאר שלעכט, האבען אנדערע גערעכענט גראדע פאר גוט. און ענדליך, האט זיך נעבליודאוו אונטערגעגעבען: ער האט אויפ־געהערט צו גלויבען זיך און האט אנגעהויבען גלויבען אין דעם, וואס אנדערע זאגען.

איהם איז אפילו אויף דער ערשטע צייט געווען זעהר אונאנ־גענעהם צו פיהרען דעם נייעם ארט לעבען, אבער דיעזע אונאנגע־נעהמליכקייטען האט זעהר לאנג ניט געדויערט, און דערנאך האט זיך נעבליודאוו צוגעוואהנט און האט מעהר ניט געפיהלט אונאנ־גענעהם; פערקעהרט, ער האט דערפיהלט א גרויסע ערלייכטע־רונג אין זיין לעבען.

מיט דער גאנצער ליידענשאפט פון זיין נאטור האט זיך שוין נעבליודאוו דערנאך איבערגעגעבען דיעזען ארט לעבען, וועלכער איז אלעמען אזוי געפעהלען געווען; די שטימע, וועלכע האט אין איהם געפאדערט עטוואס אנדערעס, איז ביסלעכוויים פערטויבט געווארען. אנגעפאנגען האט ער דיעזען לעבען נאך דעם ווי ער איז געקומען אין פעטערסבורג און האט זיך איהם איבערגעגעבען אין גאנצען, ווען ער איז אריינגעטראטען אין מיליטער־דינסט.

אין דיעזען פעריאד פון זיין לעבען האט נעבליודאוו דערפיהלט זיך גליקליך, זייענדיג איין מאל פאר אלע מאל פריי פון אלע מא־ראל־פפליכטען און הינדערניסע, וועלכע ער האט זיך פריהער אליין געבילדעט, און ער האט זיך וואהנזיניג איבערגעגעבען אהן אויפ־הער, צו בעפרידיגען זיין נידריגען עגאאיזמוס.

אין אזא צושטאנד האט ער זיך אייגעפונען ווען ער איז, נאך דריי יאהר אבוועזענהייט, וויעדער געקומען צו די טאנטעס צום בעזוך.

14.

אריינגעפאהרען איז נעבליודאוו צו זיינע טאנטעס איצט, ווייל עס איז, ערשטענס, איהם אזוי אויסגעקומען ביים וועג; צוויי־טענס, האבען איהם די טאנטעס געבעטען אזוי, און הויפטזעכליך האט זיך איהם טאקע געגארט זעהן קאטיושא.

עס קען זיין, אז טיעף אין הארצען האָט זיך ביי איהם שוין געהאט פער׳גנב׳עט אַ בייזער פערלאַנג געגען קאַטיושא, זיין אויס־געלאַסענהייט האָט איהם דאַצו איצט געמוזט טאַקע אנרייצען, ער האָט אבער אַליין דערפון קלאָהר ניט געוואוסט; עס האָט זיך איהם נאר איינפאַך געוואלט זיין נאך א מאָהל אין די פּלעצער, וואו ער האָט זיך געפיהלט אזוי גוט מיט עטליכע יאהר צוריק, דאַצו אויך זעהן זיך מיט די טאַנטעס, וועלכע האָבען איהם אַלע מאָל אזוי געליעבט און געצערטעלט און נאך א מאָהל זעהן די ליעבליכע קאַטיושא, וועלכע האָט אין איהם איבערגעלאַזען אזא אנגענעהמע עראינערונג.

געקומען צופאהרען איז ער ענדע מערץ, פאַר פּסח, די רעכ־טע צייט, ווען דער שנעע שמעלצט און די אייז הויבט אָן צו לאָזען און די וועגען ווערען פערפּלייצט; ער איז געקומען א׳ן אויסגעווייק־טער פון רעגען און צופראָרענער פון קעלט, אבער ער איז געווען דאָך פריש, עררעגט און לעבעדיג, ווי ער האָט זיך איבערהויפּט געפיהלט אין דיעזער צייט.

„איז זי נאך ביי זיי?“ — איז איהם דורכגעפלויגען די פראַגע דורכ׳ן מוח, ווען ער איז צוגעפאהרען צו דעם ברייטען גאַניק פון דעם גוט־בעקאַנטען הויז. ער האָט ערוואַרטעט, דאָס ווי זי וועט דערהערען זיין גלעקעל וועט זי דאָך מסתמא ארויסלויפען איהם ענטגעגען, אבער ער האָט נאר געזעהן צוויי באָרפוסע פויערטעס, ארויסגעהענדיג פון הויז מיט עמערס נאך וואסער. זיי וואשען וואהרשיינליך די דילען. זי איז ניט ארויס איהם ענטגעגען; עס איז איהם נאר געקומען בעגעגענען דער אַלטער לאַקיי טיכאָן אין א פאַרטוך, אויך מסתמא אין מיטען אָן ארבייט עפּעס פון רייניגען. אין פאָדערצימער איז איהם ארויס ענטגעגען די טאַנטע סאָפיא איוואַנאָוונא אין א זיידענעם קלייד מיט א צעפּיק.

— געקומען, ליעבינקער, דאָס איז פון דיר גוט — האָט זי זיך דערפרעהט, קושענדיג איהם. — די טאַנטע מאשע איז עפּעס ניט גאַנץ געזונט. מיר זיינען נאר וואס געקומען פון קלויסטער.

עס איז דאָך פאַר דער הייליגער פּאַסכאַ און מיר זיינען געווען בעד־העפטען זיך צו זיין הייליגען נאָמען.

— גראַטולירע, טאַנטע סאָניע, — האָט נעכליודאָוו געענט־פערט, קושענדיג איהר האַנד — פּערצייהעט, איך האָב אייך דער־ווייל פּערנעצט.

— געה אין דיין צימער, ביזט דאָך אין גאַנצען נעבעך דורכ־געוויקט... און אַ פּאַר וואַנצעס דו האָסט עס שוין... קאַטיושאַ!.. קאַטיושאַ! מאַך שוין די קאַפּע פערטיג פאַר איהם.

— באַלד! — האָט זיך דערהערט אַ בעקאַנטע, אנגענעהמע שטימע פון קאָרידאָר. ביי ניעכליודאָוו'ן האָט אַ צופּ געטאָהן דאָס הארץ. „זי איז דאָ!" פאַר איהם איז עס געווען אַזוי ווי די זונן וואָלט זיך מיט איין מאָל ווייזען פון צווישען די וואָלקענס, און ער איז גאר מיט אן אנדער שמחה געגאַנגען נאָך דעם אַלטען טיכאָן, וועלכער האָט איהם געפיהרט צו זיין צימער איבער צוטאָהן זיך.

איהם האָט זיך זעהר געגלוסט נאָכצופרעגען זיך ביי טיכאָנען וועגען קאַטיושען: וואָס מאַכט זי? ווי לעבט זי? צו האָט זי אָפּט מאָל ניט חתונה? אבער טיכאָן איז געווען אַזוי העפליך און אין דערזועלבער צייט שטרענג, און האָט געפאָדערט מיט אַזא שטאַרקייט, אַז ער וועט אַליין אויפגיסען דעם באַרין אויף די הענד דאָס וואַסער, דאָס ניעכליודאָוו האָט זיך ניט ענטשלאָסען צו פרעגען איהם וועגען קאַטיושען, און האָט זיך ביי איהם ליעבערשט נאָכגע־פרעגט וועגען זיינע אייניקלעך, וועגען דעם הונד פּאָלקאַן אוּן ווע־גען זיין ברודער'ס זשערעבעץ.

— וואָס זאָלען זיי מאַכען? דאַנקען גאָט, אַלע לעבעדיג און געזונד, אויסער פּאָלקאַנען; דער הונד איז נעביך משוגע געוואָ־רען פאַר אַ יאָהרען זומער און האָט קראַפּירט.

אראָבוואַרפענדיג זיינע נאַסע קליידער און נאָר וואָס אנפאַנ־גענדיג זיך אנצוציהען, האָט ניעכלודאָוו דערהערט טריט אין קאָרידאָר, און באַלד אויך אַ קלאַפּ אין טיהר. ער האָט דערקענט די טריט און אויך דעם קלאַפּ אין טיהר. אַזוי איז געגאַנגען און אַזוי האָט געקלאַפּט נאָר זי.

ער האט ארויפגעכאפט אויף זיך זיין נאסען שינעל און איז צו־געגאנגען צום טיהר.

— קומט אריין!

דאס איז געווען זי, קאטיושא. גאר די זעלבינע, — נאך ליעב־ליכער אלס פריהער. די שווארצע, קרימליכע אויגען האבען אלץ אזוי ווי אמאל געקוקט פון אונטען ארויף, שמייכלענדיג נאאיוו, גאר אזוי ווי אמאל, אינ׳ם זעלבינען רייניקען, ווייסינקען פארטוכעל.

זי האט עס געבראכט פון די טאנטעס א שטיק פרישע פער־פיום־זייף, נאר וואס אויסגעוויקעלט פון שעהנעם פאפיער, און צוויי האנדטיכער: איינעם א גרויסען און איינעם א פוכיגען, ווייכען. אלעס האט געשמעקט מיט אזא זויבערקייט, פרישקייט און ריינ־קייט, די נאך ניט געריהרטע שמעקענדע זייף, די רייניקע האנדטי־כער און זי אליין — אלעס אזוי אנגענעהם.

איהרע ליעבליכע, רויטע, פולע און הארטע ליפען האבען זיך אלץ אזוי געקנייטשט, ווי אמאל, ווען זי פלעגט איהם דערזעהן; דאס איז געווען פון פרייד, פון גליק, וועלכע זי האט ניט געקענט בעהאלטען.

— מיט ליעב אייער קומען, דמיטרי איוואנאוויטש — האט זי קוים ארויסגערעדט, ווען זי איז אריין, און איהר גאנצער פנים האט זיך בעגאסען מיט א רויטקייט.

— וואס מאכסט... וואס מאכט איהר, — האט ער אנגעהויבען, ניט וויסענדיג, צו זאל ער דו׳צען, צו איהר׳צען. ער איז אויך רויט געווארען, אזוי ווי זי. — זייט איהר געזונד? לעבט איהר?

— גאט זיי דאנק... אט דאס האט אייך די טאנטע געשיקט די זייף, וועלכע איהר האט אימער האלט געהאט, די ראזע זייף — און זי האט אוועקגעלייגט די האנדטיכער און די זייף אויף׳ן הענטעל פון קרעסלע.

— דאנקט דער טאנטע. אך, ווי בין איך צופרידען, וואס איך בין געקומען—האט ניעכלודאוו געענטפערט, פיהלענדיג ווי ליכטיג און ליעבליך עס ווערט איהם אויף׳ן הארצען, גאר אזוי ווי אמאל, ווען ער איז דא געווען.

זי האָט נאר ליעב א שמייכעל געטאָן אלס אנטוואָרט אויף דיעזע ווערטער, און איז גלייך ארויסגעגאנגען.

די טאנטעס, וועלכע האָבען אימער היים געליעבט ניעכליר־דאָווין, האָבען איהם דיעזען מאָהל בעגעגענט נאָך מיט מעהר פרייד אלס געוועהנליך. דמיטרי איז דאס איצט געפאהרען צו זיין פאָלק, וועלכער דארף געהן גלייך אין מלחמה און, ווער ווייס, ער קען נאָך פערוואונדעט ווערען אדער גאר פאלען טויט אין שלאכט. דאָס האָט געריהרט די טאנטעס.

ניעכליודאוו האָט אזוי איינגעטהיילט זיין נסיעה, אז איהם זאָל אויסקומען צו זיין ביי די טאנטעס נאר איין מעת־לעת; ווי ער האָט אבער דערזעהען קאטיושען, האָט ער איינגעוויליגט צו זיין מיט די טאנטעס איבער פאסכא, וועלכע דארף זיך אנהויבען אין צוויי טעג ארום.

ער האָט דערפאר טעלעגראפירט זיין קאָלעגע און גוטען פריינד שענבאָק, מיט וועלכען ער האָט געדארפט צונויפקומען זיך אין אדעסס, אז ער וועט פערוויילען נאָך עטליכע טעג און אז שענבאָק זאָל אויך אריינפאהרען צו די טאנטעס.

שוין פון דעם ערשטען טאָג אָן, ווי נעכלודאָוו האָט וויעדער דערזעהן קאטיושאַ'ן, האָט ער געפיהלט דאס זעלביגע, וואס ער האָט געפיהלט אמאָל צו איהר. ער האָט איצט אויך עבען אזוי ווי אמאָל ניט געקענט זעהן איהר ווייסען שירץ און ער זאָל ניט צוטומעלט ווערען; ווי נאר ער דערהערט איהרע טריט פון ווייטען, אזוי הויבט אָן, ווי אמאָל, זיין הארץ טאנצען פון פרייד.

ווי אנגענעהם איז איהם געוועזן צו הערען איהר שטימע, איהר געלעכטער און וואס פאר א חיות ער האָט געפיהלט אין הארצען, ווען ער האָט געקוקט אין איהרע אויגען — שווארצע און גלאנ־ציגע, ווי נאסע שווארצע קארשען, און בעזאנדערס נאָך ווען זי שמייכעלט. ער האָט בשום אופן ניט געקענט זעהען, ווי זי ווערט רויט, ווען זי בעגעגענט זיך מיט איהם, און ער זאָל אליין בשעת מעשה ניט שעהמענדיג ווערען.

ער האָט געפיהלט, אז ער איז פערליעבט, נאר דאָך ניט אזוי

ווי אמאָל, ווען דיעזע ליעבע איז פאר איהם געווען א געהיימניס און ער האָט דאן זיך אליין ניט געוואגט אויסצוזאגען, אז ער ליעבט זי, — דאן, ווען ער האָט נאך געגלויבט, אז א י י ן מאָל קען מען נאר ליעבען. איצט אבער איז ער געווען פערליעבט, וויסענדיג אפען אז ער ליעבט און הנאה האָבענדיג פון דעם וואס ער וויים, — ער וויים אין וואס עס בעשטעהט די ליעבע און וואס פון איהר קען ארויסקומען, אבוואָהל ער וויל עס אליין בעהאלטען פון זיך.

אין נעכלודאָוו'ן, אזוי ווי אין אלע מענשען, זיינען געזעסען צוויי מינים מענשען. איינער א גייסטיגער, וועלכער האָט געזוכט פאר זיך אזא מין פערגעניגען נאָר, וועלכער זאל טוהן גוטעס אויך אנדערע מענשען; דער צווייטער, א טהירישער מענש, און דיעזער האָט געזוכט נאר אליין הנאה צו האָבען, און פון דיעזער הנאה וועגען וואלט איהם ניט געארט אפילו, אז די וועלט זאל זיך אונטערגעהן.

אין דעם צושטאנד פון אזא משוגעת פון עגאָאיזמוס, וועלכען זיין לעבען אין פעטערבורג און אין מיליטער־דיענסט האָט אין איהם ערוועקט, האָט אין איהם אין גאנצען געהערשט דער טהירישער מענש און האָט זיך אונטערטהעניג געמאכט דעם גייסטיגען מענשען.

נאָר איצט, ווען ער האָט דערזעהן קאטיושא און וויעדער דערפיהלט דאס זעלביגע, וואס ער האָט איבערגעלעבט דאן, האָט דער גייסטיגער מענש אין איהם אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט אנגעהויבען צו פאָדערן זיין רעכט.

אין דיעזע צוויי טעג פאר די פייערטעג האָט נעכליודאָוו איבערגעלעבט א שווערען קאמפף, וועלכער איז אהן אויפהער פארגעקומען אינערליך אין איהם, אבוואהל ער האָט זיך עס אליין ניט ערקלערט.

ער האָט גאנץ גוט געוואוסט ביי זיך אין הארצען, אז ער האָט דאָ ניט וואס צו פערברייננגען ביי די טאנטעס, אז ער דארף פון דאָנען אוועקפאהרען; ער האָט געוואוסט, אז פון זיין בלייבען דאָ איבער די פייערטעג וועט קיין גוטס ניט ארויסקומען. איהם איז

אבער געוועו אזוי צום הארצען דאַ און אזוי אנגענעהם, אז ער האָט זיך אליין וועגען דעם פערשווייגען און איז געבליעבען.

שבת אווענד, ערב דעם „ליכטיגען־כריסטוס־זונטאג“, איז דער פּאַפּ צוזאמען מיט דעם דיאקאָן, דורך די בלאָטעס און פערפלייצונ־גען קוים דערקראָכען, צו פראוועו דעם פריה־מאָרגען געבעט.

נעבליודאוו איז געשטאנען, וועהרענד דאס געבעט, די גאנצע צייט, צוזאמען מיט די טאנטעס און מיט דער גאנצער דינערשאפט, און ער האָט די אויגען ניט אראָבגענומען פון קאטיושא, וועלכע איז געוועו בעשעפטיגט מיט דערלאנגען דעם גלח די רויכערדיגע וויי־רוך. ער האָט זיך געזעגענט מיט די טאנטעס און מיט דעם גלח און האָט שוין געוואלט געהן שלאָפען; ער האָט אבער דערהערט, ווי די אלטע מאטרענא פּאוולאָוונא — די גאָרניטשנע פון זיין טאנטע — צוזאמען מיט קאטיושא׳ן קלייבען זיך צו געהן אין קלויסטער, דער גלח זאל דארט בעשפּריצען מיט הייליגען וואסער די געבעקס אויף פּאסכא:

„איך וועל מיט זיי מיטפאהרען“, — איז איהם ארויף אויפ׳ן געדאנק.

דער וועג צום קלויסטער איז געוועו איצט אַן אונמעגליכער דורכצופאהרען ניט אויף א שליטען און ניט אויף א וואָגען, נעבליו־דאָוו האָט געהייסען אנזאטלען זיך א רייט־פערד, און, אנשטאט צו לייגען זיך שלאָפען, האָט ער אנגעצויגען אויף זיך זיין פּאראדנעם מונדיר, האָט אנגעטאָהן די שפּארען מיט אלע פּיטשעווקעס, ווי צו א פּאראדנעם מארש, האָט זיך געזעצט רייטענדיג אויף דעם אלטען, שווערען און פעטטען זשערעבעץ, וועלכער האָט ניט אויפגעהערט צו הירזען, און איז אוועקגעריטען דורך שנעע און בלאָטע צום קלויסטער.

15.

יענער פריה־מאָרגען געבעט איז דערנאָך אויף דעם גאנצען לעבען פערבליבען די אנגענעהמסטע און ליכטיגסטע עראינערונג אין דעם זכרון פון נעבלודאָוו׳ן.

ווען ער האָט אריינגעריטען אינ׳ם הויף פון קלויסטער, וועל־

כער איז געווען בעלויכטען ארום און ארום מיט לעמפעלעך האָט זיך שוין דאס גאַטעס דיענסט אנגעפאנגען.

די פויערים האָבען דערקענט מאריא איוואנאָוונא׳ס פלימעניק און זיי האָבען גענומען זיין פערד פאר׳ן צאם, האָבען איהם ארויפ־געפיהרט אויף א טרוקענעם שטיקעל פלאץ, האָבען איהם צוגעבונ־דען און האָבען געבליודאוו׳ן ארייגעפיהרט אין קלויסטער.

אין קלויסטער איז געווען פול מיט עולם, אלע יו״ט׳דיג פער־פוצט. פון דער רעכטער זייט זיינען געשטאנען פויערים: אלטינקע אין קאפטאנעס פון אייגענע ארבייט, און אין ווייסינקע אָנו־צעס אויף די פיס, מיט נייע לאפטיעס; יונגע אין נייע, געווענטע־נע קאפטאנעס, אונטערגעגארטעלט מיט בונט־פערביגע גארטלען און אין שטיוועל.

לינקס — פויערטעס אין רויטע, זיידענע טיכלעך אויף די קעפ, אין פליסענע פאַדדיאָווקעס, מיט בונט־רויטע ארבעל און אין בלויע, רויטע, גרינע און העל פארביגע קליידלעך און האלבע שטיוועלעך אויף די פיס, מיט פאַדקאָוועס אויף די קנאפעל.

אלטינקע פויערטעס אין ווייסע טיכלעך אויף די קעפ, גרויע קאפטאנעס און אין נייע לאפטיעס. צווישען די יונגע און די אלטע זיינען געשטאנען די קינדערלעך, אויסגעפוצטע מיט זייערע גלאנ־ציגע פערקאמטע קעפלעך.

די פויערים האָבען זיך געבוקט און גע׳צלם׳ט, צו יעדער בויג א טרייסעל מיט די האָר; פרויען, בעזאנדערס די אלטע, מיט מאטע אויגען, האָבען ניט אויפגעהערט צו קוקען אויף דעם בילד פון דער הייליגער מאריע, מיט ליכט ארום, און זיי זיינען געפאלען אויף די קניע, שעפּצענדיג עפעס שטילינקערהייט.

די קינדער, קוקענדיג אויף אלעמען, האָבען אויך געבעטען און גע׳צלם׳ט זיך, בעזאנדערס, ווען זיי האָבען געזעהען, אז מען קוקט אויף זיי. ארום די גרויסע הייליגע בילדער האָבען געברענט פיעלע ליכט, ארומגעוויקעלטע מיט גאָלדענע פעדים. די פריוווילינע העל־פער האָבען געזונגען די תפילות מיט זייערע גראָבע באַס־שטימען און דינינקע דיסקאנטען.

נעבליודאוו איז ארויף העכער. אין מיטען קלויסטער איז גע־שטאנען די אריסטאקראטיע. א גוט־בעזיצער מיט זיין פרוי און מיט זיין זוהן, אין א מאטראזען־יאקע; דער סטאנאָוואָי, א טעלעגראַ־פיסט, א קופּעץ אין א פּאָר שטיוועל מיט גלאנציגע כאליאוועס, דער סטארשינא מיט א גרויסען מעדאל אויפ׳ן ברוסט. הינטער דער פּאָמעשציצע איז געשטאנען מאטרענא פּאוולאָוונא, אין א דונ־קעל־בלויע קלייד און מיט א ברייטע ווייסע טוך אויף די שולטערן, און לעבען איהר קאטיושא אין א ווייסען קלייד מיט קנייטשעלעך ביים טאליע, מיט א בלויען גורט און א רויטען שלייף אויף דעם שווארצען קאָפּ.

אלעס איז געווען יו״ט׳דיג, בעגייסטערענד, פרעהליך און שעהן; דער גלח אין זיין זילבערנע ריזע, אויסגענעהט מיט גאל־דענע צלמים׳לעך, דער דיאקאָן, דער דיאטשאָק אין זייערע יו״ט׳־דיג־הייליגע אויבערציהערס און די פרייוויליגע זינגער מיט זייערע גלאנציגע מיט אויל בעשמירטע קעפּ, אוסגעפּוצט אין נייע קליידער, זייער געזאנג, די קאלירטע ליכט מיט גאלד בעפּוצט, און די שטענ־דיגע הארציגע אויסגעשריען: „כריסטאָס וואָסקרעס!״ דאס אלעס איז געווען הערליך שעהן. נאר שעהנער פון דעם אלעם איז געווען קאטיושא אין איהר ווייסען קלייד מיט דעם רויטען שלייפעל אויף דעם שווארצען קאָפּ און מיט איהרע גלאנציג־שווארצע אויגען, וועלכע האָבען געבליצט מיט פריידע און גליק.

נעכלודאָוו האָט געפיהלט, אז זי האָט איהם געזעהן, ניט ארומ־קוקענדיג אפילו. ער האָט דאס געזעהן, ווען ער איז פארבייגע־גאנגען פערביי איהר נעהענטער צום אלטאר. ער האָט אייגענטליך ניט געהאט וואס צו זאגען איהר. ער האָט אבער געפונען עפּעס א׳ן איינפאל און קומענדיג נעהענטער צו איהר, האָט ער געזאגט שטיל:

— די טאנטע האָט געזאגט, אז זי וועט זיך אפּפאסטען ערשט נאָך דעם מיטאגס־געבעט.

דאס יונגע בלוט האָט זיך צוגאסען איבער איהר גאנצען ליעב־ליכען געזיכט, ווי אימּמער, ווען זי פלעגט איהם דערזעהען, און

איהרע שווארצע אויגען, איבערפילט מיט פרייד, האָבען אויף איהם נאאיוו געקוקט פון אונטען ארויף, ווי איהר שטייגער איז געווען.

— איך וויים, — האָט זי שמייכעלדיג געענטפערט.

אין דיעזער מינוט איז דער דיאטשאָק פערבייגעגאנגען מיט זיין קופּערנע פּושקע שטופּענדיג זיך צווישען עולם, ער האָט ניט בעמערקט קאטיושען און האָט פערצעפּעט איהר קלייד מיט זיין הייליגען כאלאט. וואהרשיינליך איז דאס געווען דערפאר, ווייל דער דיאטשאָק האָט אוים אכטונג, צו נעכליודאוו׳ן מורא געהאט, ער זאל איהם ניט אנריהרען און האָט דערווייל אונגערן אנגעריהרט קאטיו־שא׳ן.

נעכליודאוו האָט אבער אויף איהם א קוק געטאָהן פערוואונ־דערט, ווי אזוי קען ער, דיעזער דיאטשאָק, ניט בעמערקען ז י? ווי פערשטעהט ער דאס ניט אז אלעס וואס דא טוט זיך ארום און ארום און אלעס וואָס עס טוט זיך אויף דער גאנצער וועלט — איז נאר פון איהר ט׳וועגען, פון קאטיושא׳ס וועגען! פער־בייגעהן און ניט בעמערקען זי? מען קען אלעס פערבייגעהן אונ־בעמערקט, אבער ז י — זי איז דאך דער מיטעל־פּונקט פון אלעס, וואס עס עקזיסטירט.

אזוי האָט זיך געדוכט נעכליודאוו׳ן, ווען ער האָט געקוקט אויף איהר שלאנקער פיגור און ווייסען קלייד מיט די קרויזעלעך און אויף איהר ליכטיגען פּנים, אין וועלכען ער האָט געלעזען דייט־ליך, אז דאסזעלבע זיסע ליעד, וואס זינגט זיך ביי איהם אין האר־צען, זינגט זיך אויך אין איהר הארצען.

ווען נעכליודאוו איז ארויסגעגאנגען פון קלויסטער צווישען דאס ערשטע און דאס צווייטע גאָטעס־דינסט, האָבען אלע בעטעג־דע פאר איהם געמאכט א ווארע און האָבען צו איהם א בייג געטאָהן זיך. מאנכע האָבען איהם דערקענט; אנדערע האָבען געפרעגט: „ווער איז ער?“ אויף די טרעפּלעך האָט ער זיך אבגעשטעלט. בעטלער זיינען איהם בעפאלען; ער האָט זיי צוטהיילט דאס קליינ־געלד, וואס ער האָט ביי זיך געהאט, און איז אראבגעגאנגען.

עס האָט שוין געהאט אנגעהויבען צו טאגען, נאר די זון איז

נאָך ניט אַרויס. אַרום קלויסטער, אויף די בערגלעך פון קברים, האָט זיך צוזעצט דער עולם. קאַטיושאַ איז נאָך געבליבען אין קלויסטער און נעכליודאָוו איז געבליבען וואַרטען אויף איהר.

פון קלויסטער זיינען אַלץ אַרויסגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען מענשען, זיינען אַראָב די טרעפּלעך און האָבען זיך צושאָטען אין אַלע זייטען, איבערן הויף און אויפ'ן מאָהילניק.

אַן אַלטער אויסגעדינטער קאַנדיטאָר פון נעכליודאָוו'ס טאַנ־טע, האָט זיך אָבגעשטעלט לעבען נעכליודאָוו'ן, זיין קאָפּ האָט זיך געטרויסעלט, און ער האָט זיך כריסטאָסעוועט מיט זיין אַלטער פּריצ'טעס פּלימעניק. זיין פרוי, אַ'ן אַלט־אַלטינקע, מיט צורונצעל־טע באַקען, האָט אַרויסגענומען פון אַ טיכעל אַ געלע איי און געגע־בען נעכליודאָוו'ען.

באַלד איז צו איהם אונטערגעגאַנגען אויך אַ יונגער, פרעהלי־כער, קרעפּטיגער פּויער אין אַ נייע פּאַדדיאָווקע און אַ גרינעם קור־שאַק.

— כריסטאָס וואָסקרעס, — האָט ער מיט אַ שמייכעלדיגער און פרעהליכער מינע זיך צוגערוקט מיט זיין מויל צו נעכלודאָוו'ס געזיכט. האָט איהם מיט זיינע פרישע, שטאַרקע ליפּען דריי מאָל אַ קוש געטאָהן אין רעכטען מיטען פון נעכליודאָוו'ס ליפּען.

וועהרענד נעכליודאָוו האָט זיך צוקושט מיט דעם יונגען פּויער און האָט פון איהם גענומען אַ דונקעל ברוינע איי, האָט זיך, אַרויס־געהענדיג פון קלויסטער, געוויזען די דונקעל־בלויע קלייד פון מאַט־רענאַ פּאַוולאָוונאַ און די ליעבליכע שוואַרצע קעפּעלע מיט'ן רוי־טינקען שלייפעלע.

זי האָט איהם באַלד אויך דערזעהען, קוקענדיג איבער די קעפּ פון די אַרויסגעהענדע און ער האָט אויך בעמערקט, ווי עס האָט אַנגעהויבען צו לייכטען איהר געשטאַלט, ווען זי האָט איהם דער־זעהן.

זי איז אַרויס צוזאַמען מיט מאַטרענאַ פּאַוולאָוונאַ און זיי טהיילען דאָס איצט נדבות פאַר די בעטלער. אַ בעטלער מיט אַן וואונד אויפ'ן מיטען צורה, אַנשטאָט אַ נאָז, איז צוגעגאַנגען צו

קאטיושאַ. זי האָט פון טיכעל עפּעס ארויסגענומען, האָט איהם דער־לאַנגט און האָט זיך צוגעבויגען נאכהער צו איהם און זאגענדיג „כריסטאָס וואָסקרעס“ האָט זי זיך מיט איהם צוקושט, ניט פיהר־לענדיג קיין אבשטויס דאביי.

און אקוראט דאַן, ווען זי האָט זיך צוקוסט מיט דעם בעטלער, האָט זיך איהר בליק בעגעגענט מיט נעכלודאָוו'ס, אזוי ווי זי וואָלט איהם פרעגען: איז גוט אזוי ווי זי טוהט?

„אזוי, אזוי, ליעבינקע, אלץ טוהסט דו גוט, אלץ שעהן און איך ליעב דיך דערפאר“, האָט איהר געענטפערט זיין בליק.

אַט זיינען זיי אראבגעגאנגען פון די טרעפּלעך פון קלויסטער, און ער איז צו איהר צוגעגאנגען. ער האָט ניט געמיינט צו כריסטאָ־סעווען זיך מיט איהר, נאר איהם האָט זיך געוואלט זיין נעהענטער לעבען איהר.

— כריסטאָס וואָסקרעס! — האָט זיך צו איהם אבגערופען מאַטרענא פאוולאָוונא, מיט אזא קלאנג אין איהר שטימע, אזוי ווי זי וואָלט איהם בפירוש זאגען, אז היינט איז ניטאָ קיין אונטער־שיעד; אלע זיינען היינט גלייך, און זי האָט א רוק געטאָהן איהם אין צורה אריין איהר מויל, אָבווישענדיג פריהער דעמזעלבען מיט'ן פאטשיילקע.

— וואָ־איסטינו וואָסקרעס! — האָט געענטפערט נעכליודאָוו, און האָט זיך מיט איהר צוקושט.

ער האָט זיך איצט ארומגעקוקט אויף קאטיושאַ'ן. זי האָט זיך אנגעצונדען, איז גלייך צוגעגאנגען צו איהם.

— כריסטאָס וואָסקרעס, דמיטרי איוואנאָוויטש.

— וואָאיסטינו וואָסקרעס! — האָט ער איהר געענטפערט, און זיי האָבען זיך צוויי מאָל צוקושט, און האָבען זיך אבגעשטעלט אזוי ווי זיי וואָלטען א טראכט טאָהן, צו דארף מען נאָך, און ווי זיי וואָל־טען בעשלאָסען אין דער זעלבער סעקונדע אז מען דארף, האָבען זיי זיך נאָך א דריטען מאָל צוקושט, און האָבעןביידע א שמייכעל גע־טאָהן.

— געהט איהר ניט צום גלח? — האָט א פרעג געטאָהן נעכליודאָוו.

— ניין, מיר בלייבען דא, דמיטרי איוואנאוויטש, א ווײַלע זיצען, — האָט געענטפערט קאטיושא און האָט זיך אבגעאָטהעמט, אזוי ווי נאך א לוסטיגער ארבייט מיט פולער ברוסט; זי האָט איהם געקוקט גלייך אין זיינע אויגען מיט איהרע געלאסענע, מילדע, מיידעלשע, ליעבליכע בליקען.

אין דער ליעבע צווישען א מאנספערזאָן און א פרויענצימער איז אימער דא איין מינוט, ווען דיעזער געפיהל גרייכט זיין העכסטען פונקט, ווען אין דיעזער ליעבע איז ניטא קיין בעוואוסטעס, דורכגערעכענטעס און מגושם׳דיגעס.

דיעזע נאכט פון׳ם ליכטיגען כריסטוס־זונטאג איז פאר נעכליודאָוו׳ן געווען אזא מינוט, דער העכסטער פונקט פון זיין ליעבע. ווען ער האָט זיך איצט דערמאָנט אָן דער פערגאנגענהייט, אָן דער אמאליגער קאטיושא, האָט ער זי דאס געזעהען אין דער געשטאלט, ווי זי איז פאר איהם ערשיענען אין יענער מינוט און האָט פערדונקעלט אלע אנדערע מאָמענטען.

א שווארצען, גלאנציגען, גלאַט־פערקאמטען קאָפּ, אין א ווייסע קלייד מיט קרויזלעך, וועלכע האָט אזוי מיידעלש־שעהן ארומגעצוי־גען איהר גלייכע טאליע און איהר ניט גאָר הויכע ברוסט, און די רויטליכקייט אין איהרע באקען, און די ווייכע, שווארצע, גלאנציגע קארשען־אויגען, און אין איהר גאנצעס וועזען האָבען זיך געפיהלט די צוויי אייגענשאפטען: די ריינהייט פון אונבעריהרטע ליעבע, און ליעבע ניט נאר צו איהם — ער האָט דאס געוואוסט — נאר צו אלעם און צו אלעמען, וואס עס איז נאר דאָ אין דער וועלט, אפילו צו יענעם בעטלער, מיט וועלכען זי האָט זיך צוקושט.

ער האָט געוואוסט, אז דיעזע ליעבע איז געווען אין איהר, דערפאר ווייל ער אליין האָט אין דיעזער נאכט, אין דיעזען פריה־מאָרגען געפיהלט דאס זעלביגע און אין איהם איז געווען דאס קלאָהרע בעוואוסטזיין, אז אין דיעזער ליעבע איז ער געווען צונויפגעגאָסען מיט איהר אין איינעם.

אַך, ווען דאס אלעס וואלט געבליעבען אינ׳ם צושטאנד פון יענעם געפיהל, וועלכען ער האָט דורכגעלעבט יענע נאכט! „דאָס שרעקליכע איז שוין דערנאָך געשעהן, נאָך דיעזער נאכט פון ליכטי־גען כריסטוס־זונטאג“, — האָט ער זיך איצט געטראכט, זיצענדיג לעבען פענסטער אינ׳ם צימער פון די געשווארענע, אין אקרוזשנאָי סוד.

16.

נאָך זיין אומקעהרען זיך פון קלויסטער האָט נעכליודאוו זיך אבגעפאסט צוזאמען מיט זיינע טאנטעס, און, אום צו שטארקען זיך אביסעל, האָט ער אויסגעטרונקען א שנאפס און וויין, אזוי ווי מען איז געוועהנט געווארען דינענדיג אין רעגימענט און ער איז טאקע באלד אן אנגעטאָנענער איינגעשלאפען.

א קלאפּ אין טיהר האָט איהם אויפגעוועקט. נאָך דעם קלאפּ נאָך האָט ער דערקענט, אז דאס איז געווען זי; ער האָט זיך אויפ־געכאפּט, האָט אויסגעריבען די אויגען, האָט זיך אביסעל א ציה געטוהן און איז אויפגעשטאנען.

— קאטיושא, דו? קום אריין, — האָט ער געזאגט.

זי האָט אן עפען געטאָהן די טיהר.

— צום טיש רופט מען, — האָט זי געזאגט.

זי איז געווען אינ׳ם זעלבען ווייסען קלייד, נאר אהן א שלייפעל אויפ׳ן קאָפּ. א קוק טוהענדיג איהם אין די אויגען האָט א ליכטיג־קייט בעגאסען איהר געזיכט, אזוי ווי זי וואלט איהם אנזאגען עפּעס א הימעלשע בשורה וועגען אונגעוועהנליכען גליק.

— איך געה גלייך — האָט ער געענטפערט און האָט גענומען דעם קעמעלע אום צו פערקאמען די האָר.

זי איז געשטאנען א מינוט אן איבעריגע. ער האָט עס בעמערקט, און אוועקווארפענדיג דעם קעמעלע, האָט ער זיך א רוק גע־טאָהן צו איהר. אבער זי האָט אין דער זעלבער מינוט זיך שנעל

א קעהר געטאָהן און איז זיך אוועקגעגאנגען מיט איהרע געוועהנ־ליכע שריט דורכ'ן קאָרידאָר שנעל, לייכט.

„בין איך דאס א ביסעל א נאר" — האט זיך א טראכט גע־געבען נעכליודאוו — פאר וואס האָב איך זי ניט געקענט צוהאלטען א ווײלע?"

און ער האָט זיך געלאזט לויפען נאך איהר איבער'ן קאָרידאָר און האָט זי דעריאגט. וואס ער האָט פון איהר געוואלט האָט ער אין דער מינוט אליין ניט געוואוסט. איהם האָט זיך אבער געדוכט, אז ווען זי איז אריין אין זיין צימער האָט ער עפּעס געדארפט טאָהן אזוי ווי אלע טוהען, און דאס האָט ער ניט געטאָהן.

—ווארט נאר אויף, קאטיושא, — האָט ער געבעטען.

זי האָט זיך אומגעקוקט.

— וואס איז? — האָט זי א פרעג געטאָהן און האָט זיך אבגע־שטעלט.

— קיין זאך ניט, נאר אזוי...

און ער האָט ביי זיך גע'פועל'ט ווי עס איז, ער האָט זיך דער־מאָנט ווי אנדערע טוהען ביי אזעלכע געלעגענהייטען, בפרט מענ־שען אין זיין לאגע, און ער האָט ארומגעכאפּט קאטיושא'ן ביין טאליע.

זי איז געבליעבען שטעהן און האָט איהם גוט אנגעקוקט.

— ניין, דמיטרי איוואנאוויטש, מען דארף ניט, מען דארף ניט — האָט זי געשעפּטשעט מיט א געבעט, רויט ווערענדיג ביז טרע־רען, און מיט איהר שטארקער האנד האָט זי אפּגעצויגען זיין ארעם פון איהר טאליע.

נעכלודאָוו האָט זי געלאָזען און ער האָט זיך אין דיזען אויגענ־בליק אליין פערשעהמט און האָט דערפיהלט אונאנגענעהם, מיאוס פאר זיך אליין.

ער האָט יעמאָלט געדארפט גלויבען זיך אליין; אבער ער האָט ניט פערשטאנען, אז דיזע אויגענבליקליכע שאנדע און אונבע־קוועמליכקייט זיינען די בעסטע געפיהלען פון זיין נשמה, וועלכע האָבען ארויסגעשיינט אויסערליך, און איהם האָט זיך גאר געדוכט,

אז דאס רעדט אין איהם זיין נארישקייט, אז מען דארף האבען שכל צו טאָהן, ווי אלע טהוען אין אזעלכע פעלע.

ער האט זי דעריאגט נאך אמאהל, האט זי ווייטער ארומגע־נומען און האט זי א קוש געטאָהן אין פאטילניצע. דיעזער קוש איז שוין געווען גאר ניט דער זעלביגער, ווי די ערשטע צוויי קושען: דער ערשטער אן אונבעוואוסטער, לעבען א מאיאָווען בלומען־קוסט און דער אנדערער היינט אין דער פריה ביים קלויסטער.

דיעזער קוש איז געווען אן אימה, און זי האט עס דערפיהלט.

— וואס טהוט איהר אזוינס? — האט זי אויסגעשריען מיט אזא ריהרענדער שטימע, אזוי ווי ער האט דא אויף אימער פערניכ־טעט עפעס טהייערעס און הייליגעס, און זי האט זיך א ריס גע־טאָהן פון איהם און אוועקגעלאפען.

ער איז געקומען אין עסס־צימער. די יו"ט'דיג אויסגעפוצטע טאנטעס, דער דאָקטאר און די שכנה'שע גוטבעזיצערין זיינען געשטאנען לעבען טיש מיט די צוקער־געבעקס. אלעס האט אויסגע־זעהען ווי געוועהנליך, נאר ביי נעכליודאוו'ן האט אינווייניג גע־קאכט א ים א גאנצער.

ער האט כמעט קיין זאך ניט פערשטאנען פון דאס, וואס מען האט מיט איהם גערעדט, האט געענטפערט ניט צו דער זאך און פון די געדאנקען איז איהם אלע ניט ארוים קאטיושא, פיהלענדיג נאך דעם טעם פון דעם לעצטען קוש, ווען ער האט זי דעריאגט אין קאָ־רידאָר.

ער האט וועגען קיין אנדער זאך גאר ניט געקענט טראכטען. ווען זי פלעגט אריינגעהן אין עסס־צימער, האט ער, ניט קוקענדיג אויף איהר, געפיהלט איהר אנוועזענהייט מיט זיין גאנצען קערפער און האט געמוזט מיט מיהע זיך צווינגען, איינצוהאלטען זיך ניט צו קוקען אויף איהר.

גלייך נאָכמיטאג איז ער אוועק אין זיין צימער און איז אן אויפגערעגטער אומגעגאנגען, שפאצירענדיג אהין און צוריק, צוהע־רענדיג זיך צו יעדער רויש אין שטוב און ווארטענדיג צו דערהערען איהרע שריט.

יענער טהירישער מענש, וועלכער האָט געלעבט אין איהם, האָט איצט ניט נאר דעם קאָפּ אויפגעהויבען, נאר האָט אנגעהויבען מיט די פיס שטארק צו בריקען און צו־צוטרעטען דעם גייסטיגען מענשען, וועלכער איז אין איהם געווען דער אויבער־הערר, ווען ער איז געקומען צופאהרען אהער און אין דער פריה, ווען ער איז געווען אין קלויסטער. און דיעזער שרעקליכער טהירישער מענש איז איצט געווארען דער איינצעלנער הערשער אין זיין נשמה.

ניט קוקענדיג דארויף, וואס נעכליודאוו האָט אזוי שטארק געזוכט אבצוהיטען קאטיושא, האָט זי זיך דעם גאנצען טאָג דאָך ניט געוויזען און איהם איז ניט געלונגען צו טרעפען זיך מיט איהר איינער אויף איינעם אויף קיין איין מינוט אפילו.

וואהרשיינליך האָט זי איהם אויסגעווייכט.

דארף זיך אבער אבענדס טרעפען, אז זי האָט געמוזט אריינגעהן אין א צימער, וואס איז געווען לעבען יענעם צימער, וועלכען נעכלודאָוו האָט פערנומען. דער דאקטאר איז געבליבען נעכטיגען און קאטיושא האָט געמוזט אריינגעהן אין יענעם צימער אויסצובעטען די בעט פאר דעם גאסט.

ווי נאר נעכליודאוו האָט דערהערט איהרע טריט, איז ער, שטילינקערהייט, איינגעהאלטען דעם אטהעם און קוים וואס געשטעלט זיינע טריט, אזוי ווי ער וואלט זיך צוקלייבען טאָהן דעם גרעסטען פערברעכען, אריין אהין נאָך איהר.

מיט ביידע הענד אריינגערוקט אין דער ווייסער ציכעל און האלטענדיג אזוי די צוויי ווינקלען פון דער קישעלע צום אנציהען, איז זי געבליבען שטעהן, האָט אויף איהם געקוקט און האָט א שמייכעל געטאָהן, אבער דאס איז ניט געווען דער לוסטיגער, הייטערער שמייכעל, ווי אמאָל, נאר אן ערשראָקענער, רחמנות׳דיגער שמייכעל.

דיעזער שמייכעל האָט בעדייטעט אזוי פיעל, ווי צו זאגען איהם, אז דאס וואס ער טהוט איז ניט גוט.

ער איז אויף איין מינוט געבליעבען שטעהן. איצט איז נאָך מעגליך געווען א קאמפּף, אפשר א שוואכער קאמפּף שוין, אבער אין איהם האָט נאָך געקלונגען די שטימע פון וואהרע ליעבע צו איהר,

וועלכע האָט איהם עראינערט וועגען א י ה ר לאַגע, וועגען א י ה ר ע געפיהלען, וועגען א י ה ר לעבען.

אבער נאָך אַ שטימע האָט זיך אין איהם געהערט, און דיעזע שטימע האָט איהם געזאָגט: זעה כאַפּ אריין, אַ׳ניט וועסט ד ו פערליערען אַ געשמאַקען ביסען, — האָב ד ו הנאה.

און דיזע צווייטע שטימע האָט פערטויבט די ערשטע. ער האָט זיך ענטשלאָסען און איז צוגעגאַנגען צו איהר. די מורא׳דיגע אונגע־צאַהמטע, טהירישע ליידענשאַפט האָט איהם אין גאַנצען איבער־וועלטיגט.

ער האָט זי ניט ארויסגעלאָזען פון זיינע ארעמס, האָט זי אוועק־געזעצט אויף דער בעטעל און האָט זיך אליין געזעצט נאָהענט לע־בען איהר.

— דמיטרי איוואַנאָוויטש, ליבינקער, איך בעט אייך, לאָזט מיך — האָט זי צו איהם גערעדט מיט אַ רחמנות קול. — מאַטרע־נאַ פּאַוולאָוונאַ קומט! — האָט זי פלוצלונג אַ געשריי געטאָהן און האָט זיך ארויסגעדרעהט פון זיינע ארעמס. עס איז ווירק־ליך אימיצער געגאַנגען צום טיהר.

— וועל איך צו דיר קומען ביינאַכט — האָט ער איהר איינ־גערוימט — דו ביסט דאָך אליין?

— וואס רעדט איהר? אך, ניין, ניין! מען דאַרף ניט! — האָט זי געזאָגט, אבער בלויז מיט די ליפּען, דען איהר גאַנצעס וועזען, איהר אויפגערעגטקייט און פערלעגענהייט האָט געזאָגט עטוואס אנדערש.

די שריט, וועלכע האָבען זיך געהערט זיינען ווירקליך געווען מאַטרענאַ פּאַוולאָוונאַ׳ס. זי איז אריין איצט אין צימער מיט אַ דעקע אויפ׳ן האַנד און אַ קוק טוהנ׳דיג מיט פאַרוואורף אויף נעכ־ליודאָוו׳ן, האָט זי זיך אנגעבייזערט אויף קאַטיושאַ, פאַרוואס זי האָט גענומען ניט ד י דעקע.

נעכלודאָוו איז ארויס שוויינענדיג. ער האָט זיך אפילו גאָר ניט געשעהמט איצט. ער האָט, אמת, געלעזען אויף מאַטרענאַ פּאַוו־לאָוונאַ׳ס געזיכט, וואס זי דיינקט וועגען איהם, און האָט פערשטאַ־

נען, אז זי האָט פּאָלקאָם רעכט צו דיינקען אזוי וועגען איהם, דען ער האָט געוואוסט אז זיין טהאט איז א שלעכטע; אבער דאס טהירי־שע געפיהל, וועלכעס האָט פערנומען די פּלאַץ פון זיין פריהערדיגער גוטער ליעבע צו איהר, האָט איהם איצט אזוי איבערוועלטיגט, אז דאס האָט איינציג און אליין איהם יעצט בעהערשט, און ער האָט קיין אנדערס ניט אנערקענט.

ער האָט איצט געוואוסט נאר וואס ער דארף טאָהן אום צו בעפריעדיגען זיין לוסט און ער האָט נאר געזוכט די מיטלען ווי עס אויסצופיהרען.

דעם גאנצען אבענד איז ער געווען ווי ניט ביי זיך; ער האָט זיך קיין פּלאַץ ניט געפונען; דאס איז ער אריין צו די טאנטעס, דאס איז ער ארויס דרויסען, דאס איז ער אריין ווידער צו זיך אין צימער, און ער האָט אלץ געהאט אין זינען נאר איינס, ווי בעגע־גענט מען זי ערגעץ איינע אליין; אבער זי אליין האָט איהם געזעהען אוסמיידען און מאטריאָנא פּאוולאָוונא האָט זי דאצו נאָכ־געשפּירט און האָט זי פון אויג ניט אבגעלאזען.

17.

אזוי איז אריבער דער גאנצער אבענד און עס איז געוואָרען נאכט. דער דאקטאר איז אוועק שלאפען. די טאנטעס האָבען זיך שוין אויך געקליבען אוועקצולייגען זיך. נעכליודאוו האָט געוואוסט, אז מאטרענא פּאוולאָוונא איז איצט אין שלאָף־צימער ביי די טאנטעס, און אז קאטיושא איז איינע אליין אין דעם הויז פון די דיענסטען.

ער איז ווידער ארויס דרויסען. עס איז געווען פינסטער, נאס וואָרעם און א ווייסער טומאן האָט בעדעקט די ערד — דער פריה־לינגס־טומאן, וועלכער פערטרייבט די לעצטע ביסעל שנעע.

פונ'ם טייך, וועלכער איז געווען ביי א הונדערט טריט ווייט

פונ׳ם הויז, האָבען זיך געהערט מאוים׳דיגע קלאַנגען: דאס האָט זיך געבראכען דער אייז.

נעכליודאָוו איז אראב פון גאַניק, און שפּרייזענדיג איבער לו־זשעס און איבער׳ן פערגלעזוערטען שנעע איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטער פונ׳ם צימער וואו זי איז געווען.

דאָס הארץ האָט ביי איהם אזוי געשלאָגען אין ברוסט, אז ער האָט אליין געקענט הערען יעדער קלאַפּ; זיין אָטהעם האָט זיך ווייל־ע־ווייז גאר אבגעשטעלט און ווייל־ע־ווייז האָט ער זיך ארויס־געריסען אין א שווערען זיפץ.

דורכ׳ן פענסטער האָט זיך געזעהען דער שיין פונ׳ם קליינעם לעמפּעלע אויפ׳ן טיש, און לעבען דיעזען טיש איז געזעסען קאטיושא איינע אליין, פערטראַכט, און האָט געקוקט אין דער וויטענס.

לאַנג איז געשטאַנען נעכליודאָוו אזוי ווי א פערשטיינערטער און האָט געקוקט אויף איהר, כדי צו זעהען, וואס וועט זי אַזוינס טאָהן, מיינענדיג אז קיינער זעהט זי ניט.

א פּאָר מינוט איז זי געזעסען אונבעוועגט, דערנאָך האָט זי אויפגעהויבען די אויגען, א שמייכעל האָט א שפּיעל געטאָהן אויף איהר געזיכט און איז באַלד פערשוואונדען. זי האָט א שאָקעל גע־טאָהן אין ביידע זייטען מיט׳ן קאָפּ, אזוי ווי זי וואלט זיך דאס ביי־זערן אויף זיך אליין פאר עטוואס, האָט געמאכט א אונצופריע־דענע בעוועגונג און האָט א לייג געטאָהן ביידע הענד אויפ׳ן טיש, קוקענדיג מיט איהרע שווארצע אויגען ווידער ווי אין א טיעפער וויטקייט.

ער איז אלץ געשטאַנען און האָט געקוקט אויף איהר און האָט, אונווילענדיג, געהערט אין דערזעלבער צייט זיין אייגענעם הארץ־קלאַפּען און די מאוים׳דיגע קרעכצען פונ׳ם ברעכענדען אייז אינ׳ם ניט ווייטען טייך. דאָרט, אויף דעם טייך אונטער׳ן טומאַן, האָט עס גע׳רעש׳ט, געארבייט, לאַנג, לאַנג, אונערמידליך, דאס האָט זיך געהערט א מין זשיפּען, דאס א קראכען, דאס א קלינגען, ווי דאס צושיטען זיך פון א מאסע שטיקער גלאָז.

ער איז געשטאַנען, קוקענדיג אויף איהר פערטראַכטען פּנים,

וועלכער האָט אויסגעדריקט אינערליכען קאמפף, און עס האָט זיך אין איהם ערוועקט א רחמנות צו איהר; אבער זאנדערבאר — דיע־זער רחמנות האָט נאך פערשטארקט זיין פערלאנג צו זיין נאָהענט צו איהר, און איהם האָט נאך מעהר געצויגען צו איהר.

ער האָט א קלאפּ געטאָהן אין פענסטער.

זי האָט א ציטער געטאָהן מיט'ן גאנצען קערפּער, אזוי ווי גע־טראפען פון א עלעקטרישען שלאג און איהר געזיכט האָט אויסגע־דריקט פּחד. א ווייַלע האָט זי געקוקט צושראקען. דערנאך איז זי אויפגעשפּרונגען, איז אונטערגעגאנגען צום פענסטער און האָט צו־געררוקט איהר געזיכט צו די שויבען.

דערזעלביגער פּחד איז נאך געווען אויף איהר געזיכט, ווען זי האָט מיטביידע הענד בעשירמט איהרע אויגען, אום צו זעהען גוט, און האָט איהם דערקענט דורכ'ן פענסטער.

איהר געזיכט איז געווען אונגעוועהנליך ערנסט, — ער האָט זי אזא קיין מאָל ניט געזעהן. זי האָט נאר דאן א שמייכעל געטאָהן, ווען זי האָט דערזעהן א ליעבען שמייכעל אויף זיין געזיכט, און איהר שמייכעל איז עפּעס אויך געווען אזוי ווי אוים אונטערטעניגקייט צו איהם, אבער אין הארצען האָט זיך איהר ניט געשמייכעלט. דאָרט איז נאר געווען שרעק.

ער האָט געמאכט א צייכען מיט'ן האנד, זי זאָל ארויסגעהן דרויסען צו איהם, אבער זי האָט געשאקעלט מיט'ן קאָפּ, אז ניין, זי וועט ניט ארויסגעהן, און זי איז געבליעבען שטעהן אין פענסטער. ער האָט נאך א מאָל צוגערוקט זיין געזיכט נאהענט צום שויב און האָט געוואלט זאגען, זי זאָל ארויס צו איהם, אבער אין דיעזער מי־נוט האָט זי זיך א קעהר געטאָהן צום טיהר; אימיצער האָט זי הפּנים א רוף געטאָהן דורכ'ן טיהר.

נעכליודאוו איז אוועק פון פענסטער. דער טומאן איז געווען אזא געדיכטער, שווערער, דאס אבגעהענדיג פינף טריט פון הויז, האָט ער די פענסטער שוין ניט געזעהען מעהר, נאר א שווארצע מאַ־סע, פון וועלכער עס האָט ארויסגעשיינט א רויטליכעס ליכט פון'ם לאָמפּ, וועלכעס האָט איצט אויסגעזעהען אזוי גרויס.

אויפ׳ן טייך איז אלץ אנגעגאנגען די אונאויפהערליכע ארבייט; עס האט געזשיפעט, געסקריפעט, געקראכט, געקרעכצט און געקלונגען דער אייז. פון הויף האט זיך געהערט דער אויסקרעהען פון א האהן, נאך איהם האבען זיך אבגערופען אנדערע און פונ׳ם ווייטען דארף האט זיך געלאזט הערען א קרעהען פון הענער, איינע נאך די אנדערע און איינע די אנדערע איבעררייסענדיג.

ווייטער איז אלעס ארום, אויסערן טייך, געווען שטיל, גאנץ שטיל, ווי אויסגעשטארבען. דאס איז שוין געווען דאס צווייטע קרעהען פון די העהנער.

נעכליודאוו איז א פאר מאהל דורכגעגאנגען הין און צוריק ביז׳ן ווינקעל פון הויז און האט זיך דערנאך אומגעקעהרט צוריק צום פענסטער. דער לאמפ האט נאך אלץ געברענט און קאטיושא איז ווידער געזעסען ביים טיש, אזוי ווי זי וואלט זיך ניט קענען ענטשליסען, ווי צו טאהן.

ווי נאר ער איז איצט צו צום פענסטער, האט זי איהם דערזעהן, האט אויף איהם א קוק געטאהן. ער האט א קלאפ געטאהן ווידער אין שויב. זי האט זיך מעהר ניט ארומגעקוקט, איז אוועק פון טיש און ער האט געהערט, ווי די טיהר האט א סקריפ געטאהן.

ער איז אין איין אויגענבליק געווען שוין לעבען פיר־הויז און האט זי שטילערהייט גענומען אין זיינע ארעמס. זי האט זיך צו איהם צוגעפרעסט, האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט מיט איהרע ליפען בעגעגענט זיין קוש.

זיי זיינען געשטאנען אהינטער׳ן ווינקעל פון פיר־הויז אויף א טרוקענעם שטיקעל פלאץ און ער איז געווען אין גאנצען איבערפילט מיט אונבעפריעדיגטע ליידענשאפט. פלוצלונג האט ווידער א סקריפ געטאהן די טיהר און עס האט זיך דערהערט מאריא פאוולאוונא׳ס בייזע שטימע.

— קאטיושא!

זי האט זיך פון איהם אויסגעריסען און איז אריין צוריק אין הויז. ער האט געהערט, ווי די קליאמקע האט זיך פערמאכט. נאכדעם איז אלעס שטיל געווארען. די גרויסע רויטע אויג איז פער־

שוואַנדען פון פענסטער. עס האָט זיך געזעהען בלויז דער טומאַן און געהערט די אייז־ברעכבענעס פון טייך.

נעבליודאָוו איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, קיינער האָט זיך נישט געזעהען. ער האָט א קלאַפּ געטאָהן, קיינער האָט איהם ניט געענטפערט. ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין הויז, דורך דער פּאַראדנער טיהר, איז אריין אין זיין צימער, אבער שלאָפען איז ער ניט געגאַנגען.

ער האָט אראבגענומען די שטיוועל פון די פיס און איז באַרפוסערהייט ארויס און איז דורכגעגאַנגען דורכ׳ן קאָרידאָר צו דער טיהר פון קאַטיושא׳ס צימער וועלכער איז געווען לעבען מאַטרענאַ פּאַוולאָוונאַ׳ס.

ער האָט זיך צוגעהערט און האָט געהערט ווי די אלטע מאַטרענא כראָפּעט. ער האָט שוין געוואָלט אריין, אבער פּלוצלונג האָט זיך די אלטע מאַטרענא צוהוסט און עס האָט זיך געהערט ווי זי קעהרט זיך איבער אויף דער סקריפּעדיגער בעטעל. ביי איהם האָט זיך אבגעריסען אין הארצען און ער האָט אבגעוואַרט א מינוט פינף.

מאַטרענא פּאַוולאָוונא האָט ווידער געכראָפּעט אזוי ווי פריהער, און אלעס ארום איז געווען שטיל. ער איז אויף די שפּיצען פינגער געגאַנגען ווייטער, און דורך מאַטרענא׳ס צימער ביז דער סאמע טיהר וואו קאַטיושא האָט געשלאָפען.

שטיל. זי שלאָפט הפּנים ניט, דען עס הערט זיך גאר ניט קיין אָטהעם. ווי נאר אבער ער האָט א שעפּטשע געטאָהן: „קאַטירשא", אזוי איז זי אויפגעשפּרונגען, איז צוגעגאַנגען צום טיהר און האָט בייז — אזוי האָט זיך איהם געדוכט — איהם אנגעהויבען בעטען, ער זאָל אוועקגעהן.

— ווי זעהט עס אויס? אַך, ווי קען מען דאָס? און די טאַנטעס וועלען נאָך דערהערען, — אזוי האָבען גערעדט איהרע ליפּען, אָבער איהר גאַנצעס וועזען האָט ווי געזאָגט: „איך בין דיינע, אין גאַנצען דיינע".

און א ז ו י נור האָט נעבליודאָוו פערשטאַנען.

— נו, עפען דאָך אויף איין מינוט נור; איך בעט דיך.

דאס זיינען געווען אונבעטראכטע ווערטער; ער האָט אליין ניט געוואוסט וואס זיינע ליפּען האָבען גערעדט.

זי האָט געשוויגען; דערנאָך האָט ער דערהערט א שארען מיט'ן האנד, זי האָט געזוכט די קליאמקע צו עפענען די טהיר.

אָט גיט א קלאפּ די קליאמקע און ער האָט זיך שוין ארײנ־געכאפּט אין דער געעפענטער טהיר.

ער האָט זי א כאפּ געטהאָן אין זיינע אָרעמס, אָט אזוי ווי זי איז געשטאנען, האָט זי א הויב געטהאָן אויף זיך און האָט זי אוועקגעטראָגען.

— אך, וואס טהוט איהר — האָט זי געשעפּטשעט.

אבער ער האָט ניט געוואָלט הערען איהרע פּראָטעסטען און האָט זי געטראָגען אויף די הענד צו זיך אין צימער.

— אך, לאָזט אָב, מען דארף ניט, מען דארף ניט, אך — האָט זי אלץ שעפּטשענדיג פּראָטעסטירט און האָט זיך אליין פעסט צוגעדריקט צו איהם אין דער זעלבער צייט.

. . . .

ווען זי איז אוועק פון איהם, ציטערנדיג, שטיל, ניט ענטפע־רענדיג אויף אלע זיינע ווערטער, איז ער ארוים אין דרויסען אויפ'ן גאניק און איז געבליבען שטעהן.

אויף דרויסען איז שוין געווען ליכטיגלאך, דאָס קרעכ־צען, רוישען און קראכען פונ'ם ברעכענדען אייז אויפ'ן טייך איז אָנגעגאנגען איצט נאָך שטארקער אלס פריהער — דאָס וואַ־סער האָט איצט שטארקער גערוישט און געבורבעלט, מאכענדיג זיך פריי פונ'ם אייז.

דער טומאן האָט זיך אראָפּגעזעצט אלץ נידריגער און דורך איהם האָט זיך געלאָזט זעהן די ארויסשווימענדע לבנה, טרויעריג בעלייכטענדיג עטוואס שווארצע און שרעקליכע.

„ווי זשע איז דאָס אלעס: האָט עס א גרויסער גליק אָדער א גרויסער אונגליק מיט מיר פּאסירט?" — איז איהם ארויף די פראגע אויפ'ן זינען. — „נון, אָבער אזוי איז עס. אלע מאָהל אזוי, אלע זיינען אזוי, — האָט ער זיך געענטפערט און אוועק צו זיך אין צימער זיך לייגען שלאָפען

18.

אויף מאָרגען איז דער אויסגעפּוצטער פרעהליכער שעהנבאַק אריינגעפאהרען צו די טאנטעס, קומענדיג נאָך נעכלודאָוו'ען. ער האָט אויף זיי געמאכט א פּראכטפאָלען איינדרוק מיט זיין גלאַנץ, מיט זיינע עלעגאנטע מאַניערען, פרעהליכקייט, ברייטע האנד און ליעבע צו דמיטרי.

אמת, די טאנטעס האָבען א ביסעל געקוקט פערוואונדערט אויף דער אונגעוועהנליכער ברייטקייט און לייכטקייט, מיט וועל־כער ער האָט פערשוועגדעט געלד; זיינען פערביי בלינדע בעטלער האָט ער זיי געשיינקט א גאַנצען רובעל; די דינער אויף טהעע האָט ער צוטהיילט 15 רובעל, און ווען סיוזעטקא, סאָפיא איוואַ־נאָוונאַ'ס הינטעל, האָט זיך אבגעקראַצט א פיסעל און בלוט האָט אָנגעהויבען גיסען, האָט ער זיך ארויסגערופען צו מאכען א באַנ־דאַזש און האָט, אָהן לאַנגען ישוב הדעת, צוריסען אויף צווייען זיין באַטיסטענע נאָז־טיכעל מיט זיימעלעך און איינבאַנדאַזשירט די פיסעל. סאָפיא איוואַנאָוונאַ האָט געוואוסט, אַז אזעלכע טיכ־לעך קאָסטען 15 רובעל א דוצענד.

אזעלכע פערשווענדער האָבען נאָך די טאנטעס ניט געזעהן און זיי האָבען ניט געוואוסט, אַז דיעזער שעהנבאַק איז פערשול־דיגט איבער'ן קאָפּ, און אַז מען איז א בעל חוב אין צוויי מאָהל הונדערט טויזענד רובעל, וויסענדיג, אַז מען וועט זיי קיינמאָל ניט בעצאָהלען, טו וואָס פאר א חילוק איז דאָ שוין מיט 25 רובעל מעהר אָדער וועניגער? דער חשבון קומט אויס דער זעלבער. און ביי שעהנבאַק האָט דערפאר א 25־ער קיין בעטרעף ניט געהאַט.

ער האָט פערבראַכט דאָרט נור איין טאָג און אויף מאָרגען איז ער אוועקגעפאָהרען צוזאַמען מיט נעכליודאָוו'ן. זיי האָבען ניט געקענט ווייטער בלייבען, אזוי ווי דאָס איז שוין געווען דער לעצטער טערמין פיר מעלדען זיך אין זייער רעגימענט.

אין דעם לעצטען טאָג פאר'ן אוועקפאָהרען, ווען אין איהם איז נאָך געווען פריש די עראינערונג פון דער לעצטער נאכט, איז אין נעכלודאָוו'ן פארגעקומען אַן אינערליכער קאַמפּף; צוויי געפיה־

לען האָבען זיך געראַנגעלט אין זיין נשמה: איין געפיהל — אַ ברענענדער, ליידענשאַפטליכער, די עראינערונג פון דער ליעבע, אַבוואָהל זי האָט ניט געבראַכט יענעם פערגעניגען, וועלכען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, און אויך די זעלבסט־צופריעדענהייט פון דעם עררייכטען צוועק; דער צווייטער געפיהל — דאָס בעוואוסט־זיין, אַז ער האָט בעגאַנגען אַ מיאוסע טהאַט, אַז מען דאַרף ווי עס איז דאָס פעררינכטען, ניט פון איהר'ט וועגען אַזוי, ווי פון זיך אליין וועגען.

אין יענעם צושטאַנד פון וואַהנזיניגער זעלבסט־ליעבע, אין וועלכען ער האָט זיך איינגעפונען, האָט נעכליודאָוו הויפּטזעכליך געהאַט נור זיך אין זינען און ער האָט אַלץ געטראַכט וועגען דעם וואָס וועט מען וועגען איהם זאָגען דאָ, ווען מען וועט זיך דער־וויסען, ווי ער איז זיך מיט איהר בעגאַנגען, און איהם איז ווייניג געלעגען אין זינען צו טראַכטען וואָס זי מוז פיהלען און וואָס וועט פון איהר ווערען.

ער האָט אויך געטראַכט, ווי שעהנבאַק וועט גלייך טרעפען וועגען זיינע פערהעלטניסע מיט קאַטיושאַ, און דאָס האָט איהם זעהר הנאה געטהאָן, דאָס האָט געשמייכעלט זיין זעלבסט־ווירדע.

— איך קלער, וואָס איז עפּעס מיט אַ מאָל געוואָרען אַזאַ פּייעריגע ליעבע צו די טאַנטעס, אַז מען קען דיך גאַר ניט אָפּ־רייסען, — האָט איהם שעהנבאַק אריינגעוואָרפען ווערטלעך, ווי נור ער האָט דערזעהן קאַטיושאַ, — אַזוי שיקט זיך דאָס. איך אויף דיין פּלאַץ וואָלט אויך ניט געוואָלט אַזוי גיך אוועק... וואָס פאַר אַ פּראַכט!

נעכליודאָוו'ען איז אויך אַרויף אויפ'ן זינען דער געדאַנק, דאָס אַבוואָהל עס איז אַ פערדרוס איצט אוועקצופאָהרען, ווען ער האָט זיך נאָך ניט גענוג אָנגעזעטיגט מיט איהר ליעבע, פון דעסט־וועגען לוינט טאַקע איצט אוועקצופאָהרען, ווייל עס איז בעסער, ווען מען צורייסט מיט גוואַלט אַזעלכע פערבינדונגען, וועלכע קע־נען דאָך לאַנג זאָ ווי זאָ ניט אָנגעהאַלטען ווערען.

ער האָט אויך געטראַכט וועגען דעם, אַז מען דאַרף זי בע־

פריעדיגען מיט געלט, ניט אזוי פון איהר'ט וועגען, ווייל איהם זאל ליגען אין זינען, טאמער וועט זי זיין אין נויט, זאנדערן, ווייל אזוי טהוט זיך דאס אימער. און ער האט איהר טאקע געגעבען אזוי פיעל געלט, וויפיעל ער האט גערעכענט עס פאסט פאר זיין שטאנד און ווי עס זאל פאסען אויך פאר איהר.

אין'ם טאג פון זיין אוועקפאהרען, נאך מיטאג, האט ער אויף איהר אויפגעוואַרט אין פירהויז. זי האט זיך אנגעצונדען דער־זעהענדיג איהם און האט געוואלט פערבייגעהן, אבער ער האט זי אבגעהאלטען.

— איך האב געוואלט זעגענען זיך — האט ער געזאגט, קנייטשענדיג אין האנד א קאנווערט, אין וועלכען עס איז געלעגען א הונדערט־רובעל־בילעט — אט האב איך אייך דאס געוואלט...

זי האט געטראפען. איהר געזיכט האט זיך צוקרימט און זי האט אנגעהויבען שאקלען מיט'ן קאפ, אבשטויסענדיג זיין האנד.

— ניין, נעהם — האט ער ארויסגעפלאפלעט, און האט איהר ארייגגערוקט אין בוזים דעם קאנווערט; ער האט זיך עפעס ווי אפגעברענט דערביי און זיפצענדיג און קרעכצענדיג איז ער אריינ־געלאפען צו זיך אין צימער.

און לאנג דערנאך איז ער ארומגעגאנגען אין זיין צימער און האט זיך געדרעהט אין דרייען, איז עטליכע מאל אפילו אויפגע־שפרונגען און אלץ געקרעכצט און געזיפצט אין דער הויך, אזוי ווי פון א פהיזישען וועהטאג, דערמאהנענדיג זיך אן דיעזע סצענע.

אבער וואס קען מען מאכען? עס איז דאך שוין אלע מאל אזוי. איז עס אזוי ניט געווען מיט שעהנבאקען און מיט דער גאווערנאנטקע, ווי ער האט אליין דערצעהלט? און מיט דעם אנ־קעל גרישא איז ניט געווען דאס זעלביגע? און מיט דעם טאטען, ווען ער האט געוואהנט צו לאנד און ביי איהם איז געבארען גע־ווארען דער אונגעזעצליכער זוהן, מיטענקא, וועלכער לעבט נאך איצט, איז דען ניט געווען אזוי? אלע טהוען אזוי, מסתמא קען

דאך אנדערש ניט זיין. אזוי האָט ער זיך געטרויסט, אָבער אין הארצען האָט ער געליטען. דיעזע עראינערונג האָט איהם גע־בריהט זיין געוויסען.

אין הארצען, טיעף אינערליך, האָט ער געוואוסט גאנץ גוט, אז ער איז זיך בעגאנגען מיט איהר שענדליך, געמיין, הארצלאָז, און אז נאָך אזא טהאט, האָט ער פון זיך ניט נור גערויבט דאָס רעכט ניט נור אנדערע צו אורטהיילען, זאָנדערן אפילו קוקען ליי־טען גלייך אין די אויגען טאָר ער איצט ניט, און ווער רעדט שוין וועגען רעכענען זיך פאר אן אנשטענדיגען, עדעלען, גרויסמוטהיגען יונגען מענשען, פאר וועלכען ער האָט זיך אימער געהאלטען.

און ער האָט אָבער געמוזט רעכענען זיך פאר א מוסטער־האפטען, עדעלען און שעהנעם מענשען, אום צו קענען מיט מעהר צופריעדענהייט לעבען און הנאה האָבען פון לעבען. דאצו איז געווען איין מיטעל: ניט צו טראכטען וועגען דעם וואָס עס האָט פאסירט. אזוי האָט ער טאקע געטהאָן.

די נייע ארט לעבען, וועלכע איז איהם אויסגעקומען צו פיהר־רען — נייע ארט פלעצער, אימער מיט קאָלעגעס, די מלחמה — דאָס האָט איהם געהאָלפען. און וואָס מעהר ער האָט געלעבט, אלץ מעהר האָט ער פערגעסען, און ענדליך האָט ער טאקע לגמרי פערגעסען וועגען דעם.

בלויז איין מאָל נאָכדעם נור האָט עס פאסירט, אז ביי איהם האָט זיך עפּעס ווי אָבגעריסען אין הארצען, און דאָס איז געווען נאָך דער מלחמה, ווען ער איז ארייגעפאָהרען צו די טאנטעס, האָפענדיג זי צו זעהן, און ער האָט זיך דערוואוסט, אז באלד נאָך זיין אוועקפאָהרען האָט זי פערלאָזען די טאנטעס און איז אוועק ערגעץ געלעגען צו ווערען; די טאנטעס האָבען עפּעס געהערט, אז געווארען. דאן האָט עס איהם אנגענומען ביי דעם הארצען.

ווען מען זאָל אויסרעכענען די צייט האָט עס געקענט זיין זיין קינד, אָבער עס קען דאָך געמאָלט זיין, אז דאָס איז גאָר ניט זי איז ערגעץ געלעגען געוואָרען און איז גאָר מיאוס פרדאָרבען ווינער. די טאנטעס זאָגען, אז זי איז אין גאנצען פערדאָרבען

און איז געווען פון דער זעלבער נאטור, וואס איהר מאמע. און דיעזע מיינונגען פון די טאנטעס זיינען איהם געווען אנגענעהם צו הערען. דאס האט איהם אין זיינע אויגען מעהר פערטהיידיגט.

פון אנפאנג אפילו האט ער געוואלט ניט אנדערש ווי אויפ־זוכען זי מיט'ן קינד אבער דערנאך האט ער זיך קיין מיהע ניט געגעבען צו געפינען זי; דאס איז געווען פשוט דערפאר, ווייל אינערליך אין הארצען, האט איהם דאס זעהר געקרענקט און ער האט זיך געשעהמט. קורץ, ער האט ניט געזוכט, האט ניט גע־טראכט מעהר וועגען דעם און האט מיט דער צייט אין גאנצען פערגעסען זיין עבירה.

אבער אט האט איצט דער זאנדערבארער צופאל איהם דער־מאהנט אלעס און האט געפאדערט פון איהם, ער זאל זיך ביי זיך אין הארצען מודה זיין, אז ער איז הארצלאז, פערדארבען, געמיין דאמיט וואס ער האט געקענט די גאנצע צעהן יאהר רוהיג לעבען מיט אזא שולד אויף זיין געוויסען. אבער ער האט זיך נאך ניט מודה געווען, ניין, ער איז נאך געווען דערוייל ווייט דערפון; איהם האט זיך נור געדרעהט אלץ אין מוח: עס זאל זיך חס וחלילה ניט מאכען אזוי, אז אלע זאלען זיך דערוויסען; ווער וויים, זי אליין אדער דער פערטהיידיגער קענען נאך ארויספלאפלען איהר פערגאנגענהייט און איהם מאכען צו שאנדע פאר אלעמען אין די אויגען.

19.

אין אזא גייסטיגען צושטאנד איז געווען נעכליודאוו, ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון געריכטס־זאאל און איז אריין אין צימער פון די געשווארענע.

ער איז געזעסען ביים פענסטער, האט געהערט די געשפרע־כען, וועלכע זיינען אנגעגאנגען ארום איהם און האט געריוכערט א פאפיראס נאך א פאפיראס.

דער לוסטיגער קופעץ, ווי עס ווייזט אויס, האט שטארק מקנא געווען, ווען ער האט זיך דערמאהנט ווי דער פערגיפטעטער קופעץ סמעלקאוו האט פערבראכט אביסעל זיין צייט.

— נו, ברודער לעבען, דאָס הייסט אַ ביסעל געקנאַקט, טאַקע אַזוי ווי אין סיביר. האָט געוואוסט וואָס גוט איז, מיט אַזאַ מחיה'דיגע אַ שפּיעל צו טהאָן.

דער סטאַרשינאַ האָט עפּעס געגעבען צו פערשטעהן, אַז די גאַנצע זאַך ווענדעט זיך אָן דער עקספּערטיזע. פּיאָטר גערא־סימאָוויטש האָט זיך געוויצעלט מיט דעם אידישען פּריקאַזטשיק און האָבעןביידע זיך צולאַכט וועגען עפּעס. נעבליודאָוו האָט נור געענטפערט אויף פראַגען איינזילביג און אַלץ וואָס איהם האָט זיך געוואָלט איז געוועזן, מען זאָל איהם לאָזען צורוה.

ווען דער סודעבני פּריסטאַוו, געהענדיג אַלץ מיט אַ זייט, האָט איינגעלאַדען די געשוואָרענע, זיי זאָלען צוריק אריין אין געריכטס־זאַאל, איז אויף נעבלודאָוו'ן ארויפגעפאַלען אַ פּחד, אַזוי ווי ער וואָלט זיין אליין אַן אַנגעקלאַגטער און ניט אַ ריכטער.

ער האָט געפיהלט, אַז ער איז אַ טויגעניכטס, אַ ליידאַק, וועלכער האָט זיך געדאַרפט שעהמען ווייזען די אויגען פאַר לייטען, און פון דעסטוועגען איז ער זיך אריין אין זאַאל מיט דער זעלבער גדלות און האָט זיך געזעצט אויף זיין פּלאַץ, דער צווייטער נאָך דעם עלטסטען פון די געשוואָרענע; ער האָט פערוואָרפען אַ פוס אויף אַ פוס און האָט געשפּיעלט זיך מיט די פּענסנע.

די אַרעסטאַנטען האָט מען אויך געהאַט ארויסגעפיהרט ער־גענץ און איצט האָט מען זיי צוריק אריינגעפיהרט.

אין זאַאל זיינען איצט געווען נייע פּנים'ער — עדות, און נעבלודאָוו האָט בעמערקט, ווי מאַסלאָוואַ האָט עטליכע מאָהל גע־וואָרפען בליקען אויף אַן אויסגעפּוצטער דיקער פרוי, וועלכע איז געזעסען אין דער ערשטער רייהע, אָנגעטהאָן אין אַ הויכער הי־טעלע מיט אַ גרויסען שלייף און מיט אַן עלעגאַנטער קלייד און נעבלויזטע אַרעמס. ווי ער האָט זיך דערנאָך דערוואוסט איז דאָס געווען די ווירטהין פון מאַסלאָוואַ.

עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס אויספרעגען פון די עדות: דער נאָמען, דער גלויבען א. ז. וו. דערנאָך האָט זיך ווייטער אָנגעהויבען די שלעפּענעס פון דעם אַלטינקען גלח מיט'ן גאָל־

דענעם צלם אויפ'ן ברוסט, וועלכער האָט מיט די זעלביגע גע־וואָהנהייט, ווי פריהער, געזאָגט די שבועה, וועלכע די עדות האָ־בען געדארפט נאָכזאָגען.

ווען די שבועה איז געווען צו ענדע, האָט מען אלע עדות ארויסגעפיהרט און געלאָזען בלויז די מאדאם קיטאיעווא, מאס־לאָווא'ס ווירטהין. מען האָט זי געפרעגט, וואָס וויים זי צו זאָגען וועגען דיעזער געשיכטע; קיטאיעווא האָט דערצעהלט לאנגזאם, מיט א פער'גנב'עטען שמייכעלע און אין א צובראָכענעם רוסיש ווי א דייטשקע, אלעס וואָס זי וויים.

— אם אלעם ערשטען איז צו איהר געקומען דער פאקטער סעמאָן נאָך ליובאשען. אין א ווײלע ארום איז ליובאשא געקו־מען צוריק צוזאַמען מיט דעם קופּיעץ. דער קופּיעץ איז שוין געווען אביסעל צוהיצט, — האָט מיט א לייכטען שמייכעלע דער־צעהלט קיטאיעווא.

— און ביי אונז האָט ער געטרונקען נאָך מעהר און האָט טראקטירט, אָבער אזוי ווי ער איז געווען קורץ אין געלד, האָט ער געשיקט צו זיך אין נומער אָט די זעלבע ליובאשא, צו וועלכע ער האָט זיך צוגעבאקען — האָט זי געזאָגט, א קוק טהוענדיג אויף דער ארעסטאנטקע.

נעכליודאָוו'ען האָט זיך אויסגעוויזען, אז מאסלאָווא האָט ביי דיעזע ווערטער א שמייכעל געטהאָן, און דיעזער שמייכעל איז איהם אויסגעקומען עקעלהאפט. א זאָנדערבארעס, אונבעשטימ־טעס געפיהל פון אָבשטוים, צומישט מיט מיטלייד, האָט זיך ער־וועקט אין איהם.

— וואָס פאר א מיינונג זייט איהר אימער געווען פון מאס־לאָווא? האָט, רויט ווערענדיג און אראָפּגעפאלען, א פרעג געטהאָן ז'ער פערטהיידיגער פון מאסלאָווא, וועלכען דאָס געריכט האָט פאר איהר געשטעלט.

— גוט, זעהר גוט — האָט געענטפערט קיטאיעווא אין איהר צובראָכענעם רוסיש — א מעדכען פון בילדונג און מיט גלאנץ,

ערצויגען אין א שעהנער פאמיליע און נאך פראנצויז קען זי אויך. זי האט נור א ביסעל צופיעל געטרונקען, אבער אלע מאהל גע־בליבען ביים שכל. גאר א גוטס, גאר א גוטס פון א מיידעל.

קאטיושא האט געקוקט אויף די ווירטהין, האט דערנאך פלוצלונג איבערגעטראגען איהר בליק אויף די געשווארענע און איז געבליבען קוקען אויף נעכליודאוו׳ן, און איהר געזיכט איז געוועז ערנסט, זאגאר שטרענג. איינע פון איהרע שטרענגע אויגען האט געקוקט קרום.

א לאנגע צייט האבען דיעזע צוויי זאנדערבארע אויגען גע־קוקט אויף נעכליודאוו׳ן און, ניט קוקענדיג דערויף, וואס אויף איהם איז ארויפגעפאלען א פחד, האט ער דאך ניט געקענט זיין בליק אפרייסען פון דיעזע קרומליכע אויגען מיט בונט־ווייסע ווייסלעך.

אין זיין עראינערונג האט זיך איצט ערוועקט די סצענע פון יענע שרעקליכע נאכט, מיט דעם טומאן, מיט דעם ברעכענדען אייז, מיט דער פערקעהרטער לבנה, וועלכע איז ארויסגעשוואומען פארטאג און האט בעגאסען מיט א זאנדערבארעם ליכט עטוואס שרעקליכע און שווארצע. דיעזע צוויי שווארצע אויגען, וועלכע האבען געקוקט דוכט זיך אויף איהם און פערביי איהם, האבען איהם דערמאהנט דיעזעס שווארצע און שרעקליכע.

„האט זי מיך דערקענט?“ — איז דורכגעפליגען דורך זיין מוח. און נעכליודאוו האט זיך ווי צונויפגעקנייטשט, ערווארטענדיג א קלאפ. אבער זי האט איהם ניט דערקענט. זי האט זיך רוהיג אפגעזיפצט און האט ווייטער אנגעהויבען קוקען אויף דעם פרעדסעדראטעל. נעכלודאוו׳ן האט זיך אויך אבגעזיפצט.

„אך, ווען וועט שוין זיין א סוף?“ — האט ער זיך גע־טראכט. ער האט איצט געפיהלט אונגעפעהר דאס זעלבע, וואס ער האט געפיהלט געהענדיג אויף געיעג, ווען מען מוז דערשטיקען א פערוואונדעטען פויגעל: עקעלהאפט, א רחמנות און פערדרים־ליך. דער פויגעל צאפעלט זיך נאך א האלב טויטער צובלוטיגט

אין יאגד־טאש; אַבשטויסענד, א רחמנות און עס ווילט זיך מאכען דערפון א סוף, גיכער דערשטיקען און פערגעסען.

אזא צומישטעס געפיהל האָט איצט איבערגעלעבט נעכליוּדאָוו, הערענדיג ווי מען פרעגט אוים די עדות.

20.

אָבער ווי איהם אויף צו להכעים, האָט זיך דער פּראָצעס געצויגען לאנג: די עדות זיינען געווארען אויסגעפרעגט יעדער בעזונדער, איינציגוויים, און נאכהער דער עקספערט, און נאָך אַלע אזעלכע פראגען, ווי געוועהנליך, פוןביידע צדדים, פון דעם אנקלעגער און פערטהיידיגער, האָט דער פרעדסעדאטעל פּאָרגעלייגט די געשוואָרענע זיי זאָלען בעטראכטען די זאכליכע בעווייזע, וועלכע זיינען דאָ.

די זאכליכע בעווייזע זיינען בעשטאנען פון א גראָבען גאָלדענעם רינג מיט בריליאנטען, און דעם זייגער, אין וועלכען מען האָט אונטערזוכט די גיפט. דיעזע זאכען זיינען געווען פערזיעגעלט און אויף זיי זיינען געווען אָנגעקלעפּט צעטעלעך.

די געשוואָרענע זיינען שוין געווען פארטיג צו געהן בעטראכטען די זאכען, אבער דאָ האָט זיך ווידער דער פּראָקוראָר לאנגזאם אויפגעהויבען און האָט געשטעלט די פאָדערונג, אז בעפאָר מען טרעט צו בעקוקען די זאכען, זאָל מען איבערלייענען דעם מעדיצינישען רעפּאָרט וועגען דער אונטערזוכונג פון דעם קערפּער.

דעם פּרעדסעדאטעל האָט זיך אפילו געוואָלט וואָס גיכער אָב׳פּטר׳ן דעם גאנצען עסק און ער האָט טאקע אויך געוואוסט, אז אַלעס וואָס אזא לעזונג וועט ברייננגען, איז נור א שלעפעריגקייט און א פערשפּעטיגונג, אָבער דער פּראָקוראָר האָט געהאט א געזעצליכעס רעכט צו פאָדערען דיעזע פאָרלעזונג, און האָט דערפאַר געהייסען דעם סעקרעטער פאָרלעזען די מעדיצינישע אונטערזוכונג. דער פּראָקוראָר האָט אויך גערארפט אויף כפרות דיעזע

פּאַרלעזונג, איהם האָט זיך אָבער געוואָלט צייגען אלע אנוועזענדע, אז ער האָט א מאכט צו פּאַדרעדן.

דער סעקרעטאר האָט געפונען די פּאַפּיערען און האָט ווייטער מיט זיין כאַרכלענדיגען און זויערען קול אָנגעהויבען צו לעזען:

נאָך דער אויסערליכער אונטערזוכונג האָט זיך געצייגט:

1) די הויך פון פּעראַפּאָנט סמעלקאָוו 2 ארשין מיט 12 ווערשקעס.

2) יאהרען, נאָך דעם אויסערליכען אויסזעהן, ארום 40.

3) אויסגעזעהן האָט דער קערפּער אָנגעפּויזט ווי א געשווילעכץ.

4) די פארב פון לייב דורכאויס א גרינליכע און אויסגעשאָטען מיט שווארצע פלעקען.

5) די אויבערשטע הייטעל פון קערפּער אנגעבלאָזען פלעצער־ווייז אזוי ווי פּענכערס פון פערשיעדענע גרויס און ערטערווייז אין גאנצען אראָבגעקראָכען און היינגט אזוי ווי שטיקער שמאטעס.

6) די האָאַר דונקעלע, געדיכטע און ווען מען ריהרט זיך צו, קריכען זיי אויס.

7) די אויגען סטארטשען ארויס פון זייערע לעכער און דער גלאנץ פון די הייטלעך איז פארלאָשען.

8) פון די נעזלעכער, פון די אויערען און פון מויל פליסט א שאמיגע, בלוטיגע שיטערקייט, דער מויל איז האלב־אָפען.

9) קיין האלז איז גאָר ניטאָ, איבער דער געשווילעכץ פון געזיכט און ברוסט.

10) א. ז. וו., א. ז. וו.

27 פּונקטען זיינען אזוי געוועזן אויסגערעכענט אויף פיער בלעטלאָך, אלע איינצעלהייטען און קלייניגקייטען פון דער אויסערליכער אונטערזוכונג פון דעם גרויסען, גראָבען און נאָך דאצו געשוואָלענעם קערפּער פון דעם קופּיעץ, וועלכער האָט זיך פערהולטאיעוועט אין שטאָדט.

דער געפיהל פון עקעל, וועלכער האָט געמאטערט נעכליוּדאָוו'ן, האָט זיך איצט פערשטארקערט ביי דער פאַרלעזונג פון דיעזער בעשרייבונג. קאטיושאַ'ס לעבען, די בלוטיגע שיטערקייט,

וועלכע האָט ארויסגעשלאָגען פון די נאָז־לעכער פון טרופּ, די ארויסגעקראָכענע אויגען פון די לעכער און זיין אייגענע האנדלונג מיט איהר, — דאָס אלעס האָט זיך פאר איהם געצויגען אין איין אָרדנונג און ער איז אין גאנצען געווען ארומגענומען און פער־שלונגען פון דיעזע געדאנקען.

ווען עס האָט זיך ענדליך געענדיגט דאָס לעזען פון דער אויפ־סערליכער בעשרייבונג, האָט דער פּרעדסעדאטעל זיך אָפּגעזיפצט, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געמיינט, אז דערמיט איז שוין גע׳פּטור׳ט. ערשט דער סעקרעטאר האָט אויפגעמישט נאָך א פּאפּיער און האָט באלד אָנגעהויבען לעזען די בעשרייבונג פון דער אינערליכער אונטערזוכונג.

דער פּרעדסעדאטעל האָט ווייטער אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט פערמאכט די אויגען, אָנשפּארענדיג זיך אויפ׳ן עלען־בויגען.

דער קופּיעץ, וואָס איז געזעסען לעבען נעכליודאָוו׳ן, האָט זיך קוים איינגעהאלטען פון שלאָפען און האָט זיך יעדע מינוט אונטערגעהוידעט, אום צו האלטען זיך וואכענדיג; די ארעסטאנ־טען, עבען אזוי ווי די זשאנדארען, זיינען געזעסען אונבעוועגליך.

דער סעקרעטאר האָט געלעזען:

נאָך דער אינערליכער אונטערזוכונג האָט זיך בעוויזען:

1) די שארבען־הויט איז לייכט אָפּגעטהיילט פון די שארבען־ביינער, און קיין בלוט־פליסיגקייט איז ערגעץ ניט געווען קענטיג. 2) די ביינער פון שארבען זיינען פון מיטעל־גראָבע דיקקייט און גאנץ. 3) אויף דער הארטער מארך־הייטעל געפינען זיך צוויי קליינע פלעקען אונגעפעהר 4 צאָהל גרויס; די הייטעל אליין האָט א בלאסען מאטען אויסזעהן און א. ז. וו. און ז. וו. נאָך 13 פּונק־טען.

נאָך דעם האָבען געפאלגט די נעמען פון די אנוועזענדע וועהרענד דער אונטערזוכונג און צום שלוס די מיינונג פון דעם ארצט, פון וועלכער עס ציינט זיך, אז דיעזע אלע ענדערונגען אין דעם צושטאנד פון קערפּער, אין די קישקעס, אין מאָגען, א. ז. וו.

ווי עס איז בעשריעבען אין פּראָטאָקאָל, גיבען דאָס רעכט צו שליסען איינאלע וואהרשיינליכקייט, אז סמעלקאָוו'ס טויט איז געווען א פאָלגע פון פערגיפטונג און אז דאָס גיפט איז אריינגעקומען אין זיין מאָגען צוזאמען מיט'ן וויין, דען אין מאָגען איז געפונען געוואָרען א היבשע מאָס וויין.

— א געזונטער קנאקער געווען — האָט ווידער א בע־מערקונג געמאכט דער קופּיעץ האלב־שלעפעריג.

די לעזונג פון דיעזען פּראָטאָקאָל, וועלכע האָט געדויערט אודאי א שטונדע, האָט אבער דעם פּראָקוראָר נאָך ניט בעפריע־דיגט. ווען דער פּראָטאָקאָל איז געווען געענדיגט, האָט זיך דער פּרעדסעדאטעל צו איהם געווענדעט.

— איך רעכען, אז עס איז גאנץ איבעריג צו לעזען דעם רעפּאָרט פון דער אונטערזוכונג פון די אינגעווייט.

— איך וואָלט, פערקעהרט, זעהר געבעטען, אז מען זאָל דיע־זע אקטען יא דורכלעזען — האָט מיט א שטרענגקייט געזאָגט דער אסיסטענט־פּראָקוראָר, ניט קוקענדיג אויף דעם פּרעדסעדאטעל. ער האָט מיט זיין טאָן געגעבען צו פערשטעהן אז דערויף האָט ער אויך א דעה און אז אויב חו"ש ניט, וועט ער דערלאנגען א קאסאציע.

דער ריכטער מיט דער גרויסער באָרד, וועלכער האָט געליטען פון מאָגען־קאטאר, האָט זיך געפיהלט אָבגעשוואכט און האָט זיך געווענדעט צום פּרעדסעדאטעל.

— און צו וואָס איז די וויטערע לעזונג? עס פערנעהמט מעהר ניט אומזיסטע צייט. דיעזע נייע בעזימער זיינען ניט ריי־נער, נור קעהרען לאנגזאמער.

דער ריכטער מיט די גאָלדענע ברילען האָט גארנישט געזאָגט און האָט נור טרויעריג געקוקט פאראויס, ניט ערוואַרטענדיג קיין גוטעס, ניט פון דער ווייב, די ארורה, און ניט פון לעבען.

עס האָט זיך אָנגעהויבען די וויטערע פאָרלעזונג פון דעם רעפּאָרט.

— ...188 יאָהר, פעברואר דעם 15טען, איך, דער אונטער־

צייכענטער, האָב פאַרגענומען די אונטערזוכונג פון די איינגעווייט, אין דער אנוועזענהייט פון דעם אסיסטענט אינספעקטאָר, אויף דעם אויפטראג פון דער געזונדהייטס־ביורא, נומער 638. די אינגעווייט בעשטעהט פון:

1) די רעכטע לונגען און די האַרץ (אין אַ זעקס־פונטיגער גלעזערנער כלי).

2) דעם אינהאלט פון מאַגען (אין אַ זעקס־פונטיגער גלעזערנער כלי).

3) דעם מאַגען אליין (אין א זעקס־פונטיגע גלעזערנע כלי).

4) די לעבער, די הייטעל און די נירען (אין א דריי־פונטיגער גלעזערנער כלי).

5) די קישקעס (אין א זעקס־פונטיגער ליימענער כלי).

דער פרעדסעדאטעל האָט זיך צוגעבויגען צו איינעם פון די ריכטער און האָט איהם עפּעס איינגערוימט אַ סוד אין אויער, דערנאָך אזוי צום צווייטען און דערנאָך, ווי דיעזע האָבען איינשטימיג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, האָט ער איבערגעריסען אין מיטען די לעזונג מיט די ווערטער:

— דאָס געריכט געפינט די לעזונג פון די ווייטערע אקטען פיר איבעריג.

דער סעקרעטאר איז ענטשוויגען געוואָרען און האָט צונויפגענומען די פאַפּיערען; דער אסיסטענט־פּראָקוראָר האָט מיט כעס עפּעס אנגעהויבען שנעל פערשרייבען ביי זיך אויפ'ן פּאַפּיער.

— די הערען געשוואָרענע קענען איבערקוקען די זאכליכע בעווייזע — האָט געזאָגט איצט דער פרעדסעדאטעל.

דער עלטסטער און נאָך אייניגע פון די געשוואָרענע האָבען זיך אויפגעהויבען און, פיהלענדיג זיך אונבעקוועם, זיינען צוגעגאנגען צום טיש איינציגווייז און יעדערער האָט א קוק געטהאָן אויפ'ן רינג, אויף דער גלעזעל און אויף דעם זייגער. דער קופּעץ האָט אפילו אָנגעמאָסטען דעם רינג אויף זיין פינגער.

— און א פינגער א ביסעל האָט ער געהאט, אזוי ווי אן אר־גערקע — האָט ער געזאָגט, אוועקלייגענדיג צוריק דעם רינג, איהם האָט זעהר אמוזירט דער געדאנק, אז דער פערגיפטעטער קופּעץ איז געווען עפּעס אזא גבור שבגבורים.

21.

ווען דאָס בעקוקען פון די זאכליכע בעווייזע איז געווען צו ענדע, האָט דער פּרעדסעדאטעל ערקלעהרט, אז די געריכטליכע אונטערזוכונג איז געענדיגט אין גאנצען און האָט גלייך טאקע גע־געבען דאָס וואָרט דעם פּראָקוראָר, ער זאָל האלטען זיין בעשול־דיגונגס־רעדע, האָפענדיג אז דער פּראָקוראָר איז דאָך אויך א מענש, וויל דאָך רויכערען, עסען, ארויסגעהן און ער וועט דאָס מסתמא מאכען בקיצור.

אָבער דער אנקלעגער האָט ניט געזשאלעוועט ניט זיך, ניט די ריכטער. ווען דער פּרעדסעדאטעל האָט איהם געגעבען דאָס וואָרט האָט ער זיך לאנגזאם אויפגעהויבען, ווייזענדיג זיין גראַ־ציעזע פיגור, און אָנשפּארענדיג זיך מיט די פינגער אָן ראנד פון טיש און אָנבייגענדיג דעם קאָפּ עטוואָס אויף א זייט, האָט ער געוואָרפען א בליק איבער דעם גאנצען זאאל, אויסמיידענדיג בלויז די אָנגעקלאָגטע, און האָט אָנגעהויבען:

„מיינע הערען געשוואָרענע! דער פאל, איבער וועלכען איהר דארפט יעצט אורטהיילען,—האָט ער אנגעפאנגען די פראזען, וועלכע ער האָט פערפערטיגט נאָך וועהרענד דעם לעזען פון פּראָטאָקאָל,— איז זעהר א כאראקטעריסטישער, אויב מען קען אזוי זיך אויס־דריקען, זעהר א כאראקטעריסטישער פערברעכען."

ווי ער האָט געדענקט, מוז די רעדע פון דעם בעשולדיגער האָבען א געזעלשאפטליכע בעדייטונג; אזוי הויבען אָן אימער די גרויסע יוריסטען אין זייערע גלענצענדע רעדען. אמת, צווי־שען די אנוועזענדע זיינען נור דריי פּרויען: א שניידערין, א קע־

בין און קארטינקינ'ס א שוועסטער, און דאצו נאָך איין קוטשער, אָבער דעם פּראָקוראָר האָט עס ניט אויסגעמאכט. די אַלע גרויסע יוריסטען האָבען דאָך אזוי אָנגעפאנגען, טאָ ווי זאָל ער זיך דער־מיט ניט אויספיינען. זיין רעגעל איז געווען צו זיין אזוי ווי די העכסטע, ווי די גרעסטע, אויך אריינדרינגען אין דער פּסיכאָלאָ־גישער בעדייטונג פון דעם פערברעכען און ארויסשטעלען נאקעט די וואונדען אויפ'ן געזעלשאפטליכען קערפּער.

„איהר האָט דאָ פּאר אייערע אויגען, מיינע הערען געשוואָ־רענע, א כאראקטעריסטישען פערברעכען, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, א פערברעכען פון דער ענדע פון אונזער יאָהר־הונ־דערט, וועלכער טראָגט אין זיך, זאָ צו זאָגען, די ספּעציפישע צייכענס פון יענע צופוילונג, וועלכער עס זיינען אונטערוואָרפען אין אונזער צייט י ע נ ע עלעמענטען פון אונזער געזעלשאפט, וועלכע געפינען זיך אם מייסטען אונטער די בעזאָנדערע ברענענדע זאָ צו זאָגען שטראהלען פון דיעזען פוילונגס־פּראָצעס...“

דער געהילפס־פּראָקוראָר האָט גערעדט זעהר לאנג, פון איי־נער זייטע זוכענדיג אין זיינע געדאנקען אלע יענע חכמות, וועלכע ער האָט געקענט אויסטראכטען און צופּאסען צום עסק און, פון דער צווייטער זייט, געבענדיג זיך די מיהע צו ריידען נאָכאנאנד, נאָכאנאנד אָהן אָפּשטעלען זיך, עס זאָל זיך גיסען, עס זאָל פלי־סען; און דאָס לעצטע איז ביי איהם געווען די הויפּט־זאַך, זיין רעדע האָט זיך נעגאָסען און האָט געפלאָסען נאָכאנאנד א גאנצע שטונדע מיט א פערטעל.

נור איין מאָהל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיין רעדע האָט זיך איבערגעריסען און ער האָט עטליכע מינוטען געשלונגען די שפּייעכץ, נור ער האָט זיך באלד טאקע גוט אויסגעדרעהט, האָט נאָך שעהנער צורעדט זיך און עס איז אוועק ווי געשמירט.

גערעדט האָט ער א ווילע מיט א זאנפטע, וויכינקע שטי־מעלע, פוטערדיג, איבערטרעטענדיג פון איין פוס אויף דער אנ־דערער און קוקענדיג אויף די געשוואָרענע, און א ווילע מיט א שטילער, געשעפטליכער, טרוקענער שטימע, אריינקוקענדיג אין

זיינע פאפיערען, און פלוצלונג פלעגט ער זיך א בייזער טהאן מיט א צארן פון גערעכטיגקייט, ווענדענדיג זיך צום פובליקום.

נור אויף די ארעסטאנטען האט ער ניט געקוקט; זיי האבען אלע דריי ארייגעלאזען אין איהם זייערע אויגען, אבער ער אויף זיי האט ניט א בליק געטהאן.

זיין רעדע איז געווען צונויפגעשטעלט פון די געדאנקען און ריידערייען, וואס זיינען ערשט געווען אין דער מאדע, שפאגעל־נייע, פון וואס אלע אין זיין קרייז האבען גערעדט, וואס מען האט גערעכענט פאר די לעצטע ווערטער פון דער וויסענשאפט.

אין איהר איז געווען די ערבונגס־טהעאריע, פערברעכערישע אנלאגען פון געבורט, און לאמבראזא און טארד, און עוואלוציאן, און קאמפף אום׳ס דא־זיין, און היפנאטיזמוס, און איינפלוס, און שארקא, און דעקאדענץ, און וואס ניט?

נאך די בעשטימונג פון דעם פראקוראר האט דער קופעץ סמעלקאוו מיט זיך פארגעשטעלט דעם טיפ פון א געזונדען, נאטור־רייכען, אונבעריהרטען רוסישען פאלקס־מענשען, וועלכער איז געפאלען אלס אפפער פון מאראליש־געזונקענע פערזאנען, וועלכע ער האט זיך פערטרויט, צו פערדאנקען זיין גוטמוטיגקייט, און וועלכע האבען איהם אריינגענומען אין זייער פינסטערער געוועל־טיגקייט.

סעמיאן קארטינקין איז נאך דער מיינונג פון פראקוראר אויסגעקומען אן אטאוויסטישע ארויסקומענעס פון דער לייב־אייגענשאפט, א נידערשלאגענע נאטור, א פערטויבטע, אהן ביל־דונג, אהן פרינציפען, אפילו אהן גאט אין הארצען.

באטשקאווא איז געווען קארטינקינ׳ס ליובאווניצע און אויך א קרבן פון פערדערבונג. אין איהר זיינען קענטיג געווען, לויט דעם פראקוראר׳ס טהעאריע, אלע צייכענס פון א דעגענערירטער פערזאן.

אבער די הויפט־פערברעכערקע, די אנפיהרערין פון אלעם איז געווען מאסלאווא, וועלכע שטעלט מיט זיך פאר דעם נידריג־סטען טיפ פון דעקאדענץ.

„דיעזע פרוי — האט שטרענג געזאגט דער פּראָקוראָר, ניט קוקענדיג אויף איהר — האט געגאָסען בילדונג; אזוי האָבען מיר געהערט דאָ פאר אונז אויפ'ן געריכט די צייגניסע פון איהר ווירטהין. זי קען ניט נור לעזען און שרייבען, זי קען זאָגאר פראנצויזיש; זי איז א יתומה און זי טראָגט מסתמא אין זיך פון איהר געבורט שוין דעם אורשפּרונג פון פערברעכען; זי האָט זיך ערצויגען אין אן אינטעליגענטער פאמיליע, אין א הויז פון אדעליגע, און זי האָט געקענט פערדיענען איהר ברויט פון עהרליכע ארבייט...

„אָבער וואָס טהוט זי? זי ווארפט אוועק דאָס הויז פון איהר וואָהלטהעטער, גיט זיך איבער איהרע ליידענשאפטען און צייכענט זיך נאָך דעריין אויס, צו פערדאנקען איהר בילדונג, און הויפטזעכליך, ווי איהר, הערען געשוואָרענע, האָט דאָ געהערט פון איהר ווירטהין, מיט איהר שטארקען איינפלוס; זי האט אין זיך די געהיימע אייגענשאפט צו ווירקען אויף מענשען. דאָס איז אן אייגענשאפט, וועלכע איז ערשט אין דער לעצטער צייט ערפאָרשט געוואָרען פון דער וויסענשאפט, בעזאָנדערס פון דער שולע פון שארקאָ, און מיט דיעזע אייגענשאפט האָט זי זיך דאָס בענוצט, ארייננעהמענדיג אין איהרע הענטעלעך דעם שטילען, גוטהערציגען, רוסישען, נאטור־רייכען קופּעץ, זי געווינט זיין פערטרויען. צוערשט בע'גנב'עט זי איהם. דערנאָך ערמאָרדעט זי איהם הארצלאָז."

— נו, דאָ איז ער שוין, דוכט זיך, פערקראָכען אין בויבעריק, — האָט דער פּרעדסעדאטעל מיט א שמייכעל געמאכט א בעמערקונג צום שטרענגען ריכטער פון דער רעכטער זייט.

— א שרעקליכער באַלוואַן, — האָט דיעזער געענטפערט צוריק דעם פּרעדסעדאטעל.

„מיינע הערען געשוואָרענע, — האָט דערווייל פאָרטגעזעצט מיט א זיסער מינעלע דער פּראָקוראָר, — אין אייער האנד איז דער שיקזאל פון דיעזע פּערזאָנען, אָבער פערגעסט ניט אז אין אייערע הענד איז אויך דער שיקזאל פון א געזעלשאפט, אויף וועלכער איהר מוזט ווירקען מיט אייער ענטשיידונג. איהר דארפט

אריינדרינגען אין דער בעדייטונג פון אזא פערברעכען, און די געפאהר וועלכע עס דראָהעט דער געזעלשאפט פון אזעלכע, זאָ צו זאָגען, פאטאלאָגישע אינדיווידיאומען, ווי א מאסלאָווא, און איהר וועט דאן פערהיטען די אונשולדיגע, די געזונדע קרעפטען פון דער געזעלשאפט, זיי זאָלען ניט פערפעסטעט ווערען און די געזעל-שאפט זאָל חס וחלילה ניט אונטערגעהן!"

און אזוי ווי ער אליין וואָלט געפיהלט די גאנצע וויכטיגקייט פון דער קומענדער ענטשיידונג, זייענדיג ענטציקט מיט זיין אייגענע שעהן-רעדעריי, האָט זיך דער אָנקלאָגער אראָפּגעלאָזען אויף זיין שטוהל.

אין גאנצען דער רעיון פון דער רעדע, ווען מען זאָל ארויס-וואַרפען די אראטאָרישע בלומען, איז געווען, אז מאסלאָווא האָט היפּנאָטיזירט דעם קופּעץ, האָט דאדורך געהאט זיין פערטרויען, און ווען זי איז געקומען צו איהם אין נומער נאָך דאָס געלד, האָט זי לכתחילה געוואָלט גאָר אליין אין גאנצען עס צונעהמען פאר זיך, נור זעהענדיג אז זי האָט לעבען זיך סעמיאָנען און יעפימאָ-ווא, האָט זי זיך בעסער צוטהיילט דעם רויב מיט זיי צוזאמען. דערנאָך, ווען זי איז געקומען צוריק מיט דעם קופּעץ און האָט געוואָלט בעהאלטען איהר פערברעכען, האָט זי איהם פערגיפטעט.

נאָך דער רעדע פון דעם עפענטליכען אנקלעגער האָט זיך אויפגעהויבען פון דער פערטהיידיגונגס-באנק א מאן פון א יאָהר 40, אין א פראק, מיט א האלב-רונדער אָנגעקראָכמעלטער ברוסט, און האָט געהאלטען א פעהיגע רעדע צור פערטהיידיגונג פון זיינע קליענטען, קארטינקין און באָטשקאָווא.

דיעזער פערטהיידיגער איז געווען א געדונגענער אדוואָקאט פאר 300 רובעל. ער האָט זיינע ביידע קליענטען לעבעדיג פער-טהיידיגט ווייזענדיג אז זיי זיינען ניט שולדיג און אז די גאנצע פערברעכערין איז מאסלאָווא בלויז. אויף איהר האָט ער אלעס ארויפגעוואָרפען.

ער האָט אָפּגעלייקענט מאסלאָווא'ס בעהויפּטונג, אז קאר-טינקין און באָטשקאָווא זיינען געווען מיט איהר צוזאמען ווער-

רענד זי איז געקומען אין נומער ארויסנעהמען דאָס געלד פון טשעמאָדאַן. און האָט אונבעדינגט געפאָדערט אז די בעווייזע פון מאסלאָווא זאָלען ניט האָבען קיין געוויכט דערפאר, ווייל אזא פער־ברעכערין, אזא נידעריגע פּערזאָן איז ניטאָ וואָס צו גלויבען.

דאָס געלד, וואָס קארטינקין מיט באָטשקאָווא האָבען איינגע־לייגט אין באנק — האָט דער אדוואָקאט גע'טענה'ט — זיינען זיכער געווען אָנגעזאמעלטע פון די צוויי האָרעפּאסנע מענשען, דען 2,500 רובעל איז גאָר ניט אזוי שווער אָנצוזאמלען אין צייט פון אזוי פיעל יאָהר ארבייט, און די געסט פלעגען פון זיי צופריעדען זיין, און פלעגען זיי אַ מאָל שיינקען צו 3 און צו 5 רובעל מיט אַ מאָל. זיי האָבען דאָס געלד ניט פערשפּענדט.

דאָס געלד אָבער פונ'ם קופּעץ האָט געראַבעט קיין אנדערער ווי מאסלאָווא, אָבוואָהל מען האָט דאָס ביי איהר ניט געפונען. זי האָט דאָס געלד אפשר וואו בעגראָבען אָדער האָט עס פערלאָרען, אזוי ווי זי איז געווען אין איין אוננאָרמאלען צושטאנד. די פער־גיפטונג איז אויך די ארבייט פון מאסלאָווא אליין, דען איין מאָל האָט זי גענומען דאָס געלד, דאַן האָט זי איהם געמוזט טויטען, און אן אנדערער האָט קיין אינטערעס ניט געהאט צו טויטען דעם קופּעץ.

דער אדוואָקאט האָט דארום אויפגעפאָדערט די געשוואָרענע, זיי זאָלען ערקלעהרען קארטינקין און באָטשקאָווא אלס אונשולדיג אין רויבען דאס געלד, און אויב אפילו ביי זיי וועט, טראָץ אלע וואהרשיינליכקייטען, אויסקומען, אז קארטינקין מיט באָטשקאָווא זיינען יאַ שולדיג אלס אנטהייל־נעהמער אין גנב'ענען דאָס געלד, טאָ מוזען זיי אָבער זיכער ערקלעהרט ווערען אלס אונשולדיג אין דעם מאָרד, און אז זיי האָבען אין דעם פערברעכען קיין פאָראויס־בעשטימטע אבזיכט ניט געהאט.

אין דער ענדע פון זיין רעדע האָט זיך דער געשיקטער אדוואָ־קאט ניט געקענט איינהאלטען ניט צו געבען אַ שטאָך דעם פּראָ־קוראָר און האָט סארקאסטיש אַ זאָג געטהאָן, אז דעם אנקלעגער'ס

גלענצענדע פילאָזאָפיע וועגען ערבונג, ווי גוט עס זאָל ניט ער־קלעהרען די ערבונגס־טהעאָריע, פּאַסט זיך אָבער ניט צו דיעזען פאַל, דען ווער עס זיינען באַטשקאָווא'ס עלטערען איז אונ־בעוואוסט.

דער אנקלעגער האָט מיט כעס און בורטשענדיג עטוואָס פער־צייכענט גיך אין זיינע נאָטיצען, און האָט מיט פעראכטונג געוואָר־פען א בליק אויף דעם פערטהיידיגער.

נאָך דעם האָט זיך אויפגעהויבען דער פערטהיידיגער פון מאַס־לאָווא און האָט שעהמענדיג, שטאַמלענדיג און שטיל געהאלטען זיין רעדע.

ער האָט ניט געלייקענט, אז נאָך אלעם איז קענטיג, דאָס מאסלאָווא קען ערקלעהרט ווערען פאַר שולדיג אין גנב'ענען דאָס געלד צוזאמען מיט קארטינקין און באָטשקאָווא; ער האָט אָבער נעגעבען זיך אלע מיהע צו ווייזען, אז אין דער פערגיפטונג איז זי ניט שולדיג, אז זי האָט קיין אבזיכט ניט געהאט צו טויטען דעם קופּעץ.

ער האָט געוואָלט דאָ געברויכען א ביסעל מליצה, האָט זיך אָנגעהויבען פונאנדערלאָזען אין שילדערונגען פון מאסלאָווא'ס פער־גאנגענהייט, ווי אלס עהרליכע מיידעל איז זי פערפיהרט געוואָרען א מאָל פון א פערדאָרבענעם יונגען מאן, וועלכער איז געבליבען אונבעשטראָפט, און די גאנצע לאסט פון דער זינד איז געפאלען אויף איהר — א משא וואָס איז געווען צו שווער פאר אן אונער־פאהרענער מיידעל און זי האָט, נאטירליך, געמוזט זינקען אונטער דיעזער משא. אבער ער האָט זיך פערשעהמט, צוטומעלט און איז רויט געווארען און זיין שילדערונג איז ארויס ניט געראָטען, אזוי, אז אלע אין זאאל האָבען זיך עפּעס דערפיהלט אונבעקוועם און פערשעהמט.

ווען ער האָט ארויסגעשטאמעלט זיינע קלאגען וועגען דער הארטהערציגקייט פון די מענער, וועגען דער אונבעהאָלפענהייט פון די פרויען א. ז. וו., האָט דער פרעדסעדאטעל, זעהענדיג ווי ער מאַ־

טערט זיך, איהם אויסגעהאָלפען, בעמערקענדיג איהם, ער זאָל זיך האלטען צום פונקט און זאָל ניט אראָפּ אָן א זייט.

נאָך דיעזען פערטהיידיגער האָט זיך ווידער א מאָל אויפגעהויבען דער פּראָקוראָר, און האָט גענומען ווייזען, אז זיינע מיינונגען אין דער ערבונגס־פראגע זיינען ריכטיג און זיינען וויסענשאפטליך בעגרינדעט געוואָרען פון אלע גרויסע געלעהרטע, און אויב אפילו מען וויים ניט, ווער באָטשקאָווא'ס עלטערען זיינען געוועזן, איז דאָך די ערבונגס־טהעאָריע ריכטיג, ווייל דיעזע טהעאָריע צייגט ניט נור, אז ביי שלעכטע עלטערען זיינען שלעכטע קינדער, זאָנדערן אז שלעכטע קינדער האָבען שלעכטע עלטערען און אויב באָטשקאָווא איז בעגאנגען א פערברעכען, איז א סימן, אז איהרע עלטערען האָבען געמוזט זיין פערברעכער.

און וואָס עס אנבעלאנגט דער פערטהיידיגונג פון מאסלאָווא, אז זי איז געוואָרען פערדאָרבען א דאנק א כלומרשט'ן פערפיהרער, איז גראדע דאָס פערקעהרטע דער פאַל: אלעס ווייזט אז זי איז געוועזן א פערפיהרערקע פון פיעלע, פיעלע אָפּפער, וואָס זיינען דורכגעגאנגען איהרע הענד, — האָט דער פּראָקוראָר געענדיגט זיין אנטוואָרט און ער האָט זיך אוועקגעזעצט ווי א שטאָלצער זיעגער.

עס איז נאָך דעם פאָרגעלייגט געוואָרען די אנגעקלאָגטע, אז זיי זאָלען אליין זאָגען עטוואָס צו זייער פערטהיידיגונג.

יעווּפימאָ באָטשקאָווא האָט ווידערהאָלט דאָס וואָס זי האָט פריהער געזאָגט, אז זי האָט גאר נישט געטהאָן, האָט אין קיין זאך קיין אנטהייל גענומען, און האָט ווידער א מאָהל גע'טענה'ט, אז די גאנצע פערברעכערין איז מאסלאָווא אליין. סעמיאָן האָט נור ווידערהאָלט איינינע מאָהל:

— ווי אייער רצון איז, אָבער אומזיסט, אָבער אומזיסט, ניט שולדיג.

מאסלאָווא האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אויף דעם פאָרשלאג פון דעם פּרעדסעדאטעל, זי זאָל זאָגען וואָס זי קען פיר איהר אייגענער פערטהיידיגונג, האָט זי נור א הויב געטהאָן אויף איהם איהרע גרויסע אויגען, האָט זיך ארומגעקוקט אויף אלעמען,

אזוי ווי א פערפאָלגטע חיה, האָט באלד צוריק אראָפּגעלאָזען די אויגען און האָט אויסגעבראָכען אין א שלוכצען.

— וואָס איז מיט איך? — האָט א פרעג געטהאָן דער קופּעץ וואָס איז געזעסען לעבען נעכליודאָוו'ן, ווען ער האָט דערהערט, ווי איהם האָט זיך אזוי ווי פון הארצען עפּעס ארויסגעריסען א זאָנדערבארער קלאַנג. דאָס איז געווען א קלאנג פון א קוים איינגעהאַלטענעם שלוכצען.

נעכליודאָוו האָט נאָך אַלץ ניט פערשטאַנען די גאנצע בעדייטונג פון זיין איצטיגען צושטאנד און האָט צוגעשריעבען זיין אינערליכען געוויין צו נערוועןשוואכקייט. טרעהרען האָבען זיך געשטעלט איהם אין די אויגען און ער האָט אָנגעטהאָן די פּענסנע, אום צו פערדעקען די טרעהרען. דערנאָך האָט ער ארויסגענומען זיין טאשענטיכעל און האָט גענומען שנייצען די נאָז.

דער שרעק פאר אן עפענטליכען סקאנדאל, פאר אן אייביגער שאנדע האָט פערטויבט אין איהם דעם אינערליכען קאמפּף. דיעזער שרעק איז ביי איהם אין דיעזען אויגענבליק געווען שטארקער פון אלעם.

22.

נאָך דעם לעצטען ווארט פון דער אנקלאגע און נאָך דעם ווי די צדדים האָבען זיך צוזאמענגערעדט וועגען דער פאָרם, ווי די פראגען זאָלען געשטעלט ווערען צו די געשוואָרענע, וואָס עס האָט גענומען א היבשע צייט, האָט דער פּרעזידענט אָנגעהויבען זיין רעזיומע.

ניט קוקענדיג דערויף וואָס איהם אליין האָט זיך געוואָלט וואָס שנעלער אָב'פּטור'ן דעם גאנצען עסק און זיין פריי, איז ער אָבער אזוי געוואָהנט געוואָרען צו זיין בעשעפטיגונג, דאָס ווי נור ער האָט אָנגעפאנגען ריידען, האָט ער זיך ניט געקענט מעהר איינהאלטען און האָט מיט אלע קלייניגקייטען ערקלעהרט די געשוואָרענע, דאָס אויב זיי וועלען געפינען די אָנגעקלאָגטע שולדיג, דאן האָבען זיי א רעכט צו אנערקענען אלס שולדיג, און אויב זיי וועלען געפינען די אָנגעקלאָגטע פאר אונשולדיג, זאָ האָבען זיי א רעכט צו ערקלעהרען זיי אונשולדיג; אויב־זשע זיי וועלען געפינען די

אנגעקלאגטע אלס שולדיג אין איין טהייל פון פערברעכען, נור אונשולדיג אין אן אנדערען, זא האבען זיי דאס רעכט צו ערקלעהרען די אנגעקלאגטע פיר שולדיג אין דאס איינע, און פאר אונשולדיג אין דאס אנדערע.

דערנאך האט ער ווידער ערקלעהרט, דאס ניט קוקענדיג דערויף וואס זיי האבען דיעזע אלע רעכטע, פון דעסטוועגען דארפען זיי זיך זעהר פארזיכטיג און פערנינפטיג בענוצען מיט זיי.

געוואלט האט ער אויך ערקלעהרען זיי, דאס אויב זיי ענטפערען אויף א פראגע מיט „יא", דאן הייסט אזא אנטווארט, אז זיי אנערקענען דאמיט אלעס דאס, וואס עס ענטהאלט אין זיך די פראגע, און אויב זיי אנערקענען ניט אלעס דאס, וואס איז געשטעלט געווארען אין דער פראגע, דארפען זיי בפירוש אויסשרייבען, אז דאס און דאס אנערקענען זיי ניט.

אבער דא האט ער א קוק געטהאן אויפ'ן זייגער און זעהענדיג, אז עס איז שוין פינף מינוט צו דריי, האט ער דיעזע ערקלעהרונג איבערגעהיפט און האט גלייך אנגעהויבען צו איבערדערצעהלען אין קורצען דעם איינהאלט פונ'ם פראצעס פאר זיי.

— די אומשטענדען פון דיעזען פראצעס זיינען אט וועלכע — האט ער אנגעהויבען און האט ווידערהאלט אלעס דאס, וואס עס איז שוין איינינע מאל ווידערהאלט געווארען פון די פערטהיידיגער, פון דעם עפענטליכען אנקלעגער און פון די עדות.

דער פרעדסעדאטעל האט גערעדט, גערעדט, און פון ביידע זייטען די צוויי ריכטער האבען געהארכט מיט ערנסט און מיט א טיעפזיניגקייט אויף זייערע געזיכטער און האבען אויך צייטענווייז ניט געקענט איינהאלטען זיך ניט א קוק צו טהאן אויפ'ן זייגער.

זיי האט די רעדע געקלונגען גאנץ שעהן, ד. ה. אזא ווי א רעדע פון א פרעדסעדאטעל בעדארף צו זיין, אבער פון דעסטוועגען איז זי געוועזען צו לאנג. דער פראקוראר איז אויך געוועזען מיט דער זעלבער מיינונג, און אזוי אלע געריכטס-בעאמטע און אלע וואס זיינען אנוועזענד געוועזען אין זאאל.

ענדליך האָט דער פּרעדסעדאַטעל געענדיגט זיין רעזיומע.

דוכט זיך, ער האָט אַלעס געזאָגט, אָבער ער האָט געפונען פאַר ניט איבעריג זאָגען נאָך עטליכע ווערטער וועגען דער וויכ־טיגקייט פון דאס רעכט, וועלכע עס איז געגעבען געוואָרען אין די הענד פון די געשוואָרענע און אז זיי דאַרפען אויפמערקזאם און וויעדער א מאָהל פאַרזיכטיג בענוצען זיך מיט דיעזען רעכט, דען זיי האָבען געשוואָרען, זיי זיינען דאָס געוויסען פון דער געזעל־שאַפט, און נאָך א זאַך, — די געהיימניסע פון זייער בעראַטהונגס־צימער מוזען געהיט ווערען היילי און טאָרען פון יענעם צימער ניט ארויס אין דער עפענטליכקייט, א. ז. וו., א. ז. וו.

פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס דער פּרעדסעדאַטעל האָט אָנגעהויבען ריידען, האָט מאַסלאָווא פון איהם ניט אראָפּגענומען איהרע אויגען, האָט אויף איהם געקוקט אויפמערקזאם, אזוי ווי זי וואָלט מורא האָבען צו פערלירען א וואָרט, און דערווייל האָט נעכליודאָוו געקענט קוקען אין איהרע אויגען אונגעשטערט, ניט מורא האָבענדיג, אז זי וועט איהם דערזעהן און דערקענען.

ער האָט אויף איהר איצט געקוקט אָהן אויפהער, און אין זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט איז פאָרגעקומען דאָס זעלביגע וואָס עס קומט פאָר, ווען מען דערזעהט דאָס לאַנג ניט געזעהענע געזיכט פון א געליעבטער פּערזאָן. פון אָנפאַנג ווערט מען איבעראַשט פון די שטארקע אויסערליכע ענדערונגען, וועלכע זיינען פאָרגע־קומען אין דער געשטאַלט פון דער געליעבטער פאַר דער לאַנגער צייט פון ניט זעהן זיך; אָבער וואָס ווייטער הויבט מען אָן צו דערקענען דיעזע געשטאַלט, דיעזע געזיכטציגע און מען דערזעהט די זעלביגע, וואָס מען האָט געליעבט דאַן, מיט יאָהרען צוריק.

די צייטליכע ענדערונגען פערשווינדען פון די אויגען און עס טרעטען מעהרער און קלאָהרער ארויס פאַר דעם גייסטיגען בליק די הויפּט־ציגע, דער הויפּט גייסטיגער איינדרוק פון געזיכט, וועל־כער ענדערט זיך ניט. דאָס זעלביגע האָט איצט דערזעהן און דער־קענט נעכליודאָוו.

יא, ניט קוקענדיג אויף דעם ארעסטאַנטסקען כאַלאַט, אויף

איהר פעט־געווארענעם קערפער, אויף דער הויך־אויסגעהויבענער ברוסט, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס דער אונטערשטער טהייל פון איהר פנים האט זיך מעהר ארויסגעזעצט און וואס אונטער איהרע אויגען האט זיך געזעהן ווי א מין געשווילעכץ, איז דאס אבער געווען יענע קאטיושא, יענע אמאהליגע קאטיושא, וועלכע האט אזוי אונשולדיג־ליעבליך געקוקט אויף איהם אין יענעם „ליכ־טיגען קריסטוס־זונטאג", מיט יענע גרויסע, שווארצע, עטוואס קרומליכע אויגען, שמייכלעדיג אזוי זאנפט פון פרייד און פול מיט לעבען.

„און אזא וואונדערבארער צופאל. דארף זיך דאך מאכען גראדע, אז דיעזער פראצעס זאל פארקומען גראדע אין דער סעס־סיע, ווען איך בין געשווארענער און נאך 10 יאהר ניט זעהען זיך זאל איך זי דא טרעפען, אויף דעם אנקלאגע־־באנק. אך, מיט וואס וועט זיך דאס אלעס ענדיגען? ווען עס וואלט שוין גענומען א מאל א סוף!" — האט ער זיך געטראכט.

ער האט זיך נאך אלץ ניט אונטערגעגעבען דעם געפיהל פון חרטה, וועלכער האט אין איהם אזוי שטארק אנגעהויבען צו ריידען. איהם האט זיך געדוכט, אז דאס איז בלויז נור א צופאל, וועל־כער וועט פערבייגעהן און וועט מעהר נישט שטערען זיין רוהע.

ער האט זיך געפיהלט אין דער לאגע פון יענעם יונגען הינ־טעל, וועלכער האט זיך ניט גוט אויפגעפיהרט אין די צימערען פון זיין העררע, און דער העדר האט איהם אנגעכאפט ביים פעלכעל און רוקט זיין שנוקעל אין זיין אייגענע שמוץ, וואס ער האט אנגעמאכט. דער הינטעל קוויטשעט, ציהט זיך צוריק, וויל אנטלויפען פון זיינע אייגענע פאלגען און פערגעסען וועגען זיי; אבער די שטארקע האנד פון ווירטה לאזט איהם ניט אפ.

אזוי עבען איז דאס געווען איצט מיט נעכליודאוו'ן. ער האט שוין געפיהלט דעם גאנצען עקעל פון זיינע אייגענע מעשים, ער האט אויך געפיהלט די מעכטיגע האנד פונ'ם בעל־הבית, ער האט אבער ניט פערשטאנען די גאנצע בעדייטונג פון דעם וואס ער האט

אָנגעטהאָן און ער האָט דעם ווירטה אליין נאָך ניט געוואָלט אנער־קענען.

איהם האָט זיך נאָך אלץ ניט געוואָלט גלויבען, אז דאָס, וואָס עס האָט זיך איצט אָפּגעשפּיעלט פאר זיינע אויגען, איז די פאָלגע פון זיינע אייגענע מעשים, אז דאָס איז זיין ארבייט.

אָבער די אונזיכטבארע האנד פון דעם ווירטה האָט איהם געהאלטען פעסט און ער האָט אָנגעהויבען צו פיהלען, אז ער וועט זיך דאָ ניט אזוי גלאַט ארויסדרעהען. ער האָט זיך נאָך גע־פלייסט און ער האָט אריבערגעלייגט אַ פוס איבער אַ פוס, ווי זיין געוואָהנהייט איז געווען, און ער האָט זיך געשפּיעלט מיט זיינע פּענסנע, מאכענדיג אַ מינע, אז איהם געהט עס גאָר ניט אָן.

אינערליך אָבער האָט ער שוין גאנץ גוט געפיהלט די הארט־הערציגקייט, נידעריגקייט, געמיינהייט ניט נור פון זיין יענער טהאט, זאנדערן אויך פון זיין גאנצען פוסט־און־פאסנעם, אויס־געלאסענעם, פערדאָרבענעם לעבען, און די שווערע וואנד, וועלכע האָט פערשטעלט פון איהם די ווירקליכקייט אין פערלויף פון די גאנצע לעצטע 12 יאהר, — דיעזע וואנד האָט זיך איצט אנגעהוי־בען צו שאָקלען, האָט געהאלטען ביים פאלען און ער האָט עס בּיסלעכווייז דערזעהן.

23.

ענדליך האָט דער פּרעזידענט געענדיגט זיין רעדע, און אויפהויבענדיג פון טיש די ליסטע מיט פראגען, האָט ער זי איבער־געגעבען דעם עלטסטען פון די געשוואָרענע, וועלכער איז צוגע־גאנגען צום טיש.

אלע געשוואָרענע האָבען זיך באלד אויפגעהויבען און האָבען אָנגעהויבען צו געהן צו זייער בעראַטהונגס־צימער, אונגעשיקט, ניט וויסענדיג וואו די הענד אהינצוטהאָן. זיי זיינען אריין אין צימער און ווי נור די טיהר האָט זיך צוגעמאכט הינטער זיי, איז גלייך

צוגעלאָפּען א זשאַנדאַרם, האָט אַרויסגעכאַפּט דעם שווערד פון שייד און האָט זיך אַ שטעל געטהאָן לעבען טהיר.

די ריכטער האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער און זיינען אַרויס. די אַרעסטאַנטען האָט מען אויך אַרויסגעפיהרט.

אַריינקומענדיג אין זייער בעראַטהונגס־צימער האָבען זיך די געשוואָרענע גלייך א נעהם געטהאָן צום רויכערען. די אוננאַטיר־ליכקייט און פאַלשקייט פון זייער לאַגע, וועלכע זיי האָבען געפיהלט די גאַנצע צייט, זיצענדיג אין געריכטס־זאַאל אויף זייערע פּלעצער, איז פערשוואונדען פון זיי, און זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צו פיהלען בעסער איצט און עס האָט זיך פערבונדען א לעבעדיגער גע־שפּרעך.

— די מיידעטשקע איז נעביך ניט שולדיג, זי האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט — האָט געזאָגט דער גוט־הערציגער קופּעץ — מען דאַרף צו איהר גנעדיג זיין.

— וועגען דעם וועלען מיר זיך דאָך דאָס דורכריידען, — האָט געענטפערט דער עלטסטער פון די געשוואָרענע — מיר טאָ־רען ניט אונטערגעבען זיך אונזער פּערזענליכען איינדרוק.

— דער פּרעדסעדאַטעל האָט שעהן גערעדט אין רעזיומע, — האָט געמאַכט א בעמערקונג דער פּאָלקאָווניק.

— אויך מיר שעהן! איך בין שיער ניט איינגעשלאָפען.

— די הויפּטזאַכע איז, דוכט זיך, דאָ, וואָס די צוויי קאָרי־דאָרנע דיענער האָבען דאָך גאָר ניט געקענט וויסען, וואָס ביים קופּעץ אין טשעמאָדאַן טהוט זיך, ווען מאַסלאָווא וואָלט מיט זיי ניט געמאַכט יד אחת מיט די געלד, — האָט געֿטענה׳ט דער אי־דישער פּריקאַזטשיק.

— קומט נאָך אייך נאָך, הייסט עס, אויס, אז זי האָט גע־גנב׳עט דאָס געלד? — האָט איהם איבערגעפּרעגט אַן אַנדער גע־שוואָרענער.

— דאָס וועל איך קיין מאָל ניט גלויבען, — האָט געשריען אין דער הויך דער קופּעץ: — דאָס האָט די רויט־אויגיגע מכשפה

אליין אפגעטהאָן די גאנצע געשיכטע און זי ווארפט עס נאָך ארויף אויף איהר.

— זיי זיינען אלע פיינע סחורות, — האָט אַ זאָג געטהאָן דער פּאָלקאָווניק.

— זי זאָגט דאָך אָבער, אז איהר פוס איז גאָר אין נומער ניט אריינגעטראָטען.

— און איהר גלויבט אזא גנב׳ישער צורה וואָס זי זאָגט? איך וואָלט אויף מיין לעבען אזא בריה ניט געגלויבט וואָס א האָאָר איז ווערטה.

— איהר וואָלט ניט געגלויבט! דאָס איז דאָך אָבער נאָך ווייניג וואָס איהר וואָלט אָדער ניט — האָט געענטפערט דער פּריקאזטשיק.

— דער שליסעל איז דאָך אָבער ביי איהר געווען. ווי קען זי ניט זיין פערמישט?

— נו, איז וואָס אז ביי איהר איז געווען דער שליסעל? — האָט זיך געהיצט דער קופּעץ.

— און דער פינגערל?

— זאָגט זי דאָך, אז דעם פינגערל האָט ער איהר געשיינקט,— האָט זיך אליץ געהאמפּערט דער גוטער קופּעץ: — א סוחר, פערשטעהט איהר מיך, איז ער געווען אַ ביטערער, און אריינגעגאָסען האָט ער נאָך אויך דאצו, נו איז ער איהר אריינגעפאָהרען אין באק, געוועהנליך, נו, און דערנאָך האָט עס איהם אליין פערדראָסען, האָט ער זי איבערגעבעטען: נאַ דיר, ווי זאָגט מען דאָס, נעהם און וויין נישט. עפּעס א קליינינקייט, א יונג דאָס איז געווען: מען זאָגט, אודאי 12 ווערשאָק, א פוד 8 האָט ער דאָך געוואויגען!

— עס האָט דאָך אבער ניט דערמיט צו טאָהן, — האָט איהם איבערגעשלאָגען פּיאָטר געראסימאָוויטש, — די פראגע איז דאָ: האָט זי דאָס פערפיהרט דאָס גאנצע געשיכטע אָדער די דינערשאפט? איז דאס געוועזען איהר קאָפּ, אדער זייערע?

— די דינערשאפט אליין וואָלט עס ניט קענען טוהן אָהן איהר, זעהט איהר דאָס ניט?

אזוי האָט זיך געצויגען א לאנגע, לאנגע איבעררייעדעניש.

— ערלויבט אָבער, מיינע הערען, — האָט זיך אבגערופען דער עלטסטער, — לאָמיר זיך צוזעצען אויף די פלעצער ארום טיש און לאָמיר זיך בעראטהען. ביטע, — האָט ער געזאגט זעצענדיג זיך אליין ביים טיש אלס פאָרזיצענדער.

— דאָס זיינען אביסעל חברה־לייט אזעלכע נקבות, — האָט אנגעהויבען דער פריקאזטשיק און אלס בעווייז, אז די הויפט־שולדיגע אינ'ם גאנצען פערברעכען איז מאסלאָווא, האָט ער דער־צעהלט, ווי ער וויים פון א געשיכטע, אז אזא נקבה האָט ארויס־געגנב'עט א זייגער ביי איינעם אין מיטען בולוואר: דאָס האָט פאסירט מיט זיין אייגענעם חבר.

דער פאָלקאָווניק האָט זיך אויף דאביי דערמאָנט אָן א גע־שיכטע ווי מען האָט אין א פלאטץ געגנב'עט א זילבערנעם סאמאָ־וואר און ער האָט דערצעהלט פון דיעזער מערקווירדיגער גנבה.

— מיינע הערען, ביטע, לאָמיר בעקלערען איינע ביי איינע די פראגען, — האָט געבעטען דער עלטסטער, קלאפענדיג אין טיש מיט זיין בלייפעדער.

אלע זיינען אנטשוויגען געווארען. די פראגע האָבען אזוי גע־לויטעט:

1) איז שולדיג סעמיאָן קארטינקין, דער פויער פון דאָרף בארקאָווא, פון קראפיווענסקען אויעזד, 33 יאהר אלט, דעריין, דאס דעם 17טען יאנואר ...188 יאהר, האָט ער אין דער שטאָדט N. פארגענומען צו טויטען דעם קופעץ סמעלקאוו, מיט דער אב־זיכט איהם צו בערויבען, און צוזאמען מיט נאך אנדערע האָבען זיי דעם קופעץ איינגעגעבען סם און בערויבט זיין געלד — א סומע פון 2500 רוב. און א ברילליאנטענעם פינגערל?

2) איז שולדיג אינ'ם אויבענבעשריבענעם פערברעכען די מעשצאנקע יעפימיא איוואנאָוונא באָטשקאָווא, 43 יאָהר אלט?

3) איז שולדיג אין דיעזען אויבענבעשריבענעם פערברעכען יעקאטערינא מיכאילאָוונא מאסלאָווא, 27 יאהר אלט?

4) אויב די אנגעקלאגטע יעפימיא באָטשקאָווא איז ניט שול־

דיג לויט דער ערשטער פראגע, דאן צו איז זי ניט שולדיג אין דעם דאס דען 17 יאנואר ...188 יאהר, אין דער שטאדט נ., דיענענדיג אין דעם האטעל „מאוריטאניא“ האט זי בגנבה ארויסגענומען געלד פון דעם טשעמאדאן פון דעם גאסט אין האטעל, קופעץ סמעלקאוו, אין דער סומע פון 2500 רובעל, געברויכענדיג דאביי א שליסעל, וועלכען זי האט אליין צוגעפאסט?

דער עלטסטער האט איבערגעלעזען די ערשטע פראגע.

אויף דיעזער פראגע האט מען געענטפערט זעהר שנעל. אלע האבען איינגעשטימט מען זאל ענטפערען „שולדיג“, ערקלערענדיג איהם אלס טהייל נעהמער אין דער פערגיפטונג און דעם רויב. נור איינער האט ניט געוואלט איינוויליגען צו אנערקענען קארטינקינען פאר שולדיג, און דאס איז געווען אן אלטער ארטעלשטיק, וועל־כער האט אויף אלע פראגען געענטפערט אין זינען פון פערטהיי־דיגונג.

דער עלטסטער האט געמיינט, אפשר פערשטעהט ער ניט און האט איהם געגעבען צו פערשטעהן, וויזענדיג, אז עס איז קענ־טיג, דאס קארטינקין מיט באטשקאווא זיינען זיכער שולדיג, אבער דער ארטעלשטיק האט געענטפערט דאס זייניגע; ער פערשטעהט טאקע אלעס ווי דאס איז, אבער עס איז דאך א רחמנות. „מיר זיינען דאך אליין אויך ניט אזעלכע מלאכים“.

אויף דער צווייטער פראגע וועגען באטשקאווא, איז געבליבען נאך לאנגע ריידערייען און האמפערן זיך, אז מען זאל ענטפערען „ניט שולדיג“, דען עס האבען געפעהלט קלאהרע בעווייזע, אז זי האט אנטהייל גענומען אין דער פערגיפטונג, ווי עס האט הויפט־זעכליך בעטאנט שטארק איהר אדוואקאט.

דער קופעץ, וועלכען עס האט זיך אזוי געוואלט פערטהיידי־גען מאסלאווא, האט דא אפילו גע׳טענה׳עט מיט אלע כוחות, אז באטשקאווא איז די הויפט־מאכערקע געווען אין אלעם. פיעלע גע־שווארענע זיינען מיט איהם אויך געווען איינפערשטאנען דעריין. אבער דעם עלטסטען האט זיך געוואלט זיין שטרענג געזעצליך, און

ער האָט בעהויפּטעט, אַז עס איז געזעצליך קיין גרונד ניטאָ צו בעשולדיגען זי אלס אנטהייל־נעהמערקע אין דער פערגיפטונג. נאָך לאנגען האמפּערן זיך האָט די מיינונג פון דעם עלטסטען געוואונען.

אויף דער פּערטער פראגע וועגען באָטשקאָווא האָט מען גע־ענטפערט: „שולדיג“, נור אויף דער שטארקער פאָדערונג פון דעם ארטעלשטיק האָט מען צוגעלייגט: „נור זי פערדינט גנאָ־דע“.

דערפאר האָט די דריטע פראגע, וועגען מאסלאָווא, ערוועקט א שטארקע מיינונגס־פערשידענהייט. עס איז ענטשטאנען א מחלוקה. דער עלטסטער האָט געטענה'ט ניט אנדערש, אז זי איז שולדיג אין דעם רויב און אין דער פערגיפטונג; אין אלעס. דער קופּעץ האָט דאָס ניט געוואָלט דערלאָזען און האָט זיך געהיצט, אז, פערקעהרט, זי איז ניט שולדיג ניט אין דאס ערשטע און ניט אין דאס צווייטע. אזוי האָבען אויך געהאלטען דער פּאָלקאָווניק און דער ארטעלשטיק, — די איבריגע האָבען זיך, ווי עס שיינט, ניט געקענט ענטשליסען.

די מיינונג פון דעם עלטסטען האָט שוין כמעט געוואונען א גרויסע טהייל פון די געשווארענע און עס האָט געשיינט, אז ער וועט אויספיהרען, הויפּטזעכליך נאָך דערפאר ווייל די געשוואָרענע זיינען שוין געווען ערמיעדעט און זיי וואָלטען גערן צוגעשטאנען צו דער מיינונג, וועלכע וועט גיכער אב'פּטור'ן דעם גאנצען עסק, און מען וועט אין גיכען פריי ווערען.

פון אלעם דעם, וואס עס האָט זיך ארויסגעוויזען פון אינ־טערזוכונגס־רעפּאָרט און איבערהויפּט נאָך פון דעם, וואָס ער האָט געקענט מאסלאָווא פון אמאָל, האָט נעכלודאָוו ארויסגעטראגען א זיכערע מיינונג, אז מאסלאָווא איז אונשולדיג, אז זי האָט ניט געגנב'עט קיין געלד און אז זי האָט אין זינען ניט געהאט צו טויטען דעם קופּעץ.

ער האָט אנפאנגס אפילו געמיינט, אז אנדערע געשוואָרענע וועלען גאָר אויך אנדערש ניט דיינקען. ווען ער האָט אבער דער־זעהען, דאס איבער דער אונפעהיגקייט פונ'ם קופּעץ צו פערטהיי־

דיגען גוט זיין מיינונג, אז מאסלאָווא איז אונשולדיג, וואס ער האָט געטאָהן וואהרשיינליך בלויז דערפאר, ווייל זי האָט נושא חן געוועזן אין זיינע אויגען; ווען ער האָט דערזעהען, אז איבער דיעזער שוואכקייט פונ'ם קופּעץ געווינט דער עלטסטער די אויבער־האנד און אלע זיינען אזוי מיעד שוין, אז זיי ווילען צושטימען צו אלעם, וואָס דער עלטסטער זאָגט, האָט זיך אין איהם ערוועקט א הייסער פערלאנג צו נעהמען דאָס וואָרט און פערטהיידיגען זי, אבער ער האָט מורא געהאט, דאָס ווי נור ער וועט אָנהויבען רייי־דען, וועלען אלע גליך דערקענען זיינע פערהעלטניסע צו מאס־לאָווא.

אבער ער האָט אונטערדעסען געפיהלט אז ער קען אנדערש ניט, אז ער מוז זיך דאָ איינשטעלען פיר איהר, אז לאָזען דאָס אזוי איז אונמעגליך, איז געפעהרליך. ער איז רויט און בלאס געווארען און האָט נאָר געוואָלט עפּענען זיין מויל צו זאגען, ווי ס'האָט זיך אויפגעהויבען פּלוצלונג פּיאָטר גראסימאָוויטש, וועלכער איז געזעסען ביז איצטער און האָט געשוויגען; פּיאָטר גראסימאָ־וויטש איז, ווי עס שיינט, סתם צורייצט געווארען פון דעם עלט־סטענ'ס אויטאָריטעטער טאָן און ער האָט פּלוצלונג זיך א הויב געטאָן און האָט אנגעהויבען ווידערשפּרעכען דעם עלטסטען, זאָ־גענדיג כמעט אלעם דאָס, וואס נעכלודאָוו האָט געדיינקט צו זאָגען.

— ערלויבט נור, — האָט ער געזאגט, — איהר זאגט, אז זי האָט גע'גנב'עט דערפאר, ווייל ביי איהר איז געוועזן דער שלי־סעל; האָבען דען די קארידארנע ניט געקענט נאָך איהר אריינ־געהן אויפעפענען דעם טשעמאָדאן מיט א צוגעפּאסטען שליסעל?

— געוויס, געוויס, — האָט אונטערגעהאלפען דער קופּעץ.

— זי האָט דאָך אודאי ניט געקענט נעהמען דאָס געלד; זי איז דאָך געוועזן אין אזא לאגע, אז זי האָט דאָך גאָר ניט געהאט וואו דאָס געלד אהינצוטאָן.

— אָט דאָס זאָג איך דאָס אויך — האָט מיטגעשטימט דער קופּעץ.

— עס איז גיכער פון אלעס אנצונעהמען, אז איהר קומען מיט דעם שליסעל און עפענען דעם טשעמאָדאַן האָט ארויפגע־בראַכט זיי אויף דעם געדאַנק, אז עס וואָלט געווען א גוטע זאַך איצט ארויסצונעהמען פון דאָרט דאָס געלד, און ארויפוואַרפען דערנאָך אויף איהר אז זי האָט עס געטאָהן.

פיאָטר גראַסימאָוויטש האָט גערעדט געדייצט, אויפגערעגט און דיעזע אויפרעגונג האָט אויפגערייצט דעם עלטסטען, וועלכער האָט זיך שוין מיט עקשנות איינגעשפּאַרט, אז ער האָט רעכט, אז זיין מיינונג איז אמת׳ער. אבער פיאָטר גראַסימאָוויטש האָט איבערציינגענד געווירקט אויף דעם גרעסטען טהייל פון די גע־שוואָרענע און זיי זיינען געווען איינשטימיג מיט איהם, אז מאַס־לאָווא האָט קיין אנטהייל ניט גענומען אין דער גנבה און אז דעם פינגערל האָט איהר דער קופּעץ געשיינקט.

ווי עס איז אבער געקומען צו רייד וועגען איהר אנטהייל־נעהמען אין דער פערגיפטונג, האָט דער עלטסטער גע׳טענה׳ט, אז מען קען זי ניט געפינען פאַר אונשולדיג, דען זי האָט זיך דאָך אליין מודה געווען, אז זי האָט איהם איינגעגעבען דעם גיפט. דער קופּעץ האָט אבער געשטריטען, אז זי איז דעריין אויך אונשולדיג.

— זי האָט איהם געגעבען, פאַר וואָס ניט, זי האָט געמיינט, אז דאָס איז אָפּיום, — זאָגט ער.

— זי האָט מיט אָפּיום איהם אויך געקענט מאַכען א טויט, — האָט זיך אָפּגערופען דער פאָלקאָווניק, און ער האָט אנגעהויבען דערוייל דערצעהלען פון אזא מין פאַל; ביי זיינעם א שוואָגער האָט זיך די ווייב פערגיפטעט מיט אָפּיום, און זי וואָלט אודאי גע־שטאָרבען, אויב עס וואָלט ניט באלד געבראַכט געוואָרען א דאָק־טאָר און זי אין דער צייט אָפּראַטעוועט.

דער פאָלקאָווניק האָט דאָס דערציילט מיט אזעלכע תקיפות און מיט אזא גדלות, אז קיינער האָט ניט געוואָגט איהם איבער־צושלאָגען אין מיטען. נור דער פּריקאַזטשיק האָט זיך פון דיעזער געשיכטע דערמאָנט דערוייל אָן אן אנדער עהנליכע געשיכטע,

און איהם האָט זיך אויף פערוואָלט דערציילען, ניט האָבענדיג קיין געדולד צו ווארטען ביז דער פּאָלקאָווניק וועט ענדיגען.

— אנדערע געוואָהנען זיך צו — האָט ער איבערגעשלאָגען דעם פּאָלקאָווניק אין מיטען דערצעהלען — און אז מען געוואָהנט זיך צו, קען מען אפילו 40 טראָפּענס אָפּיום איינגעהמען און עס זאָל ניט שאדען. אָט האָט מיינער א קרוב...

אבער דער פּאָלקאָווניק האָט ניט געלאָזט זיך איבערשלאָגען און האָט מיט מעהר תקיפות נאָך אנגעהויבען צו ווייזען, ווי אויף זיין שוועגערין האָט געווירקט דער אָפּיום.

— מיינע העררן, עס איז דאָך שוין באלד 5 אוהר, — האָט זיך אבגערופען איינער פון די געשווארענע.

— נו איז ווי בלייבט, מיינע העררן? — האָט זיך געווענדעט דער עלטסטער צו אלע געשוואָרענע: — זאלען מיר זי אנערקענען פאר שולדיג, נור אהן אן אבזיכט צו רויבען און אז זי האָט גאָר נישט גענומען? בלייבט עס אזוי?

פּיאָטר געראסימאָוויטש איז געווען צופריעדען מיט זיין זיעג און ער האָט צוגעשטימט.

— אבער זי פערדינט גנאדע, — האָט צוגעלייגט דער קופּעץ.

אלע האָבען איינגעשטימט. דער ארטעלשטיק נור האָט גע־טענה'ט, אז מען דארף שטעלען פשוט „ניין, ניט שולדיג".

— נו, אזוי קומט דאָך דאָס אויס, — ערקלעהרט דער עלט־סטער, — אהן דער אבזיכט צו רויבען און קיין זאך האָט זי ניט גע'גנב'עט, הייסט עס דאָך, אז זי איז ניט שולדיג.

— נו, האקט אזוי: און זי פערדינט גנאדע. הייסט עס, אז טאָמער בלייבט וואס, וועט דאס לעצטעס אראָפּוואשען אין גאנצען, — האָט פרייליך א מאך געטאָהן מיט'ן האנד דער קופּעץ.

אלע זיינען שוין געווען אזוי מיעד, האָבען זיך אזוי פער־פּלאָנטערט פון דעם האמפּערן זיך, אז זיי האָבען פערגעסען צו שרייבען צו דעם ענטפער די ווערטער: „יא, אבער אָהן דער אב־זיכט צו נעהמען דאָס לעבען".

נעכלודאָוו איז געווען אזוי צוטראָגען, אז ער האָט דאָס אויך

ניט בעמערקט, און אזוי זיינען די אנטווארטען ארייגעטראגען געווארען אין געריכטס־זאאל.

ר א ב ל ע דערצעהלט פון א יוריסט צו וועלכען עס זיינען געקומען צוגעהן צוויי בעל משפט'ניקעס, און נאך דעם ווי ער האט זיי אויפגעמישט אלערליי געזעצע און האט זיי איבערגעלייענט א צוואנציג בלעטער פון אונזיניגע יוריסטישע ליטיין, האט ער זיי געמאכט א פארשלאג אויסצו־ווארפען מיטביינדלעך: „אום צו גראד?" אויב ג ר א ד אין דער ערשטער גערעכט, אויב א ו ם איז דער צווייטער גערעכט.

אזוי איז דאס געווען אויך דא. עס איז אנגענומען געווארען אזא ענטשיידונג און ניט אן אנדערע, ניט דערפאר, ווייל אלע האבען טאקע אין הארצען אזוי איינגעשטימט, זאנדערן, ווייל ערשטענס, דער פרעזידענט האט אזוי לאנג גערעדט זיין רעזיומע, אז ער האט דעם מאל פערגעסען זאגען דאס, וואס ער האט געוועהנליך ערקלערט אין אזעלכע פעלע, און נעמליך, דאס ענטפערענדיג אויף א פראגע, מעגען זיי זאגען: יא, שולדיג, אבער אהן דער אבזיכט צו נעהמען דאס לעבען; צווייטענס, דערפאר ווייל דער פאלקאווניק האט א לאנגע צייט געדולט א קאפ מיט זיין שוואגער'ס ווייב, אז עס איז געווארען איבערדריסיג; דריטענס, ווייל נעכלודאוו איז געווען אזוי צוטראגען, אז ער האט גאר ניט בעמערקט ווי מען האט דורכגעלאזען און ניט געמאכט דיעזע נויטווענדיגע בעמערקונג און האט געמיינט, אז די ווערטער: „אהן דער אבזיכט צו רויבען" בעדייטען דאס זעלבע, און די בעשולדיגונג ווערט אין גאנצען פערניכטעט; פערטענס, ווייל פיאטר געראסימאוויטש איז גראד ארויס פון צימער בשעת מען האט געשריעבען דעם ענטפער אויף דיעזער פראגע, און הויפטזעכליך, ווייל אלע זיינען שוין געווען אזוי מיעד, אז עס האט זיך איטליכען געוואלט וואס גיכער פטור ווערען פון דער גאנצער געשיכטע און דאפיר זיינען אלע צופריעדען געווען מיט אזעלכע ענטפערס, וועלכע וועלען גיכער מאכען א סוף און מען וועט בעפרייט ווערען.

די געשוואָרענע האָבען אנגעקלונגען.

דער זשאנדארם, וועלכער איז געשטאנען מיט דעם בלויזען שווערד לעבען טיהר, האָט אריינגערוקט דעם קלינג אין שייד און האָט זיך א שטעל געטאָהן אָן א זייט. די ריכטער האָבען פערנומען זייערע פּלעצער; איינער נאָך איינעם זיינען ארויס די געשוואָרענע.

דער עלטסטער האָט טריאומפירענד געטראגען די ליסטע. ער איז אונטערגעגאנגען צום פּרעדסעדאטעל און האָט עס איהם דערלאנגט. דער פּרעדסעדאטעל האָט איבערגעלעזען און, ווי עס האָט געשיינט, איז ער נשתומם געוואָרען, האָט שטוינענד פאנאנדערגענומען די הענד און האָט זיך געווענדעט צו די אנדערע ריכטער נאָך א ראטה.

דער פּרעדסעדאטעל איז דאָס פערוואונדערט געוואָרען פון דעם פעהלער, וואס די געשוואָרענע האָבען געמאכט אין פערפעהלען צו בעמערקען די ווערטער „נור אהן דער אבזיכט צו נעהמען דאס לעבען“. נאָך דיעזער ענטשיידונג פון די געשוואָרענע איז אויסגעקומען, אז מאסלאָווא האָט ניט גע׳גנב׳עט, האָט ניט גערויבט, און אין דערזעלבער צייט האָט זי גע׳הרג׳עט א מענשען סתם אזוי אהן יעדער צוועק.

— זעהט נור וואס פאר א מין דומהייט זיי האָבען דאָ ארויסגעטראגען, — האָט דער פּרעדסעדאטעל געזאגט דעם ריכטער פון דער לינקער זייט, — דאס הייסט דאָך קאטאָרזשנע ארבייט, און זי איז נעבעך אונשולדיג.

— נו, גאר אונשולדיג, — האָט א בורטשע געטאָהן דער בייזער ריכטער.

— פּשוט איז פּשוט, אונשולדיג. איך רעכען אז פיר דיעזען צופאל איז אקוראט פּאסענד דער פּאראגראף 818. (דער פּונקט 818 לויטעט, דאָס אויב די ריכטער געפינען דעם אורטהייל פון די געשוואָרענע פאר אונגערעכט, דאן קענען זיי אומבייטען אזא ענטשיידונג אויף אן אנדערע).

— ווי דיינקט איהר? — האָט ער זיך געווענדעט צום ריכטער מיט גוטע אויגען.

— איך רעכען אויך, אז עס וואָלט געווען גלייך אזוי, — האָט דיעזער געענטפערט.

— און איהר? — האָט ער געפרעגט דעם ריכטער מיט די ברילען.

— קיין מאָל אין דער וועלט ניט, — האָט דיעזער געענט־פערט ענטשלאָסען, — די צייטונגען זיינען שוין אזוי אויך פול דאמיט, אז דאס געריכט פעראורטהיילט קיין מאָל קיין פערברע־כער ניט און דאָס ווערט פערדעכטיגט; וואס וועט מען נאָך זאגען, ווען מען וועט הערען, אז די געשווארענע האָבען געפונען שולדיג און דאס געריכט האָט פריי־געשפּראָכען. ניין, איך שטים אויף קיין פאל ניט איין.

— א רחמנות, אבער וואס קען מען מאכען, — האָט דער פּרעדסעדאטעל בעדויערנד געענטפערט און ער האָט איבערגעגע־בען די ליסטע מיט פראגען דעם עלטסטען צום פארלעזען.

אלע זיינען אויפגעשטאנען, און דער עלטסטער האָט זיך אָפּ־געהוסט, האָט זיך איבערגעשטעלט פון איין פוס אויף דער אנדע־רער און האָט גענומען איבערלעזען די פראגען און אנטווארטען.

אלע טהייל־נעהמער אין פּראצעס: דער סעקרעטער, די אד־וואָקאטען, אפילו דער פּראָקוראָר, זיינען נשתומם געווארען.

די אנגעקלאגטע זיינען זיך געזעסען רוהיג. ווי עס האָט גע־שיינט האָבען זיי ניט פערשטאנען די בעדייטונג פון די אנטוואר־טען.

אלע האָבען זיך ווידער געזעצט און דער פּרעדסעדאטעל האָט א פּרעג געטאָהן דעם פּראקוראָר: וועלכע שטראפע וואָלט ער אויסזעצען געגען די פעראורטהיילטע?

דער פּראָקוראָר, וועלכער איז געווען אונגעהייער צופריעדען פון זיין ערפאלג אין בעצוג אויף מאסלאָווא, דיינקענדיג אז דאס איז צו פערדאנקען זיין אראטאָרישער פעהיגקייט, מיט וועלכע ער האָט געהאלטען זיין גלענצענדע רעדע, איז אויפגעשטאנען,

האָט זיך איינגעקוקט אין עפּעס א ביכעל און האָט געזאָגט:

— סעמיאָן קאַרטינקין וואָלט איך פאַרשלאָגען צו אונטער־ווארפען א שטראפע לויט קאַפּיטעל 1452, פּאַראגראף 4; יעפּי־מיא באַטשקאָווא לויט קאַפּיטעל 1659 און יעקאַטערינא מאסלאָ־ווא אויף גרונד פון קאפּיטעל 1454.

אלע דיזע בעשטראפונגען זיינען געווען די העכסטע גראַד, די שטרענגסטע, וועלכע מען האָט געקענט אהער צופּאסען.

— די ריכטער וועלען ארויס אין בעראטהונגס צימער אום צו קומען צו א בעשלוס — האָט, זיך אויפהויבענדיג, געזאָגט דער פּרעדסעדאַטעל.

נאָך איהם האָבען זיך אלע אויפגעהויבען און ערלייכטערט, מיט אן אנגענעהמערען געפיהל, אז זיי האָבען געטאָהן א גוטע זאַך, האָבען זיי אנגעהויבען ארויסצוגעהן פון זאאל אָדער אין זאאל גופא צו בעוועגען זיך.

— אַך, מיר האָבען דאָך, ברודערל, אזוי מיאוס געלייגט, — האָט זיך אבגערופען פּיאָטר גערַאסימאָוויטש, אונטערקומענדיג צו נעכלודאָוו׳ן, וועלכען דער עלטסטער האָט עפּעס איצט דער־צעהלט, — וועה, מיר האָבען איהר דאָך צוגעדיענט קאטאָרגע.

— וואָס רעדט איהר? — האָט א געשריי געטאָהן נעכליו־דאָוו, ניט בעמערקענדיג שוין איצט די אונאנגענעהמע פאמיליא־ריטעט פונ׳ם לעהרער.

— יא, אזוי איז דאָס, — האָט ער געענטפערט — מיר האָ־בען זיך פערגעסען אריינשטעלען אין ענטפער: „שולדיג, אבער אָהן דער אבזיכט צו נעהמען דאָס לעבען“. מיר האָט דאס נור וואָס דער סעקרעטער געזאגט, דער פּראָקוראָר האָט איהר אויסגע־זעצט 15 יאהר קאטאָרגע.

— אזוי איז דאָך אבער געווען אונזער ענטשיידונג — האָט זיך אבגערופען דער עלטסטער.

פּיאָטר געראסימאָוויטש האָט אנגעהויבען האמפּערן זיך, האָט נעגעבען צו פערשטעהן, אז אזא ענטפער איז געווען א זעלבסט־פערשטענדליכע זאך, אז אנדערש האָבען גאָר אלע ניט געמיינט,

דען איין מאָל האָט מען געפונען, אז זי האָט דאָס געלד ניט גע־נומען, טאָ וואס פאר א צוועק האָט זי געהאט אין נעהמען דאָס לעבען פונ׳ם קופּעץ?

— איך האָב דאָך אבער געלייענט די פראַגען און אנטוואר־טען, איידער מיר זיינען אריין אין זאאל, פאר אלעמען אין דער־הויף, — האָט זיך פערענטפערט דער עלטסטער, — און קיינער האָט דאָך א וואָרט ניט געזאגט.

— איך בין גראַדע אויף דער מינוט ארויס פון צימער, — האָט געזאגט פּיאטר גערמאסימאָוויטש, — אבער ווי האָט איהר דאָס געקענט אזוי דורכלאָזען?

— מיר איז גאר ניט איינגעפאלען אזא זאך, — האָט גע־ענטפערט נעכלודאָוו.

— זעהט איהר דאָך, נו, אייך איז ניט איינגעפאלען.

— מען קען דאָך דאָס אבער פערריכטען, — האָט זיך א כאפּ געטאָהן נעכלודאָוו.

— נו, פערריכטען קען מען שוין ניט. עס איז איצט שוין פערפאלען.

נעכלודאָוו האָט א קוק געטאָהן אויף די ארעסטאנטען. זיי אליין, די זעלביגע, וועמעס שיקזאל עס דארף זיך איצט ענטשיידען, זיצען נעביך נאָך אלץ אזוי אונבעוועגט צווישען די צוויי קאָנוואָינע סאָלדאטען. מאסלאָווא האָט עפּעס א שמייכעל געטאָהן.

און דאָס האָט ערוועקט אין נעכלודאָוו׳ן א שלעכטען גע־פיהל. פריהער, ווען ער האָט ערוואָרטעט, אז זי וועט פרייגעשפּראָ־כען ווערען, האָט ער געדיינקט, ווי זאל ער זיך פערהאלטען געגען איהר, זי בלייבט דאָך אין שטאדט און פריי. און ער האָט ניט גע־וואוסט, ווי ער זאל טאָהן; אבער קאטארגע, ווייט אין סיביר, דאס ראמט דאָך זי גלייך אָפּ און ניטאָ וואס צו טראכטען איבער דעם ווי צו פערהאלטען זיך: דער ניט דערשלאגענער פויגעל וואָלט זיך אויפגעהערט צו צאפּלען אין יאגד־טאש, און וואָלט ניט עראינערען מעהר וועגען זיך.

24.

פיאָטר געראַסימאָוויטש'עס נביאות איז מקוים געוואָרען.

אומקעהרענדיג זיך פון בעראטהונגס־צימער האָט דער פּרעד־סעדאטעל גענומען אין האנד א פּאפּיר און האָט געלעזען:

„...188טען יאהר, אפּריל דען 28טען, לויט דעם בעפעהל פון זיין קייזערליכער מאיעסטעט, האָט דער אָקרוזשנאָי סוד פון שטאָדט .N אין זיין קרימינאל־אבטהיילונג, לויט'ן בעשלוס פון די געשוואָרענע אויף גרונד פון 3טען פונקט קאפּיטעל 771 און פונקט 3 קאפּיטעל 776 און 777 פון שטראף־געזעץ־בוך, ענטשיעדען: דעם פויער סעמיאָן קארטינקין, 33 יאהר אלט, און די מעשצאנ־קע יעקאטערינא מאסלאָווא, 27 יאהר אלט, פערשיקען אויף קאַ־טאָרזשנע ארבייט, אפּנעהמענדיג פון זיי אלע רעכטע: קארטינ־קין אויף 8 יאהר, און מאסלאָווא אויף 4 יאהר, און פארביידען מיט די אלע פאלגען נאָך פונקט 25 פון שטראף קאָדעקס.

די מעשצאנקע יעפימיא באָטשקאָווא, 43 יאָהר אלט, אָב־נעהמענדיג פון איהר אלע רעכטע, אריינזעצען אין אסטראָג אויף 3 יאהר, מיט די אלע פאָלגען נאָך פונקט 49 פון שטראף־קאָדעקס.

די געריכטס־קאָסטען אין דיעזען פּראָצעס זאלען גלייך פער־טהיילט ווערען אויף די פעראורטהיילטע און אויף דער רעגירונג, און אויב די פעראורטהיילטע זיינען אונפערמעגליך זאלען די גאנצע קאסטען פאלען אויף דער רעגירונג.

די זאכליכע בעווייזע אין דיעזען פּראָצעס זאלען פערקויפט ווערען, דעם רינג זאל מען אומקעהרען און די גלעזער פערניכטען".

אזוי האָט געלויטעט דער אורטהייל פון געריכט.

קארטינקין איז געשטאנען, אויך אזוי אויסגעצויגען, די הענד אראָפּגעלאָזען גלייך מיט די נעט פון די הויזען, און די באקען האָ־בען זיך געשאָקעלט, ווי פון אנפאנג געריכט. באָטשקאווא האָט אויסגעזעהן אין גאנצען רוהיג. מאסלאָווא איז רויט און בלוי געוואָרען, דערהערענדיג דעם אורטהייל.

— איך בין אונשולדיג, איך בין אונשולדיג, — האָט זי פּלוצלונג אויסגעשריען איבער'ן גאנצען זאאל. — דאָס איז א

זינד. איך בין אונשולדיג. איך האָב ניט געוואָלט, האָב ניט גע־מיינט. איך זאָג דעם אמת. דעם אמת, — און זינקענד אויפ'ן באַנק האָט זי זיך פאַנאַנדערגעוויינט אויפ'ן קול.

ווען קאַרטינקין און באַטשקאָוואַ זיינען אַרויס, איז זי נאָך אַלץ געזעסן אויף איין אָרט און האָט הויך געוויינט; דער זשאַנ־דאַרם האָט זי געמוזט אַ שלעפּ טאָהן פאַר'ן אַרבעל פון אַרעס־טאַנטסקען כאַלאַט.

— ניין, אַזוי לאָזען איז עס אונמעגליך, — האָט זיך גע־טראַכט נעכלודאָוו, פערגעסענדיג אין גאַנצען זיין שלעכטעס גע־פיהל, און, אַליין ניט בעמערקענדיג ווי אַזוי, איז ער אַרויסגעלאָפען אין קאָרידאָר נאָך אַמאָל אַ קוק צו טאָהן אויף איהר. אין די טיה־רען האָט זיך געשטויסען דערוויילע די לעבעדיגע מאַסע פון גע־שוואָרענע און אַדוואָקאַטען, וועלכע זיינען אַרויס צופריעדען וואָס דער פּראָצעס איז שוין אַמאָל געענדיגט.

ווען ער איז אַרויס אין קאָרידאָר איז שוין מאַסלאָוואַ גע־ווען ווייט.

מיט שנעלע שריט האָט ער זי דעריאָגט, ניט טראַכטענדיג וועגען דעם, אַז דאָס וועט ערוועקען אויפמערקזאַמקייט פון אַלע־מען; ער איז אַריבערגעלאָפען עטליכע טריט ווייטער פון איהר און האָט זיך אָבגעשטעלט. זי האָט שוין אויפגעהערט אונטערדע־סען וויינען און האָט זיך נור יעדע וויילע אָפּגעזיפּצט, אָפּווישענ־דיג דאָס געזיכט, אויף וועלכען עס האָבען אַרויסגעטראַטען רויטע פלעקען און זי איז פערבייגעגאַנגען פערביי איהם, אָהן אַרומ־צוקוקען זיך.

ווען זי איז אַריבער האָט ער שנעל זיך אומגעקעהרט צוריק אום צו טרעפען זיך נאָך מיט דעם פּרעדסעדאַטעל, אָבער דער לעצ־טער איז שוין אוועק און נעכלודאָוו האָט זיך געמוזט צו איילען און דעריאָגען איהם ביים אַרויסגעהן.

— הערר פּרעדסעדאַטעל, — האָט נעכלודאָוו זיך צו איהם געווענדעט אין דער וויילע, ווען ער איז שוין געשטאַנען לעבען טיהר אַנגעטאָהן אין מאַנטעל און האָט צוגענומען דעם שעהנעם

שטעקען מיט דער זילבערנער גאלקע פון דעם שווייצער: — קען איך מיט אייך ריידען עטליכע ווערטער וועגען דעם פּראָצעס, וואָס האָט זיך נור וואָס געענדיגט? איך בין אַ געשווארענער.

— אַך, געוויס, פּירסט נעבלודאָוו, זעהר אנגענעהם, מיר האָבען זיך, דוכט זיך, שוין אמאָל געטראָפען צוזאַמען, — האָט געזאָגט דער פּרעדסעדאַטעל, דריקענדיג נעבלודאָוו'ס האנד און ערינערענדיג זיך מיט הנאה, וי גוט און פריילאך זיי האָבען אמאָל צוזאמען פערבראכט און ווי ער האָט דאן געטאנצט — בעסער פון אלע יונגע, — נון, מיט וואס קען איך אייך בעהילפיג זיין?

— עס איז פארגעקומען אַ מיספערשטענדניס אין דעם ענטפער וועגען מאסלאָווא. זי איז ניט שולדיג אין דער פערגיפטונג, און פון דעסטוועגען האָט מען זי פער'משפט אויף קאטאָרגע, — האָט מיט אַ טרויעריגער מינע געענטפערט נעבלודאָוו.

— דאָס געריכט האָט ארויסגעגעבען דעם אורטהייל אויפ'ן גרונד פון די אנטווארטען, וועלכע איהר האָט אליין געגעבען, — האָט זיך אָפּגערופען דער פּרעדסעדאַטעל, ארויסגעהענדיג פון טיהר, — אבוואָהל די אנטווארטען האָבען פאר'ן געריכט געשיינט צו זיין גאנץ ניט פּאסענד לויט די פערהעלטניסע פון דער בעשולדיגונג.

ער האָט זיך איצט דערמאָנט, אז ער האָט געוואלט ערקלערען פאר די געשווארענע, אז אויב זייער אנטווארט וועט זיין: „שולדיג", ניט אויסטייטשענדיג דאביי, אז עס איז געטאָהן געווארען אהן אבזיכט, דאן וועט דאס בעדייטען, אז זי איז שולדיג אין געבען גיפט מיט דער אבזיכט צו טויטען, אבער אזוי ווי ער האָט זיך געאיילט צו ענדיגען זיין רעזיומע, האָט ער דיזע ערקלערונג דורכגעלאזען.

— אבער קען מען דען ניט פעררינכטען אזא פעהלער?

— אָ, מען קען אימער געפינען אַן אורזאכע צו דערלאנגען אַ קאססאציע. מען דארף זיך ווענדען צו אדוואָקאטען, — האָט געזאָגט דער פּרעדסעדאַטעל, אַנטאָהנדיג זיין הוט עטוואָס אויף אַ זייט און ארויסגעהענדיג דרויסען.

— אבער דאס איז דאך שרעקליך.

— זעהט איהר, מיין פריינד, פאר מאסלאָווא איז פארגעשטאַנען איינס פון די צוויי — האָט דער פּרעדסעדאַטעל מיט אן אנגענעהמער העפליכקייט גערעדט, נעהמענדיג נעכלודאוו'ן געארמט, און געהענדיג מיט איהם. — איהר געהט דאך אויך, ניט וואהר?

— יא, — האָט שנעל געענטפערט נעכלודאוו, אונטעראייַלענדיג זיך צו געהן גלייך מיט איהם.

דרויסען האָט געשיינט די קלאָהרע, פרעהליך־מאכענדע זונן, און עס איז אויסגעקומען פאר זיי צו ריידען העכער, איבער די קלאַפעריי און רויש פון רעדער.

— די לאגע, ווי איהר זעהט, איז זעהר א זאנדערבארע, האָט פאָרטגעזעצט דער פּרעדסעדאַטעל, ריידענדיג העכער, — איהר דיעזער מאסלאָווא, איז פארגעשטאַנען איינס פון דיביידע: כמעט אין גאנצען ארויס ריין אדער אַפּזיצען א קליינינגקייט אין אַסטראָג, פון וואס מען האָט געקענט אראָפּרעכענען דאס וואָס זי איז שוין געזעסען, אדער קאטאָרגע. קיין מיטעלוועג איז דאָ ניטאָ. אויב מען וואלט צום ענטפער צוגעלייגט די ווערטער: „אבער אהן דעם אבזיכט צו נעהמען דאס לעבען“, וואלט זי ארויס אונשולדיג.

— עס איז אונפערצייליך פון מיר, וואס איך האָב דאס דורכגעלאזען אונבעמערקט, — האָט ווידער געזאגט נעכלודאוו.

— אָט דעריין, ווי איהר זעהט, איז די גאנצע זאך, — האָט זים שמייכלענדיג געזאגט דער פּרעדסעדאַטעל, א קוק טאָהנדיג אויפ'ן זייגער.

עס איז אין גאנצען איהם געבליבען נאָך דריי־פערטעל שטונדע ביז דער צייט, ווען ער האָט געדארפט זיך טרעפען מיט קלארא.

— איצט, ווען איהר ווילט, ווענדעט זיך צו אן אדוואקאט. מען דארף געפינען אן אורזאכע פיר א קאסאציע. אבער דאס קען מען אימער געפינען. אויף דוואָריאנסקע — האָט ער דערוויילא זאָג געטוהן דעם איזוואזטשיק, וועלכער איז אונטערגעפאהרען אויף זיין צייכען — 30 קאפּיקעס, מעהר צאָהל איך קיינמאָהל נישט.

— ביטע, עקסעלענץ.

— נון, בלייבט וואָהל, אויב איך קען אייך מיט וואס בעהילפיג זיין, זעהר גערן, דווארניקאָוו׳ס הויז, אויף דוואָריאנסקע גאַס, עס איז לייכט צו געדיינקען.

ער האָט זיך העפליך פערנייגט און איז שוין געזעסען אין דראָשקע.

25.

דער געשפרעך מיט דעם פּרעדסעדאטעל און די ריינע לופט האָבען אביסעל בערוהיגט נעבלודאָוו׳ן. איהם האָט זיך איצט געדוכט, אז ער האָט אביסעל פערגרעסערט פריהער די אונאנגענעהמליכקייט, וועלכע ער האָט געפיהלט, דערפאר וואס די גאנצע פּערהעלטניסע, אין וועלכע ער האָט זיך איינגעפונען דעם טאג, זיינען פאר איהם אונגעוועהנליכע.

„פארשטעהט זיך, אז דער צופאל אליין איז וואונדערבאר און איבערראשענד!" יא, מען מוז טאָהן אלעס מעגליכעס און צו פערלייכטערן כאָטש איהר שיקזאל. טאקע גלייך מוז עס געטאָהן ווערען. יא מען דארף אריינגעהן צוריק אין געריכט און דערוויסען זיך טאקע דא גופא, וואו עס וואהנט פאנארין אדער מיקישין. ער האָט זיך דערמאָנט די נעמען פון דיעזע צוויי בעוואוסטע אדוואָקאטען.

נעבלודאוו איז אריין צוריק אין געריכט, האָט אויסגעטאָהן אונטען אין פאָדער־צימער דעם מאנטעל און האָט זיך גענומען געהן אויף די טרעפּ. גלייך אין ערשטען קארידאר האָט ער בעגעגענט טאקע דעם אדוואָקאט פאנארין. ער האָט איהם אבגעשטעלט און האָט געזאגט, אז ער האָט מיט איהם עטוואָס צו ריידען.

פאנארין האָט נעבלודאוו׳ן געקענט פון זעהען און פון הערען

דעם נאמען, און ער האָט העפליך געענטפערט, אז ער איז זעהר גערן צו טאָהן פאר איהם אלעס אם אנגענעהמסטען.

— איך בין זאגאר ערמידעט... אָבער אויב עס איז ניט אויף לאנג, זאָ זאָגט מיר גלייך וועגען וואָס עס האנדעלט זיך: אָט לאָמיר אריין אהער.

און פאנארין האָט אריינגעפיהרט נעבלודאוו'ן אין איינעם פון די צימערען, וואהרשיינליך איז דאס געווען א קאבינעט פון א ריכטער, און זיי האָבען זיך געזעצט ביים טיש.

— נון, וואס איז דאָס?

— אם אלעם ערשטען וויל איך אייך בעטען, קיינער זאל דער־פון ניט וויסען, — האָט נעבלודאוו געזאגט, — קיינער ניט, אז איך שטעק זיך אין דיעזען עסק.

— נון, דאס איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך, אלזאָ...

— איך בין היינט געווען געשוואָרענער און מיר האָבען פער־אורטיילט א פרוי צו קאטאָרזשנע ארבייט, — אן אונשולדיגע. מיך פלאגט עס...

נעבלודאָוו איז רויט געוואָרען, גאנץ אונערוואַרטעט פאר זיך אליין, און האָט אנגעהויבען צו שטאמלען. פאנארין האָט אויף איהם א בליץ געטאָהן מיט די אויגען, וועלכע ער האָט באלד צו־ריק ארונטערגעלאזען, און האָט זיך צוגעהערט.

— נון, אלזאָ? — האָט ער בלויז א פרעג געטאָהן ווייטער.

— מען האָט פעראורטהיילט אן אונשולדיגע, און איך האָב געוואָלט מען זאל דערלאנגען א קאסאציע, דער פראצעס זאל ווידער פארקומען אין א העכערען געריכט.

— אין סענאט, — האָט פערריכט פאנארין.

— נו, בעט איך דאס אייך, איהר זאָלט זיך נעהמען פאר דיע־זען פראָצעס.

נעבלודאוו האָט געוואָלט וואס שנעלער ענדיגען דאָס שווער־סטע און ער האָט דערפאר, ניט ווארטענדיג אויף א'ן אנטוואָרט, געזאגט גלייך:

— די קאָסטען און בעלאָהנונג, דאס נעהם איך אלעם אויף

זיך, ווי גרוים זיי זאָלען ניט זיין, — האָט ער געזאָגט גיך און איז ווידער רויט געוואָרען.

— נו, מיר וועלען שוין וועגען דעם דורכקומען, — האָט דער אדוואָקאט א שמייכעל געטאָהן פון נעבלודאוו׳ס אונערפאהרענהייט, — וואס פאר א פראָצעס איז דאָס?

נעכלודאוו האָט איהם דערצעהלט.

— זעהר גוט, איך וועל מארגען נעהמען די אלע פאפירען פונ׳ם פראָצעס און וועל זיי גוט דורכקוקען, און איבערמאָרגען, ניין, בעסער דאָנערשטאג, קומט צו פאהרען צו מיר א זייגער 6 פארנאכט און איך וועל אייך געבען אן אנטווארט. איז עס רעכט? נו, קענען מיר איצטער געהן, איך האָב דאָ נאָך ספראוועס צו מאכען.

נעכלודאוו האָט זיך געזעגענט מיט איהם און איז ארויס.

די אונטערהאלטונג מיט דעם אדוואָקאט און דאָס אליין, וואס ער האָט שוין אנגעהויבען פארצונעהמען מיטלען פיר איהר פערטהיידיגונג, האָבען איהם מעהר בערוהיגט.

ער איז ארויס דרויסען. דער וועטער איז געוועזען זעהר שעהן. ער האָט מיט פריידע איינגעאָטהעמט אין זיך די פריהלינגסלופט. איזוואזטשיקעס זיינען אונטערגעפאהרען און האָבען איהם אנגעבאָטען זייערע דראָשקעס, אבער ער האָט ניט געוואָלט, ער איז געגאנגען גערן צו־פוס, און א גאנצע מחנה רעיונות האָבען זיך ערוועקט ביי איהם אין מוח.

עראינערונגען וועגען קאטושא און וועגען זיין בעגעהן זיך מיט איהר האָבען זיך געדרייט אלץ אין זיין קאָפּ, און איהם איז געווארען אזוי ביטער, און אלעס האָט אויסגעזעהן אזוי פינסטער טרויעריג.

„ניין, איך וועל וועגען דעם צייט האָבען דערנאָך טראכטען" — האָט ער צו זיך גערעדט, — „און דערווייל, פערקעהרט, דארף מען זעהען זיך אביסעל אונטערהאלטען און פערטרייבען די שווערע איינדריקע".

ער האָט זיך דערמאָנט וועגען דעם מיטאג ביי די קארטשא-

גינס, צו וועלכע ער איז געווען איינגעלאדען, און ער האט א קוק געטאהן אויפ'ן זייגער. עס איז נאך ניט געווען שפעט, און ער האט נאך געקענט בעוויינען צו קומען אהין צו מיטאג. די קאנקע האט פערביי געקלונגען. ער איז אונטערגעלאפען און איז ארויפגע־שפרונגען. ער איז נור צוגעפאהרען ביז דעם פאראדעם פלאץ און דארט איז ער אראפגעשפרונגען, האט גענומען א גוטען איזוואז־טשיק און אין צייט פון צעהן מינוט איז ער שוין געווען לעבען פאראדנעם ארייננאנג פון קארטשאגינ'ס הויז.

26.

— ביטע, דורכלויכט, מעןווארט אויף אייך, — האט גע־זאגט העפליך און אונטערטהעניג דער פעטער שווייצער פון קאר־טשאגינ'ס הויז, עפענענדיג די גרויסע, דובאווע, געשניצטע טיהר אין פאראדנעם ארייננאנג פאר נעכלודאוו'ן — זיי זיינען ביים טיש, אבער אייך האט מען בעפאהלען איינצולאדען, ווען איהר וועט קומען.

דער שווייצאר איז, אזוי רײדענדיג צוגעגאנגען צום גלעקעל און האט אנגעקלונגען.

— איז יעמאנד פון געסט דא? — האט א פרעג געטאהן נעכלודאוו אויסטוהענדיג דעם מאנטעל.

— דער הערר קאלאסאוו און מיכאאיל סערגעיעוויטש, און ווייטער זיינען דורכאוים אייגענע, — האט געענטפערט דער שוויי־צאר.

פון די טרעפ איז אראפ דער שעהנער לאקיי אין א פראק און ווייסע האנדשוה.

— ביטע, אייער דורכלויכט, — האט ער זיך פערנייגט, — מען האט בעפעהלען איינצולאדען אייך.

נעכלודאוו איז ארויף די בעקאנטע טרעפ און איז אריין אין

גרויסען, ברייטען זאאל און פון דארט איז ער געגאנגען צום עסס־צימער.

אין עסס־צימער ביים טיש איז געזעסען דאס גאנצע געזינד, מיט דער אויסנאהמע פון דער מוטער, די פירסטין סאפיא וואסיליעוונא, וועלכע איז קיין מאל ניט ארויס פון איהר קאבינעט. גאנץ אויבען־אן ביים טיש איז געזעסען דער אלטער קארטשאגין, צו זיין לינקער זייט איז געזעסען דער דאקטאר, פון דער אנדער זייט איז געזעסען דער גאסט, איוואן איוואנאוויטש קאלאסאוו, א געוועזענער פרעדוואדיטעל דוואריאנסטווא; ער איז געווען א ליבעראלער גוטער־פריינד פון קארטשאגין; לעבען איהם איז געזעסען מיסס רעדער, די גאווערנאנטין פון דער קליינער טעכטערל קארטשאגינ׳ס א 4 יעהריגע מיידעל; אנטגעגען דער גאווערנאנטין איז געזעסען פעטיא, קארטשאגין׳ס איין איינציגער זוהן, א גימנאזיסט פון 6טען קלאסס, פון זיינטוועגען איז דאס איצט דאס גאנצע געזינד געבליבען נאך אין שטאדט, ערוואַרטענדיג ווען עס וועלען זיך ענדיגען זיינע עקזאמענס; לעבען פעטיא איז געזעסען זיין הויז־לעהרער, א סטודענט; נאך איהם צו דער לינקער האנד איז געזעסען קאטערינא אלעקסעיעוונא, א 40 יעהריגע מויד, א סלאוויאנאפילקע; לעבען איהר איז געזעסען מיכאיל סערגעיעוויטש, אדער ווי אלע האבען איהם גערופען מישא טעליעגין, א שוועסטערקינד פון פריילין קארטשאגין, אדער ווי מען האט זי גערופען מיססי, און ביים ענדע טיש איז געזעסען מיססי אליין. לעבען איהר איז געשטאנען נאך א ליידיגער סערוויז.

— נון, אט אזוי איז שעהן פון אייך, זעצט זיך, מיר האלטען ערשט ביי פיש, — האט ארויסגערעדט מיט שווערקייט, סמאקטשענדיג די פיש מיט זיינע אריינגעשטעלטע צייהנער, דער אלטער קארטשאגין, אויפהויבענדיג זיינע רויטע, ברעמענלאזע, מיט בלוט אנגעגאסענע אויגען צו נעכלודאוו׳ן.

— סטעפאן, — האט ער זיך געווענדעט מיט׳ן פולען מויל צו דעם דיקען, גרויסארטיגען בופעטשיק, ווייזענדיג מיט די אויגען אויף דעם ליידיגען סערוויז.

אבוואהל נעבלודאוו האט זעהר גוט געקענט קארטשאגין'ען און האט איהם שוין ניט דעם ערשטען מאל געזעהן עסענדיג ביים טיש, נור היינט עפעס האט אויף איהם דיעזער רויטער פנים מיט די ליידענשאפטליכע ליפען, וואס האלטען תמיד אין בעסמאקעווען זיך, געמאכט אן אונאנגענעהמע ווירקונג; עס האט איהם אפגע־שטויסען דיעזע אפגעפרעסענע גענעראלסקע פיגור מיט דעם פע־טען קארק ווי זי זיצט מיט'ן סערוועטעל אריינגעשטעקט אין וועסט איבער א טעלער מיט פיש.

— מען וועט גלייך דערלאנגען, אייער דורכלויכט, — האט געענטפערט סטעפאן, בריינגענדיג פון בופעט די גרויסע זילבערנע לעפעל און געבענדיג א וואונק דעם שעהנעם לאקיי מיט באקענ־בארדען, וועלכער האט גלייך מיט זיין ווייסען האנטעכעל פעררירכט און געבראכט אין ארדנונג דעם ניט געריהרטען סערוויז, וואס איז געשטאנען לעבען מיססי און איז געווען פערדעקט מיט א טישטיכעל, אויף וועלכער עס האט געגלענצט א שעהנער הערב.

נעבלודאוו איז ארומגעגאנגען דעם גאנצען טיש, יעדערן דריי־קענדיג די האנד. אלע, אויסער די דאמען און דער אלטער קאר־טשאגין, האבען זיך א הויב געטאהן פון פלאץ, ווערהענד ער האט זיי דערלאנגט די האנד.

דיעזער ארומגעהן ארום טיש און דריקען די הענד און אלע־מענס אויפהויבען זיך דאביי, כאטש מיט די מעהרסטע פון זיי האט ער אפשר קיין דריי ווערטער אין זיין לעבען ניט אויסגערעדט, האט זיך איהם איצט עפעס אויסגעוויזען בעזאנדערס אונאנגע־נעהם און לעבערליך.

ער האט געבעטען אום פערצייהונג פאר וואס ער איז ביז אזוי שפעט ניט געקומען און האט זיך שוין געוואלט זעצען לעבען מיססי אויף דעם ליידיגען פלאץ ביים טיש, אבער דער אלטער קארטשאגין האט איהם געבעטען, דאס ער זאל פערזוכען פונ'ם טיש, אויף וועלכען עס זיינען געשטאנען אלערליי פערבייסונגען צו שנאפס, אבוואהל ער טרינקט קיין שנאפס ניט.

אויף דעם טיש זיינען געשטאנען אלערליי געזאלצענע פיש,

איקרא, אלערליי קעז, און מארינירטע הערינג. נעבלודאוו האט גאר אליין ניט ערוואַרטעט, אז ער איז אזוי הונגעריג און האט זיך אזוי צוגעכאפט צום ברויט מיט קעז, אז ער האט זיך ניט געקענט אפרייסען אין מיטען און האט געשמאק געגעסען.

— נון, האט איהר טאקע אונטערגעגראבען דעם סאמע פונ־דאמענט פון אונזער געזעלשאפטליכען לעבען? — האט א זאג געטאהן קאלאסאוו, מיינענדיג דאמיט צו שטעכען די רעאקציא־נערע צייטונגען, וועלכע שרייבען, אז דאס געריכט פון געשווארע־נע איז צו ליבעראל און איז א סכנה פאר דער געזעלשאפטליכער ארדנונג. — האט איהר מסתמא פריינעלאזען שולדיגע און פער־אורטהיילט אונשולדיגע?

— אונטערגעגראבען דעם פונדאמענט, אונטערגעגראבען דעם פונדאמענט... — האט עטליכע מאהל ווידערהאלט דער אלטער פירסט, לאכענדיג; ער האט זעהר שטארק געגלויבט אין אלעם, וואס זיין ליבעראלער און וויסענשאפטליכער גוטער פריינד קאלא־סאוו זאגט.

נעבלודאוו האט מורא געהאט, ער זאל ניט א זאג טאהן עט־וואס אונהעפליכעס, און האט בעסער אין גאנצען געשוויגען. ער האט זיך געזעצט באלד אויף זיין פלאטץ לעבען מיסי'ן, וואו עס איז שוין פאר איהם געווען אנגעגאסען א הייסע טעלער זופ און ער האט מיט געשמאק געשלונגען.

— לאזט דאך איהם פריהער אפעסען, — האט מיט א שמייכעל א זאג געטאן מ י ס ס י, און אין דעם ארויסרייידען פונ'ם ווארט „איהם" האט זי געלאזט אנצוהערען, אז זיי זיינען ניט קיין פרעמדע.

קאלאסאוו האט דערווייל לעבעדיג און הויך דערצעהלט דעם אינהאלט פון א צייטונגס־ארטיקעל, וואו מען ברענט און בראט דאס געריכט פון געשווארענע. מיכאאיל סערגעיעוויטש האט איהם אויף אלעם צוגעבאמקעט און ער האט אויך דערציילט וועגען א מין ארטיקעל אין דער זעלביגער צייטונג.

מיססי, אזוי ווי אימער, איז געווען זעהר עלעגאנט און שעהן אנגעטאָן.

— איהר זייט וואהרשיינליך זעהר ערמידעט, אויסגעהונגערט — האָט זי געזאגט נעכלודאוו׳ן, ווארטענדיג ביז ער וועט צוקייען און אראָבשלינגען.

— ניין, ניט בעזאנדערס, און איהר? זייט איהר געפאָהרען די מאלעריי זעהן? האָט ער זי צוריק געפרעגט.

— ניין, מיר האָבען אָפּגעלייגט, נור מיר זיינען דערפאר געווען ביי די סאלאמאָטאָוו׳ס, און איך מוז אייך זאגען ווירקליך אז מיסטער קרוקס שפּיעלט וואונדערבאר גוט.

נעכלודאוו איז געקומען אהער, אום צו צערשטרייען זיך: איהם איז אימער געווען אנגענעהם צו פערברייננגען אין דיעזען הויז, ניט נור דערפאר, ווייל די אריסטאָקראטישע בענעהמונגען, דער אויסגעפיינטער ריידען האָט אנגענעהם געווירקט אויף זיינע געפיהלען ,נור אויך דארום, ווייל דאָ האָט מען איהם געצערטעלט, מען האָט איהם געשענקט אַ בעזאָנדערע אויפמערקזאמקייט, וועלכע איז געווען אין דער זעלבער צייט אונבעמערקבאר.

אבער מערקווירדיג, היינט איז איהם אלעס אין דיעזען הויז אפּשטויסענד, — אלעס, אנהויבענדיג פון דעם שווייצאר, די ברייטע טרעפּ, די בלומען, די לאקעען, דער גאנצער טאראראם פונ׳ם פערפּוצטען טיש, ביז אפילו מ י ס ס י אליין, וועלכע האָט איהם היינט עפּעס אויך אויסגעזעהן אזוי ווייניג אנציהענד און אוננאטירליך.

איהם האָט אויך אונאנגענעהם געקלונגען דיעזער קנאקענדער, פּוסטער און עקעלהאפטער ליבעראליזמוס פון קאָלאָסאָוו מיט זיין פּרעכער שטימע; איהם איז ניט אנגענעהם געווען צו קוקען אויף דער אקסענער, מגושם׳דיגער פיגור פון דעם אלטען קאָרטשאגין אליין; איהם זיינען אונאנגענעהם געווען די פראנצויזישע פראזען פון דער סלאוויאנאָפּילקע קאטערינא אלעקסעיעוונא; איהם זיינען אונאנגענעהם געווען די שעהמעוודיגע פּנים׳ער פון דער גאָווערנאנטין און פון דעם סטודענט-לעהרער, און בעזאנדערס

איז איהם אונאנגענעהם געווען ווי זי האָט ארויסגערעדט דעם וואָרט „איהם“, ריידענדיג וועגען איהם...

נעבליודאָוו איז אלע מאָהל געווען שוואנקענד אין זיינע פער־העלטניסע צו מיססי. א מאָהל האָט ער אין איהר געזעהן אלעס שעהנעס, קוקענדיג עפּעס ווי דורך א דונקעלעס ליכט; דאן האָט זיך איהם גערוכט, אז זי איז שעהן, אז זי איז קלוג און זאָגאר נאטירליך... און מאנכעס מאָהל פלעגט זי פאר איהם פּלוצלונג ער־שיינען אין קלאָהרען ליכט, און דאן האָט ער געזעהן אלעס, וואָס איהר האָט געפעהלט. עס האָט ניט געקענט זיין, ער זאָל דאָס ניט זעהן.

היינט איז דאָס גראדע געווען אזא טאָג. ער האָט אין איהר געזעהן אלע פעהלערען, אלע קנייטשען אויף איהר געזיכט, ווי איהרע האָאר זיינען אויפגעשלאָגען, ווי איהרע עלענבויגענס זיינען שארף, און, הויפּטזעכליך, דעם ברייטען נאָגעל פון איהר גרויסען פינגער, וועלכער האָט איהם עראינערט אויף אזא נאָגעל אין איהר טאטענ׳ס פינגער.

— אך, איהר רעדט וועגען טענים־שפּיעל, מיר שיינט עס צו זיין זעהר א לאנגווייליגע שפּיעל. וואו קומט עס צו די שפּיעלען, אין וועלכע מיר פלעגען פערברייננגען אלס קינדער?

— ניין, איהר האָט עס וואהרשיינליך ניט פערזוכט; עס איז א „שרעקליכער“ פערגעניגען דריין צו שפּיעלען, — האָט גענענט־פערט מיססי.

נעבליודאָוו׳ען האָט זיך גערוכט, אז זי האָט בעזאָנדערס אונ־נאטירליך ארויסגערעדט דאָס וואָרט „שרעקליך“.

עס האָט זיך אָנגעהויבען א געשפּרעך איבער טענים, און וועל־כען עס האָבען אנטהייל גענומען אויך מיכאיל סערגעיעוויטש און קאטערינא אלעקסעיעווגא; נור דער לעהרער, די גאָווערנאנטין און די קינדער האָבען געשוויגען; זיי האָבען געפיהלט, ווי עס האָט געשיינט, זעהר לאנגווייליג.

— נור זיי האמפּערען זיך! — האָט מיט א הויכען געלעכטער געזאָגט דער אלטער קארטשאגין, ארויסנעהמענדיג די סערוועטקע

פון זיין וועסט און אפּרוקענדיג זיין שטוהל, וועלכען דער לאַקיי האָט אונטערגעכאַפּט, — און איז אויפגעשטאַנען פון עסען.

נאָך איהם האָבען זיך אויפגעהויבען אַלע איבעריגע פון טיש און זיינען צוגעגאַנגען צום טישעל, אויף וועלכען עס זיינען געשטאַנען כלים מיט פערשיעדענע שמעקענדע וואַסערן צו שוויינקען די מיילער. אַפּטהוענדיג דיעזע ארבייט האָבען זיי פּאַרטגעזעצט דעם פריהערדיגען געשפּרעך, וועלכער האָט קיינעם פון זיי ניט אינטערעסירט.

— איז ניט וואהר — האָט זיך געווענדעט מיססי צו נעכליודאָוו׳ן — אז מען קען אין קיין זאַך ניט אזוי דערקענען דעם כאַראַקטער פון אַ פּערזאָן, ווי אין שפּיעלען?

זי האָט בעמערקט אין זיין געזיכט, ווי איהר האָט זיך געדוכט, אַ פּעראורטהיילונגס-אויסדרוק, פיר וועלכען זי האָט אַלע מאָהל מורא געהאַט, און זי האָט געוואָלט וויסען, וואָס האָט אין איהם דיעזעס ארויסגערופען.

— איך ווייס ווירקליך ניט; איך האָב וועגען דעם וועניג געטראַכט, — האָט נעכליודאָוו געענטפערט.

— ווילט איהר געהן צו מאַמאַ? — האָט זי איהם אַ פרעג געטהאָן.

— יאָ, יאָ, — האָט ער געענטפערט, ארויסנעהמענדיג אַ פּאַפּיראָס, מיט אזא טאָן, וועלכער האָט קלאָהר געזאָגט, אז איהם ווילט זיך זעהר נ י ט געהן.

זי האָט אויף איהם שווייגענדיג אַ קוק געטהאָן, און איהם איז געוואָרען פערדריסליך פאַר וואָס ער בעהאַנדעלט זי אזוי. „ווירקליך, קומען צו מענשען אין הויז, אום צו פערביטערען זיי די צייט“— האָט ער זיך אַ טראַכט געטהאָן און האָט זיך געגעבען מיהע צו זיין העפליכער.

— איך וועל מיט פערגעניגען אריינגעהן צו מאַמאַ, אויב דער פירסטין וועט דאָס ניט זיין אונאַנגענעהם,— האָט ער געזאָגט ווייך.

— אָה, מאַמאַ וועט זעהר גערן זיין אייך צו זעהן ביי זיך.

רויכערען קענט איהר דאָרט אויך, און איוואן איוואנאָוויטש איז אויך דאָרט.

די ווירטהין פון הויז, פירסטין סאָפיא וואסיליעוונא, איז גע־ווען, אזוי צו זאָגען, א דאמע אויף אָבלעגער. דאָס איז שוין דאָס אכטע יאָהר, ווי זי ליעגט אויסגעפוצט אין שפּיצען און בענדער, אין סאמעט און זיידענס, ארומגערינגעלט מיט שעהנע מעבעל, בראָנזענע סטאטועז, בלומען און אלערליי אָרנאמענטען. זי איז אזוי געלעגען אין דער אנוועזענהייט פון געסט.

זי איז שוין צייט 8 יאָהר ניט אויסגעפאָהרען, און ניט ארויס פון הויז, און האָט צוגענומען נור „אייגענע פריינד", דאָס הייסט יעדען, וועלכער איז ניט קיין געוועהנליכער בשר ודם.

נעכליודאָוו איז געווען גערעכענט אין דער צאָהל פון אזעלכע „אייגענע פריינד", ערשטענס דערפאר וואס ער איז געווען גערע־כענט פאר א קלוגען יונגען מאן; צווייטענס, ווייל זיין מוטער איז געווען אן אינטימער פריינד פון דיעזער פאמיליע, און דערצו אויך, ווייל עס וואָלט געווען זעהר ווינשענסווערטה ער זאָל הייראטהען מיט מיססי'ן.

דער קאבינעט פון דער פירסטין איז געווען נאָך דעם קליינעם גאסט־צימער, וועלכער איז געווען נאָך דעם גרויסען גאסט־צימער. אין דיעזען גרויסען גאסט־צימער האָט זיך מיססי, וועלכע איז גע־גאנגען בעפאָר נעכליודאָוו'ען, אָבגעשטעלט און האָט זיך געווענדעט צו איהם מיט איהרע אויגען.

איהר האָט זיך שוין זעהר געוואָלט הייראטהען און נעכליודאָוו איז געווען א פּאסענדע פּארטיי. אויסער דעם איז ער איהר טאקע זעהר געפעהלען געווען, און זי האָט זיך שוין צוגעוואָהנט צו דעם געדאנק, אז ער וועט זיין איהרער; ניט זי וועט זיין זיינע, נור ער טאקי איהרער; און זי האָט גאנץ אונבעוואוסט, אָבער עקשנות'דיג כיטרע — אזוי ווי עס טרעפט ביי גייסטיג־קראנקע — געזוכט צו עררייכען איהר צוועק.

זי האָט דאָס מיט איהם איצט אָנגעהויבען ריידען, אום ארויס־צוציהען פון איהם אן ערקלעהרונג.

— איך זעה, אז מיט אייך האָט וואָס פּאַסירט — האָט זי אָנגעהויבען, — וואָס איז מיט אייך?

ער האָט זיך איצט עראינערט וועגען זיין בעגעגעניס אין גע־ריכט. זיין געזיכט האָט זיך פערצויגען ווי מיט א וואָלקען און ער איז רויט געוואָרען.

— יא, עס האָט וואָס פּאַסירט, — האָט ער געענטפערט, ווע־לענדיג זאָגען דעם אמת: — א זאָנדערבארע, אויסערגעוועהנליכע און אויך זעהר וויכטיגע עראייגניס.

— וואָס איז עס אזוינס? קענט איהר מיר ניט זאָגען?

— פאָרלויפיג קען איך ניט. ערלויבט מיר ניט צו ריידען יעצט וועגען דעם. עס האָט פּאַסירט אזוינס, וואָס איך מוז פריהער איבערטראַכטען, בעדיינקען, — האָט ער געזאָגט און איז נאָך מעהר רויט געוואָרען.

— און איהר וועט מיר דאָס ניט דערצעהלען?

אויף איהר געזיכט האָט איין מוסקול א ציטער געטהאָן, און זי האָט א רוק געטהאָן דעם שטוהל, אָן וועלכען זי האָט זיך אָנגע־האַלטען מיט׳ן האנד.

— ניין, איך קען דאָס אייך ניט זאָגען, — האָט ער געענט־פערט, פיהלענדיג, אז ענטפערענדיג אזוי אנערקענט ער טאקע אליין ווי וויכטיג עס איז דאָס, וואָס עס האָט מיט איהם פּאַסירט.

— נו, טאָ לאָמיר געהן צו מאמא.

זי האָט א טרייסעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, אזוי ווי זי וואָלט פערטריבען פון דאָרט אונפּאַסיגע געדאנקען און איז אוועק פאָראויס מיט שנעלע טריט, שנעלער ווי געוועהנליך.

איהם האָט אויסגעוויזען, אז איהר מויל האָט זיך אזוי ווי אוננאַטירליך א קרים געטהאָן, ווי איינצוהאַלטען די טרעהרען. איהם האָט זעהר פערדראָסען אויף זיך, וואָס ער האָט איהר פער־אורזאכט שמערצען, וואָס ער האָט זי בעליידיגט מיט אזא שאַרפע האנדלונג, אָבער ער האָט געוואוסט, אז די קלענסטע שוואכקייט

איז איצט געפעהרליך פאר איהם, ד. ה. וועט איהם אייביג פער־בינדען מיט איהר.

ער האָט איצט מורא געהאט דערפאר און ער האָט זיך איינ־געהאלטען. ער איז שווייגענדיג געגאנגען נאָך איהר צום קאבינעט פון דער פירסטין, סאָפיא וואסיליעוונא.

27.

די פירסטין האָט נור וואָס געענדיגט איהר מיטאָג, זעהר א געשמאקען און זעהר א זעטיגען, וועלכען זי האָט געגעסען אליין, אימער אליין, אום קיינער זאָל ניט זעהן זי אין דיעזער אונפּאָעטי־שער בעשעפטיגונג.

לעבען איהר זאָפא איז געשטאנען א טישעל, אויף וועלכען עס איז געשטאנען קאפּפע, און זי איז געזעסען און האָט גערויכערט איצט א פּאפּיראָס.

סאָפיא וואסיליעוונא איז געוועזען א מאָגערע, לאנגע, נאָך גאָר א יונגענדליכע ברונעטקע מיט לאנגע צייהנער און שווארצע אויגען.

לייט האָבען שטארק גערעדט וועגען איהרע פערהעלט־ניסע צום דאָקטאר. פריהער האָט נעכלודאָוו פערגעסען אָן דיעזע ליטישע רייד. היינט אָבער האָט ער זיך וועגען דעם דער־מאָהנט, און ווי נור ער האָט איצט דערזעהן זיצענדיג לעבען איהר אין א פוטעל דעם דאָקטאָר, מיט זיין גלאַט־פערקאמטע באָרד, גע־טהיילט אין צוויי טהייל, איז איהם געוואָרען זעהר עקעלהאפט.

נאָהענט פון איהר איז איצט אויך געזעסען קאָלאָסאָוו און האָט געמישט די קאָפּפע. אויפ'ן טישעל איז געשטאנען אויך א גלעזעל מיט ליקער.

מיססי איז אריין צוזאמען מיט נעכליודאָוו'ן אין דער מור־טער'ס צימער, אָבער זי איז דאָרט ניט פערבליבען.

— ווען די מאמא וועט זיין מיעד און וועט אייך ארויסטריי־בען, וועט איהר דאָך אריין צו מיר? — האָט זי געזאָגט צו נעכ־

ליודאָוו'ען, אזוי ווי צווישען זיי וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען נור־וואָס. זי האָט פרעהליך א שמייכעל געטהאָן און איז שנעל ארויס פון צימער, מיט קוים הערבארע שריט טרעטענדיג איבער דעם דיקען טעפיך.

— נון, וואָס מאכט איהר, מיין פריינד? זיצט און דערצעהלט אונז, — האָט די פירסטין געזאָגט מיט איהר געוועהנליכער, קינסט־ליכער, פערשטעלטער שטימע, און מיט א שמייכעל, אזוי ווי זי וואָלט עס געטהאָן זעהר נאטירליך. שמייכלענדיג האָט זי ארויס־געשטעלט א צייל שעהנע, לאנגע צייהנער, וועלכע זיינען קינסטליך געווען אריינגעשטעלט אין איהר מויל.

— מען האָט מיר געזאָגט, אז איהר זייט נור וואָס געקומען פון געריכט זעהר א צוטראָגענער און ניט אויפגעלייגט. איך רע־כען, אז עס מוז זעהר שווער זיין פאר א מענשען, וואָס בעזיצט א גוטעס הארץ, — האָט זי ווייטער געזאָגט אויף פראנצויז.

— יא, עס איז וואהר, — האָט געענטפערט נעכליודאָוו, — מען פיהלט אָפט, אז מען איז אליין... מען פיהלט, אז מען האָט קיין רעכט ניט צו אורטהיילען.

— ווי אמת! — האָט אויסגעשריען די פירסטין, אזוי ווי זי וואָלט איבערראַשט געוואָרען פון דער ווארהייטליכקייט פון זיין בעמערקונג. זי האָט האָלט געהאט אימער אזוי צו שמייכלען איהר גאסט.

— נון, און וואָס הערט זיך וועגען אייער בילד? מיך אינ־טערעסירט זעהר אייער מאלעריי, — האָט זי א קעהר געטהאָן קונ־ציג איהר געשפרעך: — ווען איך וואָלט ניט אזוי שוואך געווען, וואָלט איך שוין לאנג געווען ביי אייך דאָס בילד אָנצוקוקען.

— איך האָב מיינע מאלעריי שוין לאנג אוועקגעוואָרפען — האָט טרוקען געענטפערט נעכליודאָוו, וועלכען עס איז היינט געווען אונאנגענעהם די פאלשקייט פון איהרע שמייכלערייען, אזוי ווי איהרע קונצען צו פערשטעלען איהר אלטקייט. ער האָט בשום אופן ניט געקענט צווינגען זיך איצט צו זיין לכל הפחות העפליך.

— אך, דאָס איז דאך א פערדרוס. ווייסט איהר, מיר האָט

דאָך געזאָגט רעפּין אליין, אז איהר בעזיצט זיכער א טאלאנט, — האָט די גרעפין ווי פערדריסליך געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו קאָלאָסאָוו'ען מעהר אלס צו איהם.

„ווי שעהמט זי זיך ניט אזעלכע ליגען צו זאָגען", — האָט זיך געטראכט נעכליודאָוו און זיין געזיכט האָט זיך נאָך מעהר פערוואָלקענט.

די גרעפין האָט זיך גענוג איבערצייגט, אז נעכליודאָוו איז ניט ביי גוטער לוינע און אז מען קען איהם בשום אופן ניט ארייני ציהען אין א קלוגען און אנגענעהמען געשפרעך. זי האָט זיך אָפּגעקעהרט פון איהם און געפרעגט קאָלאָסאָוו'ען, ער זאָל געבען זיין מיינונג איבער א נייער דראמא, וועלכע איז אויפגעפיהרט געוואָרען. און זי האָט עס געפרעגט אזוי, ווי קאָלאָסאָוו'ס מיינונג וואָלט געווען ענטשיידענד אויף אויביג אויב די דראמא איז א קונסטווערק אָדער ניט.

קאָלאָסאָוו האָט פערורטהיילט די דראמא און האָט דאביי איבערהויפּט פערברייטערט זיך אין זיינע מיינונגען וועגען קונסט אין אלגעמיין. די פירסטין סאָפיא וואסיליעוונא איז געווען ענטציקט פון די ווארהייטליכקייט פון זיינע מיינונגען; זי האָט זיך כלומרשט בעמיהט צו פערטהיידיגען דעם פערפאסער פון דער דראמא, אבער זי האָט זיך ענטוועדער באלד אונטערגעגעבען אָדער זי האָט געפונען א מיטעל־וועג ווי צו פעראייניגען דיביידע מיינונגען, איהרע און קאָלאָסאָוו'ס.

נעכליודאָוו האָט געקוקט, געהערט, לפנים, דאָס וואָס זיי האָבען גערעדט, האָט אָבער אין דער ווירקליכקייט געהערט און געזעהן עטוואָס אנדערעס, ניט דאס וואס עס איז פארגעקומען פאר זיינע אויגען.

הערענדיג די רייד פון סאָפיא וואסיליעוונא און פון הערען קאָלאָסאָוו, האָט נעכליודאָוו געזעהן, ערשטענס, אז ניט סאָפיא וואסיליעוונא און ניט קאָלאָסאָוו'ן ליעגט אין דער לינקער פּיאטע די דראמא, ניט זיי געהט איינער דעם אנדערען עפּעס אָן און אז זיי אינטערעסירען זיך איבערהויפּט זעהר ווייניג איינער מיט דעם

צווייטען, און אויב זיי זיצען דאָ און ריידען ביידע, איז דאָס נור דערפאַר, ווייל אין זיי ביידען איז דאָ א פיזיאָלאָגישע פאָדערונג צו בעוועגען מיט די מוסקולען פון צונג און פון האלז נאָך דעם זאטען מיטאָג, וועלכען זיי האָבען נור וואָס אָפגעגעסען.

צווייטענס האָט ער געזעהן, דאָס קאָלאָסאָוו איז געוועזען אבי־סעל פער׳שכור׳ט נאָך די וויין, ליקער און בראנפען, וואס ער האָט געטרונקען פון אלעם צו ביסלאָך; ער איז געוועזען ניט אזוי בע־זויפען, ווי עס פאסירט מיט די פויערים, וועלכע טרינקען זעל־טען, זאָנדערן אזוי ווי די שכורים, וואס האָבען געמאכט וויין־טרינקען פאר א געוואָהנהייט.

ער האָט זיך ניט געשאָקעלט, האָט ניט גערעדט קיין נאריש־קייט, נור ער איז געווען אין אן אוננאָרמאלען, ערהיצטען און זעלבסט־צופריעדענעם צושטאנד.

דריטענס, האָט נעכליודאָוו געזעהן ווי די פירסטין סאָפיא וואסיליעוונא האָט אין צייט פון געשפרעך אונרוהיג געקוקט יעדע סעקונדע צו דער פענסטער, דורך וועלכער עס איז אויף איהר גע־פאלען זייט־ווערטיג א שטראהל פון דער זון, וועלכע האָט געקענט בעלייכטען די אלטקייט פון איהר געזיכט.

ווי ריכטיג דאָס איז — האָט זי געזאָגט וועגען עפעס קאָלאָ־סאָוו׳ס א בעמערקונג, און זי האָט בשעת מעשה א דריק געטהאָן דעם קנעפעל פון גלעקעל לעבען איהר זאָפא.

אין דיעזער צייט איז דער דאָקטאָר אויפגעשטאנען, און אלס אן איינגענער מענש, איז ער ארויס פון צימער ניט רעדענדיג א וואָרט. סאָפיא וואסיליעוונא האָט איהם בעגלייט מיט די אויגען און האָט פארטגעזעצט דעם געשפרעך.

— זייט אזוי גוט, פיליפ, און לאָזט אראָב די גארדינען, — האָט זי געזאָגט דעם אריינקומענדען שעהנעם לאקיי, ווייזענדיג איהם אויף דעם פענסטער, פון וואנען עס האָט אריינגעשיינט א זונען־שטראהל.

— ניין, זאָגט וואָס איהר ווילט, נור אין דיעזען פערפאסער איז צו מערקען עטוואס מיסטישעס, און אָהן מיסטיציזמוס איז

ניטאָ קיין פּאָעזיע, — האָט זי ווייטער פאָרטגעזעצט דעם געשפּרעך, און האָט אין דער זעלבער צייט געקוקט קרום און מיט כעס אויף דעם לאַקיי, וועלכער האָט זיך גע׳עסק׳ט מיט די גאַרדינען.

— מיסטיציזם אָהן פּאָעזיע איז אבערגלויבען, און פּאָעזיע אָהן מיסטיציזם איז פּראָזא, — האָט זי געזאָגט ווייטער און האָט זויער זיך א קרים געטהאָן, אלץ קוקענדיג מיט כעס אויף דעם לאַקיי, וועלכער האָט אראָפּגעלאָזען די גאַרדינען.

— אַך, פיליפּ, דאָך ניט די זייט גאַרדינע. איך מיין לעבען גרויסען פענסטער, — האָט זי אויסגערעדט שמערצליך. זי האָט, ווי עס האָט געשיינט, געליטען, וואָס זי דאַרף דאָביי געברויכען אזא אנשטרענגונג אום ארויסצורייזען דיעזע ווערטער, און האָט באַלד, פיר אייגענער בערוהיגונג, פערדרויכערט א שמעקענדע פּאַ־פּיראָסקע.

דער ברייט־ברוסטיגער, געזונדער, שעהנער לאַקיי פיליפּ האָט זיך לייכט פערנייגט, אזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט ענט־שולדיגען, און טרעטענדיג שטיל מיט זיינע דיקע מוסקולנע פיס איבער דעם ווייכען טעפּיך, איז ער איבערגעגאַנגען פון איין פענ־סטער צו דעם צווייטען און, קוקענדיג אויף דער פירסטין, האָט ער אָנגעהויבען פערריכטען די צווייטע גאַרדינע אזוי, אז קיין ברעקעל ליכט זאָל חס וחלילה ניט פאַלען אויף איהר געזיכט.

אָבער ער האָט אויך איצט ניט געטראָפען, און די פערמאַ־טערטע פירסטין האָט ווידער געמוזט איבעררייסען איהר געשפּרעך וועגען מיסטיציזמוס און פּאָעזיע און אָנצייגען דעם שלעכטען פיליפּ, וועלכער האָט זי געערגערט, ווי ער זאָל טהאָן.

אין פיליפּ׳ס אויגען האָט אויף א מינוט א בליץ געטהאָן א פייערעל: „באַפּט דיך דער טייפעל, ווער קען דיך פערשטעהן וואס דו מיינסט דאַרט“, האָט זיך מסתמא ביי איהם ארויסגעריסען אי־נערליך. אזוי האָט זיך דאָס געדוכט נעכליודאָוו׳ען, וועלכער האָט בעאָבאַכטעט דיעזע שפּיעל.

אָבער דער געזונדער, שעהנער לאַקיי האָט באַלד געקענט אונ־טערדריקען אין זיך זיין אונגעדולד און האָט רוהיג אָנגעהויבען טהון

אזוי ווי עס האָט פערלאנגט די ענטנערוועט, דורכאויס פאַלשע, אויסגעמאטערטע פירסטין סאָפיא וואסיליעוונא.

— אין דארווין׳ס טהעאָריע זיינען זיכער דאָ פיעלע ווארהייטען — האָט אָנגעהויבען איצט קאָלאָסאָוו, אָנשפּארענדיג זיך אויף זיין פוטעל און קוקענדיג מיט האלב־פערשלאָפענע אויגען אויף דער פירסטין. — אבער ער געהט שוין צו ווייט, איבער די גרענצען, יאָ.

— און איהר גלויבט אין דער ערבונגס־לעהרע ? — האָט די פירסטין איצט א פרעג געטהון נעבליודאָוו׳ען, פיהלענדיג אונאנגענעהם, וואָס ער שווייגט.

— אין ערבונגס־לעהרע ? — האָט איבערגעפרעגט נעבליודאָוו, — ניין, איך גלויב ניט.

ער האָט דאָס געענטפערט, ווערהענד אין קאָפּ ביי איהם האָבען זיך געשילדערט די זאָנדערבארע בילדער, וועלכע האָבען זיך געמישט איצט אין זיין פאָרשטעלונגס־קראפט. איהם האָט זיך פארגעשטעלט, ווי לעבען פיליפען, דעם געזונדען, שעהנעם יונג, וועלכען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אלס נאטור־מענש, שטעהט א נאקעטער קאָלאָסאָוו, מיט זיין בויך קיילעכדיג און אויסגעפילט ווי א קירבעס, א פליכע קאָפּ און מאָגערע, מוסקול־לאָזע אָרעמס, אזוי ווי די בייטשען.

אינ׳ם זעלבען ליכט האָט זיך איהם אויך פאָרגעשטעלט סאָפיא וואסיליעוונא, איהר פיגור, וועלכע איז איצט בעדעקט מיט זייד און סאמעט, ווי עס זעהט אוים אין דער ווירקליכקייט. אָבער דיעזע פאָרשטעלונג איז פאר איהם געוועזן צו שרעקליך און ער האָט מיט איהר פערטריעבען דיעזע געדאנקען.

סאָפיא וואסיליעוונא האָט איהם איצט בעקוקט פון אויבען ביז אראָפּ.

— מיר דוכט, אז מיסםי ווארט אויף אייך, — האָט זי איהם געזאָגט: — געהט צו איהר, זי וועט אייך פאָרשפּיעלען א נייעס שטיק פון גריג, — זעהר א שעהנעס.

„וואָס מיר שפּיעלען, דאָס איז כזב ושקר“, איז דורכגעפלויגען ביי נעבליודאָוו׳ן אין מוח, ווערהענד ער איז אויפגעשטאנען, האָט

א דריק געטהאָן די קלאָהרע בייגערדיגע האנד פון סאָפיא וואסי־ליעוונא, — א האנד בעדעקט מיט פינגערלעך, און איז ארויסגע־גאנגען.

אין גאסט־צימער האָט איהם בעגעגענט קאטערינא אלעק־סעיעוונא און האָט מיט איהם גלייך אָנגעהויבען ריידען:

— עס שיינט, אז די פפליכט פון א געשוואָרענעם ווירקט אויף אייך זעהר בעלעסטיגענד, — האָט זי איהם געזאָגט, ווי איהר גע־וואָהנהייט איז געווען, אויף פראנצויז.

— יא, פערצייהעט מיר, איך בין היינט עפּעס גאָר ניט אויפ־געלייגט און איך האָב קיין רעכט ניט צו מאַכען אנדערע מרה־שחורה׳דיג, — האָט געענטפערט נעכליודאָוו.

— פאר וואָס זייט איהר ניט אויפגעלייגט?

— ערלויבט מיר אייך ניט צו דערצעהלען פאר וואָס, — האָט ער געענטפערט, זוכענדיג זיין הוט.

— האָט איהר זיך פערגעסען, ווי איהר האָט אליין א מאָל געזאָגט, אז מען דאַרף אימער זאָגען דעם אמת, און ווי איהר האָט דאַן אונז אלעמען געזאָגט אזוי שטרענג דעם אמת? פאר וואָס זשע ווילט איהר איצט דעם אמת ניט זאָגען? געדיינקסט דו מיססי? — האָט זיך קאטערינא אלעקסעיעוונא גלייך א ווענד געטהאָן צו מיססי, וועלכע איז נור וואָס אריין אין צימער.

— דערפאר ווייל דאַן איז עס געווען נור א שפּיעל־זאַך, — האָט ערנסט געענטפערט נעכלודאָוו: שפּיעלענדיג מעג מען אלעס, און אין דער ווירקליכקייט אָבער זיינען מיר דערצו צופיעל פערדאָרבען, דאס הייסט, איך בין אזוי פערדאָרבען, אז ווייניג־סטענס איך האָב ניט קיין רעכט דעם אמת צו פאָדערען.

— נור האָט קיין חרטה ניט און פערבעסערט ניט אייערע רייד; איהר זאָגט בעסער, מיט וואָס זיינען מיר אזוי פערדאָרבען, — איז צוגעשטאַנען יעקאטערינא אלעקסעיעוונא, שפּיעלענדיג מיט די ווערטער און אזוי ווי זי וואָלט ניט מערקען נעכליודאָוו׳ס ערנסט.

— עס קען שלימער ניט זיין, ווי אז יעמאַנד אנערקענט זיך ניט אויפגעלייגט; איך וויל דאָס אין זיך קיינמאָהל ניט אנערקע־

נען, און דערפאר בין איך אימער אויפגעלייגט. קומט, לאָמיר אריין צו מיר. מיר וועלען זוכען צו פערטרייבען אייער מרה־שחורה.

נעכליודאָוו האָט געפיהלט דאָס זעלבע, וואָס עס פיהלט א פערד, ווען מען גלעט איהם, אום אָנצוטהאָן אויף איהם די צוים און פיהרען איינשפאנען. און היינט איז איהם געווען זעהר אונאנ־גענעהם צו געהן אין שפּאן.

ער האָט זיך ענטשולדיגט, האָט געזאָגט, אז ער מוז זיין צו הויז, און האָט זיך גענומען זעגענען. מיססי האָט לייננגער אלס געוועהנליך געהאלטען איצט זיין האנד ביין זעגענען זיך, זאָגענדיג:

— געדיינקט, אז דאָס וואָס איז וויכטיג פאר אייך, איז וויכ־טיג אויך פאר אייערע פריינד. קומט איהר מאָרגען?

— איך גלויב קוים, — האָט נעכליודאָוו געענטפערט, — ער האָט זיך פערשעהמט, אליין ניט וויסענדיג, פאר זיך אָדער פאר איהר, אָבער ער איז רויט געוואָרען און האָט זיך געאיילט ארויס־צוגעהן.

— וואָס זאָל דאָס אזעלכעס זיין? דאָ מוז עפּעס זיין אַן אינטריגע, — האָט אויף פראנצויז געזאָגט צו זיך אליין יעקאטע־רינא וואסיליעוונא, ווען נעכליודאָוו איז ארויס, — אָה, איך וועל זיך שוין דערוויסען, דאָס מוז זיכער זיין עפּעס א ליבעס־געשיכטע; עס הויבט אָן יעדענפאלס צו זיין פערדעכטיג, מיין טהייערער פריינד נעכליודאָוו.

— האָט זיך אודאי פערכלאָבעט אין ווענען, — האָט געוואָלט זאָגען מיססי, קוקענדיג אין דער ווייטענס מיט אַן אנדער מין בליק ווי זי האָט געקוקט פריהער אויף נעכליודאָוו'ן, אָבער זי האָט זיך אָבגעהאלטען פון געברויכען אזא גראָבען אויסדרוק אפילו אין דער אנוועזענהייט פון קאטערינא אלעקסעיעוונא, און זי האָט געזאָגט: ביי יעדען פון אונז פאסירען גוטע און שלעכטע טעג.

„וועל איך אויך דאָ דורכפאלען? נאָך דעם אלעם, וואָס צווישען אונז איז געשעהן, האָט ער מיך אויך גענארט?" — האָט זי א טראכט געטהון, דיינקענדיג אז דאָס וואָלט געווען זעהר נידריג פון איהם.

ווען מיססי וואָלט א שטייגער געדאַרפט ערקלעהרען, וואָס זי מיינט „נאָך אלעם, וואָס איז צווישען אונז געשעהן“, וואָלט זי קיין זאך בעשטימטעס ניט געקענט זאָגען, און דאָך איז ביי איהר קיין צווייפעל ניט געווען, אז ער האָט ניט נור אין איהר איינגע־פלאַנצט די האָפנונג, אז ער וועט זיין איהרער, זאָנדערן ער האָט עס איהר כמעט אזוי ווי קלאָהר פערשפּראָכען.

זעלבסט־פערשטענדליך, אז דאָס זיינען אלץ געווען ניט קיין בעשטימטע אָפענע ווערטער פון זיין זייט, אָבער פיעלבעדייטענדע בליקען, שמייכלען, אָנצוהערענעס, ווערטלעך, צייכענס פון איינ־וויליגונג, א. ז. וו. זי האָט איהם פאר זיכער גערעכענט אלס איהרען, און זעגענען זיך איצט מיט דיעזען געדאַנק וואָלט פאר איהר געווען שווער, זעהר שווער.

28.

„מיאוס און פאַסקודנע, פאַסקודנע און מיאוס“ — האָט זיך אלץ געדרעהט אין נעבליודאָוו'ס געדאַנקען, ווען ער איז געגאַנגען צו פוס אהיים, פערלאָזענדיג דאָס הויז פון קאָרטשאַגין.

ער האָט ניט געקענט פּטור ווערען פון דעם שווערען איינדרוק, וועלכען עס האָט אויף איהם געמאַכט זיין געשפּרעך מיט מיססי. ער האָט געפיהלט, אז פאָרמעל, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, איז ער געווען גערעכט געגען איהר, דען ער האָט איהר אָפען גאָר־נישט פערשפּראָכען, האָט איהר האַנד ניט געבעטען, האָט איהר קיין ערקלעהרונג ניט געמאַכט און קיין זאך אזעלכעס, וואָס זאָל איהם צובינדען צו איהר.

פון דעסטוועגען אָבער האָט ער עפּעס אינערליך געפיהלט, אז זי האָט א רעכט צו דיינקען אז ער האָט איהר פערשפּראָכען, אז זיינע פיהרונגען די גאַנצע צייט האָבען זי געדאַרפט צוגעוואָהנען צו דעם געדאַנק, אז צווישען זיי וועט זיין א שידוך און ער האָט

היינט אָבער מעהר פאר אַלע מאָהל געפיהלט, אז ער קען זיך מיט איהר ניט פערבינדען.

„מיאוס און פאסקודנע, פאסקודנע און מיאוס" — האָט זיך אַלץ וויעדערהאָלט אין זיין מוח, טראַכטענדיג איצט שוין ניט וועגען דעם אליין, נור וועגען אַלעס. „אַלעס איז אזוי פאסקודנע, אזוי מיאוס" — האָט איהם געקלונגען אין די אויערען, ווען ער איז ארויף אויף די טרעפ צו זיך אין הויז.

— קיין אבענד־ברויט עס איך היינט נישט, — האָט ער א זאָג געטהאָן זיין דיענער קארנעי, וועלכער איז אריין נאָך איהם אין עסס־צימער, וואו דער טיש איז געווען געגרייט — איהר קענט אוועקגעהן.

— זעהר וואויל, — האָט געענטפערט קארנעי, און איז אבער ניט אוועק, זאָנדערן האָט אָנגעהויבען אויפראַמען פון טיש. נע־כליודאָוו האָט געקוקט אויף קארנעיען און אין איהם האָט זיך ער־וועקט עטוואָס בייזעס געגען איהם. ער האָט געוואָלט מען זאָל איהם לאָזען צורוה, און ווי אויף צו להכעיס עפּעס קריכען איהם אַלע אין צורה.

ווען קארנעי איז אוועקגעגאנגען מיט דעם סערוויז, איז נע־כליודאָוו צוגעגאנגען צום סאַמאָוואר אום צו פערשיטען פאר זיך טהעע. ער האָט אָבער דערהערט, ווי זיין הויז־האַלטערין, אגרא־פענא פּעטראָוונא, קומט און ער איז שנעל ארוים פון צימער, אום ניט צו טרעפען זיך מיט איהר. ער איז אריין אין זיין גאסט־צימער און האָט פערשפּארט הינטער זיך די טהיר.

דיעזער צימער איז געווען דער זעלבער, אין וועלכען ערשט מיט 3 מאָנאטען צוריק איז געשטאָרבען זיין מוטער. ארייננגע־הענדיג איצט אהער און דערזעהענדיג די צוויי אויל־לאָמפּען, וועלכע זיינען געהאנגען — איינער לעבען בילד פון זיין מוטער און איינער לעבען בילד פון זיין פאָטער — האָט ער זיך גראדע דערמאָהנט וועגען זיינע פערהעלטניסע צו דער מוטער אין דער לעצטער צייט פאר איהר טויט. און איהם האָט זיך געדוכט, אז דיעזע פערהעלט־

ניסע זיינען געווען אזוי אוננאטירליך, אזוי אבשטויסענד. און דאָס איז אויך געווען „מיאוס און פּאסקודנע“.

ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי אין די לעצטע טעג פון איהר קראנקהייט האָט ער פּשוט געוואָלט זי זאָל שוין שטארבען. ער האָט זיך אליין איינגעשמועסט, אז ער פערלאנגט עס כדי זי זאָל בעפרייט ווערען פון איהרע ליידען, אָבער אין דער ווירקליכקייט האָט ער דאס פערלאנגט, כדי אליין פּטור צו ווערען פון דער אונ־אנגענעהמער לאגע צו זעהן ווי זי מאטערט זיך.

אין איהם האָט זיך איצט ערוועקט א פערלאנג ארויסצורופען אין די געדאנקען עפּעס אן אנגענעהמע עראינערונג וועגען איהר, און ער האָט גענומען בעטראכטען איהר בילד, א בילד וואס האָט געקאסט 5000 רובעל און איז געמאהלט געווארען פון א בעריהמ־טען מאהלער.

זי איז געווען פאָרגעשטעלט אָנגעטהאָן אין א סאמעטענעם קלייד מיט אן אויסגעבלויזטע ברוסט. דער מאהלער האָט אויגענ־שיינליך, מיט בעזונדערע מיהע, אויסגעצייכענט די ברוסט, דעם טהייל צווישען די צוויי בריסטער און די שעהנע שולטערן און דעם האלז. נו, דאס איז שוין געווען גאָר מיאוס און פּאסקודנע.

עטוואָס אָפּשטויסענדעס און ציניש־עס איז געווען אין דיעזער פארשטעלונג פון א מוטער אין דער געשטאלט פון א האלב־נאקעטער קאָקעטקע; דאס איז נאָך געווען מעהר אבשטויסענד דערפאר ווייל אין דעם זעלבען צימער איז ערשט מיט 3 מאָנאטען צוריק געלעגען די זעלביגע פרוי, אן אויסגעמאָגערטע ווי א סקעלעט, און האָט אָנגעפילט דעם צימער מיט יענעם שווערען קראנקען־געריך, וועלכען מען האָט מיט קיין זאך ניט געקענט פערטרייבען; ניט נור האָט זיך דאָס געפיהלט אין קראנקען־צימער, זאָנדערן אין גאנצען הויז, אז עס איז געווען אונערטרעגליך.

איהם האָט זיך געדוכט, אז ער הערט נאָך איצט אויף דעם זעלבען ריח. און ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי מיט א טאָג פריהער בעפאָר איהר טויט האָט זי גענומען זיין שטארקע, וויסע האנד אין איהר הויט־און־ביינערדיגער האנד, וועלכע האָט שוין אָנגעהויב־

בען שווארץווערען, האט אריינגעקוקט איהם אין די אויגען און האט געזאגט:

— אורטהייל מיך ניט צום שלעכטען, מיטיא, אויב איך האב געטהאן ניט אזוי ווי מען דארף. און אין איהרע פארבלאזטע אויגען פון ליידען האבען זיך געוויזען טרעהרען.

„ווי פאסקודנע!“ האט ער זיך ווייטער געזאגט א קוק טהוענ־דיג אויף דיעזען בילד פון א נאקעטער שעהנהייט מיט גרויסאר־טיגע מארמאר־שולטערן און ארעמס און א זיעגרייכען שמייכעל אויפ'ן געזיכט.

די נאקעטקייט פון דער ברוסט אויף דעם בילד האט איהם ערשינערט אן אנ'אנדער יונגע פרויענצימער, וועלכע ער האט מיט עטליכע טעג צוריק געזעהן אויך מיט אן אויסגעבלויזטע ברוסט און שולטערן. דאס איז געוועזען מיססי, וועלכע האט אויסגעפונען עפעס א צופאל אום צו איינלאדען איהם אבענדס צו זיך און צו ציינען זיך איהם אין איהר באל־קאסטיום, אין וועלכען זי איז יענעם אבענד געפאהרען צו א באל.

ער האט איצט מיט אבשייו זיך דערמאהנט אן יענע שעהנע שולטערן און ארעמס. און דער גראבער, אבגעפרעסענער טאטע מיט זיין הארטהערציגקייט, און די מוטער מיט א צווייפעלהאפ־טער רעפוטאציע פון א לייכטפערטיגער שעהנהייט, אלעס דאס איז געוועזען אזוי עקעלהאפט און אזוי מיאוס, מיאוס און עקעל־האפט. א שאנדע.

„ניין, ניין, מען דארף זיך בעפרייען פון אלעס“ — האט ער זיך געטראכט — „בעפרייען זיך פון די אלע פאלשע בעציהונגען צו די קארטשאגינס און מיט מאריא וואסיליעוונא און מיט דער ירושה און מיט דאס אלע איבעריגע... און אפאטהעמען זיך פריי. א פאהר טהאן קיין קאנסטאנטינאפאל, פון דארטען קיין רוים, און ארויס־שלאגען פון זיך די פערגאנגענהייט. ווי ווערט מען נור פטור פון צו זיין א געשווארענער? און שוין אפמאכען מיט דעם אדוואקאט וועגען דיעזער געשיכטע“.

און מיט א מאהל איז אין זיינע געדאנקען ערשינען אזוי

זאַנדערבאַר לעבעדיג די אָרעסטאַנטקע מיט איהרע שוואַרצע, עט־וואָס קרימליך־קוקענדע אויגען. און ווי זי האָט זיך דאָס פאַנאַנ־דערגעוויינט, ווען מען האָט איהר געגעבען דאָס לעצטע וואָרט!

נעכלודאָוו האָט שנעל דערראָויכערט דעם פּאַפּיראָס, האָט איהם געריבען אין אַש־קעסטעל כדי איהם צו פערלעשען און האָט באַלד פערראָויכערט אַן אַנדער פּאַפּיראָס, און האָט אָנגעהויבען אַרומצו־געהן הין און צוריק איבער׳ן צימער.

און איינע נאָך די אַנדערע האָבען זיך אָנגעהויבען שטויסען די געדאַנקען ביי איהם אין קאָפּ; עס זיינען אין זיינע עראינערונגען דורכגעגאַנגען אַלע מינוטען, וועלכע ער האָט דורכגעלעבט און דורכ־געפיהלט מיט איהר.

ער האָט זיך דערמאָהנט זיין לעצטען זעהן זיך מיט איהר, יענע ליידענשאַפט, וועלכע האָט איהם בעהערשט דאַן, און נאָכהער די ענטטוישונג, וועלכע ער האָט דערפיהלט. ער האָט זיך אויך דערמאָהנט אָן דעם ווייסען קלייד מיט דעם בלויען באַנד, האָט זיך דערמאָהנט אָן יענעם פריה־מאָרגען גאָטעס דיענסט.

„איך האָב זי דאָך געליעבט, מיט אַן אמת געליעבט, מיט ריינער, אינערליכער, גוטער ליעבע אין יענער פּאַסכאַ־נאַכט; איך האָב זי נאָך געליעבט דאָך פריהער, און ווי נאָך האָב איך זי דאַן געליעבט! דאַן, ווען איך בין דעם ערשטען מאָהל געווען צו גאַסט ביי די טאַנטעס און האָב געהאַלטען אין פערפערטיגען מיין ווערק פאַר׳ן אוניווערזיטעט!“

און ער האָט זיך אליין פאָרגעשטעלט אַזעלכען, ווי ער איז געווען דאַן. ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי ריין, אונשולדיג ער איז געווען און אויף איהם האָט איצט אַן אָטהעם געטהאָן יענע יוגענד־פרישקייט, יענע לעבענס־פולקייט און איהם האָט פערנומען דאָכ הארץ, א טיעפער, טרויעריגער בייַנקען האָט זיך אין איהם ערוועקט.

דער אונטערשיעד פון דאָס וואָס ער איז געווען, ביז דאָס וואָס ער איז איצט, איז געווען זעהר גרויס; דיעזער אונטערשיעד איז געווען אַזוי גרויס, אויב ניט נאָך גרעסער, ווי דער אונטערשיעד צווישען דער קאַטיושא׳ן, וועלכע ער האָט געזעהן יענע נאַכט

אין קלויסטער אין איהר ווייסען קלייד, און דיעזער מיידעל, וועלכע זיי האבען היינט געאורטהיילט.

דאן איז ער געוועזן א פרישער, מונטערער, פרייער מענש, פאר וועמען עס האט זיך פאראוים געזעהן א לעבען פון אלע מעגליכקייטען, פון זיסע ערוואַרטונגען; איצט האט ער זיך געפיהלט פון אלע זייטען פערפלאָנטערט אין דעם נעץ פון א פוסטען, נארישען, צוועקלאָזען, ניטווירדיגען לעבען, פון וועלכע עס איז ניטאָ קיין אויסגאנג, און ניט נור ניטאָ, עס פעהלט אפילו דער פערלאנג, עס גלוסט זיך גאָר ניט אין מעהרסטע פעלע, ארויסצוקריכען פון דיעזען פלאָנטער.

ער האט זיך דערמאָהנט איצט, ווי ער איז א מאָהל, אין יענער יוגענד־צייט, געוועזן שטאָלץ מיט זיין גלייכער נאטור, ווי ער האט זיך דאן געשטעלט פאר א רעגעל אימער ארויסצוטרעטען אָפען מיט דער וואהרהייט און, ווירקליך, ער איז געוועזן דאן וואהרהייטליך, און איצט — אך, ווי ער איז אין גאנצען פערזונקען אין פאלשקייט, אין די שרעקליכע פאלשקייט, אין אזא שקר, וועלכער ווערט פראקטיצירט פון דער גאנצער וועלט און אָנגענומען פון אלע מענשען, וועלכע זיינען ארום איהם, פאר אמת.

און פון דיעזען שקר איז קיין אויסגאנג ניטאָ; אם וועניגסטען קומט איהם אזוי פאָר, אז מען קען קיין אויסגאנג ניט געפינען. און אין דיעזען שקר איז ער פערזונקען, אין דיעזען זומפּ האט ער זיך נאָך געצערטעלט, געמאכט חן.

ווי מאכט מען א סוף צו די בעציהונגען מיט מאריא וואסיליעוונא, מיט איהר מאן; אָבער מאכען א סוף אזוי, אז ער זאָל זיך ניט דארפען שעהמען קוקען איהר אין די אויגען, קוקען איהר מאן אין די אויגען און זייערע קינדער?

ווי זאָל ער, אָהן ווייטערע פאלשקייטען, מאכען א סוף צו זיינע פערהעלטניסע מיט מיססי'ן?

ווי זאל ער ארויסקריכען פון די געגענזעצע, אין וועלכע ער לעבט? אליין אנערקענט ער פאר אונגערעכטיג צו בעזיצען איי־

גענטהום אויף לאנד און פון דעסטוועגען איז ער דער בעל הבית איבער דער מאמע'ס ירושה און הערשט דארט ווי אלע אנדערע.

ווי זאל ער פערגלעטען זיין פערברעכען געגען קאטיושא? אזוי לאזען דאס איז דאך א זאך דער אונמעגליכקייט.

„איז דען רעכט אזוי אוועקצואווארפען א פרויען־צימער, וועל־כע איך האב אזוי היים געליעבט, און זיין צופרידען דערמיט, וואס איך וועל אויסגעבען עטליכע רובעל אויף אן אדוואקאט און ער וועט זי רעטען פון קאטארגע, וואס זי האט עס ניט פערדינט? זאל איך פערגלעטען די זינד דערמיט וואס איך וועל זיך לאזען קאס־טען עטוואס געלד אזוי ווי איך האב דאן געטאהן, ווען איך האב איהר גענעבען דאס געלד און האב געמיינט, אז איך האנדעל אזוי, ווי נויטיג איז?"

און אזוי לעבעדיג האט זיך איהם פארגעשטעלט יענע מי־נוט, ווען ער האט זי אנגעיאגט אין קארידאר און האט איהר אריינגערוקט די הונדערט רובעלדיגע און איז אליין אנטלאפען געווארען.

— אך, דיעזע געלד, — האט ער מיט שרעק און אבשטוים ארויסגערעדט און האט דערפיהלט דאס זעלביגע, וואס ער האט דאן געפיהלט, ווערענד ער האט איהר גענעבען די געלד. — ווי פאסקודנע, ווי פאסקודנע! — האט ער גאנץ הויך ארויסגע־רעדט עבען אזוי ווי דאן, ווען ער איז אריינגעלאפען צו זיך אין צימער. נור א געמיינער, פערדארבענער טויגעניכטס קען זיין פעהיג אויף עטוואס אזעלכעס! און איך בין דאס יענער פער־דארבענער, יענער געמיינער טויגעניכטס!..

— אבער זאל דאס ווירקליך מעגליך זיין, אז איך בין דאס אזא פערדארבענער מענש! — האט ער זיך צוריק געפרעגט. — ווי דען, ניט איך? טא ווער־זשע איז אין אלעם דעם שולדיג? — האט ער זיך אליין געענטפערט דערויף.

— און איז דאס בלויז דאס איינציגע, אין וואס איך בין שולדיג? — האט ער זיך ווייטער געמאכט פארווירפע — איז ניט פערדארבען, איז ניט געמיין פון מיר די בעציהונגען צו מאריא

וואסיליעווגא און איהר מאן ? און ווי איך פערהאלט זיך צו דער ירושה, רעכען איך עס ניט דען פאר מיין פערמעגען ? אונטער דעם אויסרייד, אז דאס איז געבליבען בירושה פון דער מוטער, פערמאג איך דאס וואס איז ניט מיינס, וואס איך רעכען פאר אונגעזעצליך, פאר אונגערעכט!"

„היינט דער גאנצער פוסט־און־פאסנער, לייכטער און שלעכטער לעבען. און ועל כולם מיין האנדלונג געגען קאטיושא. ניין, געמיין, נידערטרעכטיג! זיי, די מענשען, זאלען זיי וועגען מיר אור־טהיילען ווי זיי ווילען, זיי קען איך נאך נארען, אבער זיך, זיך אליין קען איך דאך ניט נארען!"

און ער האט פלוצלינג אנגעהויבען קלאר צו פערשטעהן, אז דעם אפשטויס, וועלכען ער האט אין דער לעצטער צייט אנ־געהויבען צו פיהלען צו מענשען, און בעזאנדערס נאך היינט, צו דעם פירסט, צו סאפיא וואסיליעווגא, צו מיססי, צו קארנעיען און אלע אנדערע — איז דאס געווען זיין אבשטויס פון זיך אליין.

און וואונדערבאר, אין דעם געפיהל פון אנערקענען זיין איי־גענע געמיינהייט איז געווען עטוואס שמערצליכעס, קריינקליכעס, אבער אין דער זעלבער צייט אויך פרעהליכעס און בערוהיגענדעס.

מיט נעכלודאוו'ן האט זיך שוין ניט איין מאל געטראפען אין לעבען דאס, וואס ער האט גערופען „א נשמה־רייניגונג". מיט רייניגען די נשמה האט ער בעצייכענט דעם צושטאנד, ווען ער האט פלוצלונג נאך א לאנגער צייט ניט ארומקוקען זיך אנגע־הויבען בעטראכטען וואס עס קומט אין איהם פאר, אונטערגעפיהרט, זא צו זאגען, א רעכענונג מיט זיך אליין און האט אנגעהויבען ארויסצורייניגען די גאנצע מיסט וואס עס האט זיך אנגעקליבען אויפ'ן הארצען און איבער וואס דאס גאנצע אינערליכע לעבען קומט מיט איין מאל צו א שטיל־שטאנד.

אימער נאך אזא אויפוואכען פלעגט זיך נעכלודאוו אויס־ארבייטען א פלאן, נאך וועלכען ער מוז פון יענעם טאג אן לעבען און פאלגען דיעזען פלאן אימער: ער האט אנגעהויבען שרייבען דאן א טאגעבוך און אנגעהויבען אויף דאס־ניי פיהרען אזא

מין לעבען, וועלכען ער האָט געהאפט, ער וועט קיין מאָל ניט ענדערן, וועט קיין מאָל מעהר ניט אראָפּ פון וואהרהייטליכען וועג — אַ נייעם בלאט איבערגעקעהרט, פלעגט ער דאָס אנרופען.

אבער יעדען מאָל פלעגט ער ניט בעמערקען, ווי ווערענדיג געדייצט פון די געשמאקע זאכען פון דער וועלט פלעגט ער ארייג־פאלען און פלעגט זינקען, זינקען אזוי ביסלעכוויים אמאָל נאָך א סך נידריגער אלס בעפאר ער האָט „איבערגעקעהרט א נייעם בלאט".

אזוי האָט עס מיט איהם פאסירט שעהנע עטליכע מאָל, ווי ער האָט זיך גערייניגט און איז ווידער געזונקען. אזוי איז דאָס מיט איהם געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען ער איז געקומען צו די טאנטעס צו גאסט אויף צו זיין דאָרט א גאנצען זומער.

יענעם מאָל איז דאָס געווען די לעבעדיגסטע, די העכסטע בעגייסטערטע ערוואכונג. און די פאלגען פון יענער ערוואכונג האָבען געדויערט זעהר לאנג.

נאכהער האָט ווייטער פאסירט אזא ערוואכונג, ווען ער האָט זיך אפגעזאגט פון זיין ציוויל אמט און איז ארייגגעטראָטען אין מיליטער־דינסט, וועלענדיג אפּפערען מיט זיין לעבען. אבער דיעזען לעצטען מאָל איז די צוריקזינקונג אנגעקומען זעהר שנעל.

דערנאָך איז געווען ווייטער אַן ערוואכונג, ווען ער איז ארויס פון מיליטער־דיענסט, איז אוועק נאָך אויסלאנד און האָט זיך אי־בערגעגעבען דער קונסט, האָט אנגעפאנגען צו עסק'ן זיך מיט מא־לעריי.

פון יענעם מאָל אָן ביז היינטיגען טאָג איז שוין אי־בערגעגאנגען א לאנגע צייט און אַלץ אָהן א ערוואכונג. און דער־פאר איז דאָס נאָך אין קיין פריהערינער צייט פון זיין לעבען ניט געקומען ביז צו אזא פערשמוצונג אזוי ווי איצט, ביז אזא היפוך צווישען דאָס, וואס עס האָט געפאָדערט דער געוויסען, און דעם לעבען וואס ער האָט געפיהרט. און ער האָט זיך איצט דערשרא־קען, ווען ער האָט א קוק געטאָהן ווי ווייט ער איז פערקראָכען,

ווי גרוים דער אונטערשיעד איז געווארען צווישען דעם, וואס ער טוהט און דעם, וואס, ער רעכענט, ער דארף טאָהן.

דיעזער אונטערשיעד איז געוועזען אזוי גרוים, די פערשמוצונג פון דער נשמה איז געוועזען אזוי שטארק, אז ער איז אויף דער ער־שטער מינוט געווארען פערצווייפעלט, און האָט ניט געגלויבט, אויב עס איז גאָר מעגליך אבצורייניגען זיך פון דעם אלעם.

„האָסט דו דען ניט עטליכע מאָהל געפּרופט בעסער ווערען, פערפאלקאמענערט זיין, און וואס איז געוועזען דער סוף? גאָר־נישט" — האָט צו איהם געטענה'ט א פערפיהרערישע שטימע — „וואָצו אלזא פּרובירען נאָך אמאָל? ביזט דו דען איינער, זיי זיינען דאָך אלע אזוי. אזוי איז דאָס לעבען" — האָט צו איהם דיעזע שטימע גערעדט.

אבער יענעם פרייע, גייסטיגע וועזען, וועלכע אליין איז ניר וואהר, איז מעכטיג און איז אליין נור עוויג האָט זיך שוין ער־וועקט אין נעכליודאָוו'ן, און ער האָט דיעזען וועזען געגלויבט. ער האָט ניט געקענט ניט גלויבען, ווי גרוים עס איז ניט געוועזען דער אונטערשיעד פון זיינע איבערצייגונגען ביז זיין פּראקטישען לע־בען. ווי גרוים עס איז ניט געוועזען דער אונטערשיעד צווישען דעם, וואס ער איז געוועזען און דעם וואס ער האָט געוואָלט זיין, — פאר דעם ערוואכענדען, גייסטיגען וועזען האָט זיך אלעס פארגעשטעלט אלס מעגליך.

„איך וועל צורייסען דעם גאנצען שקר, וועלכער האלט מיך געבונדען, וואס דאס זאל מיר ניט קאָסטען, איך וועל אין אלעם און אלעמען זאָגען נור דעם אמת", — ענטשלאָסען, אין דער הויך האָט ער דאָס זיך געזאָגט.

„איך וועל אויסזאָגען דעם אמת מיסי, אז איך בין אן אויסגעלאסענער און איך קען מיט איהר ניט הייראטען; אז איך האָב נור אומזיסט זי בעאונרוהיגט די גאנצע צייט; איך וועל זאָגען מאריא וואסיליעוונא (דעם פּרעדוואָדיטעל'ס פרוי) — אמת, איהר איז ניטאָ וואס צו זאגען; איך וועל זאָגען איהר מאן, אז איך בין א טויגעניכטס, אז איך האָב איהם גענארט; מיט מיין

ירושה וועל איך אויך האנדלען אזוי, אז עס זאל זיין, ווי דער אמת פאָדערט".

„און איהר, קאטיושען, וועל איך זאגען, אז איך בין א ניכטס־ווירדיגער, אז איך בין א פערברעכער געגען איהר, און איך וועל טאָהן אלעס מעגליכע אום צו פערלייכטערען איהר שיקזאל. יא, איך מוז זי זעהן און בעטען זי זאָל מיר פערצייהען, איך וועל בע־טען איהר פערצייהונג, ווי א קינד בעט איבער, ווען ער פער־זינדיגט זיך.

ער האָט זיך אפגעשטעלט.

— איך וועל מיט איהר הייראטהען, אויב עס וועט נויטיג זיין.

ער איז ווידער געבליעבען שטעהן, די הענד פערלייגט אויפ'ן ברוסט, ווי ער האָט עס געטאָהן ווען ער איז געווען א קלייניגקער, ער האָט אויפגעהויבען די אויגען ארויף און האָט געזאגט:

— אָה, גאָט, העלף מיר, לערן מיך, קום אראָפּ, בעזעץ זיך אין מיר, און רייניג מיך פון דעם גאנצען שמוץ.

ער האָט תפלה געטאָהן, האָט געבעטען גאָט, ער זאל איהם העלפען, ווערענד עס האָט זיך שוין פערווירקליכט דאס, וועגען וואָס ער האָט איצט געבעטען.

ער האָט ניט נור דערפיהלט די פרייהייט, דרייסטקייט און פריידע פון לעבען, זאנדערן ער האָט אויך דערפיהלט די גאנצע מאכט פון גוטעס. אלעס, אלעס, דאָס עדעלסטע און דאָס בעסטע, וואס א מענש קען נור האָבען, האָט ער דערפיהלט אין זיך איצט די פעהיגקייט צו טאָהן.

טרערען האָבען זיך איהם געוויזען אין די אויגען, ווער ער האָט דאס אלעס צו זיך גערעדט. דאָס זיינען געווען גוטע און בייזע טרערען: גוטע טרערען, ווייל דאס זיינען טרערען פון פריידע, פון דאָס גוטע וואס האָט אין איהם ערוואכט; דאס ער־וואכען פונ'ם גוטען וועזען, וועלכער האָט א לאנגע צייט אין איהם געשלאפען, און בייזע טרערען, ווייל דאס זיינען אויך געווען טרע־רען פון צופרידענהייט מיט זיך אליין, צופרידענהייט פון זיין אייגע־נער גרויסמוטיגקייט.

איהם איז געווארען הײם. ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט איהם געעפענט. דער פענסטער איז ארויס צום גארטען. עס איז געווען א ליכטיגע, פרישע שטילע נאכט; דער מאָנד האָט קלאָהר געשיינט. איבער'ן גאס האָט זיך דערהערט א טומעל פון א דורכפאהרענדע פוהר. דערנאָך איז אלעס ווידער שטיל געווארען.

גלייך אונטער'ן פענסטער האָט זיך געזעהן דער שאטען פון די ארומגעהאקטע צווייגען פונ'ם הויכען, נאקעט געלאָזענעם בוים, קלאָהר האָט זיך אָפגעצייכענט דיעזער שאטען אויף דעם זעמדעל פון דעם אבגערייניגטען פלאטץ אונטער'ן פענסטער.

צו דער לינקער זייט איז געווען דער דאך פון א גרויסער שטאהל, וועלכע האָט אויסגעזעהן ווייס אונטער דער בעלייכטונג פון מאָנד; ווייטער האָבען זיך איבערפלאָכטען די צווייגען פון די בוימער, הינטער וועלכע עס האָט זיך געזעהן דער שווארצער שאָטען פון פלאנקען.

נעכלודאָוו האָט בעטראכט דעם גאָרטען, וועלכער איז בע־לויכטען פונ'ם קלאָהרען מאָנד־ליכט, דעם ווייסען דאך פון דער גע־ביידע, דעם שאטען פון די בוימער; ער האָט זיך צוגעהערט און האָט איינגעאטהעמט אין זיך די ערפרישענדע, אפלעבענדע לופט.

„ווי גוט, ווי גוט, מיין גאָט, ווי גוט!" — האָט ער גע־שעפּצעט צו זיך, טראכטענדיג וועגען דעם, וואס עס איז פארגע־קומען ביי איהם אין הארצען.

29.

מאסלאָווא איז געקומען צוריק אין איהר ארעסטאנטסקען קעמערל ערשט א זייגער 6 פארנאכט, א מידע, א נידערגעשלאָ־גענע מיט קראנקע פיס פון דעם לאנגען וועג — א מהלך פון 15 וויאָרסט איבער שטיינער, ניט געוואהנטערהייט, און דאצו נידער־

געשלאָגען פון דעם אונערוואַרטעטען אורטייל און אן אויסגע־הונגערטע.

נאָך אין דער צייט פון'ם פּראָצעס אין געריכט, ווען מען האָט זי ארויסגעפיהרט אין קאָרידאָר מיטאגצייט, איז ביי איהר דער מויל פול געוואָרען מיט שפּייעכץ, ווען זי האָט געקוקט ווי די גע־ריכטס־דיענער האָבען לעבען איהר געגעסען ברויט מיט הארטע אייער, און זי האָט נאָך דאן דערפיהלט, אז זי איז הונגעריג, אבער בעטען האָט זי זיך געשעהמט; זי האָט זיך ניט געוואָלט אזוי ערנידעריגען.

ווען עס זיינען נאָך דעם איבערגעגאַנגען נאָך דריי שטונדען האָט זיך איהר שוין אויפגעהערט צו ווילען עסען, זי האָט נור געפיהלט, אז זי איז שוואַך. און אין אזא צושטאנד האָט זי געטראָ־פען דעם קלאַפּ פון דעם שטרייגנען אורטהייל.

אין דער ערשטער מינוט האָט זיך איהר גערוכט, אז זי האָט עס פערהערט, עס האָט זיך איהר נישט געקענט לאָזען גלויבען איהרע אייגענע אויערן; זי האָט בשום אופן ניט געקענט זיך פארשטעלען, אז זי וועט זיין א קאַטאָרזשאַנקע. אבער עס איז דאָך געווען דער אורטהייל.

דערזעהענדיג די רוהיגע אמטליכע געזיכטער פון די ריכטער, פון די געשוואָרענע, וועלכע האָבען בעגעגנט דיזען אורטהייל אזוי ווי עטוואָס גאנץ נאטירליכעס, איז זי געוואָרען אויסער זיך און האָט אנגעהויבען צו שרייען, אז זי איז אונשולדיג.

זעהענדיג אבער ווידער, אז אויך איהר געשריי ווערט אנגע־נומען אלס עטוואָס געוועהנליכעס, נאטירליכעס, וואס מען קען ערוואַרטען, אבער וואס עס קען ניט ענדערן דעם אורטייל, האָט זי זיך ביטער פאנאנדערגעוויינט, פיהלענדיג אז זי מוז זיך אונטער־ווארפען דעם ביטערן שיקזאל, דער אונגערעכטיגקייט, וועלכע מען איז בעגאַנגען געגען איהר.

געוואונדערט האָט זי זיך בעזאָנדערס, וואס די מענער האָ־בען זי אזוי שטרענג געאורטיילט — די מענער, יונגע, ניט אלטע מענער, דיעזעלביגע יונגע מענער, וועלכע האָבען אלע מאָל אויף

איהר אזוי ליעבליך געקוקט. נור איינעם — דעם פּראָקוראָר האָט זי געזעהן אנדערש פון די אנדערע.

אין דער צייט, ווען זי איז געזעסן אינ'ם ארעסטאנטסקען צימער פון געריכט, האָט זי געזעהן ווי דיעזע מענער, געהענדיג בלומרשט צוליעב אנדערע זאכען, זיינען פערבייגעגאנגען פערביי דער טיהר אָדער זיינען טאקע אריין אינווייניג, אום איינצוקוקען זיך אויף איהר.

און מיט איין מאָל נעהמען דיעזע זעלביגע מענער און פער־אורטהיילען זי גאר אויף קאטאָרגע, טראָץ דעם, וואס זי איז גע־ווען אונשולדיג אין דעם פערברעכען, פאר וועלכען מען האָט זי געאורטיילט.

זי האָט געוויינט, געוויינט, איז אבער דערנאָך שטיל געבלי־בען זיצען אזוי ווי א פערשטיינערטע, ווי א פאראליזירטע, און זי איז אזוי געזעסען אין ארעסטאנטסקען צימער ביז מען האָט זי אוועקגעפיהרט צוריק אין אסטראָג.

איהר האָט זיך שוין יעצט מעהר ניט געוואָלט ווי איין זאך: רויכערן. אין דיעזען צושטאנד האָבען זי געטראפען באָשטקאווא און קארטינקין, וועלכע מען האָט נאך דעם אורטהייל אריינגעפיהרט אין זעלבען צימער. באָטשקאָווא האָט גלייך אָנגעהויבען צו זיד־לען מאסלאָווא און האָט זי גערופען קאטאָרזשניצע.

— אהא, דו האָסט גע'גנב'עט? האָסט זיך ניט אויסגעדרעהט, דו, מיאוסקייט, ווי דו האָסט פערדינט, אזוי האָסטו. אויף קאטאָר־גע, נישט קשה, וועסט דו מעהר ניט פראנטעווען.

מאסלאָווא איז געזעסען, אריינגערוקט די הענד אין ארעס־טאנטסקען כאלאט און איינגעבויגען דעם קאָפּ, זי האָט בלויז גע־קוקט א צוויי שריט ווייטער פון זיך אויף די דילען און האָט נור געזאגט:

— איך ריהר דאָך אייך נישט, לאָזט מיך צורוה. ריהר איך אייך דען? — אזוי האָט זי ווידערהאָלט עטליכע מאָהל, דערנאָך איז זי אין גאנצען ענטשוויגען געוואָרען.

עטוואָס לעבעדיגער איז זי געוואָרען נור דאן, ווען מען האָט

באַטשקאָווא און קאַרטינקין ארויסגעפיהרט און עס איז אריינ־געגאַנגען דער וועכטער, וועלכער האָט איהר געבראַכט א 3 רו־בעלדיגע.

— ביסט דו מאַסלאָווא? — האָט ער א פרעג געטאָהן. זי האָט א שאָקעל געטאָהן מיט'ן קאָפּ.

— נא, נעהם 3 רובעל; דאס האָט דיר די מאַדאם געשיקט.

— וועלכע מאַדאם?

— נעהם און גענוג. צוריידען זיך נאָך אפשר מיט דיר?

די דריי רובעל האָט עס געשיקט קיטאַיעווא. ווען זי איז ארויס פון געריכט איז זי צוגעגאַנגען צום סודעבני פּריסטאַוו און האָט איהם געפרעגט, צו קען זי איבערגעבען מאַסלאָווא עפּעס געלד. דער פּריסטאַוו האָט איהר געענטפערט, אז זי מעג. ווען זי האָט בעקומען די ערלויבניס, האָט זי אראָפּגענומען איהרע זעמסינע האנדשוה פון דער ווייכער ווייסער הענדעל, האָט פון צווי־שען די קנייטשען פון איהר זיידענע קלייד ארויסגענומען א שעהנעם פּאָרטמאָנע און ארויסנעהמענדיג פון דאָרטען פון צווישען א גאַנ־צען פּעקעל קופּאָנעס, נייאינקע, נור וואס אבגעשניטענע, כשר־פּערדינטע, איין קופּאָן אויף צוויי רובעל מיט 50 קאַפּיקעס, האָט זי דערצו צוגעלייגט צוויי נייע צוואַנציג־קאָפּיקענע און א גריווע־ניקעל און האָט עס דערלאַנגט דעם פּריסטאַוו.

דער פּריסטאַוו האָט צוגערופען א געריכטס־דינער און האָט איהם געגעבען דאס געלד איבערצוגעבען מאַסלאָווא.

איך בעט אייך, איהר זאָלט עס איהר טאַקע זיכער אוועקגעבען — האָט מאַדאם קאַראָלינא אלבערטאָוונא געזאָגט דעם דיענער.

דער דיענער האָט זיך דערפון געפונען בעליידיגט און האָט דערפאר אזוי מיט כעס געגעבען צו מאַסלאָווא.

מאַסלאָווא האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט די עטליכע רובעל. דאס וועט איהר געבען די מעגליכקייט צו קריעגען דאס איינציגע וואס זי ווינשט יעצט. אָך, נור כאָטש עטליכע פּאַפּיראָסען צו קריגען און פערציהען זיך, שלינגען דעם רויך — האָט זי זיך גע־

קלערט, און אלע איהרע געדאנקען האבען זיך איצט געדרעהט
ארום איין פערלאנג: רויכערן.

איהר האט זיך אזוי שטארק געוואלט רויכערן, אז זי האט דורשטיג אנגעהויבען צו שלינגען די לופט, ווען זי האט אין איהם דערפיהלט א טאבאק־רויך, וועלכע האט ארייגעדרונגען אין קאַרידאר דורך דער טיהר פון קאבינעט. אבער איהר איז אויסגעקומען נאך לאנג צו ווארטען, ווארום דער סעקרעטער, וועלכער האט זי געדארפט אטפּראווען, האט זיך אין גאנצען פערגעסען וועגען דער ארעסטאנטקע, און האט זיך צוהיצט אין א געשפּרעך מיט אן אדוואקאט וועגען א צייטונגס־ארטיקעל.

ענדליך, אזייגער 5 פארנאכט האט מען זי אבגעשיקט פון געריכטס־הויז און די קאנוואינע האבען זי דורך א הינטער־טיהר ארויסגעפיהרט אויף דרויסען צו פיהרען זי צוריק אין אסטראָג. די קאנוואָינע זיינען געווען דער זעלביגער טשוואוואש און דער נאָוואָראָדער סאָלדאט, וועלכע האבען זי געבראכט פון אסטראָג.

גלייך ווי זיי זיינען געווען אין פירהויז ביים ארויסגאנג האט זי זיי געגעבען א צוואנציג קאָפּיקענעס, בעטענדיג זיי זאָלען איהר קויפען צוויי קוכענס און פאפּיראסען. דער טשוואוואש האט זיך צולאכט, האט גענומען דאס געלד און האט געזאגט: „גוט, מיר וועלען קויפען“, און האטווירקליך עהרליך געקויפט קוכענס און פאפּיראָסען פאר גאנצע צוואנציג קאָפּיקעס און האט איהר אין גאנצען איבערגעגעבען.

אויפ׳ן וועג האט זי ניט געטאָרט רויכערען, אזוי אז זי איז אין אסטראָג אריין נאך אלץ מיט דעם זעלבען אונבעפרידיגטען פערלאנג. ווען מען האט זי צוגעפיהרט צום טויער פון אסטראָג האט מען דאן געבראכט נור וואָס פון וואָקזאל א מאן הונדערט ארעסטאנטען; אריינגעהענדיג האט זי זיך געשטויסען צווישען זיי.

די ארעסטאנטען — מיט בערד און געגאָלטע, אלטע און יונגע, רוסישע און אנדערע — אנדערע אויך מיט האלב־אפּגעגאָלטע קעפּ און קלינגענדיג מיט די קייטען, אין וועלכע די פיס זיינען געווען געשמידט, האבען אנגעפילט דעם קארידאָר מיט שטויב,

גערויש, געפילדער און עיפּוש פון שוויים. זיי האָבען אַלע זיך אָקעהר געטאָהן איינצוקוקען זיך אויף איהר. אנדערע האָבען זי א צעפּע געטאָהן.

— דאס איז א מיידעל, א מחיה, — האָט געזאָגט איינער.

— מוהמינקע, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, — האָט איהר א זאָג געטאָהן אן אנדערער, פינטלענדיג מיט די אויגען.

איינער פון זיי, א שווארצער, מיט א געראזירטען קאָפּ, איז אונטערגעשפּרונגען צו איהר, קלינגענדיג מיט זיינע קייטען, און האָט זי ארומגענומען.

— האָסטו אפשר ניט דערקענט א לייבליכען פריינד? נו, גענוג צו פערשטעלען זיך! — האָט ער א געשריי געטאָהן און די אויגען האָבען זיך ביי איהם צוקאָכט, ווען זי האָט איהם אָפּ־געשטויסען פון זיך.

— וואָס האָסטו דאָס געוואָלט טאָהן, דו הונד איינער! האָט א געשריי געטאָהן דער נאטשאלניק, וועלכער איז איצט אונ־טערגעקומען.

דער ארעסטאנט האָט זיך צונויפגעדרעהט אין דרייען און איז שנעל אָפּגעשפּרונגען. דער נאטשאלניק האָט דאן אָנגעהויבען אויף מאסלאָווא צו שרייען.

— וואָס טוהסט דו דאָ, הא?

מאסלאָווא האָט געוואָלט זאָגען, אז מען האָט זי נור וואָס געבראכט פון געריכט, אָבער זי איז געווען אזוי אויסגעמאטערט און ערשעפּט, דאָס זי האָט פּשוט קיין לוסט ניט געהאט א וואָרט אויסצוריידען. און זי האָט אין גאנצען געשוויגען.

— פון געריכט, וואשע בלאגאָראָדיע, — האָט געענטפערט פאר איהר דער עלטערער פון די קאנוואינע, אָפּגעבענדיג איהם דעם צייכען פון עהרע.

— נון, גיב זי איבער שנעל, וואָס איז דאָ פאר אזעלכע פּאסקודנע שטיק?

— איך הער, בלאגאָראָדיע.

— סאַקאַלאָוו! צונעהמען, — האָט אַ געשריי געטאָהן דער געהילף פון נאטשאלניק.

דער עלטסטער פון די וועכטער האָט אַ שטויס געטאָהן מאַס־לאָווא אין פּלייצע, און האָט זי אוועקגעפיהרט אין דער פרויען־אבטהיילונג.

אין דעם קאָררידאָר פון דער פרויען־אבטהיילונג האָט מען זי ארומגעזוכט און איבערגעטאפּט ווי גרויס זי איז, און אזוי ווי מען האָט גאָר נישט געפונען (דען דער פּעקעל פּאַפּיראָסען איז גע־ווען אריינגערוקט אין דעם קיילעטש), האָט מען זי אריינגעלאָזען אין דער זעלבער קאמער, פון וועלכע מען האָט זי ארויסגעפיהרט אין דער פריה.

30.

די קאמער, אין וועלכע מאסלאָווא איז געזעסען, איז געווען זעהר אַ לאנגער צימער, אַ'ן ארשין 9 די לײנג און 7 די ברייט, מיט צוויי פענסטער, מיט אַ'ן אויווען און מיט נארעס, וועלכע זיינען צונויפגעשלאָגען געווען שיטער פון ברעטער און זיינען שוין יעצט שטארק אויסגעטריקענט געווארען; דיעזע נארעס האָבען פערנומען גוטע צוויי דריטעל פון די גאנצע גרויס פון צימער.

אין מיטען וואנד אנטקעגען טיהר איז געהאנגען אַ פעררויכער־טער הייליגער בילד, לעבען וועלכען עס איז געווען צוגעקלאפּט אַ וועקסענע ליכטעל און אונטער דער ליכטעל איז געהאנגען אן אלטער פערשטויבטער, פערוועלקטער בוקעט פון בלומען.

צו דער לינקער זייט פון טיהר איז געווען אַ גרויסער, שוואר־צער פלעק אויף די דילען; דאס איז דער פלאץ, וואו עס שטעהט איצט די פעסעל אויף צו אריינגיסען שמוץ ביי דער נאכט, דען מען האָט שוין געמאכט די פאָווערקע און די טיהרען זיינען שוין פערשלאָסען געווארען, אום ניט מעהר צו עפענען זיך ביז מאָרגען אין דער פריה. די ארעסטירטע האָבען דארט געמוזט בלייבען פער־שפּארט די גאנצע נאכט.

אין גאנצען זיינען געווען אין דיזער קאמער פון אסטראַג 15 שכנות, 12 ווייבער און 3 קינדער.

עס איז נאך געווען גאנץ ליכטיג און נור צוויי פרויען זיינען איצט געלעגען אויף די נאַרעס: איינע איז איבער'ן קאָפּ געווען בעדעקט מיט'ן ארעסטאנטסקען כאלאט — א נארעלע; מען האָט זי ארעסטירט דערפאר וואס זי האָט קיין פּאספּארט ניט געהאט; זי האָט כמעט שטענדיג געהאלטען אין איין שלאָפען. און די צווייטע א שווינדזיכטיגע; זי איז געזעסען פאר גניבה.

דיזע לעצטע איז נור געלעגען, אבער זי האָט ניט געשלאָפען; זי האָט אונטערגעלייגט דעם כאלאט צוקאָפּענס, די אויגען זיינען געווען ברייט פאנאנדערגעעפענט, און זי האָט זיך קוים איינגעהאל־טען ניט פאנאנדערצוהוסטען זיך, וועהרענד אין האלז האָט גע־כאָרכעלט די אנגעקליבענע פלאגמע.

די איבעריגע פרויען, דורכאוים פּראָסטע קעפּ, זיינען געווען אין איינע גראָבע לייוועגדענע העמדער; מאנכע פון זיי זיינען געזע־סען אויף די נאַרעס און האָבען גענעהט, אנדערע זיינען געשטאנען לעבען פענסטער און האָבען געקוקט אויף די ארעסטאנטען, וואס געהען ארום איבערן הויף.

פון די דריי פרויען, וועלכע האָבען געהאלטען אין נעהען, איז איינע געווען די זעלביגע אלטע, וואס האָט אין דערפריה, ווען מען האָט אוועקגעפיהרט מאסלאָווא, זי בעגלייט מיט די אויגען און געגעבען איהר עצות. מען האָט זי גערופען קאַראבלעווא. דאָס איז געווען א הויכע, אלטע אָבער שטארקע פרויענצימער מיט קנייטשען אויפ'ן געזיכט, אימער ערנסט, פערוואָלקענט, אויפ'ן קאָפּ א קליינער צעפּעל גראָהליכע האָר און א בראָדעווקע מיט גראָהע האָר אויפ'ן געזיכט.

קאַראבלעווע איז געווען פעראורטהיילט אויף קאטאָרגע פאר ערמאָרדען איהר מאן מיט א האק. געטויטעט האָט זי איהם דער־פאר וואס ער איז צוגעשטאנען צו איהר טאָכטער.

דאָ אין קאמער פון אסטראָג, איז קאראבלעווא געווען די אויפזעהערקע, ד. ה., די עלטסטע און זי האָט אויך צוגעהאנדעלט

דאָ מיט שנאַפּס. זי איז דאָס איצט געזעסען מיט איהרע ברילען אנגעטאָהן און האָט גענעהט גראָבע זעק, ווי עס נעהט א בויערטע, האַלטענדיג די נאָדעל מיט דריי פינגער.

גלייך לעבען איהר איז אויך געזעסען א פרוי און גענעהט זעק; דאָס איז געווען א נידעריג־געוואַקסענע דונקעלע פרויענצימער מיט קליינע שווארצע אויגען, א גוטהערציגע און א גרויסע פּלוידער־זאַק: נור זי פלעגט ריידען.

דיעזע שווארצינקע איז געווען א וועכטערין אין א ביידעל פון אייזענבאהן און זי האָט פערזאַמט ארויסצוציהען מיט'ן פלאַג, ווען א צוג איז פערביי. עס האָט מיט דעם צוג גראדע פּאַסירט אן אונגליק, און זי איז דערפאַר פעראורטיילט געווארען אָפּצוזיצען 3 מאָנאטען אין אסטראָג.

די דריטע פרוי, וועלכע איז געזעסען און האָט גענעהט, איז געווען פעדאָסיא, — פעניטשקא האָבען אלע זי גערופען, — א ווייסע לייב מיט רויטען פארב אין געזיכט מיט קלאהרע, קינדערשע, בלויע אויגען און צוויי דונקעל־בלאָנדע געדיכטע צעפּ, וועלכע זיינען געווען ארומגעדרעהט ארום קאָפּ ווי א קראַנץ; זי איז נאָך גאָר א יונגינקע, און איז אזא ליעבליכע.

געזעסען איז זי פאר וועלען פערגיפטען איהר מאַן. דאָס האָט געטראָפען גלייך נאָך זייער האָכצייט, און חתונה געמאַכט האָט מען איהר צו זעכצעהן יאהר. אין די אכט מאָנאט וואָס זי איז געווען פריי, ווייל מען האָט זי ארויסגענומען אויף ערבות בעפאָר דער פּראָצעס האָט שטאטגעפונען, האָט זי זיך אזוי בעפריינדעט מיט איהר מאַן, אז זי האָט איהם אנגעהויבען שטארק ערשט צו ליעבען, און ווען דער פּראָצעס האָט שטאטגעפונען האָט מען זי דאָס אוועקגענומען פון דעם מאַן, מיט וועלכען צוזאמען זי האָט שוין דאַן געלעבט גליקליך, אזוי ווי א פּאָר טייבעלעך.

אָבער ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס דער מאַן און איהר שווער, בעזאָנדערס דער שווער, וועלכער האָט זי ליעב געקראָגען ווי אן אייגען קינד, האָבען זיך מיט אלע כחות געמאַטערט צו פערטהיי־

דיגען זי, האָט מען זי פון דעסטוועגען פעראורטהיילט צו פערשי־
קען אין סיביר אויף קאטאָרזשנע ארבייט.

די גוטע, פרעהליכע, לעבעדיגע, אימער שמייכלענדע פע־
דאָסיע איז געווען מאסלאָוואַ'ס א שכנה אויף די נארעס און האָט
זי ניט נור ליעב בעקומען, זאָנדערן האָט גערעכענט פאַר א פפליכט
צו בעדינען מאסלאָוואַ, צו זארגען זיך וועגען איהר און זיין איהר
איבערגעגעבען.

אויף די נארעס זיינען געזעסען נאָך צוויי פרויענצימער,
אבער אָהן ארבייט; איינע פון א יאָהר פערציג, מיט א בלאַ־
סע מאגערע געזיכט; קענטיג, אז אמאָל איז דאס געווען א שעהנ־
הייט; איצטער זיינען די באקען איינגעפאלען און קיין פארב אין
געזיכט, — זי האָט געהאלטען אויף די הענד א קינד און האָט
איהם געגעבען זויגען די לאנגע ווייסע ברוסט.

איהר פערברעכען איז בעשטאנען דעריין, וואס זי האָט גע־
האָלפען ארויסרייסען א רעקרוט פון די הענד פון בעאמטע. דאָס
איז געווען א מעשה דעמאָלט, ווען מען האָט ביי זיי אין דאָרף
גענומען רעקרוטען און די בויערען האָט זיך געדוכט, אז דיזען
רעקרוט האָט מען ניט עהרליך גענומען; ער האָט ניט געדארפט
זיין קיין סאָלדאט. זיי האָבען זיך אלע צונויפגעקליבען און האָבען
ארויסגעריסען דעם רעקרוט ביים סטאנאָוואָי פון אונטער די הענד.
זי איז דאס געווען די ערשטע, וועלכע האָט א כאפּ געטוהן דעם
סטאנאָוואָיס פערד פאַר'ן צוים און האָט איהם אבגעשטעלט. זי איז
געווען דעם רעקרוט'ס א טאנטע.

די צווייטע, וועלכע איז געזעסען אָהן ארבייט אויף די נאַ־
רעס, איז געווען א קליינגעוואקסענע, גוטע אלטינקע, מיט א צורונ־
צעלטען געזיכט און א הייקערדיגע. זי איז געזעסען נאָהענט
לעבען אויוועץ אויף די נארעס און האָט זיך געשפּיעלט מיט דעם
פיעריאָהריגען פּוזאטען קינד, וועלכער איז ארומגעלאָפען אויף די
נארעס און האָט פריילעך געלאכט: „אהא, ניט געכאפּט“.

די אלטינקע איז געווען אָנגעקלאָגט צוזאמען מיט איהרען א
זוהן אין אונטערצינדען זייער הויז; זי טראָגט אריבער איהר

שיקזאל מיט געדולד און זאָרגט נור פאר איהר זוהן, וועל־כער זיצט אויך אין אסטראָג, און נאָך מעהר גייט איהר פון זינען ניט ארויס דער אלטער מאן, וועלכער וועט דאָרט פערלייזיגט ווערען, ווייל עס איז ניטאָ ווער עס זאָל איהם בעדינען, בעזאָרגען, ריין מאכען.

אויסער די זיעבען פרויענצימער, וועלכע זיינען דאָ געוועזן אויסגערעכענט, זיינען נאָך פיער געשטאנען לעבען איינעם פון די אָפענע פענסטער און, האלטענדיג זיך פאר׳ן אייזערנע גראטע, האָ־בען זיי מיט צייכענס און מיט ווערטער גערעדט מיט די זעלבע ארעסטאנטען, אָן וועלכע מאסלאווא האָט זיך אָנגעשטויסען, ווען מען האָט זי געבראכט צופיהרען פון געריכט.

איינע פון דיזע פרויענצימער האָט געהאלטען אין אָפזיצען פאר א גניבה; זי איז געוועזן א גרויס־געוואקסיגע, רויט־האָריגע פרוי, שטיקער פלייש זיינען פון איהר געהאנגען, אין איהר געזיכט־פארב איז געוועזן אַ מין געלבע ווייסקייט און מיט גרויסע זומערשפרינקלעך, גרויסע הענד און א גראָבער קארק.

זי האָט אין דער הויף געשריען דורכ׳ן פענסטער מיט א הייזעריגע שטימע גראָבע, מיאוסע ווערטער צו די ארעסטאנטען. לעבען איהר איז געשטאנען אַן אנדערע, פון גאנץ קליינעם וואוקס אזוי ווי א 10 יעהריגע קינד, א שווארץ־חן׳עוודיגע ארעסטאנטקע, איהר געזיכט איז איצט געוועזן רויט; דער קערפער א לאנגער, אָבער קורצינקע פיסלעך; שווארצע אויגלעך און ווייסע צייהנער. זי האָט געקוקט אין פענסטער און האָט געקייכט פאר געלעכטער, קוויטשענדיג אויפ׳ן קול׳כעל, פון דעם שפּאס, וואָס די מענער האָבען אויסגעמאכט דאָרטען אונטען אין הויף. דיזע ארעסטאנטקע האָט מען גערופען חאראשאווקע און גע׳משפט האָט מען זי פאר גנב׳ענען און אונטערצינדען.

הינטער דיעזע צוויי איז געשטאנען אין א שמוציגער העמד א פּוזאטע פרוי, קענטיג א מעוברת׳ע, וועלכע איז געוועזן אָנ־געקלאָגט אין בעהאלטען גע׳גנב׳עטע זאכען. זי האָט די גאנצע

צייט געשוויגען, נור זי האָט איינשטימיג צוגעשמייכעלט צו די שפּילערייען פון די מענער ארעסטאנטען.

די פיערטע, וועלכע איז געשטאנען לעבען פענסטער איז גע־ווען אן ארעסטאנטקע, וואָס האָט געדארפט אָפּזיצען פאר האלטען א קרעטשמע אָהן א פּאטענט; דאָס איז געווען א געזונדע, דאַר־פּישע פרוי מיט א זעהר גוטמוטהיגעס געזיכט און גרויסע, קיי־לעכדיגע אויגען.

דיזע פרוי איז דאָס געווען די מוטער פון דעם אינגעלע, וואָס האָט זיך געשפּיעלט אויף די נארעס און פון א זיעבען־יעהריגע מיידעלע, וועלכע איז אויך געווען מיט איהר דאָ אין אסטראָג, ווייל עס איז ניט געווען ביי וועמען איבערצולאָזען זיי.

די קליינע מיידעלע איז אויך געשטאנען לעבען פענסטער און האָט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו די זידעל־ווערטער, מיט וועלכע די רויטע פרוי האָט גערעדט צו די ארעסטאנטען, אזוי ווי זי וואָלט זיך וועלען אויסלערנען, ניט וויסענדיג די בעדייטונג פון די שמוציגע ווערטער און זי האָט זיך בעת מעשה צוגעטוליעט צו דער מוטערס קליידעל.

די צוועלפטע ארעסטאנטקע איז געווען א טאָכטער פון א דיאטשאָק און זי איז פּראָצעסירט געוואָרען פאר אריינוואַרפען איהר ערשט־געבאָרענעס קינד אין א ברונים אום צו בעהאלטען איהר זינד.

דאָס איז געווען א הויכע, שעהנע מיידעל מיט געדיכטע צו־וואָרפענע האאָר און גרויסע אויגען, זי האָט קיין אכטונג ניט גע־שיינקט דערויף וואס עס האָט זיך געטאָהן ארום איהר, זי האָט נור ארומגעשפּרייזט אין קאמער א באָרפוסע הין־און־צוריק אין א גראָבער, שמוציגער העמד און האָט געמאכט שנעלע טריט, גע־הענדיג פון איין וואנד צו דער אנדערער.

31.

ווען דער שלאָס האָט א קלונג געטאָהן און מען האָט מאסלאָווא אריינגעלאָזען אין קאמער, האָבען זיך אלע אויף איין מאָל א קעהר

געטאָן. אפילו די טאָכטער פון דעם דיאטשאָק האָט זיך אויף א מינוט אָבגעשטעלט פון איהר ארומשפרייזען און האָט זיך איינגעקוקט אויף מאסלאָווא מיט איהרע גרויסע אויגען, אָבער זי האָט קיין איין וואָרט ניט גערעדט, האָט זיך א קעהר געטאָהן און האָט פאָרטגעזעצט איהר געוועהנליכען מארשירען הין און צוריק.

קאראבלעווא האָט געלאָזען שטעקען די נאָדעל אין זאק און האָט אויסגעשטעלט איהרע אויגען איבער די שפאקולען אויף דער אריינקומענדע מאסלאָווא.

— א, אך־נו! אומגעקעהרט זיך. און איך האָב שוין גע־מיינט, אז מען האָט דיך ארויסגעלאָזען, — האָט זי געזאָגט מיט איהר הייזעריגע, גראָבע, כמעט מענליכע שטימע. — הפנים, זיי האָבען דיך פארקאטעוועט.

זי האָט אראָפּגענומען די שפאקולען און אוועקגעלייגט אויף די זעק.

דאָס האָבען מיר דאָך דאָ וועגען דיר גערעדט, דושענקע — האָט אויך אנגעהויבען די באהנוועכטערקע מיט איהר קוויטשעדיגע שטימעלע — האָבען מיר דאָס געמיינט, אז זיי וועלען דיך געוויס פריי לאָזען. א מאָל טרעפט עס דאָך ביי זיי; ו ו י אמאָל. און געלד אפילו גיבען זיי אויך אמאָל. האָבען זיי דיך גאָר גע־ביכקע פער'משפט. און מיר, נארען אזעלכע, האָבען געמיינט אז ניט. אז גאָט וויל, דושינקע, וואָס מאכט מען, ווען עס איז בע־שערט — האָט זי אליץ געפּלאפּעלט איהרע גלאטינקע, זיסינקע ווערטעלאך.

— זאָל דאָס טאקע מעגליך זיין אז זיי האָבען דיך פאר'־משפט?—האָט א פרעג געטאָהן פעדאָסיא צערטליך, מיט מיטלייד קוקענדיג אויף מאסלאָווא מיט איהרע גרויסע, גוטע, קינדערשע קלאָהרע אויגען, און איהר פרעהליכעס געזיכט איז געוואָרען טרויעריג און פערקרימט פון שמערץ, אזוי ווי זי וואָלט האלטען אין צוואויינען זיך.

מאסלאָווא האָט גאָרנישט געענטפערט און איז שווייגענדי־גערהייט צוגעגאנגען צו איהר פּלאַץ, דער צווייטער פּלאַץ פון

ברעג, גלייך לעבען קאראבליעווא, און זי האָט זיך געזעצט אויף די ברעטער פון די נארעס.

— ביסט אודאי הונגעריג — האָט געזאָגט פעראסיא, צו־געהענדיג צו מאסלאָווא.

מאסלאָווא האָט אַלץ געשוויגען; זי האָט אוועקגעלייגט איהרע קוילעטשען צוקאָפּענס און האָט זיך אנגעהויבען אויס־טאָהן: זי האָט אראָפּגענומען דעם ארעסטאנטסקען כאלאט און די טיכעל פון קאָפּ און האָט זיך אוועקגעזעצט.

די הייקערדיגע אלטינקע, וועלכע האָט ביי דעם צווייטען ברעג פון די נארעס געשפּיעלט זיך מיט דעם אינגעלע, האָט זיך אויך אויפגעהויבען פון פּלאץ און איז צוגעגאנגען און האָט זיך אוועקגעשטעלט געגען מאסלאָווא.

טס, טס! — האָט זי טרויעריג, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, גע־וואונקען צום אינגעלע.

דער אינגעלע איז אויך אראָפּ פון די נארעס, האָט זיך אוועק־געשטעלט לעבען דער אלטער און האָט אויסגעשטעלט א פּאָר אויגלעך אויף די קוילעטשען, וועלכע מאסלאָווא האָט אוועקגע־לייגט.

זעהענדיג דיזען אויסדרוק פון מיטלייד אויף אלעמענס גע־זיכטער, נאָך דעם אלעם וואס עס האָט זיך מיט איהר היינטיגען טאָג אָבגעשפּיעלט, האָט מאסלאָווא זיך שיער ניט צו־ווײנט; איהרע ליפּען האָבען אָנגעהויבען צו ציטערן. אָבער זי האָט זיך געגעבען די גרעסטע מיהע איינצוהאלטען זיך און זי האָט זיך איינגעהאלטען ביז עס זיינען ניט אונטערגעקומען די אלטינקע און דער אינגעלע. ווען זי האָט דערזעהן דעם אויסדרוק פון זייערע געזיכטער און איבערהויפּט ווי איהרע אויגען האָבען זיך בעגעגענט מיט דעם בליק פון'ם קינד, וועלכער האָט געביטען זיין בליק פון איהר אויפ'ן קוילעטש און פון קוילעטש אויף איהר, האָט זי זיך מעהר ניט געקענט איינהאלטען. איהר גאנצעס געזיכט האָט זיך צוקרימט, האָט אנגעהויבען ציטערן און זי האָט זיך צוכליפּעט.

— איך האָב דיר געזאָגט: נעהם אן אדוואָקאט, א גוטען אדוואָקאט — האָט גע'טענהט קאראבלעווא. — ווי־זשע האָבען זיי טאקע דיר צוגע'משפט אויף צו פערשיקען? — האָט זי אָ פרעג געטאָהן.

מאסלאווא האָט געוואָלט ענטפערן און האָט ניט געקענט; זי האָט נור כליפענדיג גענומען איין קוילעטש און האָט פון אינ־ווייניג ארויסגענומען דעם פעקעל פאפיראָסען, אויף וועלכען עס איז געוועזן אַ בילדעל פון א רויט־געפארבטע דאמע, די האָר הויך פערקאמט און די ברוסט אויסגעבלייזט. זי האָט די פאפיראסען דערלאנגט צו קאראבלעווא.

קאראבלעווא האָט אַ קוק געטאָהן אויף דעם בילד, האָט מיט פאָרוואורף א שאָקעל געטאָהן מיט'ן קאָפּ, איבערהויפט דערויף וואָס מאסלאָווא האָט אזוי אונבעזאָנען אויסגעגעבען געלד, און ארויס־נעהמענדיג א פאפיראָס פון קעסטעל האָט זי אליין פעררויכערט איבער'ן לאָמפּ, האָט אַ פאָר ציה געטאָהן און האָט אוועקגעגעבען צו מאסלאָווא.

מאסלאווא האָט גענומען רויכערען, ניט אויפהערענדיג צו וויינען, און האָט געשלונגען מיט אימפעט דעם רויך און האָט עבען מיט אזא אימפעט ארויסגעלאָזען דעם רויך.

— קאטאָרגע! — האָט זי ענדליך קוים ארויסגערעדט וויינענדיג.

— זיי האָבען פאר גאָט קיין מורא ניט, די וועלט־איינשלינ־גער, די מענשען־פרעסער, די פערפלוכטע בלוט־זויגער, — האָט זיך געבייזערט קאראבלעווא — אומזיסט האָבען זיי די מיידעל פער־משפט.

אין דיזער צייט האָט זיך דערהערט אַ הילכיגער געלעכטער פון די ווייבער, וואָס זיינען געשטאנען לעבען פענסטער. די מייד־דעלע האָט זיך אויך שטארק צולאכט און איהר דינער קול'כעל האָט זיך צונויפגעגאָסען מיט דעם הייזעריגען און קוויטשיגען גע־לעכטער פון די ערוואקסענע. א ארעסטאנט אין הויף האָט עפּעס

ארויסגעוואָרפען א שטוקע וואָס האָט געמאַכט די שטעהענדע ביים פענסטער, זיי זאָלען אויסשיסען אין א געלעכטער.

— אך, דער לומפ! וואָס ער טהוט עס! — האָט געשריען די רויטע ארעסטאַנטקע און איהר גאנצער קערפּער האָט זיך גע־טרויסעלט פון אויפרעגונג. זי האָט זיך צושריען מיט אלערליי מיאוסע ווערטער און זידלעריי אויף די ארעסטאַנטען.

— דו, הינטישע פעל, וואָס האָסט דו זיך צולאַכט! — האָט א געשריי געטאָהן קאָראַבלעווא, בייזערענדיג זיך אויף דער רויטער, און האָט זיך באלד געווענדעט צוריק צו מאסלאָווא.

— וויפיעל יאָהרען?

— פיער — האָט געענטפערט מאסלאָווא, און טרערען האָבען זיך א גאָס געטאָהן ווידער פון איהרע אויגען און האָבען פער־נעצט דעם פאפּיראָס, וואָס זי האָט גערויכערט.

מאסלאָווא האָט מיט כעס צוריבען דעם פאפּיראָס, האָט איהם אוועקגעוואָרפען און פעררויכערט אן אנדערען.

די וועכטערקע האָט באלד אויפגעהויבען דעם אוועקגעוואָר־פענעם פאפּיראָס, אָבוואָהל זי האָט ניט גערויכערט און האָט זיך גענומען שפּיעלען מיט דעם טאבאַק.

— עס איז הפּנים טאקע ווי מען זאָגט, דושינקע, אז דעם אמת האָבען חזירים אויפגעפרעסען. זיי טהוען וואָס זיי ווילען. און מיר, נארען, האָבען געמיינט אז דו וועסט זיין פריי.

— מאטוועיעוונא זאָגט, מען וועט דיך בעפרייען, און איך זאָג ניין, דושינקע, מיין הארץ זאָגט מיר, אז ניט; אָט זעהסט דו, אז איך האָב אמת געזאָגט — האָט די וועכטערקע אלץ גע׳טענה׳ט און האָט, קענטיג, אליין הנאה געהאט פון איהרע זיסינקע רייד.

אין דיזער צייט זיינען די ארעסטאַנטען שוין אריבערגעגאנגען דעם הויף, און די פרויען, וואָס זיינען געשטאַנען ביים פענסטער און גערעדעלט זיך מיט זיי, זיינען איצט אוועק פון פענסטער און זיינען אויך צוגעגאנגען צו מאסלאָווא. פריהער פון אלע איז צו

געגאנגען די קרעטשמערקע, מיט איהרע אויסגעפוקעטע אויגען, פיהרענדיג איהר מיידעלע.

— הייסט עס, זעהר שטרענג האָבען זיי דיך? — האָט זי א פרעג געטהאָן און האָט אָנגעהויבען צירעוועון איהר זאָק.

— געוויס, זעהר שטרענג, ווייל אָהן געלד. וואָלט געווען געלד צו דינגען א קלוגען חברה־מאַן, אָה, נישט קשה, דאן וואָלט מען שוין פריי מאכען — האָט געזאגט קאראבלעווא — אט דער, דער רוח ווייס ווי מען רופט איהם, אָט דער מיט די גרויסע נאָז, אָט יענער, מיין טהייערינקע, וועט אפילו פון וואסער טרוקען ארויספיהרען. אָט אזא, אז מען דינגט איז גאָר אנדערש.

— נעהם, יע, נעהם איהם — האָט זיך א קריהם געטהאָן חאָראָשאַווקע: — יענער וועט דיר זיך פון אָרט ניט א ריהר טהאָן אָהן א טויזענדער, אז ניט וועט ער דיר אפילו אין צורה ניט א שפיי טהאָן.

— אזוי איז שוין באשערט, א מזל שוין אזא — האָט זיך ארייגעמישט די אלטינקע, וואס איז געזעסען פאר אונטערציגדען.
— גאר א קלייניגקייט, האָט אפגענומען ביי דעם זוהן זיין ווייב און האָט נאָך דערצו איהם אליין פערזעצט אין אסטראָג און גאָר־נישט, און מיך, אויף דער עלטער, פאר וואס? מיך האָט מען פערזעצט — האָט זי גע׳טענה׳ט, ארויפפאָהרענדיג אויף איהר גע־שיכטע, וועלכע זי האָט זיי שוין דערצעהלט צום הונדערטען מאָהל.
— פון טורמע און פון דער טאָרבע וועסטו זיך קיין מאָל ניט אויס־היטען, איז ניט בעשערט קיין טאָרבע אויף דער עלטער, איז טורמע.

— ביי זיי מוז שוין אלע מאָל זיין אזוי — האָט ארייגעזאָגט די קרעטשמערקע און האָט צוגערוקט צו זיך איהר מיידעלע און אנגעהויבען מיטביידע הענד צו זוכען ביי איהר אין קאָפּ. — „פאר וואס האָסטו פערקויפט שנאפס?“ בייזערען זיי זיך, און די קינדער קאָרמענען זאָל איך מיט וואס? — האָט זי גע׳טענה׳ט, דערצעהלענדיג איהר פעקיל.

דיזע ווערטער פון דער קרעטשמערקע האָבען דערמאָנט מאַס־לאָווא אויף שנאַפּס.

— אַך, אביסעלע בראַנפען — האָט זי זיך געווענדעט צו קאַראבלעווא, אָפּווישענדיג מיט׳ן ארבעל די פערוויינטע אויגען און האָט נור ווילע וויים זיך אָפּגעכליפּעט.

— האָסט קלינגערס? נו, פאַר וואָס ניט, ווייז אהער — האָט געענטפערט קאַראבלעווא.

32.

מאַסלאָווא האָט ארויסגענומען פון זעלבען קוילעטש דעם קו־פּאָן און האָט דערלאַנגט קאַראבלעווא.

קאַראבלעווא האָט גענומען דעם קופּאָן און האָט זיך גוט איינ־געקוקט, כאָטש לעזען האָט זי ניט געקענט; זי האָט אָבער גע־גלויבט האַראָשאווקא, וועלכע האָט א קוק געטאָהן אויפ׳ן קופּאָן און האָט איהר געזאָגט אז דאס איז 2.50 רוב.

זי איז צוגעגאַנגען צום קוימען און האָט פון דאָרט ארויסגע־נומען א פלעשעל מיט שנאַפּס. ווען די פרויען האָבען דערזעהען די פלעשעל, האָבען זיי זיך אָפּגערוקט אויף זייערע פּלעצער.

מאַסלאָווא האָט דערווייל אָפּגעטרויסעלט איהר פאַטשיילקע און דעם כאַלאַט, איז ארויפגעקראָכען ווייטער אויף די נאַרעס און האָט אנגעהויבען עסען איהר קוילעטש.

— איך האָב פאַר דיר בעהאַלטען א ביסעל טהיי, אָבער עס איז קאַלט געוואָרען, — האָט געזאָגט פעדאָסיא, נעהמענדיג פון א פּאָליצקע אן ארומגעוויקעלטע טהיי־קענדיל מיט א קריגעלע.

די טהיי איז געווען שוין גאָר קאַלט, און האָט געשמעקט מעהר מיט בלעך אלס מיט טהיי, אָבער מאַסלאָווא האָט אָנגעגאָסען אין קריגעל און האָט אָנגעהויבען צו פערזופּען דעם קוילעטש.

— פינאַשקאַ, נאַ, — האָט זי א געשריי געטהאָן צום אינגעלע,

געבענדיג איהם א שטיק קוילעטש. ער איז נעבעך געשטאנען און געקוקט איהר גלייך אין מויל אריין.

קאראבלעווא האט דערווייל צוגעטראגען דעם שנאפס. מאס־לאווא האט אליין א טרונק געטאהן, האט דערנאך טראקטירט קא־ראבלעווא און האראשאווקא.

דיזע דריי ארעסטאנטקעס זיינען געווען די אריסטאקראטקעס געגען די אנדערע, דערפאר ווייל זיי האבען געהאט געלד און זיי האבען זיך געטהיילט מיט אלעס, וואס זיי האבען געהאט.

אין עטליכע מינוט ארום איז מאסלאווא פרעהליכער געווארען און האט אנגעהויבען לעבעדיג דערצעהלען וועגען דעם געריכט, אי־בערקרימענדיג דעם פראקוראר, און דאס, וואס עס האט אויף איהר געמאכט א שטארקען איינדרוק ביי'ם געריכט.

א בעזונדערן איינדרוק האט אויף איהר געמאכט דער פאל, וואס די מאנסלייטע זיינען איבעראל, וואו זי איז נור געווען, נאך איהר נאכגעלאפען. אין געריכט האבען אלע אויף איהר געקוקט, און זיי זיינען אפילו אריין אין ארעסטאנטסקען צימער אנצוקוקען זי.

— אפילו דער קאנוואינער דערציילט מיר: דאס געהען זיי אהער מיינסטו, ווייל זיי דארפען וואס? דאס ווילען זיי אויף דיר קוקען. קומט איינער אריין און זוכט, א פאפיער האט ער פערלא־רען, און איך זעה, אז ניט א פאפיר זוכט ער, זאנדערן פרעסט מיך אויף מיט זיינע אויגען, — האט מאסלאווא דערצעהלט און האט געשאקעלט מיט'ן קאפ, שמייכלענדיג. — אויך חברה לייט, סחורות.

— וואס דען? אזוי זיינען זיי, — האט איינגעשטימט די וועכטערקע מיט איהר זיסען קול'כעל, — אזוי ווי פליגען אויף צו־קער. אויף עפעס אנדערש זעהט מען זיי ניט, און דערויף ברייננט זיי דער רוח. מען דארף זיי אויך קיין פינגער אין מויל ניט לייגען....

— און דא ווידער — האט זי איבערגעשלאגען מאסלאווא, — בין איך אריינגעפאלען צו זיי. ווי מען האט מיך נור געבראכט, ערשט א פארטיי ארעסטאנטען איז אויך אנגעקומען פון וואקזאל. זיינען זיי מיך אזוי בעפאלען, אז איך האב ניט געוואוסט

ווי אפצוטשעפען זיך פון זיי. א דאנק דעם נאדזיראטעל, וואס ער האט זיי אבגעטריבען. איינער איז אזוי צוגעשטאנען אז איך האב זיך קוים ארויסגעריסען.

— ווי זעהט ער אוים ?—האט א פרעג געטהאן חאראשאווקא.

—א שווארצער, מיט וואנצעס.

— דאס איז אודאי ע ר.

— ווער איז ע ר?

— שטשעגלאוו. אט דער וואס איז נור וואס פערבייגעגאנגען לעבען פענסטער.

— ווער איז ער דאס, דער שטשעגלאוו?

— שטשעגלאוו'ן קענסטו ניט? ווער ווייס איהם ניט? ער איז צוויי מאל אנטלאפען פון קאטארגע. איצט האט מען איהם געכאפט, אבער ער וועט ווידער אנטלויפען, נישט קשה. פאר איהם האבען דאך אפילו די אויפזעהער מורא. א קלייניגקייט ער, — האט געזאגט חאראשאווקא, וועלכע איז געווען א בריה אויף אי־בערגעבען צעטעלעך פון די ארעסטאנטען צו די ארעסטאנטקעס און האט געוואוסט פון אלעס, וואס עס טהוט זיך אפ אין אסטראג. — אה, ער וועט זיכער אנטלויפען. מיט איהם איז ניטא וואס צו שפאסען.

— וועט ער אנטלויפען, אונז וועט ער דאך מיט זיך ניט נעה־מען, — האט געזאגט מיט אן ערנסטען טאן קאראבלעווא, — און דו בעסער, מאסלאווא, דערצעהל אונז, וואס האט דיר דער אב־לאקאט געזאגט וועגען א נייע פראשעניע דערלאנגען. איצט מוז מען דאך דערלאנגען, ווי דען.

מאסלאווא האט געענטפערט, אז זי ווייס ניט ווי צו טהאן.

אין דיעזער צייט האט די רויטע ארעסטאנטקע ארייגערוהט איהרע ביידע הענט אין די געדיכטע רויטע האאר פון קאפ אין שטארק קראצענדיג איז זי אונטערגעגאנגען צו די ארעסטאנטקעס, וואס האבען געטרונקען שנאפס.

אט וואס איך וועל דיר זאגען, קאטערינא, — האט זי אנגע־הויבען, — דו דארפסט צו אלעם ערשטען אנשרייבען: ניט צור־

פריעדען מיט דעם אורטייל, און דערנאָך דערלאַנגען דאָס דעם פּראָקוראָר.

— אין וואָס שטעקסטו זיך אריין ? וואָס ווילסטו דאָ מיט דיינע עצות ? — איז אויף דער רויטער אָנגעפאַלען קאַראַבלעווא.

— אהא, דו האָסט שוין דערשמעקט בראַנפען : ניטאָ וואָס צו פעררייזען די ציינער. מען וויים אָהן דיר וואָס צו טהאָן, מען דאַרף דיינע עצות ניט.

— איך רייד עפּעס מיט דיר ? וואָס האָסטו זיך צוקאָכט, וואָס ?

— בראַנפען האָט זיך איהר פערוואָלט, שטעקט זי זיך דאָ אריין מיט איהר צונג.

— נו, גיב איהר אַ טרונק בראַנפען, — האָט געזאָגט וויך מאַסלאָווא, וועלכע האָט אימער ליעב געהאט צו צוטהיילען אַלעם וואָס זי האָט נור געהאט.

— איך וועל איהר דערלאַנגען, אז עס וועט איהר פינסטער און ביטער...

— א נו, פּרוביר אקאָרשט — האָט די רויטע געשריען רו־קענדיג זיך צו קאַראַבלעווא — מיינסט אין אמת'ן איך האָב פאַר דיר מורא ?

— אסטראָזשנע פעל !

— פון אזא הער איך !

— פערזועהעניש !

— איך בין א פערזועהעניש ? קאָטאָרזשניצע, מערדערקע, — האָט געשריען די רויטע.

— אוועק, זאג איך, — האָט געסטראַשעט קאַראַבלעווא.

אָבער די רויטע איז ניט אוועק ; פערקעהרט, זי האָט זיך גע־רוקט אַלץ נעהנטער און קאַראַבלעווא האָט איהר געגעבען אַ שטויס אין דער דיקער, פעטער ברוסט. די רויטע האָט הפּנים אויף דער־רויף נור געוואַרט, און זי האָט מיט איין מאָל א שפּרונג געטאָהן און האָט זיך איינגעטשעפּעט מיט איין האנד אין קאַראַבלעווא'ס

האָאר, און מיט דער אנדערער האָט זי געוואָלט אריינפאָהרען איהר אין פּנים אריין, אבער קאראבלעווא האָט בעוויזען אנצוכאפּען די האנד.

מאסלאָווא און כאָראָשאווקא האָבען א כאפּ געטאָהן די רויטע פאר די הענד און האָבען זיך געמאטערט אָפּצורייסען זי פון קאַראבלעווא, אָבער דער רויטעס האנד האָט אזוי פעסט איינגעדרעהט די האָאר צווישען די פינגער און האָט געריסען מיט אזא קראפט, אז פאנאנדערנעהמען זיי איז געווען אונמעגליך.

קאראבלעווא האָט דערוויל, האלטענדיג איין האנד פון דער רויטער מיט איהר האנד, מיט דעם אנדער קולאק אזוי געשלאָגען די רויטע און געביסען, אז אלע קאליר'ען האָבען זיך אין איהר געביטען.

אלע ארעסטאנטקעס זיינען צוגעלאָפען האָבען זיך ארומגעשטעלט ארום די שלאָגענדע, האָבען זיי געוואָלט פאנאנדערנעהמען און זיי האָבען אלע געשריען און געקאָכט זיך. אפילו די שווינדזיכטיגע האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר געלעגער און האָט גע־קוקט אויף די ווייבער, ווי זיי האָבען זיך געריסען.

די קינדער האָבען זיך צוגעטוליעט איינער צו דעם אנדערן און האָבען געוויינט, קוקענדיג מיט פּחד אויף דער סצענע. אויף דעם געשריי איז אָנגעלאָפען דער נאדזיראטעל און די נאדזיראטעל־ניצע פון אסטראג. די שלעגערקעס האָט מען פארנאנדערגענומען און קאראבלעווא האָט זיך גענומען ארויסשלעפען פון קאָפּ די אויס־געריסענע האָאר. די רויטע האָט זיך געהאלטען מיט'ן האנד ביים ברוסט, וואו דאָס העמד איז געווען צוריסען און עס האָט זיך גע־זעהן איהר געלע לייב. ביידע האָבען געשריען, האָבען דערציילט און האָבען זיך בעקלאָגט פאר דעם אויפזעהער און אויפזעהערקע.

— איך קען דאָך אייך, דאָס איז אלעס איבער בראנפען: אָט איך וועל מאָרגען דאָס דערצעהלען דעם סמאטריטעל און ער וועט זיך מיט אייך אָברעכענען. איך הער, עס שמעקט דאָ עפּעס בראנפען. זעהט, איך זאָג אייך, היט זיך, נעהמט בעסער דאָס אלעס און בעהאלט, אז ניט וועט איהר האָבען א מיאוס'ען פּסק;

איך האָב קיין צייט ניט דאָ צו עסק'ן זיך מיט אייך. צוריק אויף די פּלעצער און שטיל זאָל מיר זיין, — האָט זיך געבייזערט די נאַדזיראַטעלניצע.

אָבער נאָך ניט אַזוי גיך איז שטיל געוואָרען. די אויפגעהעצטע זיינען אַוועק און די אַרעסטאַנטקעס האָבען נאָך אַלץ געשריען און דערציילט ווידער ווער עס האָט זיך אָנגעהויבען און ווייטער גע־זידעלט זיך.

ענדליך איז שטילער געוואָרען, די ווייבער האָבען זיך צולייגט אויף זייערע פּלעצער, און די אַלטינקע האָט זיך געשטעלט אויף די קניע לעבען דער הייליגער מאַריע'ס בילד און האָט געבעטען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך ווייטער דערהערט די רויטעס שטימע:

— האָבען זיך צוזאַמענגענומען צוויי קאַטאָרזשניצעס, — האָט זי הייזעריג געזידעלט זיך, ליגענדיג אויף איהר פּלאַץ אויפ'ן צוויי־טען ברעג פון די נאַרעס, און זי האָט גענומען שיטען מיט די שמוציגע זידלערייען.

— זעה, האַלט דיין פּיסק, וואָרום אַז ניט, וועל איך דיר אַזוי פּאַרפּאָהרען, — האָט געענטפערט קאַראַבלעווא און האָט צוריק גע־שאָטען מיט אַלערליי זידעל־ווערטער. און ביידע זיינען ווידער אַנטשוויגען געוואָרען.

— אוי, ווען איך וואָלט נור געהאַט כח, די אויגען דיינע וואָלט איך דיר אַרויסגעריסען... האָט אַ זאָג געטאָהן ווידער די רויטע פון איהר געלעגער.

קאַראַבלעווא האָט ניט געלאָזען זיך לאַנג בעטען אויף מיט אַזאַ מין ענטפער.

ווידער איז אויף אַ ווײַלינקע שטיל געוואָרען, אַזוי ווי אַלע וואָלטען שוין געשלאָפען, און פּלוצלינג האָט ווייטער די רויטע אָנגעהויבען צו גיסען פּעך און שוועבעל, און קאַראַבלעווא צוריק דאָס זעלביגע.

די זידלערייען האָבען אָנגעהויבען זיין זעלטענער, די צווישען־צייט לייננער, און ענדליך איז אַלעס פערזונקען אין שווייגען.

אלע זיינען געלעגען, אנדערע האָבען געכראָפּעט, נור די אַל־טינקע, וועלכע האָט געהאַלטען אין איין בעטען גאָט, איז נאָך גע־שטאַנען ביים הייליגען בילד אויף די קניע.

די טאָכטער פון דעם דיאַטשאָק איז אראָפּ פון די נארעס און האָט אָנגעהויבען, ווי איהר געוואָהנהייט, ארומצוגעהן הין און צו־ריק איבער׳ן קאַמער.

ניט געשלאָפען האָט מאסלאָווא און האָט אַלץ געטראַכט ווע־גען דעם, אז זי איז שוין א קאַטאָרזשניצע און צוויי מאָל האָט מען זי שוין געזידעלט מיט דיעזען נאָמען. איין מאָל באטשקאָווא און דאָס צווייטע מאָל די רויטע, — און זי האָט בשום אופן ניט גע־קענט צוגעוואָהנען זיך צו דעם געדאַנק, אז זי איז דאס א קאַ־טאָרזשניצע.

קאַראַבלעווא, וועלכע איז געלעגען מיט׳ן רוקען צו איהר, האָט זיך איצט איבערגעקעהרט צו איהר מיט׳ן צורה.

— אָט אזוי איז דאָס, ניט געטראַכט, ניט געדאַכט, — האָט שטיל געזיפצט מאסלאָווא, — און בין פאר׳משפט, אנדערע טהוען אָפּ איך ווייס וואָס פאר א מעשים, און גאָרנישט, — און איך דארף אומזיסט און אומנישט אָפּקומען.

— זאָרג ניט, מיידעל, דו וועסט אין סיביר אויך ניט פער־פאלען געהן, דאָרט לעבען אויך מענשען, וועסט גאנץ זיין, נישט־קשה, — האָט זי געטרויסט קאַראַבלעווא.

— איך ווייס, איך וועל ניט פערלאָרען געהן, אָבער פון דעסטוועגען פערדריסט עס. ניט איך האָב געדאַרפט האָבען אזא שיקזאַל. איך בין געוואָוינט געוואָרען צו א בעסערען לעבען.

— וואָס מאַכט מען, אז גאָט וויל אזוי, — האָט א זיפץ גע־טאָהן קאַראַבלעווא: געגען זיין רצון קען מען ניט געהן.

— איך ווייס, אָבער עס איז דאָך אזוי שווער.

ביידע זיינען אנטשוויגען געוואָרען.

— דו הערסט? דאס איז דאָך זי, די פערזעהעניש,—האָט קאַ־ראַבליעווא שטילערהייט בעמערקט צו מאסלאָווא, הערענדיג א פערשטיקטען כליפּען פון דעם פּלאַץ, וואו די רויטע איז געלעגען.

די רויטע האָט ביטער געוויינט; זי האָט געוויינט פאר וואָס מען האָט זי אזוי מיאוס געזידעלט, געשלאָגען און קיין שנאפּס ניט געגעבען. זי האָט געוויינט איבער איהר גאנצען לעבען, אין וועלכען זי האָט פון קיינעם קיין גוטען וואָרט ניט געהערט, האָט קיין מאָל פון מענשען ניט געהאט קיין זאך אויסער בעליידיגונג, געשלעג און אָפּלאכונג. זי האָט זיך אפילו געוואָלט טרויסטען, ווען זי האָט זיך דערמאָנט וועגען איהר ערשטער ליעבע צו פעדקא, דעם פאבריטשנעם ארבייטער, מאַלאַדיאַנקאָוו. זי האָט זיך אָבער גלייך אויך דערמאָנט דעם ביטערען סוף פון דיזער ליעבע, ווי מאַלאדיאַנקאָוו האָט, שיכור'ערהייט, זי א שמיר געטאָהן מיט קופּאראס, און ער האָט נאָך געלאכט אויפ'ן קול מיט זיינע חברים, ווען זי האָט געשריען און געקרימט זיך פאר שרעקליכע שמערץ. זי האָט זיך דאָס אלעס דערמאָנט און אין איהר האָט זיך ערוועקט אַן אייביגער ווייטאָג; קיינער הערט זי ניט, קיינעם קימערט זי ניט, און זי האָט געוויינט, ביטערליך געוויינט מיט א כליפּען און שלינגענדיג די געזאלצענע טרערען, ווי עס וויינען קינדער.

— א רחמנות, — האָט געזאָגט מאסלאָווא.

אודאי א רחמנות, אָבער וואָס קריכט זי!

33.

דאָס ערשטע, וואָס נעכלודאָוו האָט געפיהלט דעם צווייטען פריהמאָרגען, ווען ער האָט זיך אויפגעכאפּט, איז געוועזן דאָס בעוואוסטזיין, אז מיט איהם האָט וואָס פאסירט, און בעפאָר נאָך ער האָט זיך ערָאינערט וואָס מיט איהם האָט פאסירט, האָט ער שוין געפיהלט אז דאָס איז עטוואָס זעהר וויכטיגעס און גוטעס.

„קאטיושא, דאָס געריכט". יא, און מען דאַרף אויפהערען זיין פאלש און אָנהויבען האנדלען וואהרהייטליך, זאָגען דעם גאנצען אמת. און וואס פאר א וואונדערבארער צוזאמענפאל: אין דעם זעלבען פריהמאָרגען איז איהם אנגעקומען דער לאנג-ערוואַרטעטער

בריעף פון מאריא וואסיליעוונא, פון דער פרוי פון דעם פרעדסע־דאטעל, אקוראט אזא בריעף ווי פאר איהם איז איצט נויטיג!

זי האָט איהם פריי געמאכט, אין גאנצען פריי, און האָט איהם געוואונשען גליק אין דער פּארטיי, וועלכע ער וויל שליסען; זאָל ער הייראטהען ווי ער ווינשט.

— הייראטהען! — האָט ער איראָניש ארויסגערעדט, — ניין, איך בין ווייט דערפון איצט.

און ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין נעכטיגען בעשלוס אויס־צוזאָגען איהר מאן אלעס, בעטען זיין פערצייהונג און פערשפּרעכען בעפריעדיגונג, וועלכע ער וועט נור אליין פערלאנגען.

אָבער היינט אין דער פריה האָט איהם דאָס געשיינט צו זיין ניט אזוי לייכט אויסצופיהרען, ווי איהם האָט זיך נעכטען געדוכט. „און דאצו, וואָצו טאקע מאכען א מענשען אונגליקליך, ווען ער ווייס פון קיין זאך ניט? אויב ער וועט פרעגען, דאן וועל איך איהם אויסזאָגען. אָבער געהן מיט א ביון דערציילען? ניין, דאָס איז ניט נויטיג".

עבען אזוי שווער האָט איהם היינט אויסגעוויזען צו דערציילען די גאנצע וואהרהייט פאר מיסי. געוויס, ווי קען מען אָנהויבען ריידען, דאָס וואָלט דאך געווען א בעליידיגונג. אלזאָ אונפער־מיידליך מוז עס בלייבען אזוי, ווי אין פיעלע פערהעלטניסע פון לעבען, עטוואס צווישען די שורות. איין זאך נור האָט ער בעשלאָ־סען דיזען אין דערפריה: ער וועט ניט פאָהרען צו זיי און וועט זאָגען דעם אמת, ווען מען וועט פון איהם פאָדערען אן ערקלערונג.

דערפאר אָבער דארפען אין זיינע בעציהונגען צו קאטיושא ניט בלייבען קיינע סודות, קיינע בעהאלטענעס; אלעס מוז זיין ארויסגעזאָגט.

„איך וועל פאָהרען אין אסטראָג, איך וועל איהר אלץ זאָגען, איך וועל זי בעטען, זי זאָל מיך פערצייהען. און אויב עס וועט נויטיג זיין וועל איך מיט איהר הייראטהען" — האָט ער זיך געטראכט.

דיזער געדאנק, אז פון זיין אייגענער מאָראלישער בעפריע־

דיגונג וועגען זאָל ער אָפּפערן מיט אַלעם און הייראַטהען מיט איהר, האָט איהם דיזען פריה־מאָרגען בעזאָנדערס געצערטעלט.

שוין לאַנג האָט ער זיך ניט געפיהלט אַזוי מוטהיג, ווי דעם טאָג. ווען אגראַפענא פעטראָוונא איז צו איהם אריין אין דער פריה האָט ער איהר גלייך ענטשלאָסען ערקלערט אז ער וועט מעהר ניט אָנ־האַלטען זיין וואָהנונג מיט דער דינערשאַפט.

די מיינונג איז געוועזען אימער, אז ער האַלט אָן דיעזען גרויסען הויז מיט אַזאַ דינערשאַפט דערפאַר, ווייל ער גייט הייראַטהען און בלייבט דאָ וואָהנען. ווען ער גיט אָלזאָ אויף דאָס הויז, הייסט עס, אז פון הייראַטהען קען שוין איצט קיין רייד ניט זיין. אגראַפענא פעטראָוונא האָט איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט.

— איך דאַנק אייך זעהר, אגראַפענא פעטראָוונאַ, פאַר אַלעס, וואָס איהר האָט פאַר מיר געטאָהן, אָבער איך דאַרף אַזאַ רייכע קוואַרטיר מעהר ניט אנהאַלטען און איך דאַרף אַזוי פיעל בעדינער ניט. אויב איהר ווילט זיין אַזוי גוט און מיר העלפען אויפגעבען די קוואַרטיר, מאַכען אַ טאַלק מיט די זאַכען, אוועקנעהמען זייערע דערוויילע, וועל איך אייך זעהר דאַנקבאַר זיין. און ווען נאַטאַשאַ וועט קומען, וועט זי שוין אַלעס בעזאָרגען. (נאַטאַשאַ איז געוועזען נעכלודאָוו'ס שוועסטער).

אגראַפענא פעטראָוונא האָט נור געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— וואָצו אַלעס בעזאָרגען, אויפגעבען? מען וועט דאָך דאַר־פען די קוואַרטיר, — האָט זי געזאָגט.

— ניין, מען וועט זיכער ניט דאַרפען, אגראַפענא פעטראָוונאַ, מען וועט זיכער ניט דאַרפען, — האָט געזאָגט נעכלודאָוו, ענט־פערענדיג אויף איהרע קאָפּ־שאָקלענעס, — זאָגט, זייט אַזוי גוט, קאַרנעיען, אז געהאַלט האָב איך איהם בעצאָהלט פאַר צוויי מאָנאַט פאָראויס און אז איך דאַרף איהם מעהר ניט.

— וואָצו, דמיטרי פעטראָוויטש, וואָצו זאָלט איהר אַזוי טאָהן? — האָט אגראַפענאַ אַליץ גערעדט. — נו, איהר וועט פאָה־רען קיין אויסלאַנד און די וואָהנונג וועט מען דאָך דערנאָך דאַרפען.

— איהר מיינט עטוואָס אַנדערס, אגראַפענא פעטראָוונאַ.

איך וועל ניט פֿאהרען נאָך אויסלאַנד, און אויב איך וועל פֿאָהרען, איז אין א גאַנץ אנדער פּלאַטץ. — ער איז רויטה געוואָרען אין געזיכט.

„יא, מען דארף איהר אלץ דערצעהלען — האָט ער א טראַכט געטאָהן, — וואצו בעהאלטען? מען דארף אלעמען אלעם אויס־זאָגען".

— מיט מיר האָט געטראָפֿען עטוואָס זאָנדערבארעס און זעהר וויכטיגעס געסטערן. געדיינקט איהר קאַטיושא, וועלכע איז געוועזן ביי די טאַנטעס?

— צו געדיינק איך, איך האָב זי דאָך אליין געלערנט נעהען.

— נו, אָט דיעזע קאטיושא האָט מען נעכטען גע'משפט, ווען איך בין געוועזן געשוואָרענער.

— אך, מיין גאָט, וואָס פאר א רחמנות! — האָט געזאָגט אגראפענע מיטליידיג — פאר וואָס האָט מען זי דאָס גע'משפט?

— פאר מאָרד, און דאָס אלעס האָב איך דאָך געטאָהן.

— וואָס הייסט, ווי אזוי האָט איהר דען אזעלכעס געקענט טאָהן, וואָס רעדט איהר עפּעס אזעלכע זאָנדערבארע זאכע? און אין אגראפענא'ס אלטע אויגען האָט זיך אנגעצונדען א פייערל.

זי האָט געוואוסט די געשיכטע מיט קאַטיושען.

— יא, דאָס בין איך די אורזאכע פון אלעס. און דאָס האָט אומגעביטען אלע מיינע פריהערדיגע פּלענער.

— וואָס־זשע האָט דאָס פאר א שייכות צו אייערע פלענער?

— האָט די אלטע געזאָגט מיט אן איינגעהאלטענעם שמייכעל.

— דאָס איז שייך צו מיר דערפאר ווייל אויב איך בין די אורזאכע פון דעם וואָס זי איז אראָפּ פון וועג, דאן בין איך מחויב צו טאָהן אלעס וואָס איך קען אום צו העלפען איהר.

— געוויס, דאָס איז אייער גוטער ווילען, — אָבער שולדיג וואָס זייט איהר דאָ בעזאָנדערנס? ביי אלעמען טרעפט דאָס זעל־ביגע און אז מען פערשטעהט ווי צו פערגלעטען, פערגעסט מען זיך דאָס מיט דער צייט, און מען לעבט; וואָס איז דאַרטען פאר אזא צרה? עס געהט אלץ אריבער, — האָט געזאָגט אגראפענא ערנסט

און בעלעהרענד. — און פארוואָס איהר נעהמט אויף זיך די שולד פארשטעהה איך ניט. איך האָב נאָך לאנג געהערט, אז זי איז אוועק אויף א פּאסקודנעם וועג, טאָ ווער איז דעריין שולדיג ?

— איך בין שולדיג, און איך וועל דאָס פעררי‍כטען.

— אָבער דאָס לאָזט זיך דאָך ניט פעררי‍כטען.

— דאָס איז שוין מיין זאך. און אויב איהר דיינקט וועגען זיך, דאן זאָלט איהר וויסען, אז אלעס, וואָס מאמא האָט גע־וואונשען . . .

— איך מיין ניט וועגען זיך. איך בין איהר, א גוטע מנוחה זאָל זי האָבען, אזוי דאנקבאר פאר אליץ וואָס זי האָט פאר מיר גע־טאָהן, אז איך פערלאנג נישט מעהר. מיין פּלימעניצע, ליזינקע, בעט, איך זאל צו איהר פאָהרען און ווען איהר וועט מיר מעהר ניט דארפען וועל איך צו איהר אוועק. פון מיר איז אפּגערעדט, אָבער איהר דארפט זיך ניט נעהמען אזעלכע זאכען צום הארצען, — פּאסירט עס דען מיט אייך איינעם ? עס איז דאָך מיט אלעמען אזוי.

— אָבער איך טראכט ניט אזוי. איך בעט אייך נור, העלפט מיר מאכען אן אָרדנונג מיט די אלע זאכען. און זייט אויף מיר ניט אין כעס. איך בין אייך זעהר, זעהר דאנקבאר פאר אלעס.

וואונדערבאר : זינד נעכלודאָוו האָט פערשטאנען, אז ער איז שלעכט און איהם האָט אנגעהויבען צו עקלען פון זיך זעלבסט, האָ־בען אנדערע אָנגעהויבען צו שיינען איהם ליעבליכער ; ער האָט געפיהלט איצט צו אגראפענע פּעטראָוונא, צו קארניעיען א מעהר צערטליכען און מעהר אכטענדען געפיהל. איהם האָט זיך עפּעס אזוי ווי געוואָלט בעטען ביי אלעמען פערצייהונג, אפילו ביי קאָר־נעיען, אָבער ביי יענעם איז געווען אזא העפליך־ערנסטע פיזאָ־נאָמיע, אז ער האָט דאָס ניט געקענט טאָהן.

ווען נעכלודאָוו איז געפאָהרען היינט אין געריכט איבער דיע־זעלבע גאסען, מיט דעם זעלביגען איזוואָזטשיק, האָט ער זיך אליין געוואונדערט ווי גוט ער פיהלט זיך היינט, אזוי ווי ער וואָלט גע־ווען גאָר ניי־געבאָרען, אן אנדער מענש.

די הייראטה מיט מיססי, וועלכע האט נאך נעכטען געשיינט פאר איהם אזא נאהענטע זאך, האט זיך איהם איצט פארגעשטעלט אלס עטוואס אונמעגליכעס. נעכטען האט זיך נאך איהם געדוכט, אז מיססי וואלט געווען גליקליך, ווען זי וואלט מיט איהם הייראטהען; היינט האט ער געזעהען, געפיהלט, אז ער איז ניט ווערטה, ניט נור הייראטהען מיט איהר, ער איז ניט ווערטה צו זיין אפילו איהר פריינד.

„ווען זי וואלט נור געוואוסט, ווער איך בין, וואס איך בין, וואלט זי מיט מיר ניט געוואלט אפילו טרעפען זיך. און איך האב איהר נאך געקענט מאכען פארווירפע פאר איהר קאקעטירען מיט יענעם העררן. ניין, ווען זי זאל יעצט מיט מיר הייראטען וואלט איך דען געקענט בערוהיגט זיין, שוין ניט צו זאגען גליקליך, ווען י ע נ ע דארט אין אסטראג וועט מארגען אדער איבערמארגען אוועק מיט'ן עטאפ אויף קאטארגע. יענע פרויענצימער, וועלכע איך האב פערפיהרט און אונגליקליך געמאכט, וועט אוועק אויף קאטארגע, און איך וועל זיצען אין רייכען צימער און ערהאלטען גראטולאציאנען אדער פאהרען אבשטאטען וויזיטען מיט מיין יונגער פרוי, אדער איך וועל זיצען מיט דעם פרעדוואדיטעל, וועלכען איך האב אזוי שענדליך אבגענארט; זיין אויף א זיצונג פון זעמסטווא און שטימען פאר שול־אינספעקציאנען א. ז. וו. און דערנאך, אין געהיים פון דעם מאן, צונויפטרעפען זיך מיט זיין פרוי, (ווי עקעלהאפט!) אדער מאלען ווייטער דאס בילד, וואס איך האב אנגעהויבען, און וועלכע איך וועל קיינמאל ניט ענדיגען, ווארום וואס פאר א זינען האט דאס פאר מיר צו בעשעפטיגען זיך מיט די אלע נארישקייטען. ניין, איך קען דיעזע אלע זאכען ניט טאן איצט".

אזוי האט ער גערעדט צו זיך אליין און האט אהן א שיעור זיך געפרעהט מיט דער אינערליכער ענדערונג, וועלכע ער האט געפיהלט אין זיך.

„פריהער פון אלעס", — האט ער זיך געטראכט — „דארף איך איצט זעהען דעם אדוואקאט און וויסען זיין בעשלוס, און

דערנאָך... דערנאָך זעהען זיך מיט איהר אין אסטראָג, מיט דער נעכטיגער ארעסטאנטקע, און זאגען איהר אלעס“.

און ווען נור ער האָט זיך פארגעשטעלט, ווי ער וועט זי דער־זעהען, ווי ער וועט איהר ארויסזאגען זיינע אלע געדאנקען ווי ער וועט בעטען ביי איהר פערצייהונג פיר אלעס, ווי ער וועט איהר ערקלעהרען, אז ער וועט טאָן אלעס פון איהר'ט וועגען, וועט מיט איהר זאגאר הייראטהען אום צו פעררעכטען דעם פערברעכען, וועלכען ער איז בעגאנגען געגען איהר, אזוי האָט ער דערפיהלט אן אויסערארדענטליכע פריידע, אן אינערליכען תענוג, א זיסע צערטליכקייט און טרערען האָבען זיך געשטעלט אין זיינע אויגען.

34.

קומענדיג אין געריכט, האָט נעכליודאָוו אין קאָרידאָר שוין בעגעגענט דעם סודעבני פריסטאוו און האָט איהם געפרעגט: וואו עס געפינען זיך די פעראורטהיילטע ארעסטאנטען, און פון וועמען עס הענגט אָב די ערלויבנים צו קענען זיך זעהען מיט זיי

דער סודעבני פריסטאוו האָט איהם ערקלערט אז די ארעס־טאנטען ווערען צושיקט אין פערשיעדענע פלעצער, ביז וואנען זיי ווערען אוועקגעשיקט אין סיביר, און אז די ערלויבנים צו זעהען זיך מיט זיי, דארף מען בעטען ביי דעם פראָקוראָר.

„איך וועל אייך צייגען מיט וועמען איהר דארפט זיך זעהען, אבער איך ווייס ניט, אויב איהר קענט איצט זעהען דעם פראָ־קוראָר. איהר דארפט ווארטען ביז נאָך דער זיצונג פון געריכט“.

נעכלודאָוו האָט איהם געדאנקט פאר זיין געפעליגקייט און איז אריין אין דעם צימער פון די געשווואָרענע.

אין דער צייט, ווען ער איז געגאנגען צום צימער פון די גע־שוואָרענע, האָבען שוין די לעצטע געהאלטען ביים ארויסגעהן אין געריכט. דער קופעץ איז געוועזן אלץ אזוי פרעהליך ווי זיין שטייגער איז און האָט בעגעגענט נעכלודאָוו'ן ווי אן אלטען בעקאנטען. און

אפילו פעטער גראסימאָוויטש האָט היינט איהם ניט אויסגע־זעהען אזוי אבשטויסענד מיט זיין פאמיליאריטעט און מיט זיין אפענעם געלעכטער.

נעכלודאוו האָט געפיהלט אזוי ווי ער וואלט וועלען פאר אלע געשוואָרענע ארויסזאגען דעם אמת איבער זיינע בעציהונגען צו דער נעכטיגער ארעסטאנטקע.

„אין דער ווירקליכקייט" — האָט ער זיך געטראכט — „האָב איך דאָך נאָך נעכטען, אין דער צייט פון דעם פּראָצעס, גערארפט עפענטליך ערקלערען מיין שולד". אבער ווען ער איז איצט צוזא־מען מיט די געשוואָרענע אריינגעגאנגען אין געריכטס־זאאל און עס האָט זיך אנגעהויבען דיעזעלביגע פּראָצעדורע וואס נעכטען: „דער געריכט געהט!" ווייעדער האָבען די דריי ריכטער מיט גע־גילטע קראגענס געזעצט זיך אויף זייערע ריכטער־שטוהלען, וויעדער איז עס אין זאאל שטיל געווארען, וויעדער דאָס צוזעצען זיך פון די געשוואָרענע אויף זייערע פּלעצער, זשאנדארמען, דער גלח, א. ז. וו., — האָט ער דערפיהלט, דאָס אבוואהל ער האָט אזוי גע־דארפט טאָהן, אבער עס איז געוועזן אונמעגליך איבערצורייסען דיעזע גרויסארטיגקיט.

די פערפערטיגונגען צום געריכט זיינען היינט אנגעגאנגען פונקט אזוי ווי נעכטען. מיט אויסנאהמע פון פיהרען די געשוואָ־רענע צו דער שבועה און דער רעדע פון דעם פּרעדסעדאטעל צו זיי.

היינטיגער פּראצעס איז געוועזן וועגען א גנבה דורך אויפברע־כען א שלאָס. דער ארעסטאנט, בעוואכט פון צוויי זשאנדארמען מיט בלויזע שווערדען, איז געוועזן א מאגערער שמאָל־פּלייציגער יונג פון א יאהר 20, אין א גראָהען ארעסטאנטסקען כאלאט און א גראָהע בלאסע מאָגערע געזיכט, אָהן א בלוטס־טראָפּען אין די באקען.

ער איז געזעסען נור איינער, אויף דער אנקלאגע־באנק און האָט פון אונטער דעם שטערען געקוקט אויף די אריינקומענדע.

דיעזער איינגעל אין געוועזן אנגעקלאגט, דאָס צוזאמען מיט זיינעם א חבר האָט ער אויפגעבראָכען א שלאָס אין א שטעל־

כעל און האָט פון דאָרט ארויסגעגנב'עט אלטע דיוואנס, צוזאמען אויף דער סומע פון 3 רובעל און 67 קאפיקעס.

פון דעם בעשולדיגונגס־אקט האָט זיך געצייגט, אז אַ גאָ־ראָדאָוואָי האָט געכאפט דעם אינגעל, ווען ער איז געגאנגען מיט דעם אנדערן און האָבען געטראגען די דיוואנס אויף זייערע פלייצעס.

דער אינגעל און זיין חבר האָבען זיך גלייך אנערקענט פאר שולדיג און מען האָט זיי ארייגעזעצט אין אסטראָג. דער חבר פון דעם ארעסטאנט, א שלָאסער פון פראָפעסיאָן, איז געשטאר־בען אין אסטראָג און צו משפט'ען איז געבליבען דעם אינגעל אליין.

די דיוואנס זיינען געלעגען אויפ'ן טיש אלס זאכליכע בעווייזע. די פערהאנדלונגען האָבען זיך געפיהרט עבען אזוי ווי געכטען מיט דער גאנצער סדרה פון בעווייזע, עדות, שבועות, פראגען, עקספערטען און קרייצ־פערהערען פוןביידע צדדים, פון דער בעשולדיגונג און פערטהיידיגונג.

דער עדות, דער גאָראָדאָוואָי, האָט אויף די פראגען פון דעם פרעדסעדאטעל, פון פראָקוראָר און פון דעם פערטהיידיגער געענטפערט מיט איין נוסח „טאק טאָטשנאָ" („אמת אזוי") — „טאק טאָטשנאָ"... אבער מען האָט געקענט זעהען, אז ער האָט זעהר רחמנות געהאט אויף דעם אינגעל און האָט זעהר ניט גערן דערצעהלט די געשיכטע ווי ער האָט איהם געפאקט מיט דער גניבה.

דער צווייטער עדות, ביי וועמען די גנבה איז געשעהן, איז געווען, ווי עס האָט געשיינט, א גאליגער מענש, אן אויפגערעג־טער, א כעסן. ווען מען האָט איהם געפרעגט צו דערקענט ער זיין אייגענטהום וואס מען האָט ביי איהם גע'גנב'עט, האָט ער געענט־פערט זעהר ניט גערן; ווען דער אנקלעגער האָט נאך איהם אנגע־הויבען אויסצופרעגען, ווי גרוים דער שאדען איז, אויף וואס ער האָט געוואלט געברויכען די ארויסגע'גנב'עטע סחורה און צו ער האָט דאָס זעהר נויטיג בעדארפט, איז דער אייגענטהימער זעהר אין כעס געוואָרען און האָט אויסגעשריען: „צו אלע רוחות

האָט ער געמעגט געהן מיט אַלעמען און מיט אנאנדער; איך דארף זיי אויף כפרות; עס האָבען מיך געקאסט איזוואזטשי־קעס מעהר איידער די גאנצע גניבה איז ווערטה און איך בין גאַר א קראנקער, עס מאטערט מיך דער רעוומאטיזם“.

די עדות האָבען אזוי אונווילינ געגעבען זייערע צייגניסע; דער אנגעקלאַגטער אליין נור האָט אויף זיך אליין אלץ געזאָגט און האָט געקוקט, ווי א דערשראָקענע געפאנגענע חיה׳לע, אין אלע זייטען.

די געשיכטע איז געווען א קלאָהרע, אבער דער עפענטליכער אנקלעגער האָט היינט אויך אזוי ווי נעכטען אויפגעהויבען עפעקט־פאָל זיינע פלייצעס און האָט געשטעלט איינפעליגע פראגען, וועל־כע זאָלען דעם כיטרען פערברעכער צודריקען צום וואנד און צייגען זיין גרויסע זינד.

אין זיין בעשולדיגונגס־רעדע האָט ער זיך געגעבען אלץ מיהע צו בעווייזען, אז די גנבה איז געשעהן אין א בעוואָהנטען פלאַץ און אז דער שלאָס איז אויפגעבראכען געווארען מיט אן אייזען, אלזא דארף אים קומען די שווערסטע בעשטראפונג, וועלכע דאָס געזעץ שרייבט פאָר.

דער פערטהיידיגער, וועלכער איז געווען אנגעוויזען פון גע־ריכט, האָט בעוויזען, אז די גנבה איז געשעהן ניט אין א בעוואָהנ־טען בנין, און דארום, אבוואָהל מען קען ניט אבלייקענען דעם פער־ברעכען, איז נאך קיין ראיה ניט, אז דער פערברעכער איז אזא געפעהרליכער מענש פאר דער געזעלשאפטליכער זיכערהייט, אזוי ווי דער אנקלעגער בעמיהט זיך צו בעווייזען.

דער פרעדסעדאטעל האָט היינט אויך עבען אזוי ווי נעכטען ערקלערט די געשיכטע פאר די געשווארענע און האָט רעזיומירט די בעווייזע פוןביידע צדדים, פארשטעלענדיג זיך דערביי פאר אן אונפארטייאישען און אויפריכטיגען ריכטער, וועלכער איז ניט נוטה צו קיין צד.

פונקט אזוי ווי געסטערן, זיינען אויך היינט געמאכט גע־וואָרען פויזעס; מען האָט אויך אזוי געריכערט ארויסגעהענ־

דיג פון זאאל; דער סודעבני פריסטאוו האט ווידער ווי נעכ־
טען אויסגעשריען יעדען מאל: „דאס געריכט קומט“, און ווידער
זיינען געזעסען די צוויי זשאנדארמען האלב־פערשלעפערט.

פון דער גאנצער פערהאנדלונג איז געווען קענטיג, אז דער
אנגעקלאגטער בחור'ל איז נאך אלס קליינער אינגעל אוועקגעגעבען
געווארען פון זיין פאטער אין א טאבאק־פאבריק, וואו ער האט
געארבייט גאנצע 5 יאהר. ער האט דיזען יאהר, אויפ'ן זעקסטען,
פערלארען זיין ארבייט איבער א קריעג, וועלכע איז פארגעקור־
מען צווישען די ארבייטער און דעם פאבריקאנט. אהן ארבייט
האט ער זיך ארומגעשלעפט די גאנצע צייט איבער די גאסען פון
שטאדט און האט פערטרונקען ביז דער לעצטער קאפיקע, אלעס
וואס ער האט פערמעגט.

אין טראקטיר האט ער געשלאסען בעקאנטשאפט מיט נאך
אזעלכען אן ארבייטסלאזען אזוי ווי ער, א שלאסער, וועלכער האט
פערלארען זיין פלאץ און האט פון צרות געטרונקען. און צוזאמען
האבען זיי דאס ביינאכט, שיכור'ערהייט, אויפגעבראכען דעם
שלאס און געמאכט די גנבה.

מען האט זיי געפאקט. זיי האבען זיך אין אלעס מודה געווען.
מען האט זיי ארייגעזעצט אין אסטראג, וואו דער שלאסער, וואר־
טענדיג אויף זיין פראצעס, איז געשטארבען פון שווינדזוכט. און
איהם האט מען דאס איצט פראצעסירט, אלס א געפעהרליכען
מענשען פאר דער געזעלשאפט, פון וועמען מען דארף זיך בע־
שיצען.

„אויך אזא געפעהרליכער מענש פאר דער געזעלשאפט ווי
די נעכטיגע פערברעכערין“ — האט זיך געטראכט נעכלודאוו קור־
קענדיג אויף דעם יונגען פערברעכער. — „זיי זיינען געפהרליך,
און מיר זיינען ניט קיין געפעהרליכע?... איך, אן אויסגעלאסע־
נער, א ליגנער, א פאלשער, און אלע, אלע, וועלכע קענען מיך
אלס אזעלכען, האבען מיך ניט נור ניט געהאסט, זאנדערן
נאך געאכטעט“.

עס איז דאך אויגענשיינליך, אז דיזער אינגעל איז גאר ניט אזא

געפעהרליכע בעשעפענעס, ניט קיין מורא'דיגער מערדער, נור א גאנץ געוועהנליכער מענש — דאס זעהען דאך אלע — און ער איז געווארען אזא, ווי ער איז, נאר א דאנק די צרה'דיגע אומשטענדען, וועלכע שאפען אזעלכע מענשען.

איז עס קלאהר, דוכט זיך, אז אום אזעלכע פערברעכע־רישע איינגלעך זאלען ניט ערצויגען ווערען, מוז מען ענ־דערן די פערהעלטניסע, וועלכע ווירקען, אז זיי זאלען ווערען אזעל־כע אונגליקליכע בעשעפעניסען.

נעבלודאוו האט געקוקט אויף דעם קריינקליכען פנים פון דעם איינגעל. — אך, ווען עס וואלט זיך, צ. ב. ש., געפונען א מאן, וועלכער וואלט אויף איהם רחמנות געהאט נאך דאן, ווען מען האט איהם אוים נויטה געבראכט פון דארף אין שטאדט צו דער ארבייט; ווען יעמאנד וואלט דאן געהאלפען דיעזער נויטה, אדער אפילו ווען ער איז שוין געבליבען אין שטאדט און פלעגט ארבייטען איבער די כחות 12 שטונדען אין מעת לעת; ווען עס וואלט זיך געפונען דאן א גוטער מענש און וואלט איהם זאגען נאך זיין שווערער ארבייט א פאר גוטע ווערטער: „געה ניט, וואניא, אין טראקטיר, וואו מען שיכור'ט, עס איז ניט גוט". ער וואלט געפאלגט, ער וואלט ניט געגאנגען, און ער וואלט ניט אזוי פער־דארבען געווארען, וואלט ניט שיכור'ן.

אבער אזא מענש האט זיך ניט געפונען. קיינער האט אויף איהם דאן ניט געהאט קיין רחמנות. דאן, ווען ער האט ווי א קליינע חיה'לע, געלעבט אין דער גרויסער שטאדט, האט ארומגעשארען אין גאנצען דעם קאפ, ער זאל נעביך ניט פערוועריםט ווערען, און איז ארומגעלאפען אויף די פיסלעך, וואוהין זיינע הערען האבען איהם נור געשיקט.

רחמנות? פערקעהרט, אלעס וואס איהם איז אויסגעקומען צו הערען, איז געווען געשרייען, זידלערייי, בעליידיגונגען פון זיי־נע בעלי־בתים; און וועלכע ווערטער, וועלכע רייד האט ער זיך ניט אנגעהערט פון זיינע חברים, פון די ארבייטער? ער האט

געזעהען, אז א כוואט איז דער, וואס קען זיך בעסער זידלען, קען כיטרעווען, קען גוט „ארייננגיסען“, געבען אין באק, און הוליען מיט נקבות.

און איצט, ווען אן אויסגעמאטערטער, א קראנקער פון אר־בייט, פון שלעכטען לעבען, פון טרינקען, פון צולאזען זיין, האט ער זיך ארומגעשלעפט איבערן שטאדט אהן ארבייט און אהן געלד און איז מיט נאך אזא ווי ער פערקראכען אין א פרעמדער שטעל־בעל און געגנב'עט טומאטעס, וועלכע וואלטען דארט זיך וואלגערן אומזיסט יאהרען לאנג, געהען מיר איהם בעשטראפען, פון איהם ראכע נעהמען. ניט מיר זיינען דאס פערברעכער געגען איהם, זאנ־דערן גאר ער געגען אונז.

— שרעקליך!

מיט אזעלכע געדאנקען איז געווען פערנומען נעכלודאוו'ס רעיונות, און ער האט ניט געהערט, וואס ארום איהם אין געריכטס־זאאל טוהט זיך. ער האט זיך אליין דערשראקען פאר זיינע געדאנ־קען. ער האט זיך געוואונדערט ווי אזוי האט ער דאס פריהער ניט בעמערקט דאס, וואס ער זעהט איצט אזוי קלאהר, און ווי אזוי זעהען אנדערע ניט דאס, וואס ער זעהט אזוי אפען.

35.

ווי עס איז נור ערקלערט געווארען די ערשטע פויזע, איז נעכלודאוו אויפגעשטאנען און איז ארויס אין קארידאר, מיט דער אבזיכט קיינמאל ניט אומצוקעהרען זיך אין געריכט.

זאל מען מיט איהם טאהן וואס מען וויל, אבער ער וועט בשום אופן מעהר ניט נעהמען קיין אנטהייל אין דיעזער קאמעדיע, ער קען ניט.

ער האט זיך ערקונדיגט, וואו דער קאבינעט פון פראקוראר איז און ער איז אוועק צו איהם. דער דינער האט איהם ניט צוגעלאזען אזוי גיך; דער פראקוראר, האט ער געענטפערט, איז

שטארק פערנומען און האָט קיין צייט ניט; אָבער נעכלודאָוו האָט איהם ניט געהערט און איז אריינגעגאנגען אין קאנצעליא־ריע, ער האָט א בעט געטהאָן דעם שרייבער, מעלדען דעם פּראָקו־ראָר, אז ער דאַרף איהם זעהען וועגען זעהר א וויכטיגער אנגעלע־גענהייט.

דער טיטול פון א פירסט, דער גוטער אנצוג און זיין גאנצער אויסזעהען האָבען אויסגעהאָלפען דאָ נעכלודאָוו'ן. דער שרייבער האָט געמעלדעט דעם פּראָקוראָר און מען האָט נעכלודאָוו'ן אריינ־געלאָזען אין קאבינעט.

דער פּראָקוראָר האָט איהם בעגעגענט שטעהענדיג, קענטיג זעהר אַן אונצופריעדענער פון דעם וואָס דער בעזוכער איז אזוי שטרענג און האָט מיט אזא עקשנות געפאָדערט צו זעהען זיך מיט איהם.

— וואָס פערלאנגט איהר? — האָט דער פּראָקוראָר שטרענג א פרעג געטהאָן.

— איך בין א געשוואָרענער, מיין פאמיליע איז נעכלודאָוו און איך מוז נויטווענדיג זעהן די ארעסטאנטין מאסלאָווא — האָט שנעל און ענטשלאָסען געענטפערט נעכלודאָוו, וועהרענד ער איז אליין רויט געוואָרען און האָט געפיהלט, אז ער טהוט דאָ עטוואָס אזעלכעס וואָס עס דאַרף ענדערען זיין גאנצען לעבען.

דער פּראָקוראָר איז געווען א נידריגער, דונקעלער מענש, קורץ געשאָרען און שוין גראָהליך. זיינע אויגען זיינען געווען שאַרף און א געדיכטע ארומגעשאָרענע באָרד האָט בעפוצט זיינע אויס־געבויגטע, אונטערשטע באק־ביינער.

— מאסלאָווא? יא, איך וויים. זי איז בעשולדיגט געווען אין מאָרד דורך פערגיפטונג, — האָט געזאָגט רוהיג דער פּראָקו־ראָר.

נעכלודאָוו האָט געשוויגען.

— צו וואָס־זשע דאַרפט איהר זי זעהען? — האָט וויטער דער פּראָקוראָר שטרענג געפרעגט.

אבער ער איז גלייך עטוואס ווייכער געווארען און האט גע־זאגט:

— איך קען אייך ניט געבען קיין ערלויבניס זי צו זעהען, ניט וויסענדיג וואצו איהר ווילט מאכען אזא בעזוך.

— איך מוז דאס פיר זעהר א וויכטיגער אנגעלעגענהייט פאר מיר, — האט נעכלודאוו געענטפערט אויפגערעגט.

— זא, זא, — האט געענטפערט דער פראקוראר און האט מיט אויפמערקזאמקייט בעקוקט נעכלודאוו׳ן.

— איז שוין געוועזן איהר פראצעס אדער נאך ניט? — האט ווייטער געפרעגט דער פראקוראר.

— מען האט זי געסטערן פראצעסירט און פעראורטהיילט אויף פיער יאהר קאטארגע גאנץ אומזיסט. זי איז אונשולדיג.

— זא, זא. אויב זי איז אבער ערשט געסטערן פעראורטהיילט געווארען, — האט געזאגט דער פראקוראר, אזוי ווי ער וואלט גאר ניט געהערט נעכלודאוו׳ס ערקלעהרונג, אז זי איז אונשולדיג, — דאן מוז זי נאך זיין אין אונטערזוכונגס־האפט ביז דער אור־טהייל טרעט אריין אין גאנצען אין קראפט און אין יענעם אס־טראג קען מען נור געבען ערלויבניס צו זעהען זיך אין בעשטימטע צייטען. איך ראטה אייך אלזא אהין צו ווענדען זיך.

— אבער איך מוז זי זעהען וואס שנעלער, — האט נעכלו־דאוו כמעט אויסגעשריען און זיין געזיכט האט א ציטער געטוהן, פיהלענדיג אז דער מאמענט פון ענטשלאסענהייט נעהענטערט זיך.

— צו וואס־זשע דארפט איהר דאס אזוי נויטיג זי זעהען?

— האט עטוואס אונרוהיג א פרעג געטוהן דער פראקוראר, אנשטע־לענדיג די ברעמען.

— איך דארף זי זעהען דארום, ווייל זי איז אונשולדיג און איז פעראורטהיילט געווארען אויף קאטארגע. דער שולדיגער אין אלעם בין איך, — האט נעכלודאוו געזאגט מיט א ציטערענדע שטימע פון אויפרעגונג. ער האט געפיהלט אין דערזעלבער צייט, אז ער זאגט דאס, וואס ער האט דא גאר ניט געדארפט זאגען.

— וואס הייסט דען איהר זייט שולדיג ? — האט געפרעגט דער פראקוראר.

— דאס הייסט, איך האב זי אפגענארט און האב זי געטריבען דאדורך צו די לאגע, אין וועלכער זי געפינט זיך איצט ; אויב זי וואלט ניט געווארען דאס, צו וואס איך האב זי געבראכט, וואלט זי קיין מאל ניט געווארען בעשולדיגט אין אזא פערברעכען.

— איך פערשטעה דאך ניט, וואס האט דאס צו טאהן מיט אייער בעזוכען זי ?

— איך וויל פאלגען נאך איהר און... הייראטהען מיט איהר,— האט ארויסגערעדט נעכלודאוו. און אזוי ווי שטענדיג, ווען ער האט אנגעהויבען ועגען דעם צו ריידען האבען זיך טרערען גע־שטעלט אין זיינע אויגען.

— זא ? ד א ס מיינט איהר ! — האט א זאג געטאן דער פראקוראר. דאס איז ווירקליך זעהר א מערקווירדיגער פאל. איהר זייט, דאכט זיך, א גלאסנער אין קראסנאפאלסקע זעמסטווא ? — האט וויעדער געפרעגט דער פראקוראר, עראינערנדיג זיך, אז ער האט שוין עפעס געהערט אמאל וועגען דיעזען נעכלודאוו'ן, וועלכער מאכט פאר איהם איצט אזא זאנדערבארע ערקלערונג.

— ערלויבט נור, אבער דאס האט דאך גאר נישט צו טאהן מיט מיין ביטע, — האט בייזלעך א'ן ענטפער געטאהן נעכלודאוו.

— נאטירליך, האט עס ניט צו טאהן, — האט מיט א שטע־כיגען שמייכעל געענטפערט דער פראקוראר, אזוי ווי ניט איהם מיינט מען : — אבער אייער ביטע איז אזוי אונגעוועהנליך־זאנ־דערבאר און איז אן אויסנאהמע פון די געוועהנליכע פארמען...

— נון, וואס ? קען איך בעקומען אן ערלויבניס צו זעהען זיך מיט איהר ?

— אן ערלויבניס ? יא, איך וועל אייך באלד געבען. זעצט זיך, ביטע, א ווייליע.

ער איז צוגעגאנגען צום טיש, האט זיך געזעצט און האט גענומען שרייבען.

— אָבער ביטע, זעצט זיך.

נעכלודאָוו איז געבליבען שטעהן.

ווען דער פּראָקוראָר האָט פערטיג געמאכט דעם צעטעל האָט ער דאָס דערלאנגט נעכלודאָוו׳ן און האָט איהם ווײַ־דער נײַגעריג בעטראכט פון אויבען ביז אראָפּ.

— איך וויל אײַך פאר איין וועג אויך ערקלערען, אז איך וויל מעהר ניט בעטייליגען זיך אין די זיצונגען פון געריכט אלס געשוואָרענער.

— דאצו דארפט איהר אנגעבען די אורזאכען, ווארום; נור וויכטיגע אורזאכען קענען אײַך בעפרייען פון דיזער פפליכט.

— די אורזאכען זיינען, דאס איך רעכען, אז יעדעס געריכט איז ניט נור אונניצליך, נור אויך אונמאָראליש.

— זאָ־זאָ, — האָט געזאגט דער פּראָקוראָר אליץ מיט דעם זעלביגען שמייכעלע, אזוי ווי ער וואָלט זאגען, אז אזעלכע ווער־טער הערט מען פון א געוויסען זאָרט מענשען, זעהר זאָנדערבארע.

—זאָ־זאָ,—אָבער איהר פערשטעהט דאָך, זעלבסטפערשטענד־ליך, דאס אלס פּראָקוראָר פון געריכט קען איך דאָך מיט אײַך ניט זיין איינפערשטאנדען. איך ראטה אײַך דארום איהר זאָלט ערקלעהרען דעם געריכט אליין אייערע אורזאכען און דאס געריכט וועט דאס מסתמא נעהמען אין אנבעטראכט און וועט אליין אור־טהיילען אויב דיזע אורזאכען זיינען וויכטיג גענוג און ווען ניט וועט איהר מוזען בעצאָהלען א שטראָף. אלזאָ ווענדעט זיך צום געריכט.

— איך האָב אײַך ערקלערט, און דאס איז פאר מיר גענוג. איך געה מעהר ערגעץ ניט, — האָט מיט כעס געזאגט נעכלודאָוו.

— בלײַבט וואָהל, — האָט זיך פערנייגט דער פּראָקוראָר, ווי עס ווייזט אוים וועלענדיג פּטור ווערען פון דיזען זאָנדערבא־רען בעזוכער.

— ווער איז דאס ביי אײַך געוועזען? — האָט א פרעג געטוהן איינער פון די ריכטער נאכדעם ווי נעכלודאָוו איז ארוים פון דעם פּראָקוראָר׳ם קאבינעט.

— דאס איז נעבלודאָוו, אָט דער זעלבינער, ווייסט איהר, וועלבער האָט נאָך אלס מיטגליעד אין קראסנאָפּאָלסקער זעמסטוואָ געמאַכט אזעלבע זאָנדערבארע ערקלערונגען. שטעלט זיך פאר, ער איז אַ געשוואָרענער און צווישען די אנגעקלאגטע, וועלכע איהם איז אויסגעקומען צו אורטהיילען, געפינט זיך א פרוי אָדער אַ מיידעל, וועלבע איז פּעראורטהיילט געווארען אויף קאטארגע, און דיעזע מיידעל האָט ער אמאָל אליין פערפיהרט און איצט וויל ער מיט איהר הייראטהען.

— איז דאָס מעגליך?

— יא, ער האָט מיר אזוי אליין דערצעהלט... און ווי אויפגערעגט ער איז.

— עס איז עפּעס מערקווירדיג, עפּעס א מין זאנדערבארע אוננאָרמאליטעט איז אין דער היינטיגער יוגענד.

— יא, ער איז דאָך אָבער גאר ניט אזוי יונג.

— אך, אבער ווי האָט עס מיר דערעסען, טאטע זיסער, אייער בעריהמטער איוואשענקאוו: רעדט, רעדט, אז מען קען קראנק ווערען.

— נו, אזעלבע דארף מען איינפאך אבשטעלען, אנדערש וועט מען קיין מאָל צו קיין ענדע ניט קומען.

36.

פון דעם פּראָקוראָר איז נעבלודאָוו גלייך אוועקגעפאָהרען צו דער אונטערזוכונגס־טורמע. עס האָט זיך אבער ארויסגעוויזען אז קיין מאסלאָווא געפינט זיך דאָרט ניט, און דער אויפזעהער האָט ערקלערט נעבלודאָוו'ן, אז זי מוז זיך געפינען אין דער אלטער פּערעסילנע־טורמע.

נעבלודאָוו איז אוועק אהין.

ווירקליך, יעקאטערינא מאסלאָווא האָט זיך איינגעפונען דאָרט. עס איז געווען אַ גרויסע שטיק וועגס צו פאהרען, און נעבלודאָוו איז אנגעקומען אהין שוין שפּעטליך, אבענד צייט.

ער האט געוואלט צוגעהן צום טויער פון דער גרויסער פינס־טערער געביידע, אבער דער וואך־סאלדאט האט איהם ניט געלא־זען. ער האט אנגעקלונגען און עס איז ארויס דער אויפזעהער.

נעכלודאוו האט איהם געוויזען זיין ערלויבניס, אבער דער אויפזעהער האט איהם געענטפערט, אז ער האט קיין רעכט ניט איהם אריינצולאזען אהן דעם סמאטריטעל'ס וויסען. נעכלודאוו איז אוועק צום הויז פון סמאטריטעל.

ארויפגעהענדיג אויף די טרעפ, האט נעכלודאוו געהערט די טענער פון א שווערע שטיק מוזיק, ווי יעמאנד צימבעלט מיט מאטערנעס אויפ'ן קלאוויר. א דינסט האט איהם געעפענט די טיהר און פון דער אפענער טיהר האבען איהם נאך מעהר געריסען דאס אויער די ווילדע טענער פון דער שרייענדער מוזיק.

נעכלודאוו האט א פרעג געטוהן די דיענסט, צו איז דער סמא־טריטעל צו הויז. זי האט געענטפערט, אז ניין.

— וועט ער באלד קומען?

די מוזיק האט ווייטער זיך פאנאנדערגעקלונגען און ווי עס איז געקומען צום שווערען פלאץ האט זי זיך איבערגעריסען.

— איך וועל אריינגעהן א פרעג טאהן, — האט געענטפערט די דינסט. און זי איז אריינגעלאפען אין הויז.

ווידער האט געקלונגען די מוזיק און האט זיך באלד איבער־געהאקט און עס האט זיך דערהערט א פערדריסליכע שטימע:

— זאג, אז ער איז אין דערהיים ניטא און וועט היינט ניט קומען. ער איז צו גאסט, ווי זיי לאזען דאס א מינוט ניט רוהען, — דאס האט געשריען בייז די פיאניסטקע, און עס האט זיך דער־הערט, ווי זי האט מיט כעס א רוק געטאהן א שטוהל; דאס איז זי אליין געגאנגען איצט צום טיהר פארהאלטען דעם בעזוכער, וואס ער דערעסט אזוי מיט זיין בעזוך ניט אין דער געהעריגער צייט.

— דער פאפא איז ניט צו הויז — האט בייז א זאג גע־טאהן א בלאסע מיידעל, מיט בלויע צייכענס אונטער די אויגען און מיט צוואוארפענע האאר, עפענענדיג די טיר. דערזעהענדיג

אָבער, אז פאר איהר שטעהט א יונגער מאן, שעהן געקליידעט, איז זי וייכער געווארען.

— קומט אריין, ביטע... ברויכט איהר דעם פּאפּא?

— איך דארף זעהען זיך מיט אן ארעסטאנטקע אין אסטראָג. איך האָב אן ערלויבנים פון פּראָקוראָר.

— איך ווייס ניט, דער פּאפּא איז ליידער צו הויז ניטאָ. אבער ווארום שטעהט איהר דרויסען? ביטע קומט דאָך אריין — האָט זי איהם העפליך געבעטען — ווי איז אייער פאמיליע, ביטע.

— איך דאנק אייך, ניט נויטיג, — האָט געזאגט נעכ־לודאָוו, ניט ענטפערענדיג אויף איהר פראגע און איז ארויס.

ער האָט נאָך ניט בעוויזען ארויסצוגעהן פון טיהר, ווי עס האָבען זיך שוין ווידער דערהערט די זעלביגע קנאקענדע, רוי־שענדע טענער פון דער מוזיק, אזוי אונפּאסענד צו דיעזען טרויע־ריגען פּלאַץ, צו דיעזער בלאסער מיידעל, וועלכע האָט מיט עקשנות זיי געוואלט אויסלערנען, ווי עס איז ניט געגאנגען.

דרויסען האָט נעכלודאָוו בעגעגענט א יונגען אפיציר מיט פערדרעהטע וואָנצעס און ער האָט איהם א פרעג געטאָהן, וואו מען קען געפינען דעם געהילף פון סמאָטריטעל. ערשט דאָס איז טאקע געוועזן ער אליין. נעכלודאָוו האָט איהם געוויזען דעם צעטעל פון פּראָקוראָר און האָט ערהאלטען דעם ענטפער, אזוי ווי דאָס איז אויסגעשטעלט געווארען פיר דער אונטערזוכונגס־טורמע קען ער איהם ניט אריינלאָזען, און דאצו איז עס שוין צו שפּעט אויך, ווען קיין בעזוכער טאָר מען ניט צולאָזען.

— איהר מוזט זיך בעמיהען און קומען מאָרגען. מארגען אום 10 אוהר מעגען אלע בעזוכער צוגעלאָזען ווערען, קומט דאן, און דער סמאָטריטעל אליין וועט אויך זיין צו הויז, דאן קענט איהר זיך מיט דער ארעסטאנטקע זעהען אין אלגעמיינעם צימער אָדער, אויב דער סמאָטריטעל וועט ערלויבען, אין קאנטאָר.

אזוי איז נעכלודאָוו אוועק און האָט דיעזען טאָג זיך ניט געקענט צושלאָגען צו זעהען זיך מיט איהר. ער איז געוועזן זעהר

צוטראָגען וועגען זיין ענטטוישונג; ער האָט אזוי געהאָפט זי היינט נאָך צו זעהען. ער האָט געשפּרייזט איבער די גאסען און עס זיינען איהם ארויפגעקומען איצט אויף די געדאנקען זיינע רייד מיט דעם פּראָקוראָר און מיט די בעאמטע פון די טורמעס.

דאָס וואָס ער האָט ערקלעהרט זיינע אבזיכטען דעם פּראָקוראָר, זוכענדיג א מעגליכקייט צו טרעפען זיך מיט איהר און דער גאנצער געדאנק, זי צו זעהען האָט איהם אזוי אויפגערעגט, אז ער האָט זיך ניט געקענט בערוהיגען.

קומענדיג צו זיך אין הויז, האָט ער אויפגעזוכט זיין טאגעבוך, וועלכען ער האָט שוין אזא לאנגע צייט אין האנד ניט געהאלטען; ער האָט איבערגעלעזען עטליכע פּלעצער און האָט דערנאָך גענומען די פעדער און פערשריעבען פאָלגענדעס:

„צוויי יאָהר שוין, ווי איך האָב גאָרנישט אריינגעטראָגען אין מיין טאגע־בוך און איך האָב שוין געדיינקט, אז עס וועט מיר קיינמאָל מעהר ניט אויסקומען אין איהם צו שרייבען, אז איך וועל מעהר ניט פיהרען זיך אזוי קינדערש. אבער דאס איז ניט געווען קינדערש, מיין שרייבען אין טאגע־בוך איז געווען א געשפּרעך מיט זיך אליין, מיט יענעם אינערליכען, געטליכען „איך“, וועלכער לעבט אין יעדען מענשען. די גאנצע צייט האָט דיעזער „איך“ געשלאָפען, און איך האָב ניט געהאט מיט וועמען צו בעראטהען זיך, דורכצוריידען זיך. אויפגעוועקט האָט דיעזען „איך“ דער פאל פון דעם 28טען אפּריל, אין געריכט, וואו איך בין געווען אלס געשוואָרענער. אויף דער אנקלאגע באנק האָב איך געטראָפען זי, די, וועלכע איך האָב פערפיהרט, אָבגענארט, קאטיושא, אין אן ארעסטאנטסקען כאלאט. איבער א זאנדערבארע מיספערשטענדניס און איבער מיינעם א טעות האָט מען זי פעראורטהיילט אויף קאטאָרגע. איך בין ערשט געווען ביי׳ן פּראָקוראָר און אין אסטראָג. מען האָט מיך ניט צוגעלאזען צו זעהען זיך מיט איהר. אבער איך האָב זיך ענטשלאסען אלעס אנצואווענדען און צו זעהן זי, בעטען איהר פערצייהונג און פערריכטען מיין פערברע־

בען געגען איהר, ווען עס וועט נויטיג זיין, זאגאר צו הייראטהען מיט איהר. גאָט, העלף מיר! מיר איז גוט, אזוי גרינג און מוטהיג דאָס הארץ".

37.

לאנג, לאנג איז מאסלאָווא געלעגען מיט אפענע אויגען און האָט ניט געקענט איינשלאָפען: זי האָט געקוקט אויפ'ן טיהר, אויף דער ארומשפאצירענדער אהין און צוריק דיאטשאָק'ס טאָכ־טער, און האָט געטראכט.

זי האָט געטראכט וועגען דעם, אז זי וועט בשום אופן ניט חתונה האָבען מיט א קאטאָרזשניק, אויף סאכאלין; זי וועט זיך אנדערש ווי עס איז איינריכטען דאָרט, — מיט וועמען עס איז פון די נאטשאלניקעס, מיט א שרייבער, כאָטש מיט דעם אויפזעהער אדער אפילו מיט דעם אונטער־אויפזעהער, אבער מיט א קאטארזש־ניק ניט.

—אָה, זיי זיינען אלע בעלנים דערויף. נור ניט מאגער ווערען, ניט אראָפּ פון צורה, אז ניט — איז מען פערפאלען אויף אויביג.

און זי האָט זיך דערמאָנט, ווי דער פערטהיידיגער האָט גע־קוקט אויף איהר, ווי דער פרעדסעדאטעל האָט אויף איהר געוואר־פען בליקען און ווי עס האָבען זי געפרעסען מיט זייערע אויגען די אלע, וועלכע זי האָט בעגעגענט אין געריכט.

זי האָט זיך דערמאָנט אויך איצט אָן די רייד פון איהר חבר'טע בערטא, וועלכע האָט זי בעזוכט אין אסטראָג און האָט איהר דערציילט, אז יענער סטודענט, וועלכען זי האָט אזוי געליעבט, ווען זי האָט זיך אויפגעהאלטען ביי דער מאדאם קיטאיעווא, איז געקומען צופאהרען צו זיי, האָט זיך נאכגעפרעגט וועגען איהר און האָט זי זעהר בעדויערט.

זי האָט זיך דערמאָנט וועגען דעם געשלעג, וואס איז מיט א ווייל צוריק געווען מיט דער רויטער ארעסטאנטקע און זי האָט דערפיהלט מיטלייד צו איהר; זי האָט זיך דערמאָנט וועגען דעם בעקער, לעבען וועלכען זי האָט זיך אפגעשטעלט מיט'ן קאָנ־

וואָי אום צו קויפען קוילעטשען און ווי ער האָט פאר איהר ארויס־געשיקט איין קוילעטש אומזיסט.

וועגען פיעלע זאכען האָט זי איצט געטראכט, נאָר ניט וועגען נעכלודאָוו'ן. וועגען איהר קינדהייט, וועגען איהר יוגענד, וועגען איהר ליעבע צו נעכלודאָוו'ן האָט זי ביז יעצט קיין מאָל ניט דערמאָנט זיך. דאס איז געווען א צו טיעפע וואונד. דיעזע עראינערונגען זיינען געלעגען ערגעץ טיעף, טיעף אין א בעהאלטענעם ווינקעל פון איהר הארצען. זי האָט אפילו אין חלום קיין מאָל ניט געזעהן איהם.

אין געריכט היינט האָט זי איהם ניט דערקענט: ניט נור דערפאר, ווייל ער האָט נאָר אנדערש אויסגעזעהען, ווי ווען זי האָט איהם דאן געקענט — ער איז דאן געווען א וואָיענער, אָהן א באָרד, מיט דינינקע וואָנצלעך, און איצט איז ער שוין געווען א דערוואק־סענער, ניט גאר יונגער מענש — נור, הויפטזעכליך, ווייל זי האָט וועגען איהם אין דער לעצטער צייט גאָר ניט געטראכט.

זי האָט בעגראָבען אויף אויביג די עראינערונג וועגען דער פערגאנגענהייט אין יענער שרעקליכער, שווערער, פינסטערער נאכט, ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט פון דער ארמעע און איז ניט אריינגעפאהרען צו די טאנטעס.

ביז יענער נאכט, ווי לאנג זי האָט נאָך געהאט די האָפנונג, אז ער וועט נאָך בעזוכען די טאנטעס און זיי וועלען זיך זעהען ווי־דער, האָט זי ניט נור ניט געפיהלט די לאסט פונ'ם קינד, וועלכען זי האָט געטראָגען אונטער איהר הארץ, נור זי פלעגט אָפט דער־פיהלען אויך א צערטליכקייט צו דיעזען לעבען, וועלכען זי האָט געטראגען אין זיך. פון יענער נאכט אָן האָט זיך אלעס געענדערט און דאָס קינד איז געווארען נאר א הינדערנים פאר איהר.

די טאנטעס האָבען דאן טעלעגראפירט נעכלודאָוו'ן און געבעט־טען איהם קומען צו גאסט, אבער ער האָט געענטפערט, אז ער קען

נישט קומען, דען ער דארף זיין אין פעטערבורג צו א בעשטימ־טען טערמין.

ווען קאטיושא האט זיך דערוואוסט וועגען דיזען ענטפער, האט זי זיך ענטשלאסען צו געהן אויפ'ן אייזענבאהן־סטאציאן, אום צו זעהען איהם, ווען זיין צוג וועט פערבייפאהרען. דער צוג איז דורכגעפאהרען א צווייגער צוויי ביינאכט.

קאטיושא האט אין הויז אלעס פערטיג געמאכט און ווען די אלטע פריצטעס זיינען געגאנגען שלאפען, האט זי מיטגענומען די קעכינ'ס מיידעלע, מאשקא, מיט זיך און איז געלאפען שנעל צום סטאציאן. זי האט נור אויף זיך געהאט א טוך אויף די שולטערן.

עס איז געווען א פינסטערע, רעגענדיגע, הערבסט־נאכט. דער רעגען און ווינד האט געשמיסען אין געזיכט; אין פעלד, אונטער די פיס האט זיך קיין וועג ניט געזעהן, און אין וואלד איז געווען חשך, שווארץ ווי אין א קוימען.

קאטיושא האט אפילו גוט געוואוסט דעם וועג צום סטאנציע, נור געהענדיג דורכ'ן וואלד האט זי אין דער פינסטערניס אראבגע־בלאנזשעט פון וועג און ווען זי איז קוים ארויסגעקראכען און איז צוגעלאפען צום סטאציאן איז שוין געווען נאך דעם צווייטען קלונג פון גלעקעל. דער צוג איז אין גאנצען געשטאנען אויפ'ן סטאנציע 3 מינוט.

ארויפלויפענדיג אויפ'ן פלאטפארם האט זי גלייך אין דעם פענסטערל פונ'ם וואגאן פון ערשטען קלאס איהם דערזעהן. אין דיזען וואגאן איז געווען העל־ליכטיג. אויף די זאמעטענע זאפעס זיינען געזעסען איינער געגען דעם צווייטען צוויי אפיציערען און האבען געשפיעלט אין קארטען. אויפ'ן טישעל לעבען פענסטער, איז געשטאנען לייכטער מיט דיקע סטעארינאווע ליכט.

נעכלודאוו איז געזעסען אויפ'ן זייטעל פון זאפע, אנגעשפאר־טערהייט; ער איז געווען אהן א מונדיר אין איין העמדעל און האט עפעס פרעהליך געלאכט. ווי נור זי האט איהם דערקענט האט זי אנגעקלאפט אין פענסטער מיט איהר פערפרוירענער האנד.

אָבער אקוראט אין דיזער סעקונדע האָט זיך דערהערט דער דריטער קלונג פון גלעקעל, א פייף, און דער צוג האָט זיך אנגעהויבען צו בעוועגען, צוערשט עטוואָס א רוק צוריק און דערנאָך האָבען אנגעהויבען פערבייגעהן איינער נאָך דעם אנדערן די וואַגאָנעס.

איינער פון די אפיצירען האָט זיך אויפגעהויבען מיט די קארטען אין האנד און האָט זיך איינגעקוקט אין פענסטער. זי איז נאכגעגאנגען און האָט א קלאַפּ געטאהן נאָך אמאָל, און האָט דאס געזיכט צוגעלייגט צום שויב נאכלויפענדיג.

דער אפיציר האָט געוואָלט אראָפּלאָזען דעם פענסטער. דער קאנדוקטאָר איז דאן צוגעלאָפען און האָט זי אפגעשטויסען פון וואַגאָן און איז אליין ארויפגעשפרונגען אויפ'ן טרעפּעל.

די פענסטער אין וואגאָן האָט זיך אראָפּגעלאָזען, און דער אפיציר האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ; די וואגאָנעס זיינען שוין געלאפען גיך און קאטיושא איז נאכגעלאָפען איבער די נאסע ברעטער פון פּלאטפאָרם, ביז די פּלאטפאָרם איז שוין געווען צו ענדע; די וואגאָנעס האָבען זיך געטראָגען שנעל, קאטיושא האָט זיך פערצעפּעט אראָפּשפּרינגענדיג פון פּלאטפאָרם און איז שיער ניט געפאלען.

זי איז ווייטער געלאפען; פערביי איהר האָבען זיך פערבייגעטראָגען די וואגאָנעס פון צווייטען קלאַס, נאכהער פון דריטען און גאנץ שנעל דער לעצטער וואגאָן. זי איז נאָך אלץ געלאָפען. דער צוג איז שוין פּארבייגעלאפען די „וואָדאָקאטשקע“, דער ווינד האָט מיט דעם רעגען געשמיסען קאטיושען אין געזיכט, האָט אראָפּגעריסען פון איהר קאָפּ די טוך און איהר נאסע קלייד האָט זיך געקלעפּט צו די פיס, אָבער זי איז נאָך אלץ געלאָפען.

— מוהמינקע! מיכאילאָווגא! — האָט געשריען די קליינע מיידעלע, קוים לויפענדיג נאָך איהר, — מוהמינקע, איהר האָט דאָך די טוך פערלאָרען!

קאטיושא האָט זיך אפּגעשטעלט, און א וואָרפטהאָנדיג די קאָפּ אהינטער, האָט זי זיך א כאַפּ געטאָהן מיט ביידע הענד און האָט אויסגעבראכען אין א ביטערען שלוכצען.

— ער איז אוועק! — האָט זי אויסגעשריען, — ער זיצט דאָרט אין דעם העל בעלויכטענעם וואַגאָן און טרינקט, שפּילט, לאַכט, און איך בין אָט דאָ אין בלאָטע, אין רעגען, אין דער פינ־סטער; איך שטעה אונטערן רעגען, און וויין, — איז איהר דורכ־געפלויגען איצט אין קאָפּ.

זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד און האָט אנגעהויבען אזוי צו וויינען אויפ'ן קול, אז די מיידעלע האָט זיך זעהר דערשראָקען און האָט ארומגעכאפּט מיט איהרע הענטלעך איהר נאסע קלייד.

— מוהמינקע, קום אהיים!

„עס וועט אנקומען א צוג — אונטער'ן וואגאָן, צוריבען ווע־רען און זאָל זיין א סוף" — האָט זיך געטראכט קאטיושא, ניט ענט־פערענדיג מאשקען אויף איהר געבעט.

זי האָט זיך ענטשלאָסען אזוי צו טאָן. אבער דאָ האָט זי דער־פיהלט — ווי עס פאסירט נאָך דער ערשטער איבערראשונג — זי האָט דערפיהלט דאָס קינד אונטער'ן ברוסט, זיין קינד, וועלכער האָט געלעבט אין איהר. עס האָט זיך אינווייניג א צאַפּעל געטאָן, און זי האָט געפיהלט זיין בעוועגונג, א צערטליכער, לייכטער, כאָטש אויך שארפער שטויס אינווייניג.

און פּלוצלונג איז פערשוואונדען אלעס דאָס, וואס האָט מיט א מינוט צוריק זי אזוי געקוועלט, אז איהר האָט זיך שוין געדוכט, עס איז ניט ווערטה צו לעבען. די גאנצע פערדרוס געגען איהם איז אוועק אויף דיעזער ווײַלע. זי האָט זיך עטוואָס בערוהיגט, האָט זיך אויפגעהויבען, האָט אנגעטאָהן די טוך אופ'ן קאָפּ און איז אוועק אהיים.

א פערמאטערטע, א דורכגעווייקטע, פערבלאָטיגטע איז זי גע־קומען צוריק, און פון דעם טאָג אן האָט זיך אנגעהויבען די ענדע־רונג אין איהר, די גייסטיגע ענדערונג, וועלכע האָט זי ענדליך גע־בראכט צו איהר ווייטעריגען ארט לעבען.

אין דיזער נאכט נאָך האָט זי אויפגעהערט צו גלויבען אין גאָט און אין גוטעס; פון דיעזער נאכט אָן האָט זי אנגעהויבען צו איבערצייגען זיך, אז קיינער גלויבט ניט אין גאָט; ביז דאן האָט זי געמיינט, אז אלע גלויבען. זי האָט אנגעהויבען איינצוזעהן, אז דאָס וואָס מענשען דערמאָנען אָפט גאָט'ס נאמען, זיינע געבאָט און זיינע גנאדען, — איז נור פאלשקייט, ליגען און אונגערעכטיגקייט.

ער, דער, וועלכען זי האָט אזוי הייס געליעבט און וועלכער האָט אויך זי געליעבט — זי האָט דאָס געוואוסט — האָט זי אוועק־געוואָרפען, פערלאָזען, שפאסענדיג פון איהרע געפיהלען. און אלעס, וואָס האָט דערנאָך מיט איהר פאסירט האָט נור בעשטעטיגט דיעזע איהרע גדאנקען. זיינע טאנטעס, אזעלכע פרומע נשמות, דוכט זיך, האָבען זי ארויסגעטריבען אָהן רחמנות, ווען זי איז ניט גע־ווען אימשטאנדע זיי צו דינען אזוי ווי פריהער.

אלע מענער, מיט וועלכע זי איז נור געקומען אין בעריהרונג, פון דעם אלטען סטאנאָוואָי ביז דעם אויפזעהער פון טורמע, האָ־בען אויף איהר געקוקט בלויז ווי אויף עטוואָס, וואָס מען קען א נאש טאָהן. און פאר קיינעם איז אין איהר גאָר קיין אנדער צוועק ניט געווען אויף דער וועלט, ווי נור א זאך, פון וועלכער זיי זאלען הנאה האָבען.

בעזאנדערס נאָך האָט זי דאָס איינגעזעהן פון דעם אלטען שריפטשטעלער, מיט וועלכען זי האָט געלעבט דעם ערשטען יאהר, ווען זי האָט זיך אנגעהויבען אזוי אויפפיהרען. ער האָט איהר טא־קע פשוט אזוי ערקלערט, אז אין דיעזער הנאה בעשטעהט דער גאנ־צער גליק — ער האָט דאָס נאָך גערופען עסטהעטיק און פאָעזיע.

און אלע האָבען אזוי געלעבט, נור פאר זיך, בלויז פון אייגע־נעם פערגניגען וועגען, און די אלע רייד וועגען גאָט און וועגען מעשים־טובים איז געווען א נארעריי.

און אויב עס האָט זיך ווען עס איז אפילו געשטעלט די פרא־גע: ווארום איז אלעס אויף דער וועלט אזוי שלעכט, אז יעדער איינער טוהט דעם אנדערן בייזעס און אלע צוזאמען און יעדער בעזונדער ליידעט אליין דערפון—נון, האָט מען דאָס נור געדארפט

פערטויבען, ניט טראכטען וועגען דעם. עס ווערט טרויעריגלעך אויפ'ן הארצען — מאכט מען א שנאפס, פעררויכערט א פאפיראס און עס געהט פערביי.

38.

אויף דעם פאלגענדען טאג, זונטאג, א זייגער 5 אין דער פריה, ווען דער געוועהנליכער פייף־סיגנאל האט זיך דערהערט אין קארי־דאר, האט די וואכעדיגע קאראבלעווא אויפגעוועקט קאטיושא מאסלאווא.

ווען מאסלאווא האט אויסגעריבען די אויגען, האט זיך אין איהר קאפ דורכגעטראגען מיט שרעק דער געדאנק: „א קאטאר־זשניצע“. זי האט געוואלט זיך בעסער צוריקלייגען און איינשלא־פען. צו שרעקליך איז איהר געווען די ווירקליכקייט, אבער די גע־וועהנהייט צו דער מורא האט איבערגעשטארקט דעם שלאף. זי האט זיך אויפגעהויבען, האט אונטערגעבויגען אונטער זיך די פיס און האט זיך געזעצט, בלאנדזשענדיג מיט איהר בליק אין אלע זייטען.

די ארעסטאנטקעס זיינען שוין אלע געווען אויפגעשטאנען, בלויז די קינדער האבען נאך געשלאפען. די קרעטשמערקע האט פון אונטער די קינדער ארויסגעשלעפט דעם ארעסטאנטסקען כא־לאט פארזיכטיג, זיי זאלען זיך ניט אויפכאפען.

די בונטאוושטשיצע האט פאנאנדערגעהאנגען איהרע טיכלעך טריקענען לעבען אויווען, און ביי פעדאסיא אויפ'ן האנד האט זיך פאנאנדערגעשריען דאס קינד און זי האט איהם געוויגט, געזונגען און געזוכט איינצושטילען.

די שווינדזיכטיגע האט זיך געהאלטען פאר די ברוסט, איה־רע באקען האבען געברענט, זי האט זיך צוהוסט און פלעגט צו יעדער הוסט אזוי ווי אויסשרייען פון ווייטאג. די רויטע ארעס־טאנטקע איז געלעגען אויף איהר געלעגער מיט'ן בויך ארויף, אויס־געשטעלט די קניע אין דערהויך, און זי האט דערצעהלט איהר שכנ'טע, וואס איהר האט זיך אנגע'חלומ'ט ביינאכט.

די אַלטינקע אונטערצינדערקע איז ווידער געשטאַנען לעבען דעם הייליגען בילד פון גאָט'ס מוטער און האָט געשעפּצעט אַלץ די זעלבע ווערטער וואָס נעכטען, האָט זיך פרום גע'צלם'ט און געבויגען מיט'ן פּנים צו דער ערד.

דעם דיאַטשאָק'ס טאָכטער איז געזעסען אונבעוועגליך אויף די נאַרעס מיט ניט אויסגעשלאָפענע, מוטנע אויגען, און האָט געקוקט אין דער וועלט אריין. חאַראַשאַווקאַ האָט געגרייזעלט מיט די פינגער איהרע הארטע, שווארצע אויסגעשמירטע האָר.

אין קאָררידאָר האָט זיך דערהערט דער שאָרכען פון טריט, דער שלאָס פון טיהר האָט א קנאַק געטאָהן און די טיהר האָט זיך געעפענט. צוויי ארעסטאַנטען האָבען מיט א שטעקען אויפגעהויבען אויף די אַקסלען די עיפּוש'דיגע פעסיל און מיט בייזע, ערנסטע געזיכטער האָבען זיי זי ארויסגעטראָגען פון דער קאַמער. די ארעסטאַנטקעס זיינען ארויס אין קאָרידאָר צו די קראַנען מיט וואַסער, איינצוואַשען זיך.

דאָ, ביים וואַשען זיך האָט די רויטע ארעסטאַנטקע ווידער אנגעהויבען רייסען זיך מיט ארעסטאַנטקעס פון אַן אַנדער קאַמער, וועלכע זיינען אויך ארויס וואַשען זיך. ווידער א זידלעריי, א געשריי, א האַמפּעריי...

— וואָס? ווידער? אין קארצער ווילט זיך אייך זיצען ווי איך זעה, — האָט דער אויפזעהער געשריען אויף די קריעגערישע ווייבער און האָט דער רויטער געגעבען א פּאַטש איבער'ן נאַקעטען לייב, אַז עס האָט אָפּגעקלונגען איבער'ן גאַנצען קאָרידאָר, — א שאָרף זאָל איך פון דיר ניט הערען.

— זעהסט אויף דעם אַלטען, האָט זיך צוהוליעט, — האָט א זאָג געטאָהן די רויטע, אננעהמענדיג דעם פּאַטש פאַר א שפּאַס.

— נו, שנעלער, איינגעוואַשען זיך און אין קלויסטער, צו דער אָבעדניע.

מאַסלאָוואַ האָט נאָך ניט צייט געהאַט פערקאַמען זיך ווי עס האָט זיך שוין דערהערט דאָס געשריי:

— אויף פּאָווערקע!

פון אלע קאמער זיינען איצט ארויסגעגאנגען די ארעס־טאנטקעס אין קארידאר, האבען זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייהען, איינע הינטער די אנדערע; די הינטערשטע האבען ארויפ־געלייגט זייערע הענד אויף די אקסלען פון די ערשטע און אזוי האט מען זיי געצעהלט.

דער סמאטריטעל איז דא געווען מיט זיין גאנצער סוויטע.

נאך דער פאווערקע איז געקומען די נאדזיראטעלניצע און האט געפיהרט אלע ארעסטאנטקעס אין קלויסטער.

מאסלאווא מיט פעדאסיען זיינען געשטאנען צווישען די רייהען, וועלכע זיינען בעשטאנען פון איבער א הונדערט פרויען־צימער, וואס זיינען ארויסגעגאנגען פון אלע קאמערן. אלע זיינען זיי געווען אין די זעלביגע ווייסע קאסינקעס, די זעלבע יאקעלעך און אין קליידלעך; נור זעהר זעלטען האט צווישען זיי זיך געפונען איינע אדער צוויי אין א פארביגער קליידעל. דאס זיינען געווען די פרויען מיט קינדער, וועלכע זיינען אליין ניט געווען קיין ארעסטאנטקעס, נור זיי האבען געפאלגט נאך זייערע מענער, וועלכע האבען געדארפט געשיקט ווערען קיין סיביר.

די ברייטע טרעפ זיינען געווען אין גאנצען געפאקט מיט דיעזער בעוועגליכער מחנה. אריינקעהרענדיג אין צווייטען קארי־דאר האט מאסלאווא דערזעהען די בייזע צורה פון איהר ביטערע פיינד באטשקאווא, וועלכע איז געגאנגען פאראויס און מאסלאווא האט אויף איהר אנגעוויזען פעדאסיען.

שטעהענדיג אונטען, זיינען די ווייבער ענטשוויגען געווארען; די טיהרען פון קלויסטער זיינען געווען פאנאנדערגעעפענט, אינע־ווייניג איז נאך געווען פוסט, די ווענד האבען געגלאנצט מיט גאלד. זייער פלאץ איז געווען רעכטס, און זיי האבען זיך איינ־געשטעלט אויף זייערע ערטער, שטויסענדיג זיך איינע אויף די אנדערע.

נאך די פרויען זיינען אריין די מענער־ארעסטאנטען אין גרויע כאלאטען און האבען זיך אויסגעשטעלט אין זעהר אן ענגער מאסע צו דער לינקער האנד.

אויבען, נאָהענט פון דעם כאָרוס, זיינען געשטאַנען מיט האַלב־געגאָלטע קעפּ און אין קייטען געשלאָסען די קאַטאָרזשני־קעס, און לעבען זיי פון דער אנדער זייט די, וועלכע זיינען נאָך געווען אין אונטערזוכונגס־האַפט.

דער קלויסטער פון אסטראָג איז געווען נאָך גאָר א נייער, דאָס האָט ניט לאַנג אויסגעבויט א רייכער קופּעץ, וועלכער האָט אויף דיזער היילינגער געביידע אויסגעגעבען שעהנע עטליכע צעהנד־ליג טויזענד רובעל און דאָ האָט אַלעס געגלענצט פון דער בעגיל־טונג און פון די בונטע פאַרבען.

א היבשע צייט איז געווען שטיל אין קלויסטער, די שטיל־קייט האָט זיך נור איבערגעריסען פון׳ם אָפּהוסטען זיך פון מאַנכע ארעסטאַנטען, פון דעם געוויין פון א קליין קינד און פון דעם קלינגען פון די קייטען אויף די פיס.

נור אָט האָט זיך בעמערקט א בעוועגונג צווישען די ארעס־טאַנטען וואָס זיינען געשטאַנען אין מיטען קלויסטער; זיי האָ־בען זיך אָבגערוקט צוביידע זייטען און געמאַכט א ווארע פאַר דעם סמאָטריטעל, וועלכער איז איצט אָנגעקומען און איז דורכ־געגאַנגען ביז צום אויבען אָן.

די גאָטעס־דיענסט האָט זיך אָנגעפאַנגען.

39.

נעכלודאָוו איז זעהר פריה ארויסגעפאָהרען פון דער היים. אין געסעל איז נאָך ערשט ארומגעפאָהרען א פויערשער וואָגען, און דער פויער האָט געשריען אין דערהויך:

— מילך, מילך, מילך!

דאָס איז געווען ערשט דער צווייטער ווארימער פריהלינגס־טאָג. אומעטום, וואו נור די גאַס איז ניט געווען ברוקירט, האָ־בען אָנגעפאַנגען ארויסצושפּראָצען גרינע גרעזעלעך; אויף די בעריאָזעס און אין די גאַרטענס האָט זיך געזעהען דער גרינער פוך, אויף די ווילדע קאַרשענבוימער האָבען זיך שוין ארויסגעווי־

קעלט בלעטער און אין די מאגאזינען און די הייזער האָט מען ארויסגענומען און געוואשען די דאבעל־פענסטער.

אויפ'ן מארק, פערביי וועלכען נעבלודאָוו'ן איז אויסגעקומען דורכצופאָהרען, האָט געהאלטען אין איין בעוועגען זיך א גאנצע מחנה מענשען ארום דער לאנגער רייהע פון פאלאטקעס. עס זיינען צווישען זיי ארומגעגאנגען פיעלע אָבגעריסענע מענשען מאנכע מיט שטיוועל אונטער די פאכוועס און אנדערע מיט הוי־זען אריבערגעוואָרפען איבער'ן פלייצע.

לעבען די טראקטירען האָבען זיך שוין געשטויסען פאבריק ארבייטער, וועלכע האָבען היינט ניט געדארפט געהן צו דער אר־בייט. מאנכע אין נייע פאָדדיאָוועקעס און גלאנציגע שטיוועל; פרויען אין פארביגע קליידער מיט זיידענע בונט־פארביגע טיכ־לעך אויף די קעפּ.

די פאָליציייסקע זיינען געשטאנען אויף זייערע פלעצער אויסגעפוצט מיט די געלע שנורען פון זייערע פיסטאָלעטען; אויף די טראָטוארען און לעבען די גערטלעך האָבען געשפּיעלט קינדער און הינדלעך און די פרעהליכע ניאנקעס האָבען געפּלוי־דערט אין דער הויף זיצענדיג אויף די ביינקלעך.

פון אלע זייטען האָט זיך געטראָגען דער טויבענדער קלינגען פון די קירכען־גלאָקען, וועלכע האָבען גערופען דעם עולם צו גאָ־טעס־דיענסט אויף אזא מין אופן, ווי עס ווערט געפּראוועט אין דער קירכע פון אסטראָג. און יעדערער איז געגאנגען אין זיין שוהלכעל.

דער איזוואָזטשיק האָט געבראכט צו פיהרען נעכלודאָוו'ן ניט צום סאמע אסטראָג, נור צו דער געסעלע, וועלכע פיהרט צו צום אסטראג.

דאָ, נאָהענט פון אסטראג, זיינען אין געסעלע געשטאנען שוין מענשען, מענער און פרויען, און האָבען געווארט, מעהרסטע פון זיי האָבען געטראָגען קלומיקלעך.

צו דער רעכטער זייט זיינען געווען נידריגע הילצערנע גע־

ביידעס, פון דער לינקער זייט א צוויי עטאזשנע הויז מיט א שילד.

די גרויסע געמויערטע פינסטערע געביידע פון אסטראָג איז געווען א ביסעל ווייטער און אהין נאָהענט האָט מען קיין מענשען ניט צוגעלאָזען.

דער וואך־סאָלדאט מיט'ן ביקס אויפ'ן פּלייצע איז געגאנגען הין און צוריק, אויף איין און דעם זעלבען וועגעלע, לעבען וואנד פון אָסטראָג און האָט אָפּטמאָל אויסגעשריען צו די, וועלכע האָבען זיך גערוקט צו נאָהענט, זיי זאָלען אָפּטרעטען.

לעבען טויער פון דער הילצערנער געביידע, אנטקעגען דעם סאָלדאט, איז געזעסען אויף א ביינקעל דער נאדזיראטעל אין א מונדיר מיט גאלונעס און האָט געהאלטען א נאָטיץ־ביכעל אין האנד. צו איהם זיינען צוגעגאנגען די בעזוכער און האָבען אָנ־געגעבען די פאמיליען פון די, מיט וועמען זיי זיינען געקומען זעהען זיך און ער האָט פערשריבען.

נעכליודאָוו איז אויך אונטערגעגאנגען און האָט געזאָגט, אז ער איז געקומען זעהען זיך מיט קאטערינא מאסלאָווא.

ווארום לאָזט מען נאָך ניט אריין? — האָט נעכליודאָוו א פרעג געטאָהן.

— עס האָט זיך נאָך ניט געענדיגט די גאָטעס־דינסט. ווי עס וועט זיך ענדיגען וועט מען אָנהויבען אריינלאָזען.

נעכליודאָוו האָט אָפּגעטראָטען צו די איבעריגע ווארטענדע. פון דעם געדיכטען עולם האָט זיך אָפּגעטהיילט איינער אין אָפּ־געריסענע קליידער און צודריקטען הוט, מיט צוריסענע שיך אויף די נאקעטע פיס, דאָס געזיכט מיט רויטע גרויסע פלעקען; ער איז געגאנגען צום אסטראָג.

— וואוהין קריכסטו?—האָט א געשריי געטהאָן דער וואך־סאָלדאט מיט'ן ביקס.

— און דו, וואָס מאכסטו אזעלכע קולות? — האָט געענט־פערט דער טרעמפּ און ער האָט זיך געקעהרט צוריק: — לאָזט

ניט, נו, וועל איך ווארטען. אָבער ס'אר אַ געשריי ער מאכט, אקוראט ווי אַ יענעראַל.

דער ווארטענדער עולם האָט זיך אין דערהויף צולאכט. די בעזוכער זיינען געווען מעהרסטענטהיילס מענשען ארעמע, אין צוריסענע קליידער; עס זיינען געווען נור אייניגע שעהן אָנגעטאָהן.

לעבען נעבליודאָוו'ן איז געשטאַנען אַ שעהן־געקליידעטער הערר, גלאַט ראַזירט, אַ פולעס, רונדעס געזיכט און ער האָט גע־טראָגען אַ קלומיקעל, הפנים מיט וועש, אין האַנד.

נעבליודאָוו האָט איהם אַ פרעג געטאָהן אויב ער איז דאָס ערשטע מאָהל דאָ. דער עלעגאַנטער הערר האָט געענטפערט, אַז ער איז דאָ יעדע וואָך, און זיי האָבען פערפיהרט אַ שמועס.

דער גלאַט־ראַזירטער הערר איז געווען אַ שווייצאר פון אַ באַנק; ער איז דאָס געווען בעזוכען זיינעם אַ ברודער, וועלכען מען האָט גע'משפט פאַר פעלשונג.

דער אָפענהערציגער שווייצאר האָט דערצעהלט נעבליודאָוו'ן זיין גאַנצע געשיכטע און האָט שוין געהאַלטען אין פרעגען נעבליו־דאָוו'ן פון זיין צד אויך זיין געשיכטע, צו וועמען ער קומט דאָ און וועגען וואָס, אָבער אין דער צייט איז צוגעפאָהרען ראַשיג אַ שיינע קאַרעטע, און פון איהר זיינען ארויס אַ סטודענט און אַ פערשלייערטע דאַמע.

דער סטודענט האָט געטראָגען אין האַנד אַ גרויסען פאַק. ער איז צוגעגאַנגען צו נעבליודאָוו'ן און האָט איהם אַ פרעג גע־טאָהן צו איז ערלויבט דערלאַנגען די ארעסטאַנטען נדבות און ווי אַזוי מען קען צו זיי צוקומען.

„דאָס איז מיין כלה, זי האָט געוואָלט ניט אַנדערש מיר זאָלען טאָהן אַ וועלכע עס איז וואָהלטהעטיגקייט היינט, אין דעם טאָג פון אונזער האָכצייט, און מיינע עלטערען האָבען אונז געראַטהען, מיר זאָלען אוועקפיהרען צוקער־געבעקס צו די אָרימע ארעסטאַנ־טען", האָט דער סטודענט הערציילט נעבליודאָוו'ן.

— איך בין אליין דאָס ערשטע מאָל, — האָט נעבליודאָוו

געענטפערט דעם יונגען סטודענט,—אָבער איך דיינק, אז איהר מוזט זיך ווענדען צו דעם נאדזיראטעל, און ער האָט איהם אָנגעציינט אויף דעם בעאמטען, וועלכער איז געזעסען לעבען טויער.

אונטערדעסען, ווי נעכליודאָוו האָט דאָ גערעדט מיט'ן סטודענט, האָבען זיך פאנאנדערגעעפענט די אייזערנע טויערן פון אסטראָג און פון זיי איז ארויסגעגאנגען אַן אָפיציער מיט אַן אויפזעהער. דער לעצטער האָט געמעלדעט, אז מען פאנגט אָן ארייצולאָזען די בעזוכער.

דער וואך־סאָלדאט מיט'ן ביקס האָט זיך אָפּגערוקט אָן א זייט און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען שפּארען צום טויער, אזוי ווי יעדער וואָלט מורא האָבען ער זאָל עפּעס ניט פערשפּעטיגען; מאנכע זיינען זאָגאר געלאָפען שנעל.

אין טיהר פון אסטראג איז געשטאנען אַן אויפזעהער און האָט געצעהלט אויפ'ן קול די מענשען, וועלכע זיינען ארייגעגאנגען: זעכצעהן, זיבצעהן א. ז. וו.

אַן אנדער אויפזעהער, אין קאָרידאָר, האָט מיט זיין האנד א טאפּ געטאָן יעדען און האָט אויך געצעהלט, וועהרענד די בעזוכער זיינען אריין אין א צווייטע טיהר.

דאָס זיינען פארזיכטס־מאסרעגעלן אום צו וויסען, נאכדעם ווי מען צעהלט איבער די ארויסגייענדע, אויב אימיצער איז ניט פערבליבען אָדער אויב אן איבעריגער איז ניט ארויסגעגאנגען.

דער צעהלער האָט ניט געקוקט ווער עס גייט פארביי און ער האָט צייליענדיג נעכליודאָוו'ן אויך געגעבען איהם א פּאטש איבער'ן פּלייצע; נעכליודאָוו האָט אין דעם אויגענבליק דערפיהלט א טיעפע בעליידיגונג, אָבער ער האָט זיך באלד דערמאָנט נאָך וואָס ער איז אהער געקומען, און איהם איז פערדריסליך געוואָרען אפילו פאר דיזען געפיהל פון אונצופרידענהייט און בעליידיגונג, וועלכע האָט זיך אין איהם ערוועקט.

ביי דעם ערשטען ארייגאנג איז געווען א גרויסער, ברייטער צימער מיט אייזערנע גראטעס אויף די קליינע פענסטער. אין א

ווינקעל פון דיזען צימער איז געשטאנען דאס בילד פון געקרייצ־טען.

נעכליודאָוו איז געגאנגען מיט שטילע שריט, דורכלאָזענדיג פריהער די בעזוכער וועלכע האָבען זיך געשטויסען איילענדיג. אין איהם האָבען זיך ערוועקט פערשיעדענע געפיהלען; עפּעס א מין פחד פאר די פערברעכער, וועלכע זיינען דאָ איינגעשפּארט, און מיטלייד צו די אונשולדיגע, וועלכע עס קומט אויס דאָ אומ־זיסט צו ליידען, אזוי ווי דער אינגעל, וועלכען מען האָט נעכטען געאורטהיילט, און ווי קאטיושא.

ער האָט געפיהלט זיך קינדעריש און אראָפּגעפאלען, ווען ער האָט געטראכט וועגען דער בעגעגעניס, וועלכע ער ערווארט דאָ. ווען ער איז דורכגעגאנגען דעם ערשטען צימער און איז שוין גע־ווען ביים שוועל פון דער צווייטער טיהר, האָט דער אויפזעהער איהם עפּעס א זאָג געטאָהן. נעכליודאָוו איז אָבער געווען אזוי פערטיעפט אין זיינע געדאנקען, אז ער האָט ניט געהערט וואָס דיזער האָט געזאָגט, און האָט פאָרטגעזעצט צו געהן ווייטער מיט אלע בעזוכער. ער איז פערגאנגען אין דער מענער־אבטהיילונג אנשטאָט וואָס ער האָט געדארפט געהן אין דער פרויען־אבטהיילונג.

דורכלאָזענדיג פאָראויס די, וועלכע האָבען זיך געאיילט שטארק, איז איהם אויסגעקומען אריינצוגעהן דער לעצטער אין דעם צימער, וואו עס קומט פאָר דאָס זעהען זיך מיט די ארעס־טאנטען.

דאָס ערשטע, וואָס עס האָט איהם איבערראשט אין דיזען צימער, איז געווען דער בעטויבענדער, צומישטער געשריי פון הונ־דערטער שטימען, וועלכע האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין טומעל.

ער האָט פערשטאנען דיזען ליארם נאָר ווען ער איז צוגעגאנגען נעהנטער צו דער וואנט, ווי א נעץ פון דראָט, צו וועלכע די בעזוכער זיינען צוגעפאלען ווי פליגען בעפאלען צוקער.

דער צימער איז געווען געטהיילט אין העלפט, נור ניט מיט

איין נעץ־וואנט פון דראָט, זאָנדערן מיט צוויי אזעלכע ווענט, וועל־כע זיינען געווען פון דער ערד ביז'ן באַלקען.

צווישען דיעזע צוויי דראָטענע ווענט זיינען ארומגעגאנגען די אויפזעהער. אויף יענער זייט פון די נעץ־וועגד זיינען געשטאנען די ארעסטאנטען, פון דער זייט די בעזוכער.

צווישען די בעזוכער און די ארעסטאנטען זיינען אלזאָ געווען צוויי ווענט און א שטח פון אונגעפעהר 3 ארשין; איבערגעבען וואָס די ארעסטאנטען, איז געווען נאטירליך אונמעגליך, אָבער אפילו גוט זעהן דאָס געזיכט פון דעם פערזאָן, מיט וועלכער מען גארט צו זעהען זיך, איז, ווענינגסטענס פאר א קורצזיכטיגען, אויך געווען אונמעגליך.

עס איז געווען זעהר שווער אויך צונויפצוריידען זיך. מען האָט געדארפט שרייען מיט אלע כוחות אום מען זאָל הינטער דער צווייטער ווענטעל הערען און איבער אלעמענס געשריי האָט מען ערשט גאָרנישט געקענט פערשטעהן.

פון ביידע זייטען האָבען זיך נור געזעהען געזיכטער צוגע־דריקטע צו די נעצען־וועגט: מוטערס, פאָטערס, קינדער, ברידער, שוועסטער, וועלכע האָבען זיך אָנגעשטרענגט צו זעהען בעסער איינער דעם צווייטען און זאָגען, דערצעהלען איינער דעם אנדערען דאָס וואָס איז אזוי נויטיג.

יעדערער האָט זיך אָבער געגעבען די מיהע צו ריידען אזוי, אז זיינער זאָל איהם זיכער הערען און דארום האָט ער געמוזט זעהען איבערשרייען דעם צווייטען; דער צווייטער האָט אויך געוואָלט דאָס זעלביגע און זייערע שרייענדע שטימען האָבען נור איבערגעשלאָגען איינער דעם אנדערן.

אָט דאָס איז געווען דער געפילדער, וועלכער האָט אזוי איבערראשט נעכליודאָוו'ן, גלייך ווי ער איז אריין אין צימער.

פערשטעהן, וואָס ווער עס האָט גערעדט איז געווען כמעט אונמעגליך. מען האָט נור געקענט פון דעם אויסדרוק פון די געזיכטער אורטהיילען איבער די בעציהונגען פון די צוזאמען־שפרעכענדע און זייערע פערלאנגען.

נאָהענט צו נעבליודאָוו׳ן איז געשטאַנען אַן אַלטינקע, מיט א טיכעל אויפ׳ן קאָפּ; זי האָט צוגעפּרעסט איהר קאָפּ צום דראָט־נעץ און איהר מאָרדע האָט זיך געשאָקעלט פון אַלטקייט; זי האָט געשריען, ווי הויך זי האָט געקענט צו א בלייכען, מאָגערען יונגען מאַן מיט א האלב־אָפּגעגאָלטען קאָפּ. דער ארעסטאַנט האָט זיך אויפמערקזאם איינגעהערט מיט א פערקנייטשטען שטערן און הויך אויפגעהויבענע ברעמען.

לעבען דער אַלטינקער איז געשטאַנען א יונגער מענש אין א פּאדדיאָווקע, וועלכער האָט זיך צוגעהערט, צושאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ צו דעם, וואָס אַן ארעסטאַנט מיט אַן אויסגעמאַטערטען געזיכט, אַן עהנליכער צו איהם, האָט צו איהם געשריען פון יענער זייט וואנד.

אביסעל ווייטער איז געשטאַנען א׳ן אָפּגעריסענער, מיט צו־קודעלטע האָר, האָט געמאכט מיט די הענד, האָט געשריען און צולאכט זיך. און לעבען דיזען ווידער איז געזעסען אויף דער ערד א פרוי מיט א קינד אויפ׳ן האנד און האָט געכליפּעט אין דער הויך.

עס איז קענטיג געוועזן, אז זי האָט דאָס ערשטע מאָהל בע־זוכט יענעם אַלטען גרייז־גרויען מאַן, וועלכער איז געשטאַנען פון דער צווייטער זייט אין ארעסטאַנטסקע קליידער מיט א האלב־געגאָלטען קאָפּ.

איבער איהר איז געשטאַנען איבערגעבויגען דער שווייצאר, וועלכער האָט זיך פריהער לעבען טויער צורעדט מיט נעבליודאָוו׳ן, און האָט געשריען עפּעס מיט אַלע כוחות צו א פלעשיווען ארעס־טאַנט מיט גלאַנציגע אויגען.

נעבליודאָוו איז א מינוט פינף געשטאַנען אין דיזען צימער, פיהלענדיג אַזאַ זאָנדערבאר־צומישטעם געפיהל פון פערדרוס, קריינקונג און בעוואוסטזיין פון דער אייגענער מאַכטלאָזיגקייט, און פערדריסליכקייט אויף דער גאַנצער וועלט.

40.

— נון, איך מוז דאָך טאָהן דאָס, נאָך וואָס איך בין אהער געקומען, — האָט ער געזאָגט צו זיך אליין, מאכענדיג זיך מוטה. אָבער ווי טהוט מען ?

ער האָט אָנגעהויבען מיט די אויגען צו זוכען א בעאמטען און, דערזעהענדיג א ניעדריגען, מאָגערען מענשען אין א מונדיר, וועלכער איז ארומגעגאנגען הין און צוריק צווישען די בעזוכער, האָט ער זיך צו איהם געווענדעט.

— קענט איהר מיר, ליעבער הערר, פיעלייכט זאָגען, וואו עס האלטען זיך אויף די פרויען ארעסטאנטקעס, מיט וועלכע עס איז ערלויבט צו זעהען זיך ?

— דארפט איהר דען אין דער פרויען־אבטהיילונג ?

— יאָ, איך האָב געוואָלט זעהן א פרוי, אן ארעסטאנטקע, — האָט מיט אנגעשטרענגטער העפליכקייט געענטפערט נעכליודאָוו.

— האָט איהר דאָך דאָס געדארפט זאָגען דאן, ווען איהר זייט אריינגעגאנגען אין ערשטען צימער, וואו אלע ווערען אריינגעלאָזען צוערשט.

נעכלודאָוו האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— וועמען ווילט איהר זעהען ?

— איך דארף זעהען יעקאטערינא מאסלאָווא.

— זי איז א פעראורטהיילטע שוין ?

— יאָ, ערשט פאָרגעסטערן האָט מען זי פעראורטהיילט, — האָט ווייך געענטפערט נעכליודאָוו, האָבענדיג מורא, ער זאָל ניט בייז מאכען דיזען אויפזעהער, וועלכער קען איהם העלפען.

— אויב איהר דארפט אין דער פרויען־אבטהיילונג, זאָ זייט אזוי גוט און געהט אריין אהער, — האָט געזאָגט דער אויפזעהער, וועלכער האָט געאורטהיילט נאָך נעכליודאָוו׳ס קליידער, אז מען מעג איהם טאָהן א טובה.

— סידאָראָוו ! — האָט דער אויפזעהער א רוף געטאָהן דעם אונטער־אָפיציער, — פיהר זיי אריין אין דער פרויען־אבטהיילונג.

— גלייך! — האָט געהאָרכזאם דיזער געענטפערט.

אין דיזער צייט האָט זיך דערהערט לעבען וואנד־נעץ הערצ־רייסענדע קולות, אימיצער האָט אזוי ביטער געוויינט און געטענה'ט.

נעבליודאָוו'ן האָט דאָס אלעס אויסגעזעהען אזוי זאָנדערבאר, און זאָנדערבארער פון אלעס דאָס, וואָס ער דארף נאָך דאנקען און פיהלען זיך נאָך פערפפליכטעט פאר די טובות, וואָס דער סמאָט־ריטעל און דער אויפזעהער טהוען איהם.

דער אויפזעהער האָט איהם ארויסגעפיהרט פון דער מענער־אבטהיילונג אין א קאָרידאָר, און פון דאָרט אקוראט אין דער אנטקעגען טיהר, אין דער פרויען־אבטהיילונג, וואו עס זיינען אויך געווען בעזוכער.

דיזער צימער איז געווען, גראדע ווי דער מענער־צימער, צוטהיילט אין דריי טהייל, אָבגעצאמט מיט די צוויי נעץ־ווענד, אין מיטען פון וועלכע עס איז ארומגעגאנגען אן אויפזעהערקע, אָבער דיזער צימער איז געווען א קלענערער, און די בעזוכער זיי־נען אויך געווען ווייניגער אלס אין מענער־צימער.

די אויפזעהערקע, וועלכע איז ארומגעגאנגען צווישען די נעץ־ווענד, איז געווען אָנגעטאָהן אין א מונדיר מיט גאלונעס אויפ'ן קראגען און אויף די ברעגען פון די ארבעל, אזוי ווי ביי די מענער אויפזעהער.

פונקט אזוי ווי אין דער מענער־אבטהיילונג זיינען דאָ צו די נעצען צוגעדריקט געוואָרען געזיכטער פון די בעזוכער פון דער זייט און פון די ארעסטאנטקעס פון דער אנדער זייט.

די גאנצע וואנד איז געווען געדיכט פערשטעלט מיט מענשען. מאנכע האָבען זיך אונטערגעבויגען, אנדערע זיינען גאָר געזעסען אויף דער ערד און האָבען אזוי גערעדט.

מעהר פון אלע אנדערע ארעסטאנטקעס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען איין ציגיינערין־ארעסטאנטקע, א מאָגערע מיט צו־קודלעטע האָאר; זי איז געשטאנען בייגאהע אין מיטען צימער פון יענער זייט און האָט גערעדט, מאכענדיג פעסט מיט די הענד,

שרייענדיג צו א ציגיינער פון דיזער זייט, וועלכער איז געגאנגען אנגעטאהן אין א בלויען סורטוק.

לעבען ציגיינער איז געזעסען אויף דער ערד א סאלדאט און האט גערעדט מיט אן ארעסטאנטקע, וויטער איז געשטאנען אנ־געשפארט מיט'ן קאפ אן נעץ א בלאנדער יונגער פויער מיט א רויטעם געזיכט — ער האט זיך קוים געקענט איינהאלטען פון וויינען.

מיט איהם האט גערעדט א שעהנע, ליעבליכע בלאנדע ארעס־טאנטקע, מיט בלויע אויגען, וועלכע האבען געקוקט אויף דעם יונגען פויער. דאס איז געווען פעדאסיא מיט איהר מאן. לעבען זיי איז געשטאנען אן אפגעריסענער קבצן און האט גערעדט צו אן ארעסטאנטקע מיט א פלאציגען פנים.

מאסלאווא האט זיך ניט געזעהען צווישען די ארעסטאנטקעס. אבער הינטער די ארעסטאנטקעס, פון יענער זייט, איז געשטאנען נאך א פרויענצימער, און נעכליודאוו האט גלייך א טראכט גע־טאהן, אז דאס מוז זיין זי און ער האט גלייך דערפיהלט, אז דאס הארץ האט אנגעהויבען שטארק צו קלאפען און ער האט פערלא־רען דעם אטהעם.

עס איז אנגעקומען דער ענטשלאסענער מאמענט. ער איז צוגעגאנגען צום נעטץ־וואנד און האט זיך צוגעקוקט, ער האט דערקענט קאטיושא. זי איז געשטאנען הינטער דער בלוי־אויגיגער פעדאסיא און שמייכלענדיג האט זי זיך צוגעהערט צו וואס יענע האט גערעדט מיט איהר מאן.

זי איז איצט ניט געווען אנגעטאהן אין א כאלאט, אזוי ווי אין געריכט, נור אין א ווייסען יאקעל, אונטערגעגארטעלט ענג מיט א פאס. פון אונטער איהר קאפ־טיכעל האבען זיך געזעהען איהרע געדיכטע שווארצע האאר.

— יעצט קומט עס, — האט נעכליודאוו א טראכט געטאהן,
— ווי, זאל איך זי אנרופען? אדער וועט זי אליין צוגיין?
אבער זי איז אליין ניט צוגעגאנגען. זי האט גאר ערווארט,

אז קלאַרא וועט קומען זי בעזוכען און האָט ניט גערדיינקט, אז דיזער מאַנספּערזאָן וויל זיך דאָס זעהען מיט איהר.

— ווּעמען דאַרפט איהר? — האָט אַ פרעג געטאָהן די נאַדזיראַטעלניצע, אונטערגעהענדיג צו נעבליודאָוו'ן.

— קאַטערינאַ מאַסלאָווא, — האָט קוים געקענט אַרויסרייי־דען נעבליודאָוו.

— מאַסלאָווא, צו דיר! — האָט אַ געשריי געטאָהן די נאַדזיראַטעלניצע.

מאַסלאָווא האָט זיך אומגעקוקט און, אַ הויב טאָהנדיג דעם קאָפּ און אויסשטעלענדיג די ברוסט איז זי צוגעגאַנגען נעהנטער צום נעץ־וואַנד, דורכשטופּענדיג זיך צווישען צוויי אַרעסטאַנט־קעס; זי האָט אויסגעשטעלט אויף נעבליודאָוו'ן איהרע אויגען מיט אַ פערוואונדערטען־פראַגליכען בליק, ניט דערקענענדיג איהם.

זעהענדיג אָבער פון זיין קליידונג אז דאָס איז אַ רייכער מאַן, האָט זי צוגעשמייכעלט.

— איהר דאַרפט דאָס מיך? — האָט זי געזאָגט צורוקענ־דיג צו דער דראָטענער נעץ איהר שמייכלענדען פּנים מיט די קרומליכע אויגען.

— איך האָב געוואָלט זעהען... — נעבליודאָוו האָט ניט גע־וואוסט ווי צו זאָגען: „אייך“ אָדער „דיך“, און האָט בעשלאָסען צו זאָגען „אייך“. ער האָט גערעדט ניט העכער פון געוועהנליך; — איך האָב געוואָלט זעהען אייך... איך...

— ניט פּאַררייד מיר די ציינער, — האָט לעבען איהם געשריען דער מאַן אין צוריסענע קליידער, — דו זאָג בע־סער, האָסטו גענומען אָדער ניט גענומען?

— מען זאָגט דאָך דיר, אז ער שטאַרבט, — האָט עפּעס גע־שריען אַן אַנדערער ענטפּערענדיג אימיצען פון דער זייט.

מאַסלאָווא האָט איבער דעם געשריי ניט געקענט הערען וואָס נעבליודאָוו האָט גערעדט. נור דער אויסדרוק פון זיין פּנים האָט איהר פּלוצלונג עראינערט וועגען איהם. זי האָט אָבער זיך אַליין דאָס ניט געגלויבט. דער שמייכעל איז אָבער פערשוואונ־

דען פון איהר פּנים און איהר שטערען האָט זיך אָנגעהויבען צו קנייטשען יסורים'דיג.

— מען קען ניט הערען וואָס איהר רעדט, — האָט זי א געשריי געטאָהן און איהר שטערן האָט זיך נאָך מעהר געקנייטשט.

— איך בין געקומען....

„איך טהו איצט דאָס וואָס מען דאַרף טאָהן, איך טהו תשובה" האָט א טראכט געטאָהן נעכליודאָוו. און ווי נאָר ער האָט אזוי א טראכט געטאָהן, האָבען טרערען אָנגעקומען אין זיינע אויגען, האָבען געשטיקט אין האַלז, און אָנהאַלטענדיג זיך מיט די פינגער פאַר די געפלאָכטענע דראָט, איז ער ענטשוויגען געוואָרען, מאכענדיג אן אנשטריינגונג ניט צו צואויינען זיך.

זעהענדיג זיין צוטראָגענהייט האָט איהם שוין מאסלאָווא דערקענט.

— עהנליך. אָבער איך דערקען ניט, — האָט זי אָנגעהויבען שרייען ניט קוקענדיג אויף איהם. איהר פּנים איז רויט געוואָרען און געוואָרען פינסטערער.

— איך בין געקומען בעטען דיך אום פערצייהונג, — האָט ער א געשריי געטאָהן אין דער הויך, אזוי ווי אן איינגעשטודירטען זאַץ.

און אויסשרייענדיג די ווערטער איז ער פארשעהמט געוואָרען און האָט זיך אומגעקוקט. אָבער באַלד איז איהם ארויף דער געדאַנק, אז אויב ער פיהלט פארשעהמט איז עס בעסער, ווייל ער האָט פאַר וואָס צו שעהמען זיך. און ער האָט אויפ'ן קול גערעדט ווייטער:

— פערצייהע מיר; איך בין שרעקליך אונגערעכט געגען...

זי איז געשטאַנען אונבעוועגליך און האָט ניט אראָבגעלאָזען פון איהם איהר קרומליכען בליק.

ער האָט ווייטער ניט געקענט ריידען און איז אָבגעטראָטען פון דער דראָטענער נעץ, איינהאַלטענדיג זיך מיט גרויס מיה ניט צו צוכליפּען זיך.

אין דיעזער צייט איז דער סמאָטריטעל אריינגעקומען אין

דער פרויען־אבטיילונג; ער האָט זיך, קענטיג, פעראינטערעסירט מיט איהם. ער איז אריינגעקומען און דערזעהענדיג נעכלודאָוו'ן ניט לעבען דעם נעץ־וואנד האָט ער איהם א פרעג געטאָהן פאר וואָס ער רעדט ניט מיט דער, מיט וועמען ער האָט געוואָלט ריידען.

נעכליודאָוו האָט זיך צורעכט געמאכט, אָננעהמענדיג א רו־היגען אויסזעהען, און האָט געענטפערט:

— איך קען ניט ריידען דורך דעם דראָט־נעץ, מען הערט גאָרנישט.

דער סמאטריטעל האָט א טראכט געטאָהן.

— נו, קען מען זי אהער אריינברייננגען אויף א ווייל'ע.

— מאריא קארלאָוונא, — האָט ער זיך א ווענד געטאָהן צו דער נאדזיראטעלניצע, — פיהרט ארויס אהער מאסלאָווא.

41.

אין א מינוט ארום איז פון א זייטען־טיהר אריינגעקומען מאסלאָווא. צוגעהענדיג מיט ווייכע טריט גלייך צו נעכליודאָוו'ען, האָט זי זיך אָבגעשטעלט און האָט פון אונטערן שטערען א קוק געטאָהן אויף איהם. איהרע שווארצע האָאר האָבען איצט אויך, ווי פאָרגעסטערן, ארויסגעשלאָגען זיך פון אונטערן טיכעל אין געגרייזעלטע רינגלעך, דער פנים אונגעזונד, אָנגעבלאָזען און וויס, איז געוועזן ליעבליך און רוהיג; נור די גלאנציג־שווארצע קרומלעכע אויגען פון אונטער די געשוואָלענע ברעמען האָבען בעזאנדערס געגלאנצט.

— איהר קענט דאָ ריידען, — האָט געזאָגט דער סמאטרי־טעל און איז אָבגעגאנגען אָן א זייט. נעכליודאָוו האָט זיך צוגע־רוקט צום באנק, וואָס איז געשטאנען נעבען וואנד.

מאסלאָווא האָט מיט א פרעגענדען בליק א קוק געטאָהן אויף דעם געהילפס־אויפזעהער, און דערנאָך איז זי צוגעגאנגען נאָך נע־כליודאָוו'ען צום באנק און האָט זיך געזעצט לעבען איהם, צורעכט מאכענדיג איהר קלייד.

— איך ווייס, אז אייך איז שווער מיר מוחל צו זיין, — האָט אָנגעהויבען נעכליוּדאָוו, נור ער האָט זיך ווידער אָבגעשטעלט אין מיטען, פיהלענדיג אז טרעהרען שטערען איהם, — נור אויב מען קען אפילו ניט פערריכטען דאָס פערגאנגענע, וועל איך איצט טאָהן אלעס וואָס איך קען. זאָגט...

— ווי אזוי האָט איהר דאָס מיך געפונען? — האָט זי א פרעג געטאָהן ניט ענטפערענדיג אויף זיין פראגע, און האָט גע־קוקט און ניט געקוקט אויף איהם אין דערזעלבער צייט מיט איהרע קרומע אויגען.

„מיין גאָט! העלף מיר. לעהרען מיך, וואָס איך זאָל טאָהן", האָט צו זיך אליין גערעדט נעכליודאָוו, קוקענדיג אויף איהר פארענדערטען און איצט שוין ניט מעהר שעהנעם פנים.

— איך בין פאָרגעסטערן געווען א געשוואָרענער, — האָט ער אָנגעהויבען, — ווען מען האָט אייך גע'משפט. האָט איהר מיך ניט דערקענט?

— ניין, ניט דערקענט. ווען האָב איך צייט געהאט צו דערקענען? און ווער האָט דאָס דען געקוקט, — האָט זי גע־ענטפערט.

—עס איז דאָך געווען א קינד? — האָט ער א פרעג גע־טאָהן און האָט דערפיהלט ווי זיין פנים איז געוואָרען רויט.

— נאָך דעמאָלט דאנקען גאָט געשטארבען, — האָט זי קורץ און בייזלעך געענטפערט, אבקעהרענדיג פון איהם איהר בליק.

— ווי אזוי, פון וואָס?

— איך בין אליין קראנק געווען, שיעור ניט געשטאָרבען, — האָט זי געזאָגט ניט אויפהויבענדיג די אויגען.

— ווי אזוי האָבען אייך די טאנטעס אוועקגעלאָזען?

— ווער וועט דאָס דען האלטען א קאמערמעדכען מיט א קינד? ווי זיי האָבען דאָס באמערקט, האָבען זיי ארויסגעטריבען. נאָר וואָס איז דאָ צו ריידען, — איך געדענק גארנישט, האָב אלעס פארגעסען. יענעס איז שוין לאנג פערביי.

— ניין, ניט פערביי. איך קען דאָס אזוי ניט לאָזען. איך וויל לכל הפחות איצט זיך אויסלייזען פון מיין עבירה.

— ניטאָ וואָס אויסצולייזען זיך; וואָס געווען איז געווען און פאַריבער, — האָט זי געזאָגט און, גאנץ אונערוואַרטעט איצט פאַר איהם, האָט זי אויף איהם א קוק געטאָהן רחמנות׳דיג און האָט א שמייכעל געטאָהן אונאנגענעהם און עפּעס אזוי ווי נושא-חן צו זיין ביי איהם.

מאסלאָווא האָט בשום אופן ניט ערוואַרט צו זעהען איהם, בעזונדערס נאָך איצט און דאָ, און דארום האָט דאָס אין דער ערשטער מינוט איהר געצוואונגען צו דערמאָנען זיך וועגען דעם, וועגען וואָס זי האָט זיך קיין מאָהל ניט דערמאָהנט. זי האָט אין דער ערשטער מינוט דערמאָהנט זיך דונקעל וועגען יענער נייער וואונדערליכער וועלט פון געפיהלען און געדאנקען, וועלכע האָט פאַר איהר צועפענט דער שעהנער יונגער מענש, וועלכער האָט זי געליעבט און וועלכען זי האָט געליעבט, און דערנאָך וועגען זיין אונפערשטענדליכע אכזריות און וועגען דער גאנצער סדרה פון ערניעדערונגען, יסורים, וואָס האָבען געפאָלגט נאָך יענעם צויבער-ליכען גליק און וועלכע זיינען געווען א פּועל-יוצא פון גליק. און עס האָט איהר וועה געטאָהן. אָבער אזוי ווי זי איז געווען ביכולת צו צונעהמען דאָס אלעס, האָט זי איצט אויך געטאָהן ווי זי פלעגט טאָהן תמיד: זי האָט פערטריבען פון זיך דיזע ערא-נערונגען און האָט געזוכט אין איהר זכרון צו פארדעקען זיי מיט דער בעזונדער טומאנער דעקע פון דעם צולאָזענעם לעבען. אזוי האָט זי אויך איצט געטאָהן. אין דער ערשטער מינוט האָט זי פעראייניגט דעם מאן, וועלכער איז לעבען איהר איצט געזעסען מיט יענעם יונגען, וועלכען זי האָט אמאָל געליעבט, נור דערנאָך, דערזעהענדיג, אז דאָס טהוט צו שטארק וועה, האָט זי אויפגעהערט צו פערבינדען איהם מיט יענעם.

איצט איז פאַר איהר דיזער עלעגאנט-געקליידעטער הערר מיט דער פערפוצטער בערדעל געווען ניט י ע נ ע ר

נעכליודאָוו, וועלכען זי האָט געליעבט, זאַנדערן איינער פון די מענשען, וועלכע האָבען הנאה געהאט פון איהר קערפּער, וועלכע האָבען אויסגענוצט אזעלכע בעשעפּעניסען, ווי זי איז געוועזן אין דער לעצטער צייט, און וועלכע זיינען אויסגענוצט געוואָרען פון אזעלכע ווי זי איז געוועזן, און דערפאר האָט זי אזוי קאָקעטיש געשמייכעלט צו איהם איצט.

זי האָט געשוויעגען, האָט זיך פערטראכט, ווי בעסער אויס־צונוצען איהם.

— דאָס אלעס איז פערביי, — האָט זי געזאָגט ווידער, — און איצט אָט האָט מען מיך פערוואורטהיילט אויף קאטאָרגע.

איהרע ליפּען האָבען זיך א קרים געטאָהן, ווען זי האָט ארויס־גערעדט דיעזען שרעקליכען וואָרט.

— איך האָב געוואוסט, איך בין געוועזן זיכער, אז איהר זייט אונשולדיג, — האָט געזאָגט נעכליודאָוו.

— געוויס אונשולדיג, וואָס בין איך דען א גנב'טע אָדער א גזלן'טע.

— זיי זאָגען, אז דאָס וועגדעט זיך אלץ אָן דעם אדוואָקאט, — האָט זי געזאָגט ווייטער, — מען זאָגט אז מען דארף ווייטער דערלאנגען א פּראָשעניע, אָבער אז דאָס מוז טהייער, זעהר טהייער קאָסטען . . .

— יא, זיכער, — האָט געענטפערט נעכליודאָוו. — איך האָב שוין זיך בעראטהען מיט אן אדוואָקאט.

— מען דארף ניט זשאלעווען קיין געלד אויף א גוטען אד־וואָקאט, — האָט זי געזאָגט.

איך וועל טאָהן אלעס, וואָס נור מעגליך איז.

ווידער האָבען ביידע געשוויגען.

— און איך האָב אייך געוואָלט בעטען... עטוואָס געלד, אויב איהר קענט... ניט פיעל... א 10 רובעל, — האָט זי פּלוצלינג געזאָגט.

—יא, יא, האָט צוטומעלט געענטפערט נעכלודאָוו,—און האָט א כאפּ געטאָהן זיך פאר זיין טייסטער.

זי האָט שנעל א וואָרף געטאָהן א בליק אויף דעם סמאטרי־טעל, וועלכער איז ארומגעגאנגען הין און צוריק איבער דעם קאמער.

— גיט ניט, ווען ער זעהט, איהר וועט געבען, ווען ער וועט אָבגיין, אז ניט וועט מען ביי מיר אָבנעהמען.

נעכליודאָוו האָט ארויסגענומען דאָס געלד, ווען דער סמאט־ריטעל איז געווען אָן א זייט, ער האָט נאָך אָבער ניט בעוויזען איבערגעבען דאָס איהר, ווי דער סמאטריטעל האָט א קוק גע־טאָהן אויף זיי. ער האָט פערקנייטשט די פאפיער־געלד אין האנד.

„זי איז דאָך א טויטעם פרויענצימער“, — האָט ער איצט א טראכט געטאָהן, קוקענדיג אויף דיעזען געזיכט, וועלכעס איז א מאָל געווען אזוי שעהן, אזוי מילד און איצט איז עס פול און בלאס אזוי ווי א געשוואולס און די אויגען קוקען אזוי שלעכט אמאָל אויף דעם סמאטריטעל און אמאָל אויף נעכליודאָוו׳ס האנד, אין וועלכער ער האלט די צעהנערל.

ער איז א מינוט געווען אין צווייפעל.

דער זעלביגער שטן מקטרג, וועלכער האָט אין איהם לעצטע נאכט גערעדט, האָט איצט ווידער אנגעהויבען צו ריידען אין זיין נשמה און האָט איהם געוואָלט ראטהען, ארויספיהרען איהם פון דיזער עוויגער פראגע, ווי צו טאָהן און וואָס עס איז ניצליכער.

— דו וועסט קיין זאך ניט אויספיהרען מיט דיזע פרויענ־צימער, — האָט דיזע שטימע צו איהם געזאָגט: — וועסט זיך נור ארויפנעהמען א צרה אויפ׳ן קאָפּ, וועסט זיך נור אָנהייננגען א שטיין אויפ׳ן האלז, וועלכער וועט דיך אראָפּשלעפּען און דו וועסט זינקען צום גרונד. דו וועסט ניט פאר זיך, ניט פאר אנ־דערע קענען זיין ניצליך. גיב איהר געלד, דאָס איז אלעס, און דאן זעגענען זיך מיט איהר און ענדיג דאָס איין מאָל פאר אלע מאָל, — האָט זיך איהם געטראכט.

אָבער ער האָט באלד דערפיהלט, אז גראדע איצט, אין דיעזען

מאָמענט קומט פאַר עטוואָס זעהר וויכטיגעס ביי איהם אין האַר־צען, אז זיין גאנצעס אונעהרליכעס לעבען וויגט זיך איצט אויפ'ן וואָגשאָל און מיט איין קליינע אנשטריינגונג קען זיך עס א בויג טאָהן אהין אָדער אהער.

און ער האָט געמאכט דיזע אנשטריינגונג. ער האָט געבעטען יענעם גאָט, וועלכען ער האָט דערפיהלט ביי זיך אין הארצען און דיזער גאָט האָט זיך גלייך אָפּגערופען אויף זיין געבעט.

ער האָט בעשלאָסען גלייך טאקע זאָגען איהר אלעס.

— קאטיושא! איך בין געקומען צו דיר בעטען פערצייהונג, און דו האָסט מיר ניט געענטפערט. ווערסטו פערצייהען מיר א מאָל, — האָט ער אָנגעפאנגען מיט איין מאָל ריידען צו איהר פער ד ו.

זי האָט איהם ניט געהערט און האָט נור געקוקט אויף זיינע הענד אָדער אויף דעם סמאטריטעל. ווען דער סמאטריטעל האָט זיך אָפּגעקעהרט, האָט זי שנעל א ציה געטאָהן איהר האנד צו נעכליודאָוו'ן, האָט א כאפּ געטאָהן די צעהן־רובעלדיגע און האָט אריינגערוקט אין בוזים.

— וואונדערבאר, ווי איהר רעדט, — האָט זי געענטפערט מיט אן אבשטויסענדער מינע, ווי איהם האָט זיך געדוכט.

נעכליודאָוו האָט געפיהלט, אז אין איהר איז עפּעס דאָ צו איהם א מין פיינדשאפט, עטוואָס וואָס פערטהיידיגט זי אליין ביי זיך אין די אויגען, אזא ווי זי איז, און דאָס גיט איהם ניט די מעגליכקייט אריינצוקוקען צו איהר אין הארצען.

אָבער וואונדערבאר, דאָס גופא האָט ניט נור איהם אָפּגע־שטויסען פון איהר, זאָנדערען פערקעהרט, האָט איהם נאָך שטאר־קער צוגעצויגען מיט עפּעס א נייער זאָנדערבארער קראפט.

ער האָט געפיהלט, אז ער מוז זי וועקען מאָראליש, אויפהוי־בען זי, און דאָס איז אזוי שווער, אבער די שווערקייט דערפון האָט איהם גראדע צוגעצויגען. ער האָט צו איהר געפיהלט איצט עטוואָס אזעלכעס, וואָס איז איהם קיין מאָהל אין זיין לעבען פריהער ניט אויסגעקומען צו פיהלען, — א געפיהל אין וועלכען

עס איז ניט געווען קיין פּערזענליכעס: ער האָט פאַר זיך גאָר נישט געוואונשען פון איהר, האָט פאַר זיין בעפריעדיגונג גאָר נישט פערלאַנגט פון איהר; ער האָט נור פערלאַנגט, אַז זי זאָל אויפהערען זיין אזא ווי זי איז יעצט און זאָל ערוואַכען צו זיין אזא ווי זי איז געווען אמאָל.

— קאַטיושא, וואָרום רעדסטו אזוי? איך ווייס דאָך, איך קען דאָך דיך, איך געדיינק דאָך דיך נאָך פון פּאַנאָווא.

אָבער זי האָט זיך ניט אונטערגעגעבען, זי האָט ניט געוואָלט אונטערגעבען זיך.

— וואָס העלפט צו דערמאָהנען דאָס פערגאַנגענע, דאָס געוועזענע, — האָט זי, נאָך מיט אַ שטאַרקערע גרימאַסע, געענטפערט טרוקען.

— איך דערמאָן דאָס דאָרום אום צו פערגלעטען, אויסבעסערען דיין זינד. קאַטיושא, — האָט ער אָנגעהויבען, און האָט איהר שוין געוואָלט צוגלייך זאָגען וועגען זיין בעשלוס זאָגאר צו הייראַטהען מיט איהר, אָבער ער האָט דאָ בעגעגענט איהר בליק און אין דיעזען בליק האָט ער געלעזען עטוואָס גראָבעס און שרעקליכעס, אָבשטויסענדעס, און ער האָט ניט געקענט ענדיגען.

אין דיעזער צייט האָבען שוין די בעזוכער אָנגעהויבען זיך צו פונאַנדערגעהן. דער סמאָטריטעל איז אונטערגעגאַנגען צו נעכליודאָוו'ן און האָט געזאָגט, אַז די צייט פון בעזוך האָט זיך שוין געענדיגט.

מאַסלאָווא איז אויפגעשטאַנען, אונטערטהעניג וואַרטענדיג, ווען מען וועט זי אָפּלאָזען.

— זייט געזונד, איך האָב נאָך אייך פיעלעס צו זאָגען, אָבער, ווי איהר זעהט, איז איצט אונמעגליך, — האָט געזאָגט נעכליודאָוו, און האָט איהר דערלאַנגט די האַנד. — איך וועל נאָך קומען.

— דוכט זיך, איהר האָט אַלעס געזאָגט שוין...

זי האָט אָנגענומען זיין האַנד, האָט זי אָבער ניט אַ דריק געטאָהן.

— ניין, איך וועל זעהען צו בעזוכען אייך נאָך און זעהען זיך פיעליכט מיט אייך אזוי, אז איך זאָל קענען אלעס זאָגען, און איך וועל אייך מיטטיילען עטוואָס וויכטיגעס, וואָס איך מוז אייך מיטטיילען, — האָט געזאָגט נעכליודאָוו.

נו, פאַר וואָס ניט? קומט, — האָט זי געזאָגט און ווידער געשמייכעלט מיט דער זעלבער מינע, מיט וועלכער זי איז געוואָהנט געוואָרען א שמייכעל צו טאָהן צו העררן, אום זיי צו געפעלען.

איהר זייט מיר נעהנטער אלס א שוועסטער, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— וואונדערבאר, — האָט זי ווידער געענטפערט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, און זי איז אוועק אין דער זעלבער טיהרעל, דורך וועלכער מען האָט זי ארייגעלאָזען.

42.

נעכליודאָוו האָט ערוואַרטעט, אז ביי דעם ערשטען מאָל זעהען זיך מיט קאטיושא, ווי נור זי וועט איהם דערקענען, ווי זי וועט נור דערוויסען זיך פון זיינע אבזיכטען צו העלפען איהר און ווי ער האָט חרטה אויף זיינע האנדלונגען געגען איהר, וועט זי זיך ערפרעהען, וועט זאנפט ווערען און וועט ווערען בעגייסטערט, צוריק ווי די אמאָליגע קאטיושא.

צו זיין שרעק, האָט ער אבער דערזעהען, אז קאטיושא איז ניטאָ, און עס איז געוועזען נור פאַר איהם די איצטיגע מאסלאָווא.

דאָס האָט איהם פערוואונדערט און ערשראָקען אין איינע און דערזעלבער צייט.

בעזאָנדערס האָט איהם פערוואונדערט דאָס, וואָס מאסלאָווא האָט זיך גאָר ניט געשעהמט צו זיין אזא ווי זי איז; פערקעהרט, אזוי ווי זי וואָלט עפּעס ווי אויף א צו־להכעיס נאָך שטאָלצירען מיט אזא לאגע.

אמת, דאָס האָט אנדערש גאָר ניט געקענט זיין. אום צו האנדלען אזוי אדער אנדערש, דער מענש רעכענען אזא האנד־

לונג פיר גוט און וויכטיג. און דארום אין וואס פאר א לאגע א מענש זאל ניט זיין, וועט ער זיך אימער רעכטפערטיגען טהוענדיג אזוי אדער אנדערש; ער בעקומט אזא בליק אויף אלעם ארום איהם, וואס זאל איהם בערעכטיגען צו טאהן אזוי ווי ער טהוט און עס זאל ביי איהם אויסקומען, אז זיין האנדלונג איז גוט און וויכטיג.

געוויינליך דיינקט מען, אז א גנב אדער א גזלן, אנערקענענדיג אז זיין פראפעסיאן איז א מיאוסע, דארף ער זיך מיר איהר שעהמען. אין אמת'ן קומט פאר אבער אקוראט פערקעהרט.

ווען מענשען זיינען דורך אומשטענדען אוועקגעשטעלט געווארען אין א בעשטימטער לאגע, ווי דיעזע לאגע זאל ניט זיין שלעכט, פערדארבען, ארבייט זיך ביי זיי אוים אזא בליק אויפ'ן לעבען אין אלגעמיין, נאך וועלכען זיין לאגע קומט ביי איהם אוים פאסענד און גוט.

אום אויפצוהאלטען אזא אנשויאונג, האלטען זיך די מענשען אינסטינקטיוו אין אזא קרייז, פון וועלכען עס ווערען אנערקענט אזעלכע אנשויאונגען וואס פערטהיידיגען אזעלכע האנדלונגען ווי ער טוהט.

אונז וואונדערט דאס, ווען מיר קוקען זיך צו צו גנבים, וועלכע ריהמען זיך מיט זייער פיינע בריה'שקייט, ווען מיר זעהען מערדער, וועלכע ריהמען זיך מיט זייער הארטהערציגקייט. אבער דאס וואונדערט אונז דערפאר, ווייל דער קרייז פון דיעזע מענשען איז אן ענגער און, הויפטזעכליך, ווייל מיר אליין געפינען זיך ניט אין דיעזען קרייז. מיר זיינען פון דרויסען.

אזא אנשויאונג אויף איהר לעבען און אויף איהר לאגע אין דער וועלט, האט זיך אויך אויסגעארבייט ביי מאסלאווא. זי איז פערארורטהיילט געווארען אויף קאטארגע און ניט קוקענדיג דערויף האט זי געקוקט אויף זיך אזוי, אז זי האט זיך גאר ניט געשעהמט, אדרבה, זי האט נאך געהאלטען פון זיך זעהר פיעל איבער איהר לאגע.

דיעזע וועלט־אנשויאונג איהרע איז בעשטאנען אין דעם בע־

גריף, אז דער גאנצער פערגניגען פון אלע מענער, פון אלע אָהן אויסנאהמע — יונגע, אלטע, גימנאזיסטען, גענעראלען, געביל־דעטע, אונגעוויסענדע — בעשטעהט נור אין צוזאמענקומען זיך מיט אנציהענדע פרויענצימער, און דארום פערלאנגען אלע מאנסלייטע — אבוואָהל זיי קענען זיך האָבען אויך אנדערע בעשעפטי־גונגען — נור אָט דיעזע האנה.

אזוי ווי זי איז דאָך אן אנציהענדע פרויענצימער, דארום קען זי בעפרידיגען און ניט בעפרידיגען זייער פערלאנג, און דארום הייסט עס, אז זי איז א וויכטיגער מענש און פער־נעהמט א נויטיגען פּלאַץ אין דער וועלט.

איהר גאנצעם לעבען פון אמאָל און איצט האָט געהאָלפען אויפצוהאלטען דיעזע אנשויאונג.

— ניין, איך האָב ניט געקענט זאָגען דעם עיקר, — האָט נעכלודאָוו א קלער געטאָן, צוגעהענדיג צו'ם טיר. — איך האָב איהר ניט געזאָגט, אז איך וויל זי הייראטהען. איך האָב איהר ניט געזאָגט, אָבער איך וועל עס טאָן, — האָט ער געקלערט.

די אויפזעהער ביי'ם טיהר האָבען ווידער געזעצעהלט אלע ארויסגעהענדע בעזוכער, אום ניט ארויסצולאָזען קיין איבעריגען, אָדער קיינער זאָל אין טורמע ניט בלייבען. דאָס וואָס מען האָט נעכלודאָוו'ן געקלאפּט איבער'ן פּלייצע, האָט איהם יעצט ניט נאָר ניט בעליידיגט, נאָר ער האָט דאָס אפילו ניט בעמערקט.

43.

נעכלודאָוו'ן האָט זיך געוואָלט אומענדערען זיין אויסערלי־כען ארט לעבען: פערדינגען זיין גרויסען וואָהנונג, פאנאנדער־לאָזען די דינערשאפט און זיך בעזעצען אין א האָטעל. נאָר אגראַ־פענא פעטראָוונא האָט איהם דערוויזען, אז עס איז ניט כדאַי עטוואָס פאָרצונעמען ביז ווינטער. אויף אזא ארט האָט נעכלו־דאָוו'ס בעמיהונג עטוואָס צו ענטדערען זיך געענדיגט מיט גאָר־ניט. אין שטוב האָט מען אָנגעהויבען צו לופטערען, איבערשי־טען מיט נאפטאלין פערשיעדענע וואָלענע און פוטערנע זאכען און נעכליודאָוו האָט זיך געוואונדערט, נאָך וואָס מען דארף האָ־

בען אזוי פיעל נארישקייטען, סיידען בלויז דערצו, אז אגראפענא פעטראָווגא מיט דער גאנצער דינערשאפט זאָל פון צייט צו צייט האָבען אן איבעריגע ארבייט.

— ניט כדאי עטוואָס פּאַרצונעמען ביז עס וועט ניט גע־ענדיגט ווערען מאסלאָווא׳ס געשיכטע, — האָט נעכלודאָוו גע־דענקט. — און אגב איז עס געגוג שווער אויך. דאָס וועט במילא אַלץ אומגעענדערט ווערען ווען מען וועט זי בעפרייען אָדער פער־שיקען און איך וועל מיט איהר מיטפאָהרען.

אין דעם בעשטימטען טאָג איז נעכלודאָוו געקומען צו׳ם אד־וואָקאט פאַנארין. אין זיין רייכען, שעהן בעפוצטען וואָהנונג האָט נעכלודאָוו געטראָפען פיעלע בעזוכער, וועלכע האָבען גע־זעסען און געווארט אויף זייער נעקסט אזוי ווי אין דעם קאבי־נעט פון א דאָקטאָר. דעם אדוואָקאט׳ס אסיסטענט האָט בעג־גריסט נעכלודאָוו׳ן און האָט איהם געזאָגט, אז ער וועט באלד דערלענגען דעם פּרינציפּאַל. נאָר דאָ האָט זיך א עפען געטאָן די טיהר פון קאבינעט און אויפ׳ן שוועל האָבען זיך בעוויזען דער אדוואָקאט מיט נאָך א ניט־יונגען געזונדען פּערזאָן. אויף זייערביידענ׳ס געזיכטער איז געווען דער אויסדרוק, וועלכען מען זעהט אויף מענשען, וואָס האָבען נאָר וואָס אָבגעארבייט א גוטען געשעפט.

— איהר זייט זעלבסט שולדיג, — האָט פאַנארין געזאָגט שמייכלענדיג.

— איך וואָלט גערן אריין אין גן־עדן, אָבער די עבירות לאָזען ניט.

— נו, נו, מיר ווייסען.

און ביידע האָבען זיך אוננאטירליך צולאַכט.

— אה, פּירסט, ביטע, — האָט פאַנארין אויסגערופען צו נעכלודאָוו׳ן און פערבעטען איהם אין קאבינעט.

— דאנקע שעהן, איך בין געקומען וועגען מאסלאָווא.

— יא, יא, באלד. יא, איך האָב דורכגעלעזען אויפמערקזאם אלע פאַפּירען און האָב איינגעזעהן, אז יענער אדוואָקאט איז א

גרויסער פּראַסטאַק און האָט פּערזעהן פּיעלע אורזאַכען צו א קאַסאַציע.

— נו, וואָס דענקט איהר צו טהאָן?

— איין מינוט. זאָגט איהם, — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין אַסיסטענט, וועלכער האָט נאָר וואָס זיך בעוויזען אין טיהר פון קאַבינעט, — אַז אַזוי ווי איך האָב געזאָגט, אַזוי וועט זיין, קען ער — איז גוט, קען ער ניט — דאַרף מען ניט.

— ער איז ניט איינשטימיג.

— איז ניט, — האָט דער אַדוואָקאַט געענטפערט, און זיין געזיכט איז געוואָרען דונקעל און בייז.

— נו, אייער פּראַצעס איז געפיהרט געוואָרען שלעכט, קיין גוטע אורזאַכען צו א קאַסאַציע איז ניטאָ, נור מען דאַרף דאָך פּרובען, און אָט האָב איך אָנגעשריבען פאָלגענדעס.

ער האָט גענומען א פערשריבענעם פּאַפּיר און האָט אָנגע־הויבען צו לעזען שנעל דעם אַלגעמיינעם נוסח ביז ער איז צוגע־קומען צו די ווערטער: „דער אורטהייל איז א רעזולטאַט פון וויכטיגע פּראַצעסואַלע פעהלערען". דאָ האָט ער זיך אָבגעשטעלט און פאָרטגעזעצט לאַנגזאַם, אַזוי ווי האָבענדיג א הנאה פון זיין אייגענע ווערק. „און ער דאַרף אָבגעשאַפט ווערען, ווייל, ערש־טענס: איז דער פּראָטאָקאָל פון דער מעדיצינישער אונטערזוכונג ניט פאָרגעלעזען געוואָרען אויפ'ן געריכט."

— דאָס האָט דאָך נאָר דער פּראָקוראָר געפאָדערט, מען זאָל איהם פאָרלעזען, — האָט פערוואונדערט געפרעגט נעכלודאָוו.

— דאָס איז קיין אונטערשיעד ניט, די פערטהיידיגער האָ־בען אויך געקענט פאָדערען דאָס זעלבע.

— דאָס איז דאָך אָבער ניט נויטיג געווען.

— פונדעסטוועגען איז דאָס אַן אורזאַכע. ווייטער. צוויי־טענס: ווען מאַסלאָוואַ'ס פערטהיידיגער האָט געוואָלט כאַראַק־טעריזירען איהר פערזענליכקייט, האָט דער פאָרזיצענדער איהם

אָבגעשטעלט, ווייל דאָס האָט כלומרשט קיין שייכות ניט צו דער זאך. אין דער צייט ווען דער סענאט האָט אויסדריקליך ערקלערט, אז א כאראקטעריסטיק פון דעם גייסטיגען צושטאנד פון דעם בעשולדיגטען האָט די גרעסטע בעדייטונג ביי דער פראגע, אויף וויפיעל די פערזאָן איז שולדיג אין פערברעכען. דאָס איז צוויי.

— ער האָט דאָך אָבער אזוי שלעכט גערעדט, אז מען האָט איהם ניט געקענט פערשטעהן, — האָט ווידער נעכלודאָוו פער־וואונדערט געזאָגט.

— ניט קיין גרויסער חכם יענער אדוואָקאט, הפנים, — האָט פאָנארין זיך געוויצעלט, — אָבער אן אורזאכע איז דאָס. דריטענס: דער פאָרזיצענדער האָט אין זיין שלום־וואָרט ניט אויפמערקזאם געמאכט די געשוואָרענע, אז זיי קענען געפינען מאסלאָווא שולדיג אין געבען דעם סוחר סמעלקאָוו א פּראָשעק, ניט וויסענדיג, אז דאָס איז גיפט, ד. ה. אָהן דער אבזיכט איהם צו טויטען, און דאן איז דאָס ניט קיין קרימינעל־פערברעכען, נאָר א פעהלער, וועלכער ווערט בעשטראפט זעהר לייכט. אָט דאָס איז דער עיקר.

— מיר האָבען דאָך דאס אליין אויך געקענט פערשטעהן. דאָס איז אונזער פעהלער.

— און, ענדליך, פיערטענס: דער ענטפער פון די געשוואָ־רענע אויף די פראגען פון געריכט זיינען געוועזען אין גאנצען ווי־דערשפּרעכענדע. מאסלאָווא איז געוועזען בעשולדיגט, אז זי האָט גע׳סם׳ט דעם סוחר כדי איהם צו בערויבען, און די געשוואָרענע האָבען ערקלערט, אז בערויבט האָט זי איהם ניט, נאָר סם האָט זי דאָך איהם איינגעגעבען. דאָס איז דאָך א לעכערליכקייט, און דערום האָט דער פאָרזיצענדער געדארפט האנדלען לויט . . . . . פּונקטען פון שטראָף־קאָדעקס, ד. ה. ערקלערען די געשוואָרענע זייער פעהלער און שיקען זיי אויף א נייע בעראטהונג.

— טו, ווארום האָט דאָס דער פאָרזיצענדער טאקי ניט געטאָן?

— דאס פרעג איך דאך אויך? — האָט פּאַנארין גענענט־פערט.

— הייסט דאָס, דער סענאט וועט דעם פעהלער פעררינכטען.

— דאס ווענדעט זיך אָן דעם, ווער עס וועט דאן זיך בעטײליגען אין די זיצונגען. אַלזאָ, שרייב איך ווייטער... דאָ האָט ער ווידער שנעל אָנגעהויבען צו לעזען דעם שלום, אין וועלכען ער פיהרט אויס, אז אויפ'ן גרונד פון די און די ארטיקלען פון שטראַף־קאָדעקס פערלאנגט ער, דער סענאט זאָל קאסירען דעם ערשטען פסק־דין און בעפעהלען אויף ס'ניי בעטראכטען דעם פּראָצעס. — דאס איז אלעס, וואס איך קען פארלויפיג טהאָן. ווייטער איז אלעס אָבהענגיג אָן דעם צוזאַמענזאַץ פון סענאט. אויב איהר האָט דאָרט א צד, רעדט איבער.

— יאַ, איך קען דאָרט אייניגע.

— אָבער איילט זיך צו, ווייל זיי וועלען זיך גיך צופאָהרען זייערע מערידען הייזער, וועט איהר דאן דארפען ווארטען דריי מאָנאטען.

— איך דאנק אייך, אייך קומט, הייסט עס....

— מיין געהילף וועט אייך איבערגעבען א ריינע פּראָשעניע און וועט אייך שוין זאָגען.

אין צווייטען צימער האָט שוין דער אסיסטענט דערלאנגט א פערטיג איבערגעשריעבענע פּאַפּיער נעכלודאָוו'ן, און אויף נעכלודאָוו'ס פראגע וואס עס קומט, האָט דער אסיסטענט געענט־פערט העפליך, אז נור 1000 רובעל, ערקלעהרענדיג דאביי, דאס אייגענטליך נעהמט גאָר אנאטאָלי סעמיאָנאָוויטש ניט אָן אַזעלכע פּראָצעסען, אבער נור פיר דעם פירסט האָט ער עס געטאָהן אלס אויסנאהמע.

— און ווער דארף אונטערצייכענען די פאפיער? — האָט א פרעג געטאָהן נעכלודאָוו.

— דאָס קען טאָהן די פעראורטיילטע אליין, און אויב דאס איז שווער אויסצופיהרען, קען דאס טאָהן אנאטאָלי סעמיאָנאָוויטש, ווען ער זאָל האָבען פון איהר א דאָוויערענאָסט.

— ניין, מען דארף ניט. איך וועל אליין צו איהר אריבער־פאָהרען און נעהמען איהר אונטערשריפט, — האָט נעכלודאָוו געענטפערט, זייענדיג ערפרעהט פון דעם צופאַל צו קענען זעהען זיך וואס פריהער נאָך אמאָל מיט קאטיושא׳ן.

44.

אין קאָררידאָר פון אסטראָג האָבען זיך אין דער געוועהנליכער צייט געלאָזט הערען די פייף־סיגנאלען פון די אויפזעהער; די טיהרען פון די קאמערען האָבען זיך געעפענט מיט זייער אייזערנעם קלאנג; באָרפוסע פיס האָבען זיך דערהערט, שארענדיג איבער די דילען און די שטארקע טריט מיט די שטיוועל פון דעם קאנוואָי.

ארעסטאנטען האָבען ארויסגעטראגען די בייגאכטיגע קאטקעס מיט שמוץ, און דאָס האָט פערשפרייט א מורא׳דיגען עפּוש; ארעסטאנטען און ארעסטאנטקעס האָבען זיך איינגעוואשען, אנגעטאָהן און זיינען ארוים אין די קאָרידאָרען אויף דער פּאָווערקע, און נאָך דעם זיינען זיי געגאנגען נאָך זודיגע וואסער פיר טהעע.

נאָך דעם טהעע־טרינקען האָבען זיך אנגעהויבען צווישען די ארעסטאנטען און ארעסטאנטקעס פון די פערשיעדענע קאמערען זעהר הויכע געשפּרעכען; זיי האָבען אלע גערעדט וועגען דעם, וואס היינט וועט מען שמייסען צוויי ארעסטאנטען.

איינער פון דיעזע צוויי איז געווען ניט קיין פּראָסטאק א יונגערמאן, דער פריקאזטשיק וואסיליעוו, וועלכער האָט ערמאָרדעט זיין געליעבטע אין אנפאַל פון אייפערזוכט. זיינע חברים ארעסטאנטען האָבען איהם געליעבט פאר זיין פרעהליכקייט, פאר זיין ברייטער האנד און פאר זיין פעסטע האלטונג געגען די אויפזעהער.

מיט א וואָכען דריי צוריק האָט אן אויפזעהער געשלאָגען א׳ן ארעסטאנט דערפאר, וואס טראָגענדיג די בייגאכטיגע קאטקע מיט שמוץ האָט דער ארעסטאנט אונוויליג פערשמירט דעם אויפזעהערס נייעם מונדיר. וואסיליעוו האָט עס ניט געקענט צוזעהען

און האָט זיך איינגעשטעלט פאר דעם געשלאָגענעם ארעסטאנט, זאָגענדיג דעם אויפזעהער, אז נאָכ'ן געזעץ האָט ער קיין רעכט ניט צו שלאָגען אן ארעסטאנט.

— איך וועל דיר שוין ווייזען א געזעץ, נישט קשה, — האָט איהם דראָהענד געענטפערט דער אויפזעהער, און האָט איהם דאַביי גוט געזידעלט. וואסיליעוו האָט ניט געשוויגען און האָט איהם אויך מכבד געווען מיט א מענה לשון פון שימפּפערייען. דער אויפזעהער האָט זיך געוואָרפען צו איהם שלאָגען, אָבער וואסיליעוו האָט איהם א כאַפּ געטאָהן פארביידע הענד, האָט איהם אזוי געהאלטען פעסט א מינוט דריי, האָט איהם דערנאָך א קעהר געטאָהן מיט'ן צורה צום טיהר און האָט איהם ארויסגעשטויסען פון קאמער.

דער אויפזעהער האָט איהם דערפאר פערקלאָגט ביי דעם סמאָטריטעל, און דער סמאָטריטעל האָט געהייסען וואסיליעוו'ן אריינזעצען אין קארצער. די קארצערס זיינען געווען א גאנצע רייהע פון פינסטערע שטעלכלעך, וועלכע פלעגען זיך פון דרויסען פערשפּארען מיט אייזערנע ריגלען. אין פינסטערן, קאלטען קארצער איז ניט געווען קיין בעטעל, קיין שטוהל, קיין טיש, אזוי, אז דעם ארעסטאנט אין אויסגעקומען צו זיצען אָדער ליגען די גאנצע צייט אויף די שמוציגע דילען, וואו עס פלעגען ארומלויפען אזעלכע גרויסע מייז, וואס פלעגען זיך ניט אפשרעקען פאר א מענשען.

די מייז פלעגען כאפּען ביי איהם פון האנד ברויט, און פלעגען א מאָל אָנהויבען בייסען דעם מענשען, ווען ער האָט געשלאָפען. וואסיליעוו האָט געזאגט, אז ער וועט אין קארצער ניט געהן, דען ער פיהלט זיך ניט שולדיג. מען האָט איהם אבער אוועקגעשלעפּט מיט געוואלד. ער האָט זיך אנגעהויבען צו וועהרען און רייסען זיך פון די הענד פון די אויפזעהער.

עס האָבען זיך דאן אנגעזאמעלט אלע אויפזעהער און צווישען זיי אויך דער געזונדער שטארקער פּעטראָוו. עס איז געוואָרען א געשלעג; מען האָט די ארעסטאנטען גוט צוקלאפּט און אריינגעוואָרפען ענדליך אין די קארצערס. מען האָט באלד רעפּארטעט

דעם גובערנאטאָר, אז אין אסטראָג האָט זיך געטראָפען א בונט. עס איז פון גובערנאטאר אנגעקומען א פּאַפּיער, אין וועלכער עס ווערט בעפאהלען מען זאָל די צוויי הויפּט בונטאוושציקעס, וואסיליעוו און א צווייטען—א בראַדיאגע, געבען צו 30 שמיץ.

דיעזע שטראָף האָט געדאַרפט אויסגעפיהרט ווערען אין דער אפּטהיילונג פיר בעזוכער, וואס קומען זעהען זיך מיט פרויען־ארעסטאנטקעס. זייט לעצטען אבענד איז געווען דער אסטראָג פול מיט דיעזער נאכריכט און אין אלע קאמערען האָבען די ארעסטאנ־טען וועגען קיין אנדער זאַך ניט גערעדט ווי נור וועגען דער בע־פארשטעהענדער בעשטראָפונג פון וואסיליעוו און דעם צווייטען. אין דער קאמער, וואו מאסלאָווא האָט זיך געפונען, האָט מען אויך גערעדט וועלען דאָס זעלביגע.

קאָראַבליעווא, כאָראָשאווקא, פעדאָסיא און מאסלאָווא זיי־נען זיך געזעסען אין זייער ווינקעל, נאָך דעם ווי זיי האָבען גע־מאכט א גוטען שנאפּס; אזוי ווי איצט איז שוין ביי מאסלאָווא פון געלד קיין מניעה ניט געווען, האָט זי אלעמען טראקטירט יעדען טאָג.

— האָט ער דען געבונטעוועט, וואָס, — האָט גע׳טענה׳ט קאראבלעווא וועגען וואסיליעוו׳ן, — ער האָט זיך דאָך נור איינ־געשטעלט פאר א קאמעראד. ווארום, מען טאָר איצט ניט שלאָגען, זאגט דער געזעץ.

— ער איז א היבשער יונג, זאגט מען, — האָט זיך אריינ־געמישט אויך פעדאָסיא, זופענדיג טהעע.

— אָט אז דו וואלסט א י ה ם זאגען, קאטערינא מיכאי־לאָוונא, — האָט זיך די וועכטערקע געווענדעט צו מאסלאָווא מיט א פּראקטישע עצה, מיינענדיג מיט דעם וואָרט א י ה ם נעכלודאָוו׳ן.

— איך וועל איהם זאגען. ער וועט פאר מיר אלעס טאָהן, — האָט א שמייכעל געטאָהן מאסלאָווא און האָט הויך פערוואָרפען דעם קאָפּ, אויפטרייסלענדיג די האָאָר.

— נו, אבער ווען ער וועט קומען וועט דאָך שוין זיין צו

שפעט. מען זאָגט, אז מען איז שוין געגאַנגען פיהרען איהם, — האָט געענטפערט פעדאָסיא. — אַן אימה, אַך, — האָט זי זיך אפּגעזיפצט.

— איך האָב שוין א מאָל געזעהען, ווי מען האָט אין וואָלאָסט א מוזשיק געשמיסען. מיך האָט דער טאַטע דאַן געשיקט צום סטאַרשינא, — האָט די וועכטערקע אנגעהויבען דערצעהלען א לאַנ־גע געשיכטע, וואס האָט מיט איהר פּאַסירט.

איהר ערצעהלונג האָט זיך אבער איבערגעריסען דורך דעם לאַרם פון געשרייען און דעם קלאַפּען פון מאַרשירענדע אין אויבערשטען קאָרידאָר. די פרויען זיינען אנטשוויגען געוואָרען און האָבען זיך צוגעהערט.

— זיי האָבען איהם אוועקגעשלעפּט די טייוואָלים, — האָט א זאָג געטאָהן כאַראָשאַווקא, — זיי וועלען איהם פערשמייסען איצט. זיי זיינען אויף איהם אזוי בייז; ער האָט זיי דען גע־וואַלט וועַן פערשוויייגען?

אויבען איז אַלעס געוואָרען שטיל; די וועכטערקע האָט פאַרטגעזעצט דערצעהלען איהר געשיכטע, ווי זי איז געבליעבען א טויטע, ווען זי האָט געזעהען, ווי מען האָט אין וואָלאָסט גע־שמיסען דעם מוזשיק. כאַראָשקאָווא האָט דערווייל דערצעהלט, ווי מען האָט שטשעגלאָוו'ן מיט קאַנציגעס געשמיסען און ער זאָל דאס ארויסלאָזען א פּיפּס.

מאַסלאָווא האָט זיך געפיהלט מיעד נאָך דעם אנטרינקען זיך מיט טהעע און זי האָט זיך צוגעלייגט אויף די נאַרעס; זי האָט אָבער קוים זיך אוועקגעלייגט ווי די אויפזעהערקע איז אריין און האָט זי אויסגערופען, אז יעמאַנד דאַרף זיך מיט איהר זעהן אין קאַנטאָר פון סמאָטריטעל.

— ניט אנדערש, דערצעהל איהם וועגען אונז, — האָט צו איהר געזאָגט די אַלטע מענשאָווע, זעהענדיג ווי מאַסלאָווא פאַר־ריכט איהר טיכעל און מאַכט זיך פערטיג צו געהן צום בעזור־כער, — ניט מיר האָבען אונטערגעצונדען, דאס האָט ער אַליין, דער גזלן, דער רוצח, און דער ארבייטער האָט דאס מיט זיינע

אויגען אליין געזעהען. וואס איז מיינער שולדיג, ער וועט זיין נשמה ניט פערזינדיגען. דו זאָג איהם טאקע, זאל ער ארויסרופען מיטריען, ער וועט איהם אלעס דערצעהלען. זאל דאס גאר אזוי אוועקגעהן, זיצען אונשולדיגערהייט איינגעשפּארט אין אסטראָג, ווען מיר ווייסען ניט פון וואס צו זאגען, און ער, דער מערדער, לעבט זיך דאָרט מיט דער פּרעסדער וייב און שיכורט דאָרט אין שיינק!

— דאָס איז ניט קיין געזעץ! — האָט איהר אונטערגעהאלפען קאָראבלעווא, קוקענדיג ווי מאסלאָווא קלייבט זיך צו צום געהן.

— איך וועל איהם זאגען, געוויס וועל איך איהם זאגען, האָט געענטפערט מאסלאָווא דער אלטער ארעסטאנטקע... אפשר מאכען א שנאפּס פון קוראזש וועגען? — האָט זי א פרעג געטאָהן, צופינטלענדיג מיט'ן אויג.

קאראבלעווא האָט איהר אנגעגאָסען אין טאס שנאפּס. זי האָט אויסגעטרונקען, האָט אבגעווישט דעם מויל און איז פרעהליכערהייט ארויס, ווידערהאָלענדיג „פון קוראזש וועגען". אין קאָרידאָר איז זי נאָכגעגאנגען נאָך דער אויפזעהערקע דרייסט און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ פון פרייליכקייט.

45.

נעכלודאָוו האָט שוין לאנג געווארט אין פּאָדערצימער.

קומענדיג אין אסטראָג, האָט ער אנגעקלונגען אין דער ארייגאנגס-טיהר און האָט דערלאנגט דעם דעזשורנעם אויפזעהער דעם פּאסיר-צעטעל פון פּראָקוראָר.

— ועמען ווילט איהר זעהען?

— די ארעסטאנטקע מאסלאָווא.

— איצט קען מען ניט. דער סמאָטריטעל איז פערנומען.

— אין קאנטאָר? — האָט א פרעג געטאָהן נעכלודאָוו.

— ניין, דא אין בעזוכונגס-אבטהיילונג, — האָט געענטפערט מיט א פערלעגענהייט דער אויפזעהער.

— לאזט מען דען היינט אריין אויף בעזוך?

— ניין, דאס איז היינט א גאנץ בעזונדערע אנגעלעגענהייט.

— ווי אזוי־זשע קען איך זעהען דעם סמאַטריטעל?

— ווארט, ער וועט ארויסגעהן, וועט איהר איהם זעהען, דאן וועט איהר צו איהם ריידען.

אין דיעזער מינוט איז ארויסגעגאנגען פון א זייט־טיהר אן אויסגעשמירטער, אן אָנגעפּוצטער, אין גלאַצענדע גאלונען אויפ'ן נייעם מונדיר דער עלטסטער אויפזעהער. ער האָט זיך שטרענג געווענדעט צום דעזשורנעם און האָט א פרעג געטאָהן.

— ווי אזוי האָסטו דאָס איצט אריינגעלאָזען?... פיהר אין קאנטאָר...

— מען האָט מיר געזאגט, אז דער סמאַטריטעל איז דאָ, — האָט געזאגט נעבלודאוו, קוקענדיג פערוואונדערט אויף דער אונרו־היגער מינע פון דעם עלטסטען אויפזעהער.

די אינעווייניגסטע טיהר האָט זיך דערווייל אָן עפען געטאָהן און פון איהר איז ארויס, א צוהיצטער, א פערשוויצטער, פּעטראָוו.

— נו, וועט ער שוין געדיינקען, — האָט ער אנגעהויבען זאַ־גען צו דעם דעזשורנעם.

דער עלטסטער האָט איהם א ווינק געטאָהן מיט די אויגען, ציינענדיג מיט'ן בליק אויף נעבלודאָוו'ן. פּעטראָוו איז געבליבען אין פערלעגענהייט, האָט זיך א קרים געטאָהן און איז ארויס דורך א צווייטער טיהר.

„ווער וועט דאָס געדיינקען? וועמען מיינט ער? וואָס האָט דאָס דאָ געקענט פּאסירען?" — זיינען גלייך דורכגעפלויגען פראַ־גען ביי נעבלודאוו'ען אין קאָפּ. — וואס זיינען זיי דאָס אין אזא פערלעגענהייט? וואס ווינקען זיי אזוי פיעלדייטיג איינער דעם אנדערן?"

— דאָ טאָהרען זיי ניט שטעהן און ווארטען; בעמיהעט זיי זיך, מיין הערר, אין קאנטאָר, — האָט זיך ווידער געווענדעט דער עלטסטער אויפזעהער צו נעבלודאָוו'ען.

נעבלודאָוו האָט שוין געוואָלט ארויסגעהן, ווען פון דער זייט־

טיהר האָט זיך געוויזען דער סמאָטריטעל. ער איז נאָך געווען מעהר צורודערט, ווי די אויפזעהער. ער האָט ניט אויפגעהערט שווער אבצוזיפצען זיך. דערזעהענדיג נעבלודאָוו׳ן, האָט ער זיך געווענדעט צום דעזשורנעם:

— פעטראָוו, רוף ארוים מאסלאָווא פון דער פינפטער אבטהיילונג און ברייננ זי אין קאנטאָר, — האָט ער געהייסען.

— ביטע, — האָט ער זיך געווענדעט צו נעבלודאָוו׳ן, און ער האָט איהם געפיהרט דורך געדרעהטע טרעפּ און ארייננעפיהרט אין א שמאָלען צימער מיט איין פענסטער. דאָרט זיינען געשטאַנען א שרייב־טיש און עטליכע שטוהלען; דאָס איז געווען דער קאנטאָר. דער סמאָטריטעל האָט זיך געזעצט.

— שווערע, שווערע פפליכטען, — האָט ער זיך אבגעזיפצט, ווענדענדיג זיינע ווערטער צו נעבלודאָוו׳ן. ער האָט ארויסגענומען א דיקען פאפּיראָס און פערראויכערט.

— איהר זייט, ווי עס שיינט, זעהר מיעד, — האָט געזאגט נעבלודאָוו.

— אה, מיעד מיט מיין גאנצע אמט. עס זיינען צו שווערע פפליכטען. עס ווילט זיך ניצליך זיין, פערלייכטער׳ן די לאגע פון אונגליקליכע, און עס לאָזט זיך אוים גאָר ערגער נאָך; איך טראכט נור אלץ, ווי ווערט מען פטור אמאָל, אבזאגען זיך פון פּלאַץ און זאָל זיין א סוף דערצו; צו־שווער זיינען די פפליכטען.

נעבלודאָוו האָט אייגענטליך ניט געוואוסט, אין וואס בעשטעהט פאר דעם סמאָטריטעל די שוועריגקייט פון זיין אמט, אבער ער האָט אין איהם היינט דערוועקט א זאנדערבארע מיטלייד; עטוואס טרויעריגעס, האָפנונגסלאָזעס איז געווען אין זיין בעקלאגען זיך.

— יא, עס מוזען זיין זעהר שווערע פפליכטען אייערע, — פארוואס־זשע זאָלט איהר טאָהן אזעלכע פפליכטען, וועלכע זיינען צו שווער פאר אייך?

— וואס קען מען העלפען? א פאמיליע, קיין אנדערע מיטלען ניטאָ צום לעבען.

— אבער ווען איהר קענט דיזע פפליכטען ניט טאָהן...

— נון, איך וועל אייך זאגען, פון דעסטוועגען וויפיעל מעג־ליכקייט עס איז נור דאָ ברייננ איך דאָך עטוואס נוטצען; איך בעהאנדעל זיי דאָך אויף וויפיעל מעגליך זאנפטער און פערלייכ־טער זייערע לײדען עטוואס. אן אנדערער אויף מיין פלאץ וואלט דאָך דער טייוועל ווייס וואס פאר א שטרענגע מיטלען אנגעווענ־דעט. עפּעס א קלייניגקייט צו זאגען איבער 2000 מאן און וואס פאר א מינים מענשען. מען מוז דאָך וויסען ווי צו בעגעהן זיך מיט זיי. אין אמת'ן זיינען זיי דאָך אויך מענשען, דאָך א רחמנות; פון דעסטוועגען טאָר מען זיי ניט נאָכגעבען...

און דער סמאָטריטעל האט דאָ אנגעהויבען דערצעהלען פון א פאל, וועלכער האט מיט אייניגע טעג צוריק פאסירט צווישען די ארעסטאנטען. עס האט זיך אנגעפאנגען צווישען זיי א געשלעג, וועלכע האט זיך געענדיגט מיט א מארד.

זיין ערצעהלונג איז איבערגעריסען געווארען דורך דעם אריינ־קומען פון מאסלאָווא, וועלכע אן אויפזעהער האט אריינגעפיהרט.

נעכלודאָוו האט זי דערזעהען אין טיהר, ווען זי האט נאָך ניט בעמערקט אז דער סמאָטריטעל זיצט דאָ מיט איהם. איהר גע־זיכט איז געווען רויט. זי איז געגאנגען נאָך דעם אויפזעהער גאנץ לעבעדיג און האט געשמייכעלט, שאקלענדיג צופריעדען מיט'ן קאָפּ. אבער דערזעהענדיג דעם סמאָטריטעל, האט זי אויסגעשטעלט אויף איהם א פּאָר צושראָקענע אויגען; זי איז אָבער באלד צו זיך געקומען און איז מיט א פרעהליכער מינע צוגעגאנגען צו נעכ־לודאָוו'ן.

— גוטען מאָרגען, — האט זי א זאָג געטאָהן און איז גע־ווארען נאָך רויטער; א צו פרעהליכער שמייכעל האט זיך גע־וויזען אויף איהר פּנים און זי האט אזוי אונזשענירט א טרייסעל געטאָהן נעכלודאָוו'ס האנד.

איך האָב דאָס אייך געבראכט די פּראָשעניע אונטערשרייבען, —האט צו איהר געזאָגט נעכלודאָוו, זייענדיג פערוואונדערט איבער איהר זאָנדערבארע פרעהליכקייט, — דער אדוואָקאט האט דאָס

פערטיג געמאכט אן אפעלאציע; איהר דארפט עס אונטערצייכע־נען און מיר וועלען דאס שיקען קיין פעטערבורג.

— אונטערצייכענען איז אונטערצייכענען; פארוואס דען ניט? איך קען דאס טאָהן. אלעס קען מען טאָהן, ווארום דען ניט? — האָט זי געזאָגט מיט דער זעלבער פרייליכקייט און פינקלענדיג דערביי מיט די אויגען.

נעבלודאָוו האָט ארויסגענומען די צונויפגעלייגטע פאפיער און איז צוגעגאנגען צום שרייב־טיש.

— מעג זי זיך דאָ זעצען אונטערשרייבען? — האָט ער א פרעג געטאָהן דעם סמאָטריטעל.

— נו, קום אהער, זעץ זיך, שרייב אונטער, — האָט איהר דער סמאָטריטעל געזאגט, — אָט האָסטו א פעדער. קענסטו שרייבען?

— כ׳האָב א מאָל געקענט, דוכט זיך, — האָט זי געזאָגט שמייכלענדיג ווידער פרעהליך; זי האָט צורעכט געמאכט איהר קלייד, האָט א־ציה געטאָהן דעם ארבעל פון איהר יאקעל, האָט זיך געזעצט, האָט א נעהם געטאָהן לעבעדיג די פעדער, האָט א לאך געטאָהן און האָט אויסגעשטעלט א פאָר אויגען אויף נעבלודאָוו׳ן.

ער האָט געוויזען וואו און ווי אונטערצושרייבען.

זי האָט עטליכע מאָהל א טונק געטאָהן און אפגעטרייסעלט די פעדער און האָט אונטערגעשריעבען ענדליך איהר נאָמען.

— ווייטער גאָרנישט? — האָט זי א פרעג געטאָהן, קוקענ־דיג דאָס אויף נעבלודאָוו׳ן און דאס אויף דעם סמאָטריטעל, האל־טענדיג נאָך די פעדער.

— איך האָב אייך נאָך עטוואָס צו זאגען, — האָט איהר געענטפערט נעבלודאָוו, נעהמענדיג די פעדער פון איהר האנד.

— נו, זאָגט, אז איהר האָט וואס, — האָט זי איהם געענט־פערט און איז פלוצלונג געווארען זאנדערבאר ערנסט.

דער סמאָטריטעל האָט זיך אויפגעהויבען און איז ארויס; נעבלודאָוו איז געבליבען מיט איהר אויג אויף אויג.

46.

דער אויפזעהער, וועלכער האט ארייגעפיהרט מאסלאווא, האט זיך צוגעזעצט אויפ'ן פענסטער, עטוואס ווייטער פון שרייב טיש. פאר נעכלודאוו'ן איז איצט געקומען דער ענטשיידענער מאָמענט. ער האט אלץ זיך געמאכט פארווירפע פארוואס ער האט איהר וועהרענד דעם ערשטען מאהל זעהען זיך ניט ארויסגעזאגט אלעס, די הויפטזאך, וואס ער האט איהר געוואלט זאגען, און דאס איז, אז ער איז ענטשלאסען צו הייראטהען מיט איהר; ער האט דערפאר ענטשלאסען זיך יעצט איהר אין גאנצען ארויסזאגען.

זי איז געזעסען פון איין זייט טיש, ער אנטקעגען איהר פון דער אנדער זייט. אין צימער איז געווען ליכטיג און נעכלודאוו האט איצט דעם ערשטען מאהל זייענדיג אזוי נאהענט קלאהר דערזעהען די קנייטשען ארום די אויגען, ארום די ליפען און די קישעלעך אנגעלאפענע, ווי א געשוואולס, אונטער איהרע אויגען. נאך א שטארקערער מיטלייד האט זיך אין איהם ערוועקט צו איהר.

ער האט זיך אנגעשפארט מיט'ן עלענבויגען אויפ'ן טיש, פערשטעלענדיג אזוי זיין געזיכט, אז דער אויפזעהער, א אידישער טיפ, מיט גרויסע באקען־בארדען, — זאל ניט הערען אקוראט וואס ער רעדט, און ער האט אנגעפאנגען.

— אויב די אפעלאציע וועט ניט העלפען, דאן וועלען מיר דערלאנגען א פראשעניע צום קייזער. מיר וועלען טאהן אלעס, וואס נור מעגליך איז צו טאהן.

— אט, ווען מען וואלט דאס פון אנפאנג אן אזוי געטאהן... דער אדוואקאט האט געטויגט אויף כפרות, — האט זי איבערגע־שלאגען זיינע רייד, — אויך מיר אן אדוואקאט, האט נור געהאלטען אין איין זאגען מיר קאמפלימענטען, עפעס אזא לעמעשקע, — האט זי ווייטער געזאגט און האט זיך הויך צולאכט, — ווען מען וואלט פון אנהויב אן וויסען, אז איך בין אייערע א בעקאנטע, וואלט גאר אנדערש געווען, און אזוי וואס? זיי מיינען, אלע זיינען גנב'טעס.

— ווי זאנדערבאר זי בענעהמט זיך היינט, — איז דורכגע־פלויגען אין נעכלודאוו'ס געדאנקען, וועהרענד זי האט גערעדט,

ער האָט געוואָלט אנהויבען ווייטער וואס איהר צו ערקלעהרען, אבער זי האָט איהם ניט גענעבען די מעגליכקייט און האָט ווידער מיט דעם זעלבען טאָן אנגעהויבען:

— אָט וואס איך וועל אייך זאגען. ביי אונז זיצט דאָ אן אלטינקע איינע; א זאנדערבארע אלטינקע, אז אלע וואונדערען זיך, זי זיצט גאָר אומזיסט, זי ווייס און איהר זוהן ווייס און אלע ווייסען, אז זיי זיינען גאָר ניט שולדיג, אז זיי האָבען קיין זאך ניט געטאָהן און מען האָט זיי פערבאָרטהיילט פאר אונטערציינדען א הויז. זיי האָבען דאָס ניט געטאָן. זי האָט זיך דערוואוסט, זעהט איהר, אז איך בין אייערע א בעקאנטע, — האָט מאסלאווא צו איהם גערעדט, דרעהענדיג מיט'ן קאָפּ און קוקענדיג אויף איהם, — און זי בעט מיך, די אלטינקע: זאָג איהם וועגען אונז, בעט זי מיך, זאָל ער ארויסרופען מיין זוהן און ער וועט אלעס דערצעהלען, האָב רחמנות. זייער פאמיליע איז מענשאָוו. וועט איהר דאָס טאָהן? אזא מאָדנע אלטינקע, וואָלט איהר זעהן, א רחמנות, מען זעהט אז זי איז ניט שולדיג. זעהט, ליעבענקער, טוהט עפּעס פאר זיי, — האָט זי איהם געבעטען, קוקענדיג איהם אין די אויגען. זי האָט פּלוצלונג אראָפּגעלאָזען איהרע אויגען און איז ענטשוויגען געוואָרען.

— רעכט, איך וועל זעהן טאָהן וואס פיר זיי, — האָט איהר געענטפערט נעכלודאָוו, זייענדיג אלץ פערוואונדערט איבער איהר זאנדערבארע לייכטע פרעהליכע האלטונג, — איך האָב אבער געוואָלט מיט אייך ריידען איבער אונזערע אייגענע אנגעלעגענהייטען. געדיינקט איהר, וואס איך האָב אייך געזאגט דעמאָלט ביים ערשטען מאָל בעזוכען אייך? — האָט ער זי געפרעגט.

— איהר האָט אזוי פיעל גערעדט דאָן. וואס האָט איהר דען דאן געזאגט? — האָט זי אויף איהם געקוקט און האָט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען פרעהליך און בעוועגען דעם קאָפּ אין אלע זייטען.

— איך האָב אייך געזאגט דאָן, אז איך בין געקומען בעטען אז איהר זאָלט מיך פערצייהען.

— אַט הויבט זיך אָן, פערציייהען, פערצייהען. צו וואס דארף מען דאָס?... אַט איהר וואָלט בעסער...

— איך וויל פערבעסערען דאס וואס איך האָב שלעכט געמאכט, און ניט פערבעסערען בלויז מיט ווערטער, זאָנדערן טהאטזעכליך. איך האָב זיך בעשלאָסען מיט אייך צו הייראטהען.

איהר געזיכט האָט זיך מיט איין מאָל שרעקליך פערענדערט און האָט אויסגעדריקט אונגעהויערן שרעק. איהרע קרומליכע אויגען האָבען דוכט זיך אי געקוקט אויף איהם, אי ניט געקוקט אויף איהם.

— וואָס הייסט ד אָ ס? צו וואס דארף מען נאָך ד אָ ס האָבען? — האָט זי א פרעג געטאָהן, בייזערנדיג זיך.

— איך פיהל, אז איך דארף אזוי האנדלען פאר גאָט, וועלכען איך בין שולדיג.

— וואס פאר א גאָט, וואס ווילט איהר? איהר זאָגט אלץ עפּעס אזעלכע זאכען. גאָט! גאָט! וואס פאר א גאָט? וואס ווילט איהר? אַט אז איהר וואָלט בעסער דאן געדיינקט פון גאָט, האָט זי א זאָג געטאָהן און איז געבליעבען מיט אן אפּענע מויל.

נעכלודאָוו האָט איצט דערהערט דעם שטארקען גערוך פון די שנאפּס און ער האָט פערשטאנען די אורזאכע, וואָס זי איז אזוי זאָנדערבאר אויפגערעגט.

— בערוהיגט זיך, — האָט ער זי געבעטען.

— איך האָב ניט וואס צו בערוהיגען זיך. וואס מיינסטו עפּעס, איך בין שיכור? נו בין איך שיכור, אבער איך וויים וואס איך רייד, — האָט זי א געשריי געטאָהן און איז מיט איין מאָהל רויט געווארען, ווי מיט בלוט בעגאָסען: — איך בין א קאטאָרזשניצע און איהר זייט אַן ערעלמאַן, א פירסט, און דו האָסט ניט מיט מיר וואס צו פערשמירען זיך, געה צו דיינע פירסטען־טעכטער.

— ווי דו זאָלסט ניט ריידען מיט כעס, קענסט דו נאָך פון דעסטוועגען פיהלען אזוי פיעל, ווי פיעל מיין הארץ פיהלט, — האָט ציטערנדיג שטיל געזאָגט נעכלודאָוו: דו קענסט זיך ניט

פארשטעלען, ווי שווער מיר איז און ווי שטארק איך פיהל מיין שולד געגען דיר!...

— פיהל די שולד, פיהל די שולד... — האט זי איהם ביי: איבערגעמישט, — דאן האט ער ניט געפיהלט, האט אריינגערוקט מיט גוואלד א הונדערט־רובעלדיגע, נא אט איז דיר דיין פרייז.

— איך וויים עס, איך וויים עס, אבער וואס איז א י צ ט צו טאהן? — האט געענטפערט נעכלודאוו, — איך האב איצט בעשלאסען, דיך ניט צו פערלאזען און וואס איך האב געזאגט וויל איך טאהן.

— און איך זאג אז ניט, דו וועסט עס ניט טאהן! — האט זי א געשריי געטאהן און האט זיך צולאכט.

— קאטיושא!.. — האט ער געבעטען, אנגעהמענדיג איהר האנד.

— אוועק פון מיר, זאג איך, איך בין א קאטארזשניצע און דו — א פירסט, און דו האסט דא מיט מיר ניט וואס צו מאכען, האט זי זיך צארנדיג געבייזערט, ארויסרייסענדיג פון איהם איהר האנד.

ער האט געשוויגען.

— דו ווילסט זיך דורך מיר רעטען, — האט זי ווייטער גע־שריען בייז, — דו האסט פריהער פון מיר הנאה געהאט אויף דער וועלט און איצט ווילסטו זיך דורך מיר רעטען נאך אויף יענער וועלט! ביסט מיר עקעלהאפט, ביזט מיר אבשטויסענד, דיינע ברילען, דיין פעטע, אבגעגעסענע מארדע! אוועק, זאג איך, אוועק! האט זי זיך צוקאכט און געשריען, ווי ניט ביי זיך, און איז אויפגעשפרונגען פון פלאץ.

דער אויפזעהער איז יעצט צו זיי צוגעגאנגען.

— וואס מאכסטו דא פאר סקאנדאלען? מעג מען דאס דען אזוי, הא? — האט ער זי אנגעהויבען מוסר'ן.

— לאזט זי, ביטע, — האט איהם געבעטען נעכלודאוו.

— זי דארף דאך אבער ניט פערגעסען ווער זי איז און מיט וועמען...

— לאָזט נור, איך בעט אייך, — האָט נעכלודאָוו געפאָדערט פון אויפזעהער.

דער אויפזעהער האָט אבגעטראָטען צוריק אויף זיין פלאַץ ביים פענסטער.

מאסלאָווא האָט זיך ווידער געזעצט, האָט אראָבגעלאָזען די אויגען און האָט צונויפגעדריקטביידע הענד איינע אין די אנדערע, איבערקרייצענדיג די פינגער.

נעכלודאָוו איז געשטאַנען איבער איהר, ניט וויסענדיג וואס צו טאָהן.

— דו גלויבסט מיר ניט, — האָט ער אנגעפאנגען, בעטענדיג.

— אז איהר ווילט מיט מיר הייראטהען? אָה, דאס וועט קיין מאָל ניט פאסירען! איך וועל זיך ליעבערשט אויפהייננגען! אָט האָט איהר מיין וואָרט.

— איך וועל אָבער פון דעסטוועגען דיר דיענען מיט אלעם וואס איך קען.

— נו, דאס איז ווי איהר ווילט זיך, דאס איז שוין אייער זאך, אָבער איך וויל פון אייך קיין זאך ניט, איך פאדער פון אייך קיין זאך ניט. דאס זאג איך אייך איין מאָל פאר אלע מאָל, — האָט זי שטילערהייד געזאגט, — אך, פאר וואס בין איך דאן גלייך נאָך דעם ניט געשטאָרבען, — האָט זי אויסגעבראכען אין א שלוכצען און איז צוגעפאלען מיט'ן געזיכט צום טיש.

נעכלודאָוו האָט ניט געקענטריידען; איהרע טרעהרען האָ־בען זיך איבערגעגעבען צו איהם.

זי האָט אויפגעהויבען די אויגען, האָט אויף איהם א קוק גע־טאָהן, אזוי ווי זי וואָלט זיך וואונדערן, און האָט אנגעהויבען ווי־שען מיט איהר טיכעל די טרעהרען, וואס האָבען זיך געקייקעלט איבער איהר געזיכט.

דער נאדזיראטעל איז איצט אונטערגעגאנגען ווידער צו זיי און האָט דערמאָנט אז די צייט איז צו ענדע. מאסלאָווא האָט זיך אופגעהויבען.

— איהר זייט איצט זעהר אויפגערעגט. אויב מעגליך, וועל

איך אייך מאָרגען ווייעדער בעזוכען. איך וועל אהער קומען מאָרגען. און איהר דענקט נאָך, — האָט איהר געזאגט נעכלודאָוו.

מאסלאָווא האָט גארנישט געענטפערט און ניט קוקענדיג אויף איהם, איז זי ארויס פון קאנטאָר, פאלגענדיג נאָך דעם אויפזעהער.

נו, מיידעל, וועסט דו דאָס איצט אביסעל א לעב טאָהן! — האָט געזאגט קאראבליעווא צו מאסלאָווא, ווען דיעזע האָט זיך צו־ריקגעקעהרט אין איהר קאמער. ער איז אין דיר, הייסט עס, טאקע שטארק פערקנאקט; נו, דו נור ניט גענעץ. ווי לאנג ער פאָהרט, זעה, ראטעווע זיך. די רייכע חברה־לייט קענען אלעס אויספיהרען.

— געוויס קענען זיי, — האָט אונטערגעכאפט איהרע רייד די סטאראָזשיכע, — א'ן אָרעמאן אז ער דארף חתונה האָבען איז גאָר די נאכט צו קורץ, אָבער א רייכער, איהם דארף זיך נור פער־וועלען, אויסטראכטען וואס, און האָסטו דיר אלעס ווי ער וויל און ווען ער וויל. אָט איז ביי אונז איינער אזא געווען ,וואס האָט ער ניט צו טוהן ?..

— נו, קאטהערינא מיכאילאָוונא, האָסט דו עפעס מיט איהם גערעדט וועגען אונזער זאך, — האָט איהר א פרעג געטאָהן די אל־טינקע אונטערצינדערקע.

מאסלאָווא האָט אבער קיינעם פון זיי ניט געענטפערט, האָט זיך א וואָרף געטוהן אויף די נארעס און איז אזוי אבגעלעגען ביז'ן אבענד, איהרע אויגען אָנגעשטעלט אויף איין פונקט אין ווינקעל פון דער קאמער.

אין איהר איז איצט פארגעקומען זעהר א פלאגענדע, מאטערנ־דע ארבייט. דאס וואס נעכלודאָוו האָט איהר געזאָגט האָט אין איהר ארויסגערופען עראינערונגען און האָט אין איהר אויפגעוועקט איהר אמאָליגע וועלט, אין וועלכער זי האָט אזוי שווער געליטען און פון וועלכער זי איז פטור געווארען דערנאָך. דאָס האָט זי שרעקליך געפלאגט.

פארנאכט האָט זי זיך אויפגעכאפט, האָט געקויפט שנאפס און האָט זיך ווידער שטארק אנגעטרונגען צוזאמען מיט איהרע חבר'טעס.

47.

„אזוי איז דאָס די געשיכטע!“ — האָט זיך נעכלודאָוו אבגע־זיפצט, ארויסגעהענדיג פון אסטראָג. ער האָט ערשט איצט בעגרי־פען, ווי גרויס זיין פערברעכען איז געווען. ווען ער וואלט ניט גע־זוכט צו פערגלעטען, אויסצוקויפען ווי עס איז זיין שולד, וואלט ער גאר קיינמאָל ניט געקומען צו וויסען ווי גרויס זיין פערברעכען, ווי גרויס דער אונגליק איז, וועלכען ער האָט אויף איהר געבראכט.

יעצט נור האָט זיך דאס פאר איהם ארויסגעוויעזען אין דעם גאנצען שרעקליכען געשטאלט. ער האָט איצט דערזעהן וואס ער האָט געמאכט פון דער נשמה פון דיעזער פרויענצימער, ווי ער האָט צוטראָטען איהר הארץ, און זי אליין האָט אויך איצט ערשט אנ־געהויבען צו פערשטעהן, וואָס ער האָט פון איהר געמאכט.

פריהער איז נעכלודאָוו געווען סתם צופרידען מיט זיינע גוטע געפיהלען; איהם האָט הנאה געטאָהן, וואס ער האָט חרטה אויף יענער טהאט און וואָס ער וויל דאָס איצט פעררירכטען. איצט איז איהם פשוט געווארען אימה׳דיג. וואס זאָל ער טאָהן?

אוועקווארפען זי, לאזען זי, — ער האָט געפיהלט, אז ער קען דאס ניט, און דאך האָט ער זיך ניט געקענט פארשטעלען וואס אנ־דערש קען זיך אויסלאָזען פון זיינע פערהעלטניסע צו איהר.

גלייך ביים ארויסגאנג פון טיהר פון אסטראָג האָט אימיצער נעכלודאָוו'ן איבערגעגעבען א צעטעלע. ער האָט עס גענומען און איבערגעלעזען. דער צעטעלע איז געשריעבען געווען מיט בליי־שטיפט, און דאָרט איז געשטאנען פאָלגענדעס:

„דערוויסענדיג זיך, אז איהר בעזוכט דעם אסטראָג, וויל איהר זייט פעראינטערעסירט אין דעם שיקזאל פון א קרימינעלער פערזאָן, האָט זיך מיר פערוואָלט זעהן זיך מיט אייך. אייך וועט מען ערלויבען, און איך וועל אייך איבערגעבען פיעלעס וויכטיגעס פיר דער פערזאָן, וואָס איהר נעהמט אונטער אייער שוץ, און אויך פאר די פאליטישע ארעסטאנטען.

אייערע, אייך דאנקבארע,

ווערא באָגאָדוכאָווסקאיא“.

„באַגאַדוכאָווסקאיא! ווער קען דאָס זיין אזעלכע?" — האָט פערוואונדערט זיך געפרעגט נעכלודאָוו. ער איז אין די ערשטע מינוטען געווען אזוי פערזונקען אין זיינע געדאנקען וועגען מאסלאָווא, אז איהם האָט דער נאָמען געקלונגען גאָר ווילד־פרעמד. אָבער פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָהנט: „אה, דאָס איז דעם דיאקאָנ'ס טאָכטער, וואס האָט זיך צו מיר דאן געווענדעט, ווען איך בין געווען אויף דער יאגד".

ווערא באַגאַדוכאָווסקאיא איז געווען א שול־לעהרערין אין א פערוואָרפענעם ווינקעל אין נאָווגאָראָדער גובערניע, וואו נעכלודאָוו איז א מאָל מיט א גאנצער חברה פרעהליכע אפיציערען געקומען אויף געיעג. די דאָרפישע לעהרערין האָט זיך געווענדעט דאן צו נעכלודאָוו'ן מיט א בקשה, ער זאָל איהר אויסהעלפען מיט געלד, זי זאָל קענען בעזוכען די העכערע קורסען פאר פרויען און שטודירען ווייטער. נעכלודאָוו האָט איהר דאן געגעבען דאָס געלד און איהם איז פון דאן אָן קיין מאָל אין זינען ניט געלעגען דיעזע געשיכטע.

איצט צייגט זיך גאָר, אז אָט די זעלביגע באַגאַדוכאָווסקאיא איז גאָר א פּאָליטישע פערברעכערין, זיצט אין אסטראָג, און האָט זיך, וואהרשיינליך, דערוואוסט פון זיין געשיכטע און וויל איהם אבדינען מיט עטוואָס.

ווי לייכט און איינפאך אלעס איז געווען דאן, ווי שווער און טרויעריג אלעס האָט זיך אזוי צוזאמענגעטראָפען איצט. נעכלודאָוו האָט איצט דערמאָנט זיך וועגען יענעם צופאל און איהם איז געווארען אנגענעהם דיעזע עראינערונג. דאָס איז געווען אין מיטען ווינטער, דער געגענד איז זעהר א פערוואָרפענער, א וויאָרסט 60 פון אן אייזענבאהן. די יאגד איז דאן געווען זעהר א געלונגענע; זיי האָבען דערשאָסען צוויי בערען און האָבען געהאלטען אין עסען מיטאג מיט אזא געשמאק און פריידע.

דער ווירטה פון הויז מעלדעט איהם דאן, אז דעם דיאקאָנ'ס טאָכטער, וועלכע איז א לעהרערין אין דאָרף־שול, וויל זעהען דעם פירסט נעכלודאָוו וועגען עפּעס א וויכטיגע אנגעלעגענהייט.

— עפעס א היבשע? — האָט יעמאנד א פרעג געטאָהן.

— נו, וואָס זיינען דאָס פאר א ווערטער, — האט געענט־פערט נעכלודאָוו און האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש און האָט זיך געוואונדערט וואס פאר א געשעפטען קען צו איהם האָבען דעם דיאקאָנ׳ס א טאָכטער, וועלכע ער קען ניט און וויים ניט. ער איז ארוים צו דעם ווירטה אין הויז, וואו זי האָט געוואַרט אויף איהם.

דאָרט האָט ער געפונען שטעהענדיג אין א פוטערנעם מאנטע־לע און פילסענע העטקע א מאָגערע, ניט קיין שעהנע מיידעל, וועלכע האָט אָבער געהאט אזעלכע ליכטיגע אויגען, וואס האבען פערשעהנערט די ניט שעהנע געזיכטסציגע.

— אָט, ווערא יעפרעמאָוונא, קענסט מיט זיי ריידען, דאס זיי־נען זיי, — האָט צו איהר געזאָגט די ווירטהין פון הויז ווען ער איז אריין, — דאָס איז דאָך דער פירסט אליין. רייד מיט זיי, איך קען ארויסגעהן א ווײלע.

— מיט וואס קען איך אייך דיענען? — האָט נעכלודאָוו זי העפליך געפרעגט.

— איך... איך, — האָט איהם געענטפערט עטוואס מיט פער־לעגענהייט באָגאָדוכאָווסקאיא, — זעהט איהר, איהר זייט זעהר א רייכער מאן, איהר ווארפט געלד אין אלע זייטען אויף אונניצליכע זאכען, אויף יאגד, און... און איך וויים נור איין זאך, איך וויל זיין ניצליך פאר מענשען, און איך קען דאָס ניט, איך קען ניט, ווייל איך וויים גאָר ניט, איך קען ווייניג.

— וואס זשע קען איך פאר אייך טאָהן דעריין?

— איך... איך בין א לעהרערין, נור איך וואָלט וועלען בעזו־כען די קורסען, איך וויל שטודירען און מען לאָזט מיר ניט. דאָס הייסט ניט מען לאזט ניט; זיי לאָזען, אבער איך האָב קיין מיט־לען ניט. גיט מיר די מיטלען און איך וועל ענדיגען מיין שטודיום און וועל עס אייך צוריקקעהרען.

איהרע אויגען זיינען געוועזן גוטע, וואהרהייטליכע, דער גאנצער אויסדרוק פון ענטשלאָסענהייט און שעהמעדיגקייט אין איין און דער זעלבער צייט, איז געוועזן אזוי ריהרענד, אז נעכלו־

דאָוו, ווי עס פלעגט מיט איהם אפט טרעפען, האָט זיך איבערגע־טראגען מיט איין מאָל אין איהר לאגע, האָט זי פערשטאנען און האָט מיט איהר מיטגעפיהלט.

— איך מיין, אז עס איז ניט גוט, וואס רייכע מענשען וויי־סען נור פון שיסען בערען, פון אנשיכור'ן די מוזשיקעס, און דאס איז זייער גאנצע גוטהערציגקייט. פאר וואס זאלען זיי אמאָל ניט טאָהן א גוטע טהאט? איך דארף אין גאנצען האָבען א וועלכע עס איז 80 רובעל. אויב איהר ווילט מיר ניט געבען, דאן ווי איהר ווילט זיך, — האָט זי בייזלעך א זאָג געטאָהן, מיינענדיג אז נעבלו־דאָוו קוקט אונגיינסטיג אויף איהר.

— אך, גראד אין געגענטהייל, איך בין אייך זעהר דאנקבאר, וואס איהר גיט מיר די געלעגענהייט.

ווען זי האָט פארשטאנען, אז ער וויליגט איין איהר צו העל־פען, איז זי רויטלעך געווארען און איז געבליבען שווייגען.

— איך וועל אייך גלייך ברייגנען, ביטע, — האָט איהר גע־זאָגט נעבלודאָוו.

ער איז ארויסגעגאנגען אין פירהויז, ער האָט דאָרט געטראָפען א קאמעראד, וועלכער האָט אונטערגעהערט זייער געשפרעך. ער איז פערבייגעגאנגען זיין קאמעראד, ניט ענטפערענדיג אויף זיינע פלאציגע וויצען, איז צוגעגאנגען צו זיין רייזע־טאש, האָט ארויס־גענומען פון דאָרט דאס געלד, האָט אריינגעבראכט און געגעבען איהר.

— ביטע, ביטע, דאנקט ניט. אין געגענטהייל, איך דארף אייך דאנקבאר זיין.

נעבלודאָוו'ן איז געווען אנגענעהם צו עראינערן זיך איצט אָן דעם אלעם; איהם איז זאגאר געווען אנגענעהם צו עראינערען זיך, ווי ער האָט זיך צוקריגט דאן מיט זיין קאמעראד, אן אפיציער, וועלכע האָט פון דיעזער געשיכטע געוואלט אויסדרעהען א מיאוסען שפאס, ווי נאָך א קאמעראד האָט איהם אונטערגעשטיצט און האָט געזאָגט אז זיין כעס איז א גערעכטער. און דאס האט געפיהרט דערצו, אז ער זאל שליסען מיט דיעזען אפיציער נעהענטערע בע־

קאנטשאפט. ווי די גאנצע נעיעג־פּאַרטיי איז דורכגעגאנגען גליק־ליך און לוסטיג. און ווי גוט האָט ער געפיהלט דערנאָך, פאָהרענ־דיג אהיים, ווען ער איז געקומען אויף דער סטאַציאָן פון אייזענ־באהן.

נעכלודאָוו'ן האָט זיך דאָס איצט דערמאָנט און בעזאנדערס ווי געזונד און פריש ער האָט זיך געפיהלט דאן, און איצט? מיין גאָט, וואָס פאר א מאטערנעס, וואָס פאר א פּלאָג האָט ער גע־פיהלט!

48.

ווען נעכלודאָוו איז אויפגעשטאנען אויף מארגען אין דער פריה, האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אָן אַלעס, וואָס ס'איז נעכטען פארגעקומען, און איהם איז געוואָרען שווידערליך.

אָבער ניט קוקענדיג אויף דיזען געפיהל פון שרעק, וואָס די נעגענוואַרטיגע לאגע האָט אין איהם ארויסגערופען, האָט ער זיך דאָך ענטשלאָסען פארטצוזעצען דאָס, וואס ער האָט אנגעפאנגען.

מיט דיזען געפיהל פון אנערקענונג אז ער טהוט זיין פפליכט איז ער ארויס פון זיין הויז, האָט גענומען אַן איזוואָזטשיק און האָט איהם געהייסען פאהרען צום וויצע־גובערנאַטאָר מאסלעני־קאָוו. ער איז געפאהרען צו מאסלעניקאָוו מיט דעם צוועק צו נעה־מען ביי איהם אַן ערלויבניס צו זעהען זיך יעדען טאָג מיט מאסלאָ־וואָ און אויך קריגען די ערלויבניס צו זעהן זיך מיט באָגאָדוכאָוו־סקאיא און מיט די ארעסטאנטען, וועגען וועלכע מאסלאָווא האָט איהם געבעטען.

מאסלעניקאָוו איז געוועזן נעכלודאָוו'ס א בעקאנטער שוין פון לאנג, זיי זיינען געווען גוטע פריינד, ווען זיי האָבען נאָך געדינט אין איין פּאָלק.

מאסלעניקאָוו איז דאן געוועזן א גוטמוטהיגער, דינסטלוסטי־גער אפיציער, וועלכער האָט פון קיין אנדער זאַך אויסער זיין אמט ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסען.

איצט האָט איהם נעכלודאָוו דערזעהן אַלס אדמיניסטראַטאָר,

אנשטאט וואס פריהער האט ער זיך אינטערעסירט מיט'ן פאלק, אינטערעסירט ער זיך איצט מיט זיין גובערניע און זיין גובערנסקע קאנצעלאריע.

מאסלעניקאוו איז געוועזן א פערהייראטהער מאן, זיין פרוי איז געוועזן א רייכע געזונדע דאמע און זי האט דאס אויף איהם גע־ווירקט, ער זאל פערבייטען זיין מיליטער דיענסט אויף דעם לעבען פון א ציוויל־בעאמטען.

זי איז געוועזן פון זעהר א לעבעדיגער נאטור, א בריה א פרוי; זי פלעגט פון איהם שפאסען און פלעגט איהם צערטלען ווי א קינד, ווי א היימישע חיה'לע. נעכלודאוו איז ביי זיי געוועזן נור איין מאל צו גאסט לעצטען ווינטער. אבער דיעזע פערהייראטהע פאר האט זיך איהם געצייגט אזוי ניט אינטערעסאנט, אז ער האט מעהר קיין לוסט ניט געהאט צו זיי צו קומען.

ווען מאסלעניקאוו האט איצט דערזעהן נעכלודאוו'ן, האט ער זיך מיט איהם הערצליך דערפרייט ווי מיט א זעלטענעם גאסט. ער איז געוועזן ריין אנגעטאהן אין זיין וויצמונדיר, וועלכער איז גע־לעגען אזוי שעהן און נעט אויף זיינע ברייטע שולטערן.

— נו, אט אזוי קומסטו דאך אמאל, דאנק וואס דו ווייזט זיך כאטש ווען ביי אונז, איצט האב איך טאקע עטליכע פרייע מינוט, זאנסט בין איך דיעזע טעג אזוי בעשעפטיגט; דער גובערנאטאר איז אוועקגעפאהרען, נו, פערוואלט איך, הייסט עס, אויף זיין פלאץ מיט דער גאנצער גובערניע, ארבייט, ארבייט, ארבייט אהן א שיעור.

— איך בין געקומען וועגען געשעפט.

— וואס האט דען פאסירט? — האט זיך פערוואונדערט א הויב געטאן דער אדמיניסטראטאר.

— אט וואס, אין אסטראג זיצט א פערזאן, וועלכע איך וויל זעהן, א געוויסע מאסלאווא, אין קאנטאר לאזט מען צו ניט נור בעשטימטע טעג, זאנדערן אויך יעדען טאג, ווען מען זאל האבען די ערלויבנים; וויל איך דאס פון דיר בעטען אזא פאסיר־צעטעל,

— אָ, געווים, מיין פריינד, ווארום ניט? איך בין פערטיג פאר דיר אַלעס צו טאָהן. איך בין בעל הבית נור אויף א ווײַלע, אזוי ווי דו זעהסט, נור פאר דיר, נאַטירליך.

אלזא, דו קענסט מיר געבען א פּאַפּיער, דורך וועלכע מען זאָל אין יעדען צייט צולאָזען, ווען איך וויל זיך מיט יעמאנדען זעהען אין אסטראָג? הויפּטזעכליך מיט איהר.

— ווער איז זי דען?

— ווער זי איז.

— דאָס הייסט א פרויענצימער?

— יא.

— אבער, דאס הייסט, פאר וואס זיצט זי?

— פאר פערגיפטען, אבער זי איז פעראורטהיילט אומזיסט, זי איז אונשולדיג.

— נו, אָט האָסט דו, דאס זיינען דאָך די מאָדערנע געריכטס-הייזער שוין, די גערעכטע געריכטען. איך ווייס, דו ביסט קיין מאָל ניט איינפערשטאנדען געווען מיט מיינע אנשויאונגען אין דיעזער הינזיכט. דו ביסט דאָך א ליבעראַלער אימער געווען.

— איך ווייס ניט, א ליבעראַל אדער עטוואס אנדערש,—האָט מיט א שמייכעל געענטפערט נעכלודאָוו, — אָבער איך ווייס, אז די איצטיגע געריכטהייזער, ווי שלעכט זיי זאָלען ניט זיין, זיינען דאָך אלץ בעסער פון די אמאָליגע.

— און ווער איז דיין אדוואָקאט?

— איך האָב זיך געווענדעט צו פאנארין.

— עה, פאנארין! — האָט זיך א קרים געטאָהן מאסלעניקאָוו. ער האָט זיך ערינערט, ווי מיט א יאהר צוריק האָט פאנארין איהם ארויסגערופען אלס עדות אין א געוויסען פּראָצעס און האָט איהם אויסגעפרעגט פאר׳ן געריכט אזוי צערעמאָניעל, אז ער איז געבליבען דאן עטליכע מאָל אין פערלעגענהייט אויף אלעמענס געלעכטער.

— עס, איך וואָלט דיר ניט געראטהען צו האָבען מיט איהם

אירגענד וועלכע געשעפטען; פאנארין — דאס איז א פאסקודנער מענש.

— און איך האב צו דיר נאך א ביטע, — האט איהם געזאגט נעכלודאָוו, אזוי ווי ער וואלט ניט הערען, וואס ער האט צו איהם גערעדט, — איך האב לאנג צוריק בעקענט זיך מיט א מעדכען, א לעהרערין, זעהר אן ארעמעס ווזען, און איצט האב איך זיך דערוואוסט, אז זי זיצט נעבעך אויך אין אסטראָג און זי בעט זיך, זי וויל זיך זעהען מיט מיר. קענסטו מיר געבען א'ן ערלויבניס צו זעהען זיך מיט איהר?

מאסלעניקאָוו האט זיך פערטראכט און האט א ביסעל אונטערגעמורמעלט אונטערן נאז.

— זי איז א פאליטישע?

— יא, אזוי האט מען מיר איבערגעגעבען.

— ווי דו זעהסט, מיין ליעבער, ערלויבט זיך נור פאר פערוואנדטע צו בעזוכען פאליטישע, אבער דו ביסט א'ן אנדער זאך, דיר וועל איך געבען א'ן אלגעמיינעם פאסיר־צעטעל, און דו וועסט קענען בעזוכען וועמען דו ווילסט דארט.

— דאס איז גוט.

— יא, ווי רופט מען אייגענטליך די, דיין פראטעזשע, אה, באגאָדוכאָווסקאיא, יא?

— באגאָדוכאָווסקאיא.

מאסלעניקאָוו איז צוגעגאנגען צום טיש, האט גענומען א הערבאָווע פאפיער און האט זיך געזעצט שרייבען. ער האט אויפגעשריבען אן אלגעמיינעם ערלויבניס פאר נעכלודאָוו'ן צו בעזוכען אין אסטראָג וועמען ער וויל.

— אט זעהסטו, וואס פאר אן אסטראג דארט איז? און עס איז ניט אזוי לייכט איינצופיהרען דארט א'ן ארדנונג. מיין ניט אז עס איז אזוי לייכט. און דו וועסט זעהן; זיי לעבען דארט ניט שלעכט: זיי פעהלט גארנישט, פאר אלעס איז געזאָרגט און זיי זיינען העכסט צופריעדען. נאטירליך, מען דארף נור וויסען ווי מיט זיי צו האנדלען. אט איז דא ערשט מיט עטליכע טעג צוריק געווען

א זעהר אונאנגענעהמע געשיכטע. אונגעהערכזאמקייט, דאָס מוז שטרענג נאכגעקוקט ווערען. פון איין זייט דארף מען האָבען א שטארקע מאכט, ניט צו דערלאזען קיין אויסברוך פון אונצופריע־דענהייט.

— נון, דערפון האָב איך קיין אהנונג ניט, איך בין געוועזען דאָרט אין גאנצען צוויי מאָהל, און עס האָט אויף מיר געווירקט זעהר שלעכט.

— ווייסטו וואס? דו דארפסט זיך צונויפריידען מיט דער גרעפין פ א ס ע ק, — האָט איהם פאטערליך געראטהען מאסלע־ניקאָוו: — זי איז מיט לייב און זעעלע איבערגעגעבען פיר דער פערבעסערונג פון דער לאגע פון די ארעסטאנטען. צו פערדאנקען איהר איז עס מיר אויך געלונגען פיעלעס צו ענדערען פון דער פריי־הערדיגער ארדנונג, און איך האָב עס אזוי איינגעארדענט, אז מען הערט ניט מעהר פון בעקלאָגען זיך איבער גרוילטהאטען און גרויזאמער בעהאנדלונג ווי עס פלעגט פריהער זיין דער פאל. איצט פעהלט זיי גאָר ניט, דאס זאג איך דיר און מעגסט גלויבען. אָט נעהם דעם פאנארין, א פאסקודנער מענש. איך קען איהם ניט פערזענ־ליך, דאס הייסט איך האָב מיט איהם קיין פערזענליכע בעקאנט־שאפט ניט, און נאָך מיין עפענטליכער שטעלונג, קען איך מיט איהם קיין געמיינשאפטליכעס ניט האָבען. אונזערע וועגען זיינען פערשיעדען. אה, ער איז א פאסקודנער, א שעדליכער מענש, דאס איז ביי מיר זיכער, און ער ערלויבט זיך ריידען אין געריכט אזעל־כע זאכען, אז עס איז א שרעק...

— נון, דאנק דיר, — האָט געזאגט אונגעדולדיג נעכלודאָוו און האָט זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן.

— און צו איהר, צו דער פרוי צו מיינער, וועסט דו גאר ניט אריינגעהן?

— ניין, מוזט מיר פערצייהען, איך אייל זיך.

— אך, ווי קענסט דו דאָס? זי וועט דאָך דאָס דיר קיין מאָהל ניט פערצייהען — האָט איהם פערדריסליך פאָרגעהאלטען

מאסלעניקאוו, בעגלייטענדיג איהם צו די טרעפּ — נו, געה אריין כאַטש אויף א ווײלינקע, נור צו ווייזען זיך כאַטש.

אָבער נעכליודאָוו האָט ניט געפאלגט; ער האָט זיך געזעגענט מיט דעם וויצע־גובערנאטאר און איז אוועק מיט דעם אויסרייד, אז ער האָט זעהר קיין צייט ניט און איז ניט אויפגעלייגט.

— נו טאָ קום צו אונז קומענדען דאנערסטאָג, דאס איז איהר עמפּפאנגס־טאָג, איך וועל איהר צוזאגען, אז דו וועסט קו־מען, — האָט ער נאכגעשריען נעכלודאָוו'ן, ווען דער לעצטער איז אראָפּ פון די טרעפּ.

49.

אין דעם זעלבען טאָג איז נעכלודאָוו גלייך פון מאסלעניקאָוו'ן געפאהרען צום אסטראָג. ער איז צוגעגאנגען צום סמאָטריטעל'ס וואָהנונג. ער האָט דאָ דערהערט ווידער די געפעהרליכע טענער פון דער פּיאנא. די דינסט, וואס איהם האָט געעפענט די טיהר, האָט איהם אנגעזאגט אז דער קאפּיטאן איז צו הויז.

באלד איז איהם אנטגעגען ארויס דער הויפּט סמאָטריטעל מיט א מרה שחורה'דיגער מינע און האָט איהם העפליך געגריסט.

— ביטטע, מיין הערר, ווינשען זיי וואָס פון מיר?

— איך קום פון וויצע־גובערנאטאָר; ער האָט מיר געגעבען דיזע פּאפּיער אלס ערלויבנים צו בעזוכען ארעסטאנטען אין אס־טראָג. איך וואלט וועלען זעהן מאסלאָווא.

— מארקאָווא? — האָט איבערגעפרעגט דער סמאָטריטעל, ניט הערענדיג איבער דער מוזיק דעם נאמען.

— מאסלאָווא.

— אה, יא, מאסלאָווא, יא!

דער סמאָטריטעל איז צוגעגאנגען און האָט אן עפען געטאָהן די טיהר, פון וואנען עס האָבען זיך געהערט די בעטויבענדע טענער פון דער פּיאנאָ.

— מארוסיא, — האָט ער זיך געבעטען, — אויף איין ווײלינ־קע הער אויף, איך בעט דיך. מען הערט ניט וואס מען רעדט.

פון זיין שטימע האָט מען געקענט דערקענען, אז דיזע מוזיק האָט זיך איהם שוין איינגעגעסען אין די ביינער.

די מוזיק האָט אויפגעהערט. עס האָבען זיך דערהערט שריט, און אימיצער האָט א בליק געטאָהן אין טיהר.

דער סמאָטריטעל, ווי עס האָט געשיינט, האָט געפיהלט זיך זעהר ערלייכטערט פון דעם, וואס די טאָכטער האָט מעהר ניט גע־צימבעלט. ער האָט פערזוכערט א דיקען פאפיראָס און האָט גע־וואָלט טראַקטירען אויך נעכלודאָוו'ן מיט איינעם. נעכלודאָוו האָט זיך ענטזאגט, ערקלערענדיג אז ער רויכערט ניט.

— מאסלאָוואַ'ן ווילט איהר זעהן? אבער זי קענט איהר נאר היינט ניט זעהן, עס איז אונפאסענד איינפאך צו זעהען זי היינט.

— ווארום דען?

— דאס זייט איהר אליין שולדיג, — האָט מיט א לייכטען שמייכעל געזאגט דער סמאָטריטעל. — פירסט, איהר טוהט א גרויסען אונרעכט, וואס איהר גיט איהר געלד אין האנד. איך בעט אייך, טוהט דאס מעהר ניט. וויפיעל זי האָט, זעהט זי אויסצו־געבען אויף שנאפס. זיי בעקומען שוין. איהר קענט זיי ניט איינ־היטען. ווילט איהר, זי זאל האָבען א מאָהל אויף וואס זי דארף, דאן גיט מיר האלטען דאס געלד, זאנסט בעזויפט זי זיך און טוהט אן צרות; זי איז גאר ארויס פון זיך דאס לעצטע מאָהל; זי איז קיין מאָהל אזוי ניט געווען, האָט געבושעוועט, געלארעמט, געווארפען זיך שלאָגען.

— איז דאס מעגליך?

— ווי איהר הערט; מיר זיינען געווען געצוואונגען צו גע־ברויכען געגען איהר שטרייגגע מיטלען. איך האָב זי איבערגע־פיהרט אין אן אנדער קאמער. אזוי איז זי דאך אלע מאָהל געווען שטיל ווי א טויב. אבער געלד מאכט זי צולאָזען. אזעלכע לייטע זיינען דאס שוין...

נעכלודאָוו האָט זיך איצט ערוואָנערט די נעכטיגע סצענע און ער איז געווארען זעהר בעזאָרגט.

— און באַגאַדרוכאַווסקאיא, די פּאַליטישע, קען איך זעהן? — האָט א פרעג געטאָהן נעבלודאוו.

— איך מיין, אז יא, — האָט געזאגט דער סמאָטריטעל, און ער איז מיט נעבלודאַוו'ן אוועק צום אסטראָג. די טיהרעל האָט זיך באלד געעפענט, ווי דער סמאָטריטעל איז נור צוגעגאנגען.

— וועמען ווילט איהר זעהן? — האָט איבערגעפרעגט דער סמאָטריטעל.

— באגאַדרוכאַווסקאיא.

— א, דאס איז פון טהורעם? איהר וועט מוזען אויפ־ווארטען.

— אפשר קען איך דערווייל זעהען די ארעסטאנטען מענשאוו, א מוטער מיט א זוהן, אנגעקלאגטע אין אונטערצינדען.

— א, דאס איז פון קאמער 21. פאַרוואָס ניט, מען קען זיי ארויסרופען.

— קען איך אפשר זעהען מענשאַוו'ן אין זיין קאמער?

— איך וועט אָבער רוהיגער זיין אין אַלגעמיינעם צימער.

— ניין, מיר וואָלט געווען אינטערעסאנט.

אין דיזער צייט איז פון א זייטען־טיהר ארויסגעגאנגען א פראנטסקער אָפיצער, דער געהילפס־סמאָטריטעל.

— אָט פיהרט אריין דעם גראף אין קאמער צו מענשאָוו'ן. דאָס איז קאמער 21, — האָט געזאָגט איהם דער סמאָטריטעל — און דערנאך אין קאנטאָר. און איך וועל זי ארויסרופען. ווי רופט מען זי?

— ווערא באַגאַדרוכאַווסקאיא — האָט געזאָגט נעבלודאָוו.

דער געהילפס־סמאטריטעל איז געווען א בלאָנדער, יונגער אפיצער מיט אָנגעוועקסטע וואָנצעס, פון וועלכען עס האָט זיך שטארק געהערט דער ריח פון בלומען־אָדע־קאָלאָן.

— ביטע, — האָט ער זיך א ווענד געטאָהן צו נעבלודאָוו'ן מיט אן אנגענעהמען שמייכעל — איהר אינטערעסירט זיך מיט אונזער אנשטאלט?

— יא, איך אינטערעסיר זיך מיט דעם מענשען, וועלכער, ווי מען זאָגט מיר, איז גאנץ אונשולדיג אריינגעפאלען אהער.

דער אָפיציער האָט א קוועטש געטאָהן מיט'ן פּלייצע.

— יא, דאס פּאסירט, — האָט ער רוהיג געזאגט, לאָזענדיג דעם גאסט העפליך געהן פּאָראויס אין דעם ברייטען עיפּוש'די־גען קאָרידאָר — און עס פּאסירט אויך, אז זיי זאָגען ליגען. ביטע.

די טהירען פון די קאמערען זיינען געווען אָפען און עטליכע ארעסטאנטען זיינען געווען אין קאָרידאָר. לייכט א נייג טהוענ־דיג זיך צו די נאדזיראטעלעם און קרום קוקענדיג אויף די ארעס־טאנטען, וועלכע זיינען אריין אין זייערע קאמערס, אדער זיינען געבליבען שטעהן הארט לעבען וואנד אראָבלאָזענדיג מיט רעס־פּעקט די הענד, האָט דער אָפיציער דורכגעפיהרט נעכלודאוו'ן דורך איין קאָרידאָר, האָט איהם אריינגעפיהרט לינקס אין אן אנדערען, וועלכער איז געווען פערשלאסען מיט אן אייזערנע טיהר.

דער קאָררידאָר איז געווען נאָך פינסטערער און האָט מעהר גע'עיפּושט איידער דער ערשטער. פוןביידע זייטען קאָררידאָר זיינען געווען טיהרען פערשלאָסענע מיט שלעסער. אין די טיהרען זיינען געווען לעכער, זאָ גערופענע „אויגלעך“, ביי א האל־בען ווערשאק רונד און ארום.

— אין וועלכער איז מענשאוו? — האָט דער אָפיציער א פרעג געטאָהן דעם נאדזיראטעל.

— די אכטע צו לינקס.

— און דיזע אלע זיינען פערנומען? — האָט א פרעג גע־טאָהן נעכלודאָוו.

—אלע פערנומען, א חוץ איינע.

50.

— מעג מען א קוק טאהן — האָט א פרעג געטאָהן נעכלודאוו.

— ביטע, ביטע — האָט מיט אן אנגענעהמען שמייכעל גע־זאָגט דער געהילפס־סמאָטריטעל און האָט עפּעס א פרעג געטאָהן ביי'ם נאדזיראטעל. נעכלודאוו האט א קוק געטאָהן אין איינע

פון די לעבער — דארט איז א הויכער, יונגער מענש, בלויז אין אונטערוועש, מיט א קליינער שווארצער בערדעל, שנעל ארומגע־גאנגען הין און צוריק; דערהערענדיג עפּעס א שאר ביים טיהר, האָט ער א קוק געטאָהן, האָט זיך אנגעכמורעט און גענומען ווידער ארומגעהן.

נעבלודאָוו האָט א קוק געטאָהן אין לאָך פון א צוויי־טע טיהר; זיין אויג האָט זיך בעגעגענט מיט אן אויג פון יענע זייט, א צושראָקענע, גרויסע אויג, וועלכע האָט געקוקט אין לאָך; ער איז שנעל אבגעטראָטען. א קוק טהוענדיג אין א דריטע, האָט ער דערזעהען אויפ׳ן בעטעל א שלאָפענדען, פון זעהר קליינעם וואוקס, א צונויפגעדרעהטען און דער קאָפּ איבערגעדעקט מיט׳ן כאלאט. אין פערטען קאמער איז געזעסען א ברייט־פּנים׳דיגער, בלייכער מענש, מיט א ניעדריג אראבגעלאָזענעם קאָפּ און מיט די עלענבויגענס איינגעשפּארט אין די קניע. אין זיין גאנצען געזיכט, בעזאָנדערנס אין די גרויסע אויגען, איז געוועזען דער אויב־דרוק פון האָפנונגסלאָזען טרויער. איהם האָט אפנים ניט אינ־טערעסירט א קוק צו טאָהן ווער עם קוקט צו איהם אין קאמער. ווער עם זאל ניט קוקען, האָט ער שוין פון איהם ניט ערווארט, ווי עם שיינט קיין גוטעס. נעבלודאָוו׳ן איז געוואָרען אימה׳דיג. ער האָט שוין מעהר ניט געקוקט און איז געגאנגען גלייך צו קאַ־מער 21 פון מענשאָוו׳ען.

דער נאדזיראטעל האָט אויפגעשלאָסען דעם שלאָס און גע־עפּענט די טיהר. א יונגער מאן, מיט א לאנגער האלז, מיט א גוטמוטהיגען פּנים, קיילעכדיגע, גוטע אויגען און א קליין בערדעל, איז געשטאנען אַ צושראָקענער און האָט שנעל אָנגע־טאָהן דעם כאלאט, קוקענדיג אויף די אריינקומענדע.

— דער הערר וויל וועגען דיין משפט אויספרעגען דיך — האָט איהם געזאָגט דער אָפיציער.

— מיר דאנקען זעהר..

— יא, מען האָט מיר דעצעהלט וועגען אייער פּראָצעס — האָט געזאָגט נעבלודאָוו צוגעהענדיג ווייטער צום וואנד פון קאַ־

מער און בלייבענדיג שטעהן לעבען דער שמוציגער פענסטער מיט גראטעס — און איך האָב געוואָלט וואָס הערען פון אייך אליין.

מענשאָוו איז אויך צוגעגאנגען צום פענסטער און האָט גלייך אָנגעהויבען דערצעהלען, פריהער שטיל און דערנאָך דרייסטער און דרייסטער. זיין דערצעהלונג איז, לויט דער שפּראך און די מא־נערען, געווען אן ערצעהלונג פון אן איינפאכען, גוטען פויערשען יונג. די מעשה איז געווען אָט וואָס. באלד נאָך זיין חתונה האָט א דאָרף־סוחר אָבגעשלאָגען פון איהם זיין פרוי. ער האָט גע־זוכט עפּעס צו מאכען על פּי געזעץ. אָבער דער סוחר האָט או־מעטום אונטערגעשמירט די נאטשאלסטווא און מען האָט איהם געמאכט גערעכט. איין מאָהל האָט ער מיט גוואלט אָבגענומען די ווייב, אָבער אויפ'ן צווייטען טאָג איז זי אנטלאָפען. ער איז דאן געגאנגען צום סוחר און האָט געפאָדערט זיין פרוי. יענער האָט איהם געענטפערט אז דאָרט איז זיין פרוי ניטאָ און האָט איהם געהייסען אָבטראָגען זיך. ער איז ניט אוועק. דער סוחר מיט זיין ארבייטער האָבען איהם געשלאָגען, צובלוטיגט, און אויפ'ן צווייטען טאָג האָט זיך ביי'ם סוחר אנגעצונדען דאס הויז. מען האָט איהם מיט זיין מוטער געשטעלט אונטער אנקלאגע, אז זיי האָבען דאס אונטערגעצונדען. און ער וויים גאָרניט פון וואָס צו זאגען, ער איז גאר געווען ביי דעם מחותן יענעם טאָג.

— און דו האָסט ווירקליך ניט אונטערגעצונדען?

— אפילו אין די געדאנקען האָב איך ניט געהאט אזא זאך, פריצ'ל. און ער, מיין גזלן, האָט דאס אפנים גאר אליין אונטער־געצונדען. מען זאגט, אז ער האט ניט לאנג פאר דעם פערסטרא־כירט זיך. און אויף מיר מיט מיין מוטער האָט ער אויסגע־טראכט אז מיר זיינען ביי איהם געווען און געסטראשעט איהם. ער האָט דאָס אליין אונטערגעצונדען און ארויפגעוואָרפען אויף אונז.

— איז דאָס מעגליך?

— דאס איז אמת, ווי פאר גאָט זאג איך אייך, בארין. זייט א לייבליכער פאָטער! — ער האָט געוואלט פאלען צו די פיס,

אָבער נעכלודאָוו האָט איהם מיט כח אָבגעהאַלטען — העלפט אוים, איך ווער פערלאָרען אומזיסט און אומנישט.

זיינע באקען האָבען אנגעהויבען צו ציטערען און ער האָט זיך צואווייינט, ווישענדיג די אויגען מיט דעם פערקאשערטען אר־בעל פון דער קויטיגער העמד.

— נו, זייט ניט פערצווייפעלט; מיר וועלען טאָהן וואָס נור מעגליך — האָט געזאָגט נעכלודאָוו און איז ארוים. מענשאָוו איז געשטאַנען אין טיהר, אזוי אז דער נאדזיראטעל, פערשליסענדיג, האָט איהם ארייננעשטויסען מיט'ן טיהר.

51.

דורכגעהענדיג צוריק דעם ברייטען קאָררידאָר (דאָס איז גע־ווען מיטאָג־צייט און די קאמערס זיינען געווען אָפען) צווישען די ארעסטאנטען, אנגעטאָנענע אין העל־געלבע כאלאטען, קורצע, בריי־טע הויזען און הילצערנע שיך, וועלכע האָבען גייציג געקוקט אויף איהם, האָט נעכלודאָוו דערשפּירט זאנדערבארע געפיהלען. ער האָט געפיהלט מיטלייד מיט די מענשען, וואָס זיינען דאָ געזעסען פער־שפּארט, און שרעק פאר יענע, וועלכע האָבען זיי אריינגעזעצט און האַלטען זיי דאָ, און עפּעס אַ שאנדע פאר זיך אליין, וואָס ער קוקט זיך צו דערצו אזוי רוהיג.

אין איין קאָררידאָר איז עמיצער דורכגעלאָפען קלאַפּענדיג מיט זיינע הילצערנע שיך אין טיהר פון קאמער, און פון דאָרט זיינען ארויסגעגאנגען מענשען און האָבען זיך געשטעלט נעכלו־דאָוו'ן אין וועג, נייגענדיג זיך פאר איהם:

— גיט אַ בעפעהל, וואשע בלאגאָראָדיע... איך ווייס ניט ווי איך צו רופען, אז מען זאָל מיט אונז מאכען אַ טאָלק ווי עס איז.

— איך בין ניט קיין נאטשאלניק, איך ווייס קיין זאך ניט.

— אלץ איינס, זאָגט ווערען, דער נאטשאלסטווא אדער ווע־מען דאָרט — האָט געזאָגט די אונצופריעדענע שטימע — מיר זיינען אין קיין זאך ניט שולדיג, און אָט ליידען מיר שוין דעם צווייטען מאָנאט.

— ווי? פאר וואָס? — האָט געפרעגט נעכלודאָוו.

— אָט אזוי, איינגעשפּארט אין טורמע. זיצען מיר שוין דעם צווייטען מאָנאט און ווייסען אליין ניט פאר וואָס...

— אמת, דאס איז צופעליג, — האָט געזאגט דער גע־הילפס־סמאָטריטעל — מען האָט ארעסטירט דיזע מענשען פאר ניט האָבען קיין פּאספּארטען און מען האט זיי געדארפט אבשי־קען אין זייער גובערניע, אָבער דארט האָט דער אסטראָג אָבגע־ברענט און די גובערנסקע קאנצעלאריע האָט געלאָזט וויסען אונז, אז מען זאָל צו זיי ניט שיקען. נו, האָבען מיר אלעמען פון אנדערע גובערניעס צושיקט, און זיי האלטען מיר.

— ווי, נור דערפאר? — האָט געפרעגט נעכלודאָוו אבשטע־לענדיג זיך אין טיהר.

— יא, מען האָט זיי געדארפט אייגענטליך שיקען צוריק אין זייער וואהנונגס־ארט — האָט געענטפערט דער סמאָטריטעל.

ער האָט נור געענדיגט, ווי פון דער מאסע האָט זיך ארויס־געריקט א קליין מענשעל, אויך אין ארעסטאנטסקע קליידער און, קרימענדיג מיט'ן מויל, האָט ער אָנגעהויבען ריידען אויף וועגען דעם ווי מען פּייניגט זיי דאָ אָהן א פארוואָס.

— ערגער פון הינד... — האָט ער אָנגעהויבען.

— נו, נו, איבעריגס ניט פּלוידער דאָ, ווארום אז ניט, ווייסטו...

— וואָס זאָל איך וויסען — האָט פערצווייפעלט געהאמ־פערט זיך דער קליין מענשעל — זיינען מיר דען אין עפּעס שול־דיג, וואָס?

דער נידריגער ארעסטאנט איז אנשוויגען געוואָרען און האָט זיך אָפּגערוקט.

— אַך, וואס טוהט זיך! — האָט געקלערט אויסער זיך פון קריינקונג נעכלודאָוו.

הונדערטער אויגען פון די ארעסטאנטען האָבען איהם בע־גלייט און ער האָט געפיהלט, אז העלפען זיי אלעמען איז ער ניט אימשטאנד.

— האָט מען דען ווירקליך סתם אזוי גאנץ אונשולדיגע מענ־שען איינגעשפארט ? ווי איז דאָס דען מעגליך ? — האָט נעבלור־דאָוו וויעדער פערוואונדערט געפרעגט זיין בעגלייטער.

— נו, וואס קען מען מאכען ? אזוי איז עס, פירסט. אבער גלויבט זיי ניט אלעמען. זיי קענען אייך אָנזאָגען א היבשע ביסעל ליגען. ווען איהר זאָלט זיי אלעמען גלויבען געפינט איהר דאָ קיין איין שולדיגען ניט אין אסטראָג.

— יא, אבער ד י זאגט איהר דאָך אליין סתם אזוי צור־פעליג.

— די ? יא, זיי זיצען אומזיסט טאקע. אבער דאס איז אין אלגעמיין א רויע, פערדאָרבענע מאסע. מען מוז זיך מיט זיי בע־געהן שטרענג. עס זיינען ביי אונז דאָ אזעלכע, וואס מען דאַרף זיי קיין שכל ניט לערנען. אָט זיינען מיר ערשט נעכטען געוועז גע־צוואונגען צוויי צו בעשטראפען.

— וואָס הייסט בעשטראָפען ?

— אָט אזוי, בעשטראָפען מיט ריטער, לויט בעפעהל.

— וואָס הייסט בעשטראפען ?

— איינפאך, בעשטראָפען דורך שמיץ.

— ווי אזוי ? קערפערליכע שטראָף איז דאָך שוין לאנג פערבאָטען.

— יא, פערבאָטען, אבער ניט פאר די, וועלכע האָבען פערלאָ־רען זייערע רעכטע.

נעבלודאוו האָט זיך איצט עראינערט אָן אלעס, וואָס ער האָט געזעהען געסטערן ווען ער האָט געווארט אין קאָררידאָר, ווען די בעאמטע זיינען ארומגעגאנגען זעהר אויפגערעגט. ער האָט פערשטאנען, אז דאס האָט מען דאן בעשטראָפט, ד. ה, גע־שמיסען אן ארעסטאנט. און ער האָט איצט געפיהלט זאָנדערבאר, פערדרוס, שמערץ, אבשטוים און אין דער זעלבער צייט נייגירדע צו וויסען ווארום און ווי אזוי אזעלכע זאכען קענען נאָך איצט געשעהען.

ער איז שנעל אוועק פון דעם אסיסטענט סמאָטריטעל און

איז אריין אין קאנטאָר. דער סמאָטריטעל איז דאָרטען געווען בע־שעפטיגט מיט עטוואָס און האָט זיך אונטערדעסען פערגעסען ארויסצורופען באָגאָדוכאָווסקאיא. איצט ווען ער האָט דערזעהן נעכלודאָוו׳ן האָט ער זיך דערמאָנט, אז ער האָט זי געדארפט ארויסרופען אין קאנטאר פיר נעכלודאָוו׳ן.

— איך שיק נאָך איהר גלייך, און איהר, ביטע, זיצט א ווײַלינקע, — האָט ער געבעטען נעכלודאָוו׳ן און זיך ענטשולדיגט.

52.

דער קאנטאר איז בעשטאנען פון צוויי צימערען. אין איין צימער, א דונקעלען, איז געשטאנען אין א ווינקעל א שווארצע מאָס איבערצומעסטען אנגעקומענע ארעסטאנטען; אין דעם אנדער ווינקעל אנטגעגען איז געהאנגען דאס בילד פון קריסטוס.

אין דיזען ערשטען צימער זיינען געשטאנען עטליכע אויפ־זעהער פון אסטראָג. אין צווייטען צימער זיינען געזעסען אויף ביינק לעבען די ווענד בעזונדערע גרופען אָדער פּאָרלעך. צווא־מען זיינען געווען א פערזאָן צוואנציג מאנסלייטע און פרויען און האָבען שטיל געשמועסט. ביים פענסטער איז געשטאנען א גרויסער שרייב־טיש.

דער סמאטריטעל איז געזעסען ביים שרייב־טיש און האָט אנגעוויזען נעכלודאָוו׳ן אויף א שטוהל צו זעטצען זיך. נעכלודאָוו האָט זיך געזעצט און אָנגעהויבען בעטראכטען די מענשען, וואָס זיינען געזעסען אין צימער.

דער ערשטער, אויף וועלכען ער האָט אפּגעשטעלט זיין בליק, איז געווען א יונגער מענש אין א קורצער זשאקעטקע, מיט אן אנ־גענעהמעם געזיכט, וועלכער איז געשטאנען לעבען א פרוי, שוין ניט גאָר קיין יונגע, און האָט עפּעס היציג געמאכט מיט די הענד, ריידענדיג צו איהר מיט הארץ.

גלייך מיט זיי איז געזעסען אן אלטער מאן אין בלויע ברילען אונבעוועגליך און האָט זיך צוגעהערט, האלטענדיג די האנד פון

א יונגער פרוי אין ארעסטאנטסקע קליידער. זי האָט איהם עט־וואס דערציילט שטילערהייט. לעבען זיי איז געשטאנען א יונגער שילער פון רעאל־שוהלע און האָט געקוקט מיט ערשראָקענע בליקען אויף דעם אלטען.

ניט ווייט פון דיזע גרופען, אין א ווינקעל, איז געזעסען א פערליעבטע פּאָרל. זי איז געווען מיט געשאָרענע קורצע האָר, מיט אן ענערגישעס געזיכט, א זאנפטע, מילדע, יונגע בלאָנדינקע אין א שיינע קלייד. זיי זיינען געזעסען אין ווינקעל און האָבען גע־מורמעלט איינער צום אנדערן.

נעהנטער פון אלע צום טיש איז געזעסען אן אלטע פרוי, אין א שווארצעם קלייד. קענטיג געווען אז דאס איז א מוטער: זי האָט געקוקט מיט מיטליידיגע אויגען אויף א יונגען מאן, וועלכער האָט געשיינט צו זיין ברוסטליידענד, מיט א בלאסען, זעהר בלאסען געזיכט. זי האָט זיך צוגעקליבען עטוואָס צו זאָגען, נור טרערען האָבען זיך געוויזען אין איהרע אויגען און זי האָט ניט געקענט ריידען; זי האָט געעפענט דעם מויל, אָנגעפאנגען א וואָרט, איז אבער געבליבען שטיל צוריק.

לעבען דיזע איז געזעסען א יונגע, פול־בלוטיגע, שעהנע פריי־לין מיט קיילעכדיגע דונקעלע אויגען און אין א גראָהע קלייד מיט א פּאָלערינע. זי האָט געגלעט די האנד פון דער וויינענדער מוטער און האָט זי געטרייסט. אין דיזער יונגער מיידעל איז אלעס געווען שעהן, אלעס אנגענעהם, און אויסגעגאָסענער חן: איהרע ווייסע, צארטע הענד, איהר אָפענער, גוטהערציגער בליק, די געדיכטע, קורצע האָאר און פולע, פרישע, רויטליכע ליפּען און איבערהויפּט די אויגען, וואהרהייטליכע אויגען.

גלייך ווי נעכלודאָוו איז אריין האָט זיך איהר בליק בעגעגענט מיט זיינעם, אָבער זי האָט זיך גלייך אָפּגעווענדעט פון איהם און האָט אָנגעהויבען שנעל צו ריידען עטוואָס צו דער מוטער.

נעכלודאָוו האָט זיך געזעצט לעבען סמאָטריטעל און האָט מיט אנגעשטרענגטער נייגירדע געקוקט ארום זיך. א יונגער איי־

געלע איז צו איהם צוגעגאנגען שטילערהייט און האט מיט זיין דינינקער שטימעלע איהם געפרעגט.

— און צו וועמען קומט איהר דא?

נעכלודאוו האט זיך פערוואונדערט אויף דיעזער פראגע פון קינד, נור זעהענדיג ווי ער האט געקוקט אויף איהם מיט לעבעדיגע, קלוגע, ערנסטע אויגלעך האט ער איהם געענטפערט, אז ער איז געקומען זעהן זיך מיט א בעקאנטע פרויענצימער.

איז זי אייערע א שוועסטער? — האט ווידער געפרעגט דער אינגעלע.

— ניין, ניט קיין שוועסטער — האט איהם נעכלודאוו געענטפערט — און מיט וועמען ביסטו דא? האט ער צוריק געפרעגט דעם זאנדערבארען אינגעל.

— איך בין דא מיט די מאמא. זי איז א פאליטישע — האט דער אינגעל געענטפערט.

מאריא פאוולאוונא, נעהמט צו אייער קאליא — האט א זאג געטאן דער סמאטריטעל, וועלכער האט וואהרשיינליך איינגעפונען, אז דער געשפרעך פון אינגעלע מיט א פרעמדען איז אונגעזעצליך.

מאריא פאוולאוונא איז דאס געווען די שעהנע יונגע מיידעל, וועלכע האט אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון נעכלודאוו'ן. זי איז אויפגעשטאנען מיט איהר גאנצער, הויכער, שטאלצער פיגור און איז מיט איהרע געזונדע, פעסטע טריט צוגעגאנגען צו נעכלודאוו'ן, לעבען וועלכען עס איז געשטאנען דער אינגעל.

— וואס האט ער ביי אייך געפרעגט, וואהרשיינליך ווער איהר זייט? — האט זי מיט א ליעבליכען שמייכעל געפרעגט נעכלודאוו'ן, — ער דארף אלץ וויסען האט זי געזאגט, קוקענדיג אויפ'ן אינגעלע מיט אזא זיסען, ליעבען בליק וואס האט אין אלעמען ארויסגערופען אן אנגענעהמען שמייכעל אויפ'ן געזיכט.

— יא, האט נעכלודאוו געענטפערט, — ער האט מיך געפרעגט, צו וועמען איך בין דא געקומען.

— מאריא פאוולאוונא, — האט דער סמאטריטעל איהר פא־

טערליך בעמערקט, איהר טאַרט מיט זייטיגע מענשען ניט ריידען. איהר ווייסט דאָך דאס.

— גוט, גוט, איך וועל ניט, — האָט זי געענטפערט גוט־מוטהיג, האָט גענומען דעם אינגעלע פאר'ן האנד און האָט איהם אוועקגעפיהרט צוריק צום באנק, און האָט זיך אוועקגעזעצט לעבען דער מוטער פון דעם קרייגקליכען יונגען מאן.

— ווּעמעס אינגעלע איז דאָס? — האָט נעכלודאָוו נייגעריג א פרעג געטאָן דעם סמאָטריטעל.

— ער איז געבאָרען געוואָרען דאָ אין אסטראָג, זיין מוטער איז א פאליטישע פערברעכערין — האָט דער סמאָטריטעל געענט־פערט מיט א מין צופריעדענהייט פון דעם, וואס אין זיין אנשטאלט געשעהען אזעלכע זאנדערבארע מעשים.

— איז דאָס מעגליך?

— און אָט פאָהרט ער קיין סיביר צוזאמען מיט דער מוטער.

— און דיזע פריילין, ווער איז זי?

— דערויף קען איך אייך ניט ענטפערן, — האָט דער סמאָט־ריטעל געזאָגט מיט אן אמטליכער טרוקענהיים, קוועטשענדיג מיט די פלייצעס.

אין דיזער מינוט איז אריין באגאדוכאָווסקאיא.

53.

נעכלודאָוו האָט דערזעהען פאר זיך די גרעע, מאָגערע, געשאָ־רענע ווערא יעפרעמאָוונא באָגאָדוכאָווסקאיא, מיט איהרע גרויסע גוטע אויגען.

— נו, א דאנק אייך, וואָס איהר זייט געקומען, — האָט זי געזאָגט אונטערגעהענדיג צו נעכלודאָוו'ן און דריקענדיג זיין אויס־געשטרעקטע האנד. — געדיינקט איהר מיך? נו, לאָמיר זיך זעצען ערגעץ.

— איך האָב ניט געדיינקט צו טרעפען אייך א מאָל אין אזא לאגע, — האָט ער איהר געענטפערט פריינדליך.

— אה, עס מאכט נישט, מיר איז גוט, זעהר גוט און נאָך ווי גוט; בעסער דארף מען גאר ניט.

נעכלודאָוו האָט פאנאנדערגעפרעגט זי, ווי אזוי זי איז געקומען דאַהי, צו זיין דאָ איינגעשפּארט, זי האָט איהם געענטפערט לעבהאפט, ערקלעהרענדיג איהם איהר פּראָצעס.

איהר רעדע איז געווען אויסגעמישט מיט פרעמדע ווערטער וועגען פּראָפּאגאנדירען, דיסאָרגאניזירען, וועגען גרופּעס, סעקציעס און אונטערסעקציעס, מיינענדיג אז אלע ווייסען וועגען וואס און וועגען וועמען זי רעדט, כאָטש נעכלודאָוו האָט קיין אהנונג ניט געהאט פון דעם אלעם.

זי האָט גאָר ניט געצווייפעלט, אז איהם מוז זעהר אינטערעסירען אלע איינצעלהייטען וואס זי דערצעהלט איהם וועגען די געהיימניסע פון די נאראָדאָוואָלצעס.

נעכלודאָוו האָט געקוקט אויף איהר דארע העלזעל, אויף איהרע שיטערע, צוקודעלטע האאר און האָט זיך געוואונדערט צו וואס האָט זי דאס אלעס געטוהן און וואצו האָט זי דאס איהם אלעם דערצעהלט?

ער האָט אויף איהר רחמנות געהאט, אָבער מערקווירדיג, דאָס איז ניט געווען אזא מין רחמנות, ווי ער האָט געפיהלט צו דעם ארעסטאנט מענשאָוו, צו דעם פערזאונגליקטען מוזשיק, וועלכער האָט אזוי אונשולדיג געפוילט אין פינסטערן געפיינגניס. אויף איהר האָט ער מעהר רחמנות געהאט איבער דעם מישמאש וועלכער האָט זיך געפּלאָנטערט אין איהר קאָפּ.

ווי עס האָט געשיינט, האָט זי זיך גערעכענט פאר א גרויסען העלד, וועלכע איז פערטיג צו אויפאָפּפערן מיט'ן לעבען פיר דעם ערפאָלג פון איהר זאך, אָבער אין דערזעלבער צייט וואָלט זי ניט געקענט ערקלערען אין וואס דיזע זאך בעשטעהט און אין וואס קען דאָ ליגען דער ערפאָלג. עס איז געווען ווי א צוטומלעניש ביי איהר אין קאָפּ.

די זאך, וועגען וועלכע ווערא יעפרעמאָוונא האָט דערציילט

נעכלודאָוו׳ן, איז בעשטאנען אין פאָלגענדעם: איהרע א חבר׳טע, מיט׳ן נאָמען שוסטאָווא, וועלכע האָט אליין גאָר ניט בעלאנגט צו זייער אונטערגרופע, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, איז ארעס־טעט געווארען צוזאמען מיט איהר מיט א מאָנאטען פינף צו־ריק און מען האָט זי ארייננעזעצט אין פעטראָפּאוולאָווסקע קרע־פּאָסט בלויז דערפאַר, וואָס מען האָט ביי איהר געפונען ביכער און פאפירען, וועלכע מען האָט איהר געגעבען צו בעהאלטען.

ווערא יעפרעמאָוונא האָט זיך גערעכענט אייניגער מאסען שולדיג אין דעם, וואָס שוסטאָווא איז ארייננעפאלען אין געפענג־ניס, און זי האָט דערפאַר געבעטען נעכלודאָוו׳ן, וועלכער מוז דאָך האָבען אזא גרויסע בעקאנטשאפט אין די הויכע מקומות, ער זאָל זעהען עטוואָס טאָהן, מען זאָל די אונשולדיג־ארייננעפאלענע בע־פרייען.

אויסער דעם האָט זי איהם אויך געבעטען אויב עס איז מעג־ליך, אז ער זאָל אויספיהרען מען זאָל דעם פּאָליטישען ארעסטיר־טען מיט׳ן נאָמען גורעוויטש, וועלכער געפינט זיך אויך אין פעטראָפּאוולאָווסקער פעסטונג, ערלויבען זעהן זיך מיט זיינע על־טערען און פערוואנדטע, ד. ה. מען זאָל זיי ערלויבען איהם בע־זוכען. און אויך מען זאָל איהם ערלויבען צו בעקומען וויסענ־שאפטליכע ווערקע, וועלכע זיינען איהם נויטיג פאַר זיינע וויסענ־שאפטליכע ארבייט. נעכלודאוו האָט איהר פערשפּראָכען צו בעמי־העז זיך טאָהן עטוואס פון איהרטוועגען, אויב עס וועט נאָר מעג־ליך זיין אויסצופיהרען וואָס זי בעט, ווען ער וועט זיין אין פּע־טערבורג.

איהר אייגענע געשיכטע האָט ווערא יעפרעמאָוונא אזוי דער־ציילט: ווען זי האָט געענדיגט די אקושערסקע קורסען, האָט זי זיך בעקאנט מיט דער פּארטיי פון די נאראָדאָוואָלצעס און איז געוועזען טהעטיג צוזאמען מיט זיי. פון אנפאנג איז אלעס געוועזען געלונגען, מען האָט געשריעבען פּראָקלאמאציעס, מען האָט פּראָפּאגאנדירט אין די פאבריקען; נור דערנאָך האָט מען געכאפּט איינע פון די העכסטע פערזענליכקייטען, מען האָט געפונען גע־

היימע פּאַפּירען און עס האָבען זיך אנגעפאנגען ארעסטען נאָך ארעסטען.

— מען האָט מיך ארעסטירט און אָט שיקט מען מיך אוועק... — האָט זי געענדיגט איהר געשיכטע, — אָבער דאס איז גארניט. איך פיהל זיך זעהר גוט, זאגאר אויסערגעוועהנליך גוט, — האָט זי געזאגט און האָט אַ שמייכעל געטאָהן אזוי רחמנות׳דיג, ווי עס האָט געשיינט נעבלודאַוו׳ן.

נעבלודאָוו האָט איהר דאן א פרעג געטאָהן וועגען דער שייד נער מיידעל מיט די ליכטיגע אויגען. ווערא יעפרעמאָוונא האָט איהם דערציילט, אז דאָס איז אַ טאָכטער פון א גענעראל, וועלכע בעלאנגט שוין לאנג צו דער רעוואלוציאָנערער פּאַרטיי און זי האָט זיך אליין אנערקענט שולדיג אין שיסען א זשאנדארם. זי האָט געד וואהנט אין אַ קאנספּיראטיווער קווארטיר, אין וועלכער עס האָט זיך איינגעפונען א דרוק־מאשינע. פּאָליציי איז בעפאלען דיעזע קווארטיר אין מיטען נאכט. די איינוואהנער האָבען דאן בעשלאָסען צו פערטהיידיגען זיך; זי י האָבען פערלאָ־ שען די ליכט און האָבען אנגעהויבען אין דער פינסטער צו פערניכטען אלעס, וואס האָט געקענט דינען אלס בעווייז און פון וואָס די פּאָליציי האָט ניט געטאָרט וויסען. די פּאָלי־ ציסטען און זשאנדארמען האָבען אָבער אויפגעבראָכען די טיהר און האָבען זיך ארייגעריסען אין הויז און דאן האָט איינער פון די קאָנספּיראטאָרם אויסגעשאָסען און האָט טויטליך פערוואונדעט א זשאנדארם.

ווען מען האָט אלעמען פערהאפטעט און מען האָט גענומען פאָרשען ווער עס האָט געשאָסען, האָט דיזע גענעראלסקע טאָכטער גענומען אלעס אויף זיך און ערקלערט, אז זי האָט עס געטאָן, טראָץ דעם וואס זי האָט נימאלס געהאלטען אין איהר האנד א רעוואלווער און האָט קיין הארץ ניט צו טויטען אפילו א שפין. אזוי איז עס געבליבען. און איצט פערשיקט מען זי קיין סיביר אויף קאָ־ טאָרזשנע ארבייט.

— אן אלטרואיסטישע נאטור, א גוט־הערציגער מענש...

— האט ווערא יעפרעמאָוונא זי געלויבט.

די דריטע זאך, וועגען וועלכער ווערא יעפרעמאָוונא באגאָדו־באָווסקאיא האט געוואלט ריידען מיט נעכלודאָוו׳ן, איז געווען וועגען מאסלאָווא. זי האט געוואוסט אין אסטראָג די געשיכטע פון מאסלאָווא און איהרע בעציהונגען צו נעכלודאָוו׳ן. זי האט איהם געראטהען, אז ער זאל זעהן מען זאל מאסלאָווא איבערפיהרען אין דער אבטהיילונג פון די פאליטישע, אדער, אויב דיזעס איז אונמעגליך, זאל ער אויספיהרען מען זאל זי בעשטימען פאר א וואכטערקע ארום די קראנקע אין האספיטאל, וואו עס זיינען איצט דאָ זעהר פיעל קראנקע און עס פאָדערן זיך מעהר וואכטערקעס.

נעכלודאָוו האט איהר געדאנקט פאר דיזען ראטה און האט געזאגט, אז ער וועט זעהען פועל׳ן וואס מעגליך.

54.

זייער געשפרעך האט זיך געמוזט ענדיגען. דער סמאָטריטעל האט זיך אויפגעהויבען און האט ערקלערט, אז די צייט פון זעהען זיך האט זיך געענדיגט און די בעזוכער מעגען שוין גיין.

נעכלודאָוו איז אויפגעשטאנען פון זיין פלאץ, האט זיך געזעגענט מיט ווערא יעפרעמאָוונא און איז אוועק צום טיהר, לעבען וועלכער ער האט זיך אבגעשטעלט, בעטראכטענדיג אלעס, וואָס איז פאָרגעקומען פאר זיינע אויגען אין דיזען צימער.

— נו, מיינע העררן, צייט, צייט, — האט אונטערגעיאָגט דער סמאטריטעל, אויפהויבענדיג זיך אלץ פון זיין פלאץ און זעצענדיג וויעדער צוריק.

די פאָדערונג פון דעם סמאטריטעל האט ארויסגערופען אין די ארעסטאנטען, ווי אין די בעזוכער א שטארקערען פערלאנג נאך א ווייל׳ע צו זיין צוזאממען, נאך עטליכע ווערטער צו ריידען, און זיי האבען זיך ניט אויפגעהויבען פון פלאץ. מאנכע זיינען אויפגעשטאנען, אבער האבען נאך ניט אנגעהויבען צו געהן, זאנ־

דערן האָבען געערדט שנעל שטעהענדיג. אנדערע האָבען זיך אָנ־הויבען זעגענען און וויינען. בעזאנדערס ריהרענד איז געווען דאס זעגנען זיך פון דער מוטער און פון דעם שווינדזיכטיגען יונגען־מאן, דער יונגער מענש האָט אין די פינגער געקנייטשט דאס שטיק פּאַ־פּיער וואס ער האָט געהאט און זיין געזיכט איז געווארען אלץ בייזער און בייזער; ס'איז קענטיג געווען, אז ער מאטערט זיך איינ־צוהאלטען אום ניט פאנאנדערוויינען זיך.

ווען די מוטער האָט דערהערט, אז מען דארף זיך זעגנען, האָט זי אָנגעלעהנט איהר קאָפּ אויף זיינע שולטערן און האָט זיך אין דער הויך צוכליפּעט. דאס שיינע מיידעל מיט די גרויסע, אפענע גו־טע אויגען, — נעכלודאוו האָט ניט ווילענדיג נאָכגעשפּירט איהרע בעוועגונגען — איז געשטאנען לעבען דער וויינענדער מוטער און האָט זי שטיל און זאנפט בערוהיגט זאָגענדיג איהר עטוואָס צערטליכעס.

דער אלטער מיט די בלויע ברילען איז געשטאנען, האלטענדיג פאר'ן האנד זיין טאָכטער און האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף אלעס, וואָס זי האָט געזאָגט. די פארליבטע יונגע פּאָר איז אויך אויפגעשטאנען און האלטענדיג זיך פאר ביידע הענד, האָבען זיי שווייגענדיג געקוקט איינער דעם אנדערן אין די אויגען.

— אָט זיי אליין זיינען גליקליך — האָט א זאָג געטאָהן צו נעכלודאָוו'ן דער יונגער מאן אין קורצער זשאקעטקע, ווייזענדיג אויף דער פארליעבטער פּאָרעל. זיי זיינען געשטאנען איינע לע־בען די אנדערע און געקוקט אויף די איבריגע.

ווען די פערליעבטע האָבען דערפיהלט אויף זיך דעם בליק פון נעכלודאָוו'ן און פון דעם יונגען מענשען, האָבען זיי אפּגעלאָ־זען איינער דעם אנדערענס הענד, האָבען זיך אבגעבויגען אויף הינטען און האָבען זיך אנגעהויבען דרעהען אויפ'ן אָרט.

— זיי האָבען דאס היינט ביי נאכט חתונה, טאקע דאָ, אין אסטראָג און זי געהט מיט איהם קיין סיביר, — האָט דער יונ־גער מענש געזאָגט.

— ווער איז ער עס אזוינער?

— ווער? א קאטאָרזשניק. זאָלען זיי כאָטש פרעהליך זיין, דען עס ווערט צו ביטער אויפ'ן הארצען, ווען מען קוקט זיך צו און הערט זיך צו צו דעם געזעגענען זיך.

— מיינע העררן, אַך, זאל שוין זיין גענוג, איך בעט אייך. צווינגט מיך ניט צו נעהמען שטרענגערע מיטלען, — האָט אָנ־געהויבען ווידער דער סמאָטריטעל, וויעדערהאָלענדיג עטליכע מאָל דאָס זעלבע, — נו, איך בעט אייך און בעט אייך, האָט ער גע'טענה'ט שוואך, אונענטשלאָסען. שוין די צייט אריבער, נו, ווי קען איך דאָס ערלויבען. איך זאג אייך איצט דאָס צום לעצ־טען מאָהל, — האָט ער געסטראשעט, זעצענדיג זיך צוריק און רויכערנדיג זיין דיקען פאַפּיראָס.

עס איז געוועזען קענטיג, אז דער אויפזעהער האָט זיך געפונען אין אַ גרויסער פערלעגענהייט, ווייל ווי איינגעלעבט ער איז ניט געוועזען מיט'ן געדאנק, אז ער וויל דאך ניט טהאָן קיינעם קיין שלעכטס, ער ערפילט נאָר דאָס, וואס זיין אַמט פאָדערט פון איהם, האָט ער דאך ניט געקאנט ניט פיהלען, אז ער איז איינער פון די פעראורזאכער פון די ליידען, וועלכע די קרובים פון די ארעסטירטע שטעהען אויס.

ענדליך האָבען די ארעסטאנטען און די בעזוכער אָנגעהויבען צו צוגעהן זיך: איינע זיינען אוועקגעגאנגען דורך דער טיהר, וועלכע פיהרט אינעווייניג אין אסטראָג און די אנדערע דורכ'ן טיהר וועלכע פיהרט ארויס דרויסען. עס זיינען דורכגעגאנגען די מאַנסלייטע, דער שווינדזיכטיגער און דער שווארצער קודלעוואַ־טער. עס איז אוועק מאריא פאַוולאָוונא מיט'ן אינגעל, וועלכער איז געבוירען געוואָרען אין אסטראָג.

עס האָבען אָנגעהויבען ארויסגעהן די בעזוכער, מיט שווערע טריט האָט זיך געשלעפּט דער אלטער אין בלויע ברילען. נאך איהם איז ארויס נעכלודאָוו.

— יא, שעהנע אָרדנונגען, — האָט פאָרטגעזעצט זיין גע־שפּרעך דער יונגער מענש, וואָס האָט אזוי גערן געוואָלט ריידען מיט נעכלודאָוו'ן, — עס איז נאך גוט מיט דעם קאפּיטאַן, איך

מיין דעם סמאַטריטעל, א גוטער מענש, האַלט זיך ניט אזוי שטריינג אָן די פּאַרשריפטען, נון, רעדט מען כאַטש א ווייל ע מעהר, איז דאָך אַלץ גרינגער.

ריידענדיג אזוי מיט דיזען מעדינצעוו — אזוי האָט זיך פאַרגעשטעלט דער יונגער מענש — איז נעבלודאָוו שוין גע־ווען אַראָפּ די טרעפּ, ווען דער סמאַטריטעל איז צו איהם צוגע־גאַנגען מיט א מיעדען אויסזעהן.

— אַלזאָ, אויב איהר ווילט זעהען מאַסלאָווא, קומט, זייט אזוי גוט, מאָרגען, — האָט ער געזאגט, ווערלענדיג זיין העפליך צו נעכלודאָוו׳ן.

— זעהר גוט, — האָט נעכלודאָוו געענטפערט און האָט זיך געאיילט ארויסצוגעהן.

55.

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז נעכלודאָוו אוועקגעפאָהרען צום אדוואָקאַט, האָט איהם דערצעהלט וועגען מענשאָוו׳ס פּראָצעס און האָט איהם געבעטען ער זאָל נעהמען אויף זיך די פערטהיידיגונג. דער אדוואָקאַט האָט איהם אויסגעהערט און האָט געזאָגט, אז ער וועט נאָכקוקען דעם פּראָצעס און וועט זעהען וואָס מען קען דער־ריין טאָהן, און אויב אַלעס איז אזוי ווי נעכלודאָוו זאָגט, וואָס עס איז זעהר מעגליך, וועט ער זיך נעהמען פאַר דער פערטהיידיגונג אָהן קיין שום בעלאָהנונג.

נעכלודאָוו האָט אונטערדעסען אויך דערצעהלט דעם אדוואָ־קאַט וועגען די 130 ארעסטאַנטען, וועלכע מען האַלט אין אַסטראָג פאַר קיין שולד, סתם דורך א מיספערשטענדניס, און האָט איהם געפרעגט ווער איז דעריין דער שולדיגער און צו וועמען מען דאַרף זיך ווענדען אין דיזען פאַל.

דער אדוואָקאַט האָט געשוויגען און האָט נאָכגעדיינקט, אזוי ווי ער וואָלט וועלען אויסגעפינען דעם ריכטיגען ענטפער.

— ווער איז דאָ שולדיג, פרעגט איהר? המם... קיינער ניט, — האָט ער געענטפערט ענטשלאָסען. — ווענדעט זיך צום פּראָקוראָר, — וועט ער אייך זאגען, אז שולדיג דעריין איז דער

גובערנאטאָר; רעדט צום גובערנאטאָר, וועט ער אייך זאָגען, אז שולדיג איז דער פּראָקוראָר. קיינער איז ניט שולדיג.

— איך וועל, אלזאָ, אריבערפאהרען צו מאסלעניקאָוו׳ן און וועל דאס איהם דערצעהלען.

עה, דאס איז ניט כדאי, — האָט דער אדוואָקאט געענטפערט מיט א שמייכעל. דאס איז, — איז ער ניט אייער א פריינד אדער א בעקאַנטער? — דאָס איז, זייט מיר מוחל, אַ קלאָץ און אין דערזעלבער צייט אַ כיטרער נפש.

נעכלודאָוו האָט זיך דערמאָנט, וואָס מאסלעניקאָוו האָט גע־רעדט וועגען אדוואָקאט. ער האָט איהם דערפאר גאָר נישט גע־ענטפערט, געזעגענט זיך מיט איהם און איז אוועקגעפאהרען צו מאסלעניקאָוו.

נעכלודאָוו האָט געדאַרפט האָבען צו מאסלעניקאָוו וועגען צוויי זאכען: בעטען איהם וועגען דעם, אז מען זאָל מאסלאָווא איבערפיהרען אין האָספּיטאַל און וועגען די 130 ארעסטאנטען, וועלכע זיצען פאר קיין שולד ניט, פאר קיין פערברעכען ניט.

איהם איז טאקע אליין געווען אונאנגענעהם צו ווענדען זיך מיט בקשות צו א פּערזאָן, וועלכע ער הויבט ניט אָן צו אכטען, אָבער דאָס איז דאָך געווען די איינציגע זאַך, וואָס ער האָט גע־קענט טאָהן. ער האָט ניט געוואוסט פון קיין בעסערען מיטעל וואוהין צו ווענדען זיך. אלזאָ עס בלייבט קיין אנדער זאַך ווי צו ווענדען זיך צו מאסלעניקאָוו.

אונטערפאָהרענדיג צו מאסלעניקאָוו׳ס הויז האָט נעכלודאָוו דערזעהן עטליכע עקיפּאַזשען לעבען פּאראַדנעם אריינגאנג און אביסעל ווייטער זיינען געשטאנען קארעטען, און ער האָט זיך דער־מאָנט, אז היינט איז גראדע דער טאָג, אין וועלכען מאסלעניקאָוו׳ס פרוי, די וויצע־גובערנאטאָרשע, נעהמט צו געסט. מאסלעניקאָוו האָט איהם טאקע דעם ערשטען מאָהל געבעטען, אז ער זאָל אין דעם טאָג קומען צו זיי.

ווען נעכלודאָוו איז צוגעפאָהרען צום אריינגאנג פון הויז איז לעבען צופאָהר געשטאנען א קארעטע, און א לאַקיי אין א פּאָ־

לערינע און א הוט מיט א קאָקאַרדע האָט מיטביידע הענד גע־האַלטען א דאַמע זיך איינזעצען אינעווייניג.

צווישען די פערשיעדענע קאַרעטען, דראָשקעס און עקי־פּאַזשען האָט נעכלודאָוו דערקענט דעם געדעקטען רייכען לאַנדאָ פון די קאָרטשאַגינס. דער גראָהער קוטשער האָט דערזעהען נעכלודאָוו'ן און ער האָט זיך מיט גרויס העפליכקייט פערנייגט, אראָפּנעהמענדיג די הוט, אזוי ווי פאר א פּריץ, וועל־כער וועט אמאָל אפשר זיין אן אייגענער!

איידער נעכלודאָוו האָט נאָך בעוויזען א פרעג צו טאָהן דעם שווייצער, וואו ער קען געפינען מיכאאיל איוואַנאָוויטש (מאסלעני־קאָוו), ווי ער אליין האָט זיך בעוויזען אויף די טרעפּ, וועלכע זיינען געוועזען בעדעקט מיט א ווייכען טעפּיך, בעגלייטענדיג עפּעס זעהר א וויכטיגען גאַסט, איינעם פון די געסט, וועלכען מאסלעניקאָוו פלעגט רעכענען פאר ניט גענוג צו בעגלייטען ביז'ן טיהר, נור טאַקע דורך אלע טרעפּ ביז אונטען.

דאָס איז געוועזען א וויכטיגע, הויכגעשטעלטע מיליטערישע פערזענליכקייט; אראָפּגעהענדיג האָט ער גערעדט פראַנצויז אין דער געשפּרעך איז דאָס געוועזען וועגען א לאָטאַרעע צו גונסטען פונ'ם וויזענהויז, ער האָט איינגעשטימט, אז דאָס איז זעהר א גוטע וואהלטהעטיגע אונטערנעהמונג און איבערהויפּט איז עס גוט פאר די דאַמען: „עס איז זיי פרעהליך, און געלד מאַכט מען דערוויל".

— אה, נעכלודאָוו, גוטען אבענד — האָט זיך די וויכטיגע פערזענליכקייט אָבגערופען, דערזעהענדיג נעכלודאָוו'ן ארויפקומען אויף די טרעפּ.

— דאַנקע, — האָט געענטפערט נעכלודאָוו.

— נון, געפינט איהר דאָ אלע אייערע דאַמען. די קאָרטשא־גינס זיינען אויך דאָ, — האָט ער צוגעוואונקען נעכלודאָוו'ן, אונ־טערשטעלענדיג זיינע ברייטע פּלייצעס אונטער דעם פונאַנדער־געעפענטען מאַנטעל, וועלכען דער שווייצאר האָט שוין געהאַלטען פאר איהם אָנגעגרייט.

— צוםווידערזעהען, נעכלודאָוו, — האָט די גרויסע פּער־זענליכקייט א זאָג געטאָן, האָט געדריקט די האנד פון מאסלע־ניקאָוו, און איז ארויס צו זיין קארעטע.

איצט איז מאסלעניקאָוו צוגעלאָפען צו נעכלודאָוו׳ן. — ווי בין איך צופרידען, ווי בין איך צופרידען, וואָס דו ביזט געקומען. נו, קום לאָמיר ארויף צו די געסט, — האָט ער געזאָגט נעהמענדיג נעכלודאָוו׳ן אונטער׳ן ארם עטוואָס אין א געהויבענער שטימונג.

מאסלעניקאָוו׳ס אויפגערעגטהייט איז געווען אן אויפרעגונג פון פריידע און די פריידע זיינע איז געקומען דאפון וואָס די מי־ליטערישע הויכע פּערזענליכקייט איז צו איהם געווען אזוי פריינד־ליך. אזא אויפמערקזאמקייט פון א וויכטיגער פּערזענליכקייט צו איהם פלעגט אריינברייגגען מאסלעניקאָוו׳ן אין אזא בעגייסטערונג, וועלכע עס פיהלט א שטילער הינטעל, ווען זיין ווירטה גיט איהם א פריינדליכען גלעט איבער׳ן קאָפּ. דער הינטעל דרעהט דאן מיט׳ן עק, ציהט זיך צונויף, בויגט אויס דעם רוקען, דריקט צו די אויערען און דרעהט זיך אין א קרייז.

מאסלעניקאָוו איז אויך געווען פערטיג צו טאָהן דאָס זעלביגע. ער האָט ניט בעמערקט דעם ערנסטען אויסדרוק פון נעכלודאָוו׳ס געזיכט, ער האָט ניט געהערט זיינע ווערטער און האָט איהם גע־שלעפּט משוגענערוויים גלייך אין צימער פון די געסט. נעכלודאָוו האָט זיך ניט געקענט אויסרייסען פון אזא שלעפּען און האָט גע־מוזט גיין נאָך איהם.

— וועסט דערנאָך ריידען מיט מיר פון דיינע געשעפטען, בעפעהל און איך וועל דיר טאָהר אלץ וואָס דו ווילסט, — האָט מאסלעניקאָוו סאָפּענדיג גע׳טענה׳ט צו איהם, געהענדיג מיט איהם איבער׳ן זאאל. — מעלדעט דער גענעראלשע, אז פירסט נעכלודאָוו איז געקומען, — האָט ער דערווייל א געשריי געטאָהן דעם לאקיי.

דער לאקיי האָט זיך א וואָרף געטהאָן פאראויס און מאסלע־ניקאָוו האָט ניט אויפגעהערט אויסצודריקען זיין פריידען צו נעכלודאָוו׳ן.

— ביזט דאך ביי אונז אן אויסער־אָרדענטליכער, ווייל א זעלטענער גאסט. דו מוזט זיך זעהען מיט מיין פרוי. אז ניט וועל איך האָבען א גאַב; איך האָב שוין געהאט גענוג יענעם מאָהל, ווען דו ביזט דאָ געווען און דו ביזט צו איהר ניט אריין.

דער לאקיי האָט אונטערדעסען שוין בעוויעזען צו מעלדען, און ווען זיי זיינען אריין האָט די וויצע־גובערנאטאָרשע אננא איג־נאטיעוונא, אָדער די ג ע נ ע ר א ל ש ע, ווי זי האָט ליעב גע־האט מען זאָל זי רופען, שוין מיט א לייכטען שמייכעל אָנ־געבויגען זיך צו נעכלודאָוו׳ן איבער די קעפּ און היטעלעך פון די דאמען וואָס זיינען געווען ארום איהר ביים דיוואן.

אין דעם צווייטען ווינקעל פון גאסט־צימער זיינען געזעסען דאמען און ארום זיי הערען ביי א טיש און האָבען געטרונקען טהעע. דאָרט זיינען געווען מיליטער און ציוויל בעאמטע, און עס האָט זיך געהערט א טומעל פון שטימען פון דאמען און הערען.

— וואָס ווילט איהר עפּעס פון אונז גאָר נישט וויסען? מיט וואָס האָבען מיר אייך אזוי בעליידיגט?

מיט אזעלכע ווערטער, שמייכלענדיג ליעבליך, האָט זיך די גענעראלשע געווענדעט צו נעכלודאָוו׳ן, מען זאָל מיינען, אז זיי זיינען אינטימע גוטע־פריינד, אָבוואָהל זיי זיינען דאָס גאָר קיין מאָהל ניט געווען. דערנאָך האָבען זיך אָנגעהויבען די צערע־מאָניעלע פאַרשטעלונגען.

— זיינען זיי בעקאנט? ניין? מאדאם בעליאַווסקאיא, מי־כאאיל איוואנאָוויטש טשערנאָוו, — זעצט זיך, דאָ נעהנטער צו מיר. אָט אזוי, ביטע.

— מיססי, ווילט איהר ניט נעהמען דאָ פּלאַץ לעבען אונז? און איהר אויך... — האָט די גענעראלשע זיך געווענדעט צו מיססי קארטשאַגין און צו דעם אָפיצער, וועלכער האָט מיט איהר גערעדט, — אהער צו אונז. ווילט איהר טהעע, פירסט?

— דאָס וועל איך קיינמאָל ניט צוגעבען, — האָט זיך געהערט א דאמען־שטימע פון אן אנדער צימער — עס קען ניט זיין. זי האָט איינפאך ניט געליעבט, דאָס איז קלאָהר פאר מיר.

— זי האָט געליעבט פוטער־קוכען.

— אך, אימער אייערע דומע וויצען, — האָט זיך לאַכענדיג אריינגעמישט אן אנדער דאמע, אין א הויכער היטעל מיט פיעל פעדערן, מיט זיידען־באנד, — דיעזע דאמע האָט געגלענצט מיט איהרע זיידענס, גאָלד און קאָסטבארע ציערונג.

— פראכטפאָל, דיעזע בייגעלעך; זיי שמעקען אויסגעצייכענט. דערלאנגען זיי מיר נאָך איינינע.

— ווי, פאָהרט איהר טאקע באלד?

— נון, היינט איז דאָך דער לעצטער טאָג. דערפאר זיינען מיר געקומען פערברייננגען.

— אזא פראכטפאָלער פריהלינג, אזוי גוט איז איצט אין דאָרף.

אזוי איז געגאנגען א ריידעריי צווישען די אנוועזענדע, וועלכע האָבען געהאט פערשיעדענע געשפרעכען.

מיססי האָט אויסגעזעהן זעהר שעהן אין איהר דונקעל־שטרייפיגע קלייד און מיט דער היטעלע אויפ׳ן קאָפּ, בעזאָנדערס איז געוועזען שעהן ארומגענומען איהר טאליע, אָהן קנייטשלעך, אָהן בויגעלעך, אזוי ווי זי וואָלט געווען געבאָרען אזוי אין דיזען יאקעל.

איהר געזיכט האָט זיך בעגאָסען מיט א רויטקייט, ווען זי האָט דערזעהען נעכלודאָוו׳ן.

— און איך האָב דאָך געדיינקט, אז איהר זייט אוועקגעפאָהרען — האָט זי איהם געזאָגט.

— איך בין ווירקליך שיעור ניט אָפּגעפאָהרען, — האָט איהר געענטפערט נעכלודאָוו איינפאך — אָבער עס האָבען זיך געמאכט פערשיעדענע הינדערניסע. איך דאָרף זיך נאָך וועגען פערשיעדענע אנגעלעגענהייטען איספראווען. איך בין אהער אויך געקומען צוליעב עטוואָס.

— קומט דאָך אמאָל אריין צו מאמא. זי וויל אייך זעהר זעהען — האָט זי איהם געזאָגט, פיהלענדיג אז זי זאָגט ליגען און אז ער פערשטעהט עס און זי איז נאָך רויטער געוואָרען.

— איך ווייס ווירקליך ניט, אויב מיר וועט בלייבען דערויף

ציים, — האָט טרויעריג געענטפערט נעכלודאָוו, — און האָט געמאַכט אַזאַ געזיכט, אַזוי ווי ער וואָלט ניט געמערקט ווי זי איז רויט געוואָרען.

מיססי האָט זיך בייזלעך אָנגעבלאָזען האָט א קוועטש געטאָהן מיט איהרע שעהנע פלייצקעס און האָט זיך א קעהר געטאָהן צו דעם עלעגאַנטען אָפיציער, מיט וועלכען זי האָט פריהער געהאַל־טען אין ריידען. דער אָפיציער האָט אונטערגעכאַפּט פון איהר האַנד די ליידיגע טאַץ און איז מיט איהר דורכגעגאַנגען איבער'ן צימער, קלאַפּענדיג מיט זיין שווערד פערביי די פּאַטעלען און העלדיש אַוועקגעשטעלט די טאַץ אויף דעם טיש.

— וועט איהר דען גאָרנישט שיינקען פיר דעם וויזען־הויז?

— אַה, איך ענטזאָג זיך ניט, אָבער איך וויל מיין גאַנצע ברייטע נדבה אָבגעבען אין דער צייט פון דער לאָטאָרעיע. דאָרט וועל איך וויזען מיין אָפענע האַנד.

— נו, זעהט זשע, איהר זאָלט האַלטען וואָרט, — האָט זיך געהערט דערויף אַן ענטפער מיט אַ געמאַכטען געלעכטער.

— מיקא האָט מיר געזאָגט, אַז איהר זייט פערנומען אין די טורמעס. איך פערשטעה אייך זעהר גוט, — האָט אַננאַ איגנאַטיעוונאַ זיך געווענדעט צו נעכלודאָוו'ן. — מיקא (דאָס איז געווען דער פערצויגענער נאָמען פון דעם דיקען, גרוי־סען מאַסלעניקאָוו) ווייסט איהר, קען זיין, האָט אין זיך אַנ־דערע פעהלערען, אָבער איהר ווייסט אַליין, אַז ער איז אַ גוטער, ווייכער מענש פון דער נאַטור. אַלע די אונגליקליכע ארעס־טאַנטען זיינען דאָך אַזוי ווי זיינע קינדער. ער קען זיי אַנדערש ניט בעטראַכטען, ווי אָרימע קינדער. ער איז די גוטסקייט אַליין...

זי איז געבליבען אין מיטען, ניט געפינענדיג קיין ווערטער מעהר, מיט וואָס אויסצודריקען די גוטסקייט פון איהר מיקאַ, אויף דעם בעפעהל פון וועלכען מען האָט אַרעסטאַנטען געשמיסען אין אַסטראָג.

זי האָט געענדיגט מיט אַ ליעבען שמייכעל און האָט אַרוים־געפלוידערט נאָך עטליכע פראַזען, וועלכע האָבען סתם קיין בע־

דייטונג ניט געהאט און זי האט זיך א קעהר געטאָהן צו אן אַל־טינקער פרוי, אויף אַ גאסט, אום פריי צו ווערען פון א פער־לעגענהייט.

ווען נעכלודאָוו האט בעדיינקט, אז ער איז שוין געווען גע־נוג לאנג אום צו יוצא זיין פאר גאסט־פריינדשאפט און אז זיין אוועקגעהן יעצט וועט מעהר ניט זיין קיין פערברעכען געגען דער אַנגענומענער העפליכקייט, האט ער זיך געווענדעט צו מאס־לעניקאָוו.

— נו, ביזטו פערטיג מיך יעצט אויסצוהערען? עס איז צייט פאר מיר צו געהן.

— אַה, יאַ, אַה, יאַ. זיכער, נו, קום לאָמיר אריין אהער אין צימער.

זיי זיינען אריין אין א קליינעם יאפאַנעזישען קאבינעט׳ל און האבען זיך בעקוועם געזעצט לעבען פענסטער, איינער געגען דעם צווייטען.

56.

— נון. ווילסטו רויכערן? נור ווארט, מיר זאָלען דאָ ניט שמוציג מאכען, — האט מאסלעניקאָוו געזאָגט, צורוקענדיג די אש־קעסטעל, —נון.

— איך האָב וועגען צוויי זאכען דיך צו בעטען.

— אזוי, אזוי.

מאסלעניקאָוו׳ס געזיכט האט זיך פערצויגען מיט א טיעפען ערנסט. עס איז שוין איצט פערשוואונדען פון זיין געזיכט יע־דער צייכען פון יענעם אויפגערעגטען גליקליכען הינטעל, וועלכען דער ווירטה האט א גלעט געטאָהן איבער׳ן קעפּיל.

פון גאסט־צימער האבען זיך געהערט פערשיעדענע שטימען, פון דאמען און פון הערען, שפּרעכענדיג איבער פערשיעדענע נא־רישקייטען און בעגלייטענדיג מיט א הילכיגען געלעכטער דיזען געשפּרעך. מאסלעניקאָוו האט זיך איצט צוגעהערט צו דעם וואס

איז געשפּראָכען געוואָרען פון די געסט, האָט אין דער זעלבער צייט געהערט אויך נעכלודאָוו׳ן.

— איך וויל דאָך דיך ווייטער בעטען וועגען יענער פּרויען־צימער — האָט אָנגעהויבען ווידער נעכלודאָוו.

— יא, די אומזיסט פעראורטהיילטע, איך וויים, איך וויים.

— איך האָב געוואָלט בעטען מען זאָל זי איבערפיהרען אין האספיטאל אלס בעדינעריו דאָרט ארום די קראנקע. מען האָט מיר געזאָגט, אז מען קען דאס טאָהן.

מאסלעניקאָוו האָט צונויפגעפּרעסט די ליפּען און האָט זיך פערטראכט.

— איך גלויב ניט, אז דאָס זאָל אזוי מעגליך זיין, — האָט ער געזאָגט. — איבעריגנס, איך וועל זיך בעראטהען און וועל דיר מאָרגען ענטפערען וועגען דעם דורך א טעלעגראמע.

— מען האָט מיר גראדע געזאָגט, אז אין האספיטאל זיינען דאָרט איצט זעהר פיעל קראנקע און אז עס פעהלען דאָרט צוהעל־פערקעס.

— יא, יא, מעגליך. יעדענפאלס וועל איך דיר וועגען דעם לאָזען וויסען.

— איך בעט דיך — האָט נעכלודאָוו איהם נאָך א מאָל גע־זאָגט מיט אזא ערנסטען טאָן, אז עס איז קענטיג געווען אז דאס איז פאר איהם זעהר וויכטיג.

פון גאסט־צימער האָט זיך איצט דערהערט אן אלגעמיינער, זאָגאר נאטירליכער געלעכטער.

— דאס איז וויקטאָר, — האָט מאסלעניקאָוו בעמערקט שמייכלענדיג, — ער איז מערקווירדיג שארפזיניג, בעזאָנדערס ווען ער איז אויפגעלייגט.

— און איך האָב צו דיר נאָך עפּעס, — האָט נעכלודאָוו פּאָרטגעזעצט דאס זייניגע: — עס זיטצען איצט אין אסטראָג 130 מאן נור דערפאר, ווייל זייערע פּעסער זיינען אפּגעלאָפען און זיי האָבען פערשפּעטיגט צו וועכסלען זיי און מען האלט זיי שוין איבער א מאָנאט.

און נעכלודאָוו האָט איהם דערציילט די אורזאכע ווארום מען האָלט זיי.

— ווי אזוי זשע ווייסטו דערפון? — האָט אַ פרעג געטאָהן מאסלעניקאָוו און אויף זיין געזיכט איז געוועז גלייך צו לעזען די אונרוהיגקייט און שטארקע אונצופריעדענהייט.

— איך בין געגאנגען זעהן זיך מיט אן ארעסטאנט און אין קאָררידאָר האָבען מיך ארומגערינגעלט די אומזיסט־פערשפארטע און האָבען מיך געבעטען.

— צו וועלכען ארעסטאנט ביזט דו געגאנגען.

— א בויער, וועלכער איז אונשולדיג אנגעקלאָגט און פער־אורטהיילט געוואָרען פאר אונטערצינדען. איך האָב זיין פראָצעס איבערגעגעבען אן אדוואָקאט דורכצוזעהן וואָס מען קען טאָהן פאר איהם. אבער דאָס איז א בעזונדער זאך. איך פערשטעה אָבער ניט, ווי איז דאָס מעגליך, אז מען זאל האלטען דיזע 130 מאַן איבער א מאָנאט פערשפארט אין אסטראָג בלויז דערפאר וואָס איז אָפגע־לאָפען די צייט פון זייערע פעסער און זיי האָבען זיך פערגעסען צו בייטען זיי אויף אנדערע?

— אָ, דאס בעלאנגט צום פּראָקוראָר, — האָט מיט פערדרוס א כאפ געטאָן זיך מאסלעניקאָוו. — אָט זעהסטו דאך, דו זאגסט, דער היינטיגער געריכט פון געשוואָרענע איז א שנעלער און גע־רעכטער. די אויפגאבע פון פּראָקוראָר איז צו בעזוכען דעם אסטראָג אָפט און אויסגעפינען, געזעצליך אדער אונגעזעצליך גע־פינען זיך דאָרט די פערשיעדענע ארעסטאנטען. און וואָס טוט דער פּראָקוראָר מיט זיינע אסיסטענטען? שפּיעלען אין קארטען.

— קענסטו גאָר נישט טאָהן פאר דעם? — האָט פער־דריסליך געזאָגט נעכלודאָוו. ער האָט זיך דערמאָנט אָן פּאָנאָ־רינס רייד, אז דער וויצע־גובערנאטאר וועט זאגען, אז דער פּראָ־קוראָר איז שולדיג און דער פּראָקוראָר וועט זאגען אז דער וויצע־גובערנאטאָר איז שולדיג.

— אה, ניין, איך וועל טאָהן דאָס מעגליכע. איך וועל גלייך אויסגעפינען.

— דאס איז דאך פאר איהר ערגער! — האָט זיך איצט גע־הערט פון גאסטצימער א דאמען־שטימע, פון וועלכער מען האָט געקענט דערקענען, אז איהר איז גאנץ עגאל וואס זי זאל ניט זאגען.

— איך וועל דאס אויך נעהמען, — האָט זיך געהערט א שפּאַ־סענדער טאָן פון א קאוואליער, וועלכער האָט זיך וואהרשיינליך גערייצט מיט א דאמע און אלס אנטוואָרט האָט די גערייצטע דא־מען־שטימע געענטפערט:

— ניין, ניין, פאר קיין פאל אין דער וועלט, איהר בעקומט ניט.

מאסלעניקאָוו איז געווארען, ווי עס האָט געשיינט, אונגע־דולדיג.

— איז אָט איך וועל טאָהן וואָס נאָר מעגליך, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל זיך ערקונדיגען און דאַן טאָהן פאר דיר אלעס. און איצט לאָמיר געהן צו די דאמען.

— יא, איך האב דיך וועגען נאָך עטוואס צו פרעגען, — האָט נעכלודאָוו איהם אפּגעהאלטען, ווען מאסלעניקאָוו איז שוין געווען לעבען טיהר, — מען האָט מיר געזאָגט, אז געסטערן האָט מען אין אסטראָג געשמיסען ארעסטאנטען. איז דאס וואהר?

מאסלעניקאָוו איז געווארען רויט.

— אך, וועגען דעם ווילסטו גאר איצט ריידען? ניין, מיין טהייערסטער, דיך טאָר מען ניט לאָזען ווייטער אהין. וועגען אלעס ווילסטו וויסען, צופיעל.

— קום, קום, לאָמיר געהן. אנעטא רופט אונז, — האָט ער געזאָגט, שלעפענדיג נעכלודאָוו'ן אונטער'ן ארם און זייענדיג אבער אליין שטארק אויפגערעגט און אונצופריעדען.

נעכלודאָוו האָט ארויסגעריסען זיין האנד מיט פערדרוס און ביטערנעס און ניט נעהמענדיג קיין אבשיעד פון קיינעם איז ער ארויסגעלאָפען אין דרויסען.

— וואס איז מיט נעכלודאָוו'ן? וואס האָסטו איהם געטוהן?

— האָט א פרעג געטוהן אנעטא איהר מאַן.

— אך, ער איז אלע מאָל געווען אזא, קענסט דאָך איהם.

אונטערדעסען איז יעמאנד געקומען פון די וויכטיגע איינ־געלאדענע און עס איז ווייטער אוועקגעגאנגען א געשפּרעך, ווי־צען, לאכעריי.

די געזעלשאפט האָט זיך בענוצט מיט דעם עפּיזאָד מיט נעכ־לודאָוו'ן און עס איז אוועק א געשפּרעך אויף דיעזער טהעמא.

אויף דעם צווייטען טאָג, נאכ'ן באל ביי מאסלעניקאָוו, האָט נעכלודאָוו ערהאלטען אן אנטווארט פון מאסלעניקאָוו אויף גלאנץ־פּאפּיער.

דאס פּאפּיער האָט געטראגען אויף זיך א הערבאָווען שטעמ־פּעל און איז געשריעבען געוואָרען אין א שעהנע שטארקע און לעבעדיגע האנדשריפט. אין דיעזען אנטווארט האָט מאסלעניקאָוו געלאָזען וויסען נעכלודאָוו'ן, אז ער האָט פּעראָרדערט, מען זאל מאסלאָווא איבערפיהרען אין באָלניצע, און אז וואהרשיינליך וועט אזוי געטאָהן ווערען.

דער בריעף איז געווען אונטערצייכענט „דיין דיך ליעבענדער עלטערער קאמעראד" און די אונטערשריפט „מאסלעניקאָוו" איז געווען פערצויגען מיט א קונציגען דריידעל און א דיקען שטריך.

57.

איינער פון די געוויינליכע און זעהר פערברייטעטע אבער־גלויבען ביי מענשען איז — דאס, וואס מען מיינט, אז יעדער מענש האָט זיינע אייגענע, בעזונדערע, גענוי בעשטימטע איי־גענשאפטען, אז עס זיינען דאָ מענשען גוטע און שלעכטע, קלוגע, נארישע, ענערגישע, אפּאטישע, א. ז. וו.

מענשען זיינען ניט אזוי. מיר קענען נור זאגען וועגען איין מענשען, אז ער איז אפטער גוט אלס בייז, אָפטער קלוג אלס נאריש, אָפטער ענערגיש אלס פויל, און וועגען אן אנדערען פערקעהרט, אז ער איז אפטער בייז אלס גוט, אפטער נאריש אלס קלוג א. ז. וו. אבער עס וועט זיין זעהר פאלש, ווען מיר וועלען זאגען: דער איז קלוג און דער איז דום, און ליידער טהיילען מיר אזוי איין די מענ־שען. דאס איז פאלש.

מענשען זיינען אזוי ווי טייכען: די וואסער איז אין אלע די־זעלביגע, נישט מעהר עס זיינען דא פערשיעדענע טייכען. פאראן טייכען שמאלע, פאראן טייכען ברייטע, פאראן טייכען שטרא־מיגע, פאראן טייכען שטילע, אנדערע זיינען ריינע, אנדערע מוטנע, אין אנדערע איז קאלט די וואסער, אין אנדערע ווארעם. אזוי זיי־נען אויך די מענשען. יעדער מענש טראגט אין זיך די זוימען פון אלע מענשליכע אייגענשאפטען; אמאל טרעטען דיעזע אייגענשאפטען מעהר ארוים, און אמאל אנדערע, און עס טרעפט אויך אמאל, אז א מענש איז גאר ניט עהנליך צו זיך אליין, אבוואהל ער בלייבט אין דערזעלבער צייט דאך דער זעלביגער ער.

אין מאנכע מענשען זיינען דיעזע ענדערונגען זעהר שארף, זעהר בולט. צו אזעלכע מענשען האט אויך בעלאנגט נעכלודאוו. דיזע ענדערונגען זיינען אין איהם פארגעקומען אוים פיזישע ווי אויך אוים גייסטיגע אורזאכען. אזא ענדערונג האט מיט איהם איצט פאסירט. דער געפיהל פון פריידע און פייערליכקייט איבער זיין אייגענער בענייאונג, איבער זיין אייגענעם נייגעבוירען ווערען, וועלכע ער האט געפיהלט נאך דעם אורטהייל און נאך דעם ער־שטען מאהל זעהען זיך מיט קאטיושא, איז שוין אריבער און האט־זיך פערביטען נאך דעם לעצטען מאל זעהן זיך מיט איהר מיט א גאנץ אנדער געפיהל, מיט א געפיהל פון פחד, זאגאר פון עקעל צו איהר. ער האט אבער בעשלאסען ניט צו פערלאזען איהר, ניט צו ענדערען זיין בעשלום זאגאר צו הייראטהען מיט איהר, אויב נור זי וועט דאצו איינוויליגען. אבער דאס איז פאר איהם געווען שווער און עס האט איהם געפלאגט.

אויף דעם צווייטען טאג נאך זיין בעזוך ביי מאסלעניקאוו'ן, איז ער ווידער געפאהרען אין אסטראג, צו זעהען זיך מיט איהר. דער סמאטריטעל האט איהם ערלויבט צו זעהען זיך מיט איהר, אבער שוין ניט אין קאנטאר פון אסטראג, אויך ניט אין צימער, וואו די אדוואקאטען זעהען זיך מיט די ארעסטאנטען, זאנדערן אין דעם אלגעמיינעם בעזוך־צימער פון דער פרויען־אבטהיילונג.

דאביי האט נעכלודאוו אויך בעמערקט, אז דער סמאטריטעל

בענעהמט זיך צו איהם אויף עפּעס אזוי טרוקען און קאַלט, ניט אזוי ווי דעם ערשטען מאָהל, ווען נעכלודאָוו איז דאָ געווען צום בעזוך.

ניט קוקענדיג אויף זיין גוטהערציגקייט, איז דער סמאָטריטעל געווען זעהר איינגעהאַלטען אין ריידען מיט נעכלודאָוו'ן. הפּנים, אז נעכלודאָוו'ס ריידען צו מאַסלעניקאָוו'ן איבער זאַכען וואָס טהוען זיך אין אַסטראָג איז דאָס געווען די אורזאַכע, וואָס דער סמאָטריטעל האָט געזוכט צו זיין שטריינגער און פאָרזיכטיגער מיט דיעזען בעזוכער.

— זעהען זיך מעג מען, — האָט ער געזאָגט, — אָבער איך בעט אייך קיין געלד ניט צו געבען איהר אויפ'ן האַנד, אזוי ווי איך האָב שוין געזאָגט. וואָס עס אנבעלאַנגט וועגען איבערפיהרען זי אין באָלניצע, אזוי ווי זיין עקסעלענץ האָט געשריעבען, זאָ קען מען דאָס אויספיהרען, אַ פּלאַץ איז דאָ, און דער ארצט איז אויך צופריעדען. אָבער זי אַליין וויל ניט. זי זאָגט: „עס איז מיר זעהר נויטיג צו טראָגען די טעפּלעך פון אַלע פּאַרשיוועצעס...“

— אַזעלכע לייטע ויינען זיי, — האָט דער סמאָטריטעל איהם געזאָגט.

נעכלודאָוו האָט גאָרנישט געענטפערט און האָט געבעטען מען זאָל איהם צולאָזען זעהען זיך מיט איהר. דער סמאָטריטעל האָט געשיקט דעם נאַדזיראַטעל און נעכלודאָוו איז אריינגעפיהרט געוואָרען אין דעם פּוסטען צימער, וועלכער איז פּאַר בעזוכען ארעסטאַנטען.

מאַסלאָווא איז שוין דאָרט געווען און געוואַרט, ארויסגעהענדיג פון הינטער די גראַטעס שטיל, עטוואָס ווי פערשעמט. זי איז אונטערגעקומען צו נעכלודאָוו'ן און ניט קוקענדיג אויף איהם, האָט זי געזאָגט גאַנץ שטיל:

— פערצייהט מיר, דמיטרי פּעטראָוויטש, איך האָב אנגערעדט פיעל שלעכטע זאַכען, נאַרישקייט יענעם טאָג.

— ניט איך דאַרף א י י ך פערצייהען... — האָט אנגעהויבען נעכלודאָוו.

— אָבער פון דעסטוועגען, בעט איך אייך, איהר לאָזט מיך

צופריעדען, — האָט זי איהם איבערגעשלאָגען און דערדערט וואס זי האָט אנגעפאנגען. אין איהר בליק האָט נעכלודאָוו איצט קלאָהר געזעהען אנשטריינגונג אין א בייזען אויסדרוק.

— פארוואס זאל איך אייך אָפּלאָזען ?

— דערפאר.

— פאר וואס דערפאר ?

זי האָט אויף איהם ווידער א קוק געטאָהן מיט דעמזעלבען, ווי איהם האָט זיך געדאכט, בייזען בליק.

— איך וועל אייך אָט וואָס זאָגען, — האָט זי געענטפערט, — איהר לאָזט מיך בעסער אָפּ, הערט וואס איך זאג אייך, איך זאָג דעם אמת. איך קען ניט. איהר בעסער לאָזט עס אָפּ אין גאנצען. זאָל זיין גענוג,—האָט זי גערעדט שטריינג, איהרע ליפּען האָבען געציטערט. — איך זאָג אייך, זאל זיין. איך וועל זיך בעסער הייגגען. אז ניט. — זי איז ענטשוויגען געוואָרען.

נעכלודאוו האָט געפיהלט, אז אין דיעזער ענטזאגונג איז געלעגען איהר האס צו איהם, אונפערצייהטע באליידיגונג, אבער אין דער זעלבער צייט איז דעריין געלעגען נאָך עטוואָס — עטוואָס גוטעס און וויכטיגעס.

— קאטיושא, ווי איך האָב געזאגט, אזוי זאָג איך איצט אויך — האָט ער איצט געזאגט צו איהר, בעזאנדערס ערנסט. — איך בעט דיך הייראטה מיט מיר. אויב דו ווילסט ניט, און אזוי לאנג ווי דו ווילסט ניט וועל איך פון דעסטוועגען עבען אזוי ווי פריהער, זיין דארט וואו דו וועסט זיין, און וועל מיטפאהרען מיט דיר וואוהין מען וועט דיך פיהרען.

— דאס איז אייער זאך, איך וועל וועגען דעם מעהר ניט רייידען, — האָט זי געזאָגט, און איהרע ליפּען האָבען ווידער געציטערט.

ער האָט אויך געשוויגען. ער האָט געפיהלט אז עס פעהלט איהם קראפט צום ריידען.

— איך פאָהר איצט אין דאָרף, און פון דאָרט פאָהר איך קיין פעטערבורג, — האָט ער איהר אנגעהויבען דערצעהלען, —

איך וועל זעהן סטארען זיך וועגן אייער, וועגען אונזער פּראָצעס, און, גאָט וועט העלפען, מען וועט נאָך ענדערן דעם אורטהייל.

— וועט מען ניט ענדערן איז אויך אלץ איינס. אויב ניט דערפאַר, בין איך דאָס ווערט פאַר אן אנדער זאַך. פערדיענט האָב איך דאָס דאָך כשר... — האָט זי א זאָג געטאָהן, און ער האָט געזעהן, וויפיעל אנשטריינגונג עס קאָסט איהר דאָס ארוים־צוריידען און איינצוהאלטען איהרע טרעהרען.

— נו וואָס, האָט איהר געזעהען מענשאָוו'ן? — האָט זי פּלוצלונג א פרעג געטאָהן אום צו בעהאלטען איהר פערלעגענהייט, — איז דאָס אמת טאַקי, ווי מען זאָגט, אז זיי זיינען אונשולדיג פעראורטהיילט געוואָרען?

— יא, עס שיינט מיר אזוי.

— זי איז א זעלטענע אלטינקע, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט איהר דערצעהלט אלעס וואס ער האָט געהערט פון מענשאָוו'ען און האָט זי דערנאָך א פרעג געטאָהן, צו דאַרף זי ניט עטוואָס. זי האָט געענטפערט, אז איהר איז קיין זאַך ניט נויטיג, זי דאַרף גאָרנישט.

זיי האָבען ווייטער געשוויגען.

— נו, און וועגען דער באַלניצע, — האָט זי זיך פּלוצלונג א כאַפּ געטאָהן, — איז ווי איהר ווילט. אויב איהר ווילט זעהר, וועל איך געהן. קיין שנאַפּס וועל איך מעהר אויך ניט טרינקען...

נעכלודאָוו האָט שווייגענדיג געקוקט איהר אין די אויגען. איהרע אויגען האָבען איצט עטוואָס געשמייכעלט.

— דאָס איז זעהר גוט, — מעהר האָט נעכלודאָוו ניט גע־פונען קיין ווערטער צו זאָגען איהר און האָט זיך מיט איהר אָפּ־געזעגענט.

— יא, יא, זי איז שוין אן אנדער מענש: — האָט זיך גע־טראַכט נעכלודאָוו, פערזוכענדיג נאָך פריהעריגען צווייפעל א גאַנץ נייעס, פריהער ניט איבערלעבטען געפיהל. דאָס איז געוועזן די זי־כערהייט, אז די ליעבע איז שווער צו בעזיעגען.

מאסלאָווא האָט זיך אומגעקעהרט אין איהר עיפּוש'דיגער צע־לע, האָט אראָפּגענומען פון זיך דעם ארעסטאַנטסקען כאַלאַט און זיך אוועקגעזעצט אויף איהר פּלאַץ אויף די נאַרעס, אראָפּלאָזענדיג די הענד אויף די קניע. וולאַדימירסקאיא מיט'ן קינד אויף די הענד און די סטאָראָזשיכע, מיט א זאָק, צירעוועדיג, זיינען צוגעגאַנגען צו איהר.

— נו, וואס, געזעהן זיך? — האָבען זיי א פרעג געטאָהן.

מאסלאָווא האָט נור געוויגט איהרע פיס פערטראַכט און האָט גאר ניט געענטפערט.

— נו, וואס האָסטו שוין אראָפּגעלאָזען די נאָז? — האָט די סטאָראָזשיכע זי געטרויסט, — די ערגסטע זאַך איז ווען מען פאַלט ביי זיך אראָפּ. דעם מוטה דארף מען ניט פערליערען, דאס איז די ערשטע זאַך. עך, קאטיושא, נו! — האָט זי געזאָגט שנעל דרייענדיג מיט די פינגער, צירעוועדיג די זאָק.

מאסלאָווא האָט ניט געענטפערט.

און אונזערע זיינען אוועק אלע וואשען. מען זאָגט אז היינט וועט מען ברייננען א סך נדבות. מען האָט אנגעטראָגען אזוי פיעל זאכען, זאָגט מען. — פינאשקא! — האָט זי א רוף געטהאָן דעם אינגעלע, וואָס איז ארויסגעלאָפען אין קאָרידאָר, — וואָהין ביזטו ארויסגעשפרונגען?

זי איז ארויס נאָך איהם אין קאָרידאָר. אין דיעזער צייט האָט זיך דערהערט דער רויש פון פיעלע פיס און ווייבערישע געשפּרעכען אין קאָררידאָר, די ארעסטאַנטקעס זיינען דאס אנגעקומען, יעדע־רע האָט געטראָגען א קיילעטש, מאנכע אויך צוויי. פעדאָסיא איז גלייך אונטערגעגאנגען צו מאסלאָווא.

— וואס איז? עפּעס וואס געטראָפען, — האָט א פרעג געטאָהן פעדאָסיא מיט איהרע קלאָהרע, בלויע אויגען, קוקענדיג ליעבליך אויף מאסלאָווא, — און אט וועט זיין אייך צו טהעע, — און זי האָט גענומען אוועקלייגען די קיילעטשען אויפ'ן פּאָליצקע.

— וואס? ער האָט שוין הפנים חרטה, וויל ניט מיט דיר חתונה האָבען? — האָט א פרעג געטאָהן איצט קאָראבלעווא.

— ניין, ער האָט קיין חרטה ניט, אבער דאס וויל א י ך ניט, — האָט איהר געענטפערט טרוקען מאסלאָווא.

— נו, ביסט א נאר! — האָט געענטפערט מיט איהר גראָבע שטימע קאָראבלעווא.

— וואס פאר א זינען האָט חתונה האָבען, אז מען קען ניט לעבען צוזאמען? — האָט גוטהארציג ארייגעזאגט פעדאָסיא.

— נו, אָט געהט דאָך דיין מאן מיט דיר צוזאמען, — האָט די סטאָראָזשיכע בעמערקט.

— מיר זיינען פערהייראט געזעצליך, און ער, צו וואס זאָל ער זיך פערבינדען, אויב ניט לעבען צוזאמען? וואס, ניין?

— ביסט א נאר! זאָל ער נור מיט איהר חתונה האָבען, ער וועט דאָך זי אפשיטען מיט גאָלד.

—ער זאגט: — וואוהין מען וועט דיך שיקען, געה איך נאָך דיר, — האָט מאסלאָווא זיי געענטפערט, — נו, וועט ער פאָהרען — זאָל ער פאהרען, וועט ער ניט פאהרען דארף מען ניט. איך וועל איהם ניט בעטען.

— ער פאהרט איצט קיין פעטערבורג: סטארען זיך, — האָט מאסלאָווא זיי ווייטער דערצעהלט, — ער האָט דארטען אפילו מיניסטארען פערוואנדטע, אבער פון דעסטוועגען בין איך זיי ניט נויטיג.

— נו, נאַטירליך! — האָט מיט איין מאָל אנגעהויבען איינשטימען קאָראבלעווא, — נו, לאָמיר נעהמען א ביסעלע בראנפען, הא?

— איך וועל ניט טרינקען, — האָט געענטפערט מאסלאָווא, — טרינקט אליין.

ענדע פון ערשטען טייל.